STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07191

MAYN LEBENS-RAYZE

H. Volofski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. וואָלאָפּסקי:

מיין לעבענס-רייזע

זכרונות פון איבער אַ האַלבען יאָרהונדערט
אידיש לעבען אין דער אַלטער און נייער וועלט

אַרויסגעגעבען פון „קענעדער אדלער״
מאָנטרעאל :: :: 1946

PRINTED IN CANADA

JOURNEY OF MY LIFE

by

H. WOLOFSKY

(A Book of Memories)

THE EAGLE PUBLISHING CO. LTD.
4075 St. Lawrence Boulevard
Montreal, Canada
9A

איך ווידמע דעם דאָזיגען בוך דעם אָנדענק פון מיין ליבער גאָט־זעליגער פרוי חיי שרה, וועלכע איז נאָך א לאַנגער קראנקהייט אַוועקגענומען געוואָרען פון מיר 12 טעג אין אייר, תש״ב. זאָל איהר אָנדענק ניט פאַרגעסען ווערען פון אונזערע קינדער און קינדס־קינדער.

האָבענדיג פארענדיגט אָט די זכרונות מיינע שוין אין אַזאַ עלטער, ווען מען פיהלט, אז מען פאָרט שוין „צוריק פון יאַריד״, וויל איך מיט ליבשאפט דאָ דערמאָנען די נעמען פון מיינע קינדער און אויסדריקען דעם וואונש זיי זאָלען פאָרטזעצען די טראַדיציע פון דער משפחה און אויך טראָגען די ירושה ברות היהדות, ניט אַכטענדיג וועלכע נייע ווענגען אין לעבען זיי זאָלען זיך ניט האָבען אויסגעוועהלט.

צום ערשטען דערמאָן איך דאָ מיין עלטסטען זוהן שרגא פייוועל מיט זיין פרוי ריווע און קינדער גאָלדע, יאַנקעל און יודעל. דאַן מיין זוהן דניאל (איצט פאַקטישער אָנפיהרער פון אונזערע ביידע ציישונגען, „קענעדער אָדלער״ און „קענעדיען דזשואיש קראָניקל״) מיט זיין פרוי יהודית און קינדער אסתר און לייב. איצט מיין זוהן מאַקס, אַן אַדוואָקאַט אין ניו יאָרק, מיט זיין פרוי פרידע און צוויי קינדערלאַך לילא־שפרה און מירעל; מיינע אינגסטע צוויי זיהן משה און שלום, וועלכע האָבען מיט גאָט׳ס הילף זיך צוריקגעקערט פון אַקטיווען קאַמף מיט׳ן גרויזאַמען שונא. איך האָף, אַז זיי וועלען מיט זייערע פרויען און קינדער שוין תמיד בלייבען אויסגעהיט פון געפאַרען.

איך דערמאָן מיט ליבשאַפט מיינע טעכטער, שפרה מיט איהר מאַן דעם אַדוואָקאַט לעאָן קרעסטאָל מיט זייערע קינדער מיראַ און האַרווי, און מיין מוזינקע מרים מיט איהר מאַן, דעם קאַפּיטאַן־דאָקטאָר אב. קופערבערג, וועלכע איז אַ דאַנק השם יתברך צוריקגעקומען פון די סאַמע פראָנט רייהען פון דעם קאַמף מיט׳ן ביטערען שונא און געזעהן צום ערשטען מאָל זיין גערעאָטען זונעלע פנחס.

איך בעט צום רבונו של עולם, אז איך זאָל נאָך דערלעבען זיך צו פרייען מיט מיינע קינדער און קינדס־קינדער, צוזאַמען מיט׳ן כלל ישראל, ווען עס וועט קומען דער פולער נצחון איבער די שונאי ישראל במהרה בימינו אמן.

ה. וואָלאָפסקי.

פאָרוואָרט

מיינע פריינט און געוויסע מיטגלידער פון דער היגער שרייבער־משפּחה האָבען מיר צוגעגעבען חשק איך זאָל אָנשרייבען מיינע זכרונות פון איבער א האלבען יאָרהונדערט. געקומען איז דאָס דערפון, וואָס אין פּריוואטע געשפּרעכען פלעג איך אמאָל דערציילען געוויסע פּאסירונגען פון דער אלטער היים און אויך פון מיין ערשטער צייט דאָ אין קאנאדע מיט איבער פערציג יאָהר צוריק. בעת אזעלכע געשפּרעכען פלעגען מיינע פריינט מיר כסדר דערמאָנען מיט דער זעלביגער טענה: פאַר וואָס שרייבט איהר ניט אויף אייערע זכרונות? מיין ענטפער פלעגט שטענדיג זיין, אז דאָס שרייבען זכרונות איז די ארבייט פאַר מעהר פּראָמינענטע מענשען פון מיר, אָבער זיי האָבען מיר אלץ פארזיכערט, אז דאָס וואָס איך האָב צו דערציילען קען האָבען א געוויסען ווערט פאר דער געשיכטע פון אונזער קאנאדער ישוב.

איך האָב גענומען טראכטען איבער דעם און האָב ארויסגערופען פון מיין זכרון אַ רייהע פּאסירונגען און טיפּען פון דער אַלטער היים און אויך פון דעם אמאָליגען אידישען לעבען אין מאָנטרעאל. איך האָב איינגעזעהן, אז עס איז באמת פאראן א סך צו דערציילען. ווי דעם גרינדער און ארויסגעבער פון דעם „קענעדער אדלער״ איז מיר אויסגעקומען צו שטעהן אין מאמע קאָך־קעסעל פון דעם אידישען לעבען דאָ אין לאנד. איך האָב דורכגעקוקט די „פיילס״ פון דער צייטונג און געפונען, אז א סך פון דעם וואָס געפינט זיך דאָרטען פארצייכענט, איז א שטיק פון מיין אייגענעם לעבען.

געוויסע זאכען אין דעם בוך ווערען איבערגעגעבען ווי א כראָניק פון פארצייכענטע פאקטען. זיי זיינען אפשר ניט טיפּיש פאר דעם מין זכרונות, אָבער זיי האָבען א היסטאָרישען באדייט. עס איז פארשטענדליך, אז ניט אלץ קען איך געדענקען מיט גענויער פּינקטליכקייט און עס קען זיין, אז עס געפינען זיך טעות'ן דאָ און דאָרט, אָבער איך האָב דאָך ניט קיין פּרעטענציע אויף געשיכטע שרייבעריי. דאָס זיינען סוף כל סוף פּערזענליכע זכרונות, און עס בלייבט פאר דעם היסטאָריקער פון אידישען לעבען אין קאנאדע צו אויסזיפּען די פאקטען און זיי סיסטעמאטיזירען.

געוויסע מענשען וועלען אפשר געפינען, אז איך האָב אויסגעלאָזען געוויסע נעמען, וועלכע האָבען געדארפט דערמאָנט ווערען אין שייכות מיט די דערצעהלטע פאקטען, אָבער זיי מוזען פארשטעהן, אז איך האָב ניט געמאַכט קיין באזונדערע נאָכפאָרשונג פון דעם אלעמען, נאָר איך דער־

צעהל בלויז פון זכרון און איך קען דעריבער איבערגעבען בלויז דאָס וואָס איך געדענק. איך האָף, אז אָט די זכרונות וועלען וועניגסטענס ליפערען מאטעריאל דעם סיסטעמאטישען געשיכטע-שרייבער און עס וועט זיין פאר איהם צו באשטימען וואָס איז וויכטיג און וואָס ניט פון דעם שטאנדפונקט פון געשיכטע.

מיר האָט צום גרעסטען טייל אינטערעסירט דער ריין מענשליכער אינטערעס פון די אלע פאסירונגען און איך האָף, אז וואָס עס ווערט דאָ דערציילט וועט זיין אינטערעסאנט אויך פאר דעם אלגעמיינעם לעזער.

דער מחבר.

ערשטער קאפיטעל

קינדער יארען

איך האב אנגעהויבען שרייבען די דאזיגע זכרונות בעת איך האב זיך געפונען אין מיאמי פלארידא. דא, אין לאנד פון שטענדיגען זומער, דערפילט מען מיט גאר באזונדערען וועהטאג דעם אייגענעם הערבסט און עס גיט מיר דעריבער א גאר באזונדערע באפרידיגונג צוריקצוגעהן מיט מיין זכרון צום פריהלינג פון מיין לעבען דארט אין דעם קליינעם שטעטעל שידלאווצע, פוילען, וואס איז ליידער איצט חרוב, ווי דאס גאנצע אידישע לעבען אין פוילען. איך וויל אבער מיט אלע מעגליכקייטען פארגעסען זיך, און אוועקגעהן מיט מיינע געדאנקען צוריק אין אמאליגען רוהיגען און פרידליכען שטעטעל מיט זיין פרום-פאטריארכאלישען לעבענס־שטייגער. איך וועל זיך באמיהען צו דערצעהלען נאר דאס, וואס וועט האבען, וואס מען רופט, אן אגגעמיינעם מענשליכען אינטערעס.

מיין מוטער ע"ה האט אפילו דערצעהלט נסים פון מיין געבורט: איך בין געקומען אויף דער וועלט, ווען מיינע עלטערען זענען שוין געווען אריבער די פופציגער, וואס מיינט, אז איך בין געווען א בן זקונים. די מעשה נורא איז געווען, אז כ'בין געבוירען געווארען טויט, אזוי, אז מ'האט מיך שוין געהאט אוועקגעלעגט אן א זייט און געווארט אויפ'ן קברות־מאן ער זאל מיך קומען פארנעמען.

דא דערצעהלט די מוטער ע"ה האט זיך איהר גע'חלום'ט, אז זי זעהט איהר פארשטארבענעם פאטער און ער זאגט איהר: שפרה'לע (דאס איז געווען מיין מוטער'ס נאמען) וואס טוט זיך מיט דיר? דאס קינד לעבט דאך און דו וועסט נאך פון איהם האבען גרויס נחת. שיק גלייך נאך א דאקטאר . . . און ווי די מוטער האט ערוואכט און האט דערצעהלט דעם חלום צו מיין פאטער, האט מען געשיקט נאכ'ן פעלדשער, וועלכער איז געקומען פריהער ווי דער קברות־מאן . . . נו, דעם רעזולטאט זעהט איהר דאך, אז אין מיין 65־טען יאהר פון לעבען בין איך נאך אומשטאנד צו באשרייבען אט דעם נס פון מיין געבורט.

די דאזיגע וואונדער־מעשה גיט, גלויב איך, א גוטע כאראקטעריסטיק פון דעם לעבען אין יענע צייטען. עלטערען, וועלכע האבען שוין געהאט געבראכט וועלכע צעהן קינדער אויף דער וועלט, האבען זיך פארגונען צו די פופציגער יאהרען צו האבען נאך א קינד, און אז די הייבאם האט דאס אפגענומען א טויטס, האט זי עס שוין אהן איבעריגע צערעמאניעס אוועקגעלעגט פאר'ן קברות־מאן, נאר דורך א חלום האט מען זיך דערמאנט צו שיקען נאך א פעלדשער און ברענגען דאס

קינד צוריק צום לעבען. און וויפיל אַזעלכע קינדער, פאַר וועלכע די מוטער האָט ניט געהאַט קיין חלום, האָבען די הייבאַמעס אַזוי אָוועקגעשיקט אויף יענער וועלט? אָבער, אַזוי איז געגאַנגען דאָס לעבען אין די קליינע פּוילישע שטעטלאַך, וואו אַן אונוויסענדע הייבאַם מיט אַ פעלדשער האָבען געהאַלטען די לעבענס פון אַ גאַנץ שטעטעל אין זייערע הענט.

ווען איך בין קוים אַלט געוואָרען דריי מיט אַ האַלב יאָהר, האָט מיין מוטער מיך געבראַכט אין ערשטען חדר, איינגעהילט אין מיין פאָטער׳ס טלית, און דער רבי, לייביש מעגע האָט מען איהם גערופען, האָט מיר געוויזען אַן אלף מיט אַ בית, דערביי איז אויפ׳ן סידור אַרויפגעפאַלען עטליכע ראָזשינקעס מיט מאַנדלען, און געהייסען האָט עס, אַז דער מלאך האָט מיר דאָס אַרונטערגעוואָרפען אַלס מתנה פאַר׳ן קומען אין חדר.

מיין מוטער איז דאַן אַוועק פון חדר מיט טרערען פון שמחה אין איהרע אויגען, אַז זי האָט דערלעבט דאָס אינגסטע קינד צו ברענגען אין חדר צו לערנען תורה, און גלייך ווי מיין מוטער האָט פאַרלאָזט דאָס חדר, האָט מען מיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ברעט וואָס איז געלעגען אויפ׳ן דיל (פּלאָר), דאָרט וואו אַלע חדר־אינגלאַך אין מיינע יאָהרען האָבען פאַרבראַכט גאַנצע טעג ביז דער באַהעלפער האָט אונז אין וועגט אַהיים געבראַכט.

עס האָט מיר לאַנג ניט גענומען צו באַקענען זיך מיט׳ן חדר־רעזשים. גלייך ווי מיין מוטער איז אַוועק האָב איך געזעהן ווי דער רבי האָט אַריבערגעלעגט אַ אינגעל און איהם געשמיסען מיט אַ קאַנטשיק פאַרוואָס ער האָט ניט געדענקט וואָס מ׳האָט מיט איהם געלערנט. אָט די סצענע געדענק איך נאָך גאַנץ קלאָר, ווייל דורך דעם ערשטען טאָג האָט זיך עס ווידערהאָלט עטליכע מאָל, און ווען דער רבי האָט מיך שפּעטער צוגענומען צום אלף בית האָט ער מיר באַלד דערקלערט: „אָט זעהסטו אינגעלע, ווי מען שמייסט קינדער וואָס געדענקען ניט וואָס מען לערנט מיט זיי? טאָ געדענק זשע הירשעלע, אַז דו וועסט אויך כאַפּען שמיץ״. איך האָב זיך גלייך צעוויינט און טאַקע מורא געקראָגען פאַר מיין ערשטען רבי׳ן.

דעם צווייטען טאָג האָב איך שוין קיין חשק ניט געהאַט צו געהן אין חדר. אָבער דער באַהעלפער האָט מיך שוין גענומען מיט גוואַלד, און קומענדיג אין חדר מיט אַ געוויין האָב איך גלייך פאַרזוכט דעם ערשטען קאַנטשיק, „דאָס איז פאַר אַ אינגעלע וואָס וויל ניט געהן אין חדר״, האָט דער רבי געזאָגט.

(אַז איך קום היינט אַריין אין אונזער מאָנטרעאַלער תלמוד תורה, איבער־הויפּט אין קינדערגאַרטען און זעה ווי די לערער שפּילען זיך מיט די קינדערלאַך, זאָג איך אַ ברכה אויף די היינטיגע נייע חדרים מיט די נייע מעטאָדען פון לערנען אָהן אַ קאַנטשיק. די קינדערלאַך לויפען אין תלמוד תורה, אָדער אין קינדער־גאַרטען מיט פיל פרייד אַנשטאָט מ׳זאָל זיי שלעפּען מיט געוויין!).

איך האָב לאַנג אין דעם דרדקי חדר ניט געלערנט. אָפּנים איך האָב מורא

געהאַט פאַר דעם שטרענגען רבי'ן מיט זיין קאַנטשיק און האָב די תורה פון עברי זאַגען שנעל אויפגעכאַפּט. אויפ'ן צווייטען זמן בין איך שוין אַריבער צו אַ חומש מלמד, נאָך איידער איך האָב דערגרייכט דעם „בן חמש שנים למקרא'.

אָבער דער נייער רבי מיינער, וועמען מ'האָט גערופען משה שוחט, כאָטש קיין שוחט איז ער קיינמאָל ניט געווען, איז ניט געווען בעסער פון דעם פריהערדיגען. מ'האָט דערצעהלט, אַז אַמאָל האָט ער געכאַפּט אַ מעסער צו קוילענען זיין ווייב די רבי'ציןָ, און דערפאַר האָט מען איהם געגעבען דעם צונאָמען „שוחט''. נאָך אַן אורזאַכע פאַר דעם נאָמען איז געווען דאָס, וואָס ער האָט זיינע תלמידים פשוט ממית געווען און די תלמידים האָבען שוין פּאָפּולער געמאַכט זיין ביינאָמען „שוחט'', וואָס איז איהם נאָכגעגאַנגען ביז צום קבר.

אָט דער משה'לע שוחט איז געווען אַ פשוט'ער סאַדיסט. זיין בעסטער פאַרגעניגען איז געווען צו שמייסען קינדער דוקא מיט די הענט אויפ'ן הוילען זייט מיר מוחל. עס האָט ניט געמוזט דוקא זיין פאַרוואָס. דאָס שמייסען איז זיך געווען אַ ציל פאַר זיך אַליין. . . און טאָמער האָט דאָס אינגעל זיך שטאַרק באַקלאָגט, פרעגענדיג „פאַרוואָס ?'' האָט משה „שוחט'' געענטפערט : „נישקשה, אויב דו האָסט ניט פאַרדינט, וועסטו אם ירצה השם פאַרדינען'' . . .

אויך אין דעם חדר האָב איך לאַנג ניט פאַרבראַכט, נאָר בין איבערגעגאַנגען צו אַ צווייטען חומש מלמד, וועלכער האָט דוקא מיר צוגעטיילט כבוד און מיר אַרויסגעשטעלט אַלס מוסטער פאַר אַנדערע תלמידים. ער האָט מיר אפילו איבערגעגעבען די אַרבייט פון איינ'חזר'ן מיט זיי די חומש רש''י.

איין שעה אין טאָג האָט מען געלערנט ביי אַ אידישען לערער, וועלכער האָט שפּעטער אַליין געעפענט אַ „חדר מתוקן'' (מאָדערנעם חדר) וואו מ'האָט געלערנט תנ''ך אָהן קאַנטשיקעס, אָבער דער לערער האָט לאַנג ניט געקענט עקזיסטירען. די מלמדים האָבען אויף איהם אויסגעטראַכט, אַז ער שטעלט אויף משומדים, ניט קיין אידישע קינדער, און איך בין געווען דער ערשטער תלמיד וואָס האָב איהם געמוזט פאַרלאָזען, אָבער מיט טרערען אין די אויגען פאַר רחמנות אויפ'ן לערער און אויף מיר אַליין. מיין פאָטער האָט פאַרנומען דעם אַמט פון „קאַזיאָני ראַבינער''. איך זאָג „פאַרנומען דעם אַמט'', ווייל ביי אונז איז קיין פאַקטישער „קאַזיאָני ראַבינער'' ניט געווען, אָבער מיין פאָטער האָט געטאָן די אַרבייט פון אַזעלכען און איהם האָט ניט געפּאַסט צו לאָזען זיין קינד אין אַ חדר, וואָס מ'זאָגט אויפ'ן רבי'ן, אַז ער שטעלט אויף משומדים, און איך בין איבערגעגאַנגען צו מיין פינפטען רבי'ן, אַ גמרא מלמד, וועלכען מ'האָט גערופען ר' חיים גאַנער.

דער ר' חיים איז געווען אַ זעלטענער טיפּ. ערשטענס איז ער געווען אַ גרויסער למדן און דערצו אויך געקענט שרייבען לשון קודש, און האָט דעריבער געשריבען פאַר די ווייבער די קוויטלאָך צום רבי'ן און צו דער זעלבער צייט אויך געשריבען אַלע ענגלישע און רוסישע אַדרעסען אויף בריוו.

אַ ווייב האָט ער געהאַט, האָט זי געהייסען שעווע (שבע) און מ׳האָט זי גערופען „שעווע ר׳ חיים גאַנער׳ס״. זי איז שוין געווען די אמת׳ע „אשת חייל״. זי האָט איהר מאַן אַזוי געפּייניגט, אַז עס איז אונז קינדער פּשוט געווען אַ רחמנות אויפ׳ן רבי׳ן, וועלכען מיר האָבען באמת ליב געהאַט. גערופען האָט מען איהם „גאַנער״, ווייל ביי זיין ווייב, וועלכע האָט צוגעהאַנדעלט מיט עופות אויפ׳ן מאַרק, איז אַמאָל אַנטלאָפען אַ גאַנער, האָט זי אריינגעקלאַפּט צום רבי׳ן דורכ׳ן פענסטער: „חיים, חיים, אַ קלאָג אויף דיר, לויף כאַפּ דעם גאַנער!״ זייט דאַן האָט מען איהם אַ נאָמען געגעבען „גאַנער״.

אַ געוויסען עפּיזאָד מיט אָט דעם רבי׳ן וויל איך דאַ דערצעהלען:

אַלס חדר אינגעל האָב איך זעהר חשק געהאַט צום שופר, אַזוי, אַז מיין קאַפּיקע, וואָס איך האָב געקראָגען טעגליך, פלעג איך חודש אלול אוועקגעבען דעם שמש ער זאָל מיר דערלויבען צו פּאַליש צו פּראַקטיצירען מיט׳ן שופר און איך האָב שוין מיט׳ן שופר געקענט באַווייזען אַזעלכע קונצען, אַז איך האָב געבלאָזען מיט צוויי שופרות מיטאַמאָל און אַדורכגעבלאָזען אַלע תקיעות אָהן אָפּשטעל.

איינמאָל באַווייזענדיג חכמות מיט די צוויי שופרות האָט זיך אַרום מיר אַרומגעשטעלט אַ חברה. איך קוק זיך אום: מיין רבי שטעהט אויך און באַוואונדערט מיין קונסט . . . איך האָב שנעל אַוועקגעגעבען דעם שמש די שופרות, און בין געבליבען אַ פאַרשעמטער פאַר מיין רבי׳ן, אָבער מיין רבי האָט מיר געגעבען אַ גלעט איבער׳ן קאָפּ און געזאָגט: הירשעל, דו וועסט אויסוואַקסען אַ זעלטענער בעל תוקע, דערפאַר קום שבת נאָכ׳ן שלאָף אין חדר, וועל איך מיט דיר לערנען די הלכות שופר.

איך בין דאַן אַהיימגעגאַנגען פון בית המדרש און דערצעהלט מיין גרויסע שמחה צו מיין מוטער, עפּעס אַ קלייניגקייט, דער רבי זאָגט, אַז איך וועל זיין אַ זעלטענער בעל תוקע און ער הייסט מיך שבת בייטאָג קומען אין חדר, כדי מיט מיר צו לערנען הלכות שופר. און דעם ערשטען שבת נאָכמיטאָג, בין איך מיט גרויס שמחה אוועק אין חדר.

צום חדר האָט מען געדאַרפט געהן אַ באַרג־אַרויף, און קומענדיג צום באַרג דערזעה איך אַ גאַנצען זעקסער (דריי קאַפּיקעס) ליגען אויף דער ערד, וואָס האָט ביי מיר געמיינט פּשוט אַ פאַרמעגען, ווייל עטליכע טעג האָב איך שוין ניט גענאָסען פון מיין קאַפּיקע, וואָס איך האָב געהאַט אוועקגעגעבען דעם שמש פאַר נוצען דעם שופר, און מיר האָט זיך די ערשטע מינוט געדאַכט, אַז אַ מלאך האָט מיר דאָס צוגעוואָרפען פאַר מיין אוועקגעבען דעם שמש די קאַפּיקע יעדען טאָג, אָבער באַלד האָב איך זיך דערמאָנט, אַז עס איז שבת, און חודש אלול, ווען אַ פיש אין וואַסער ציטערט, און דאַ געה איך אין חדר לערנען די הלכות שופר. דער רבי

זאגט, אז איך וועל זיין א זעלטענער בעל תוקע און ווי קען איך דאס מחלל שבת זיין צוליב דריי קאפיקעס ? שטעה איך מיט'ן פוס אויף דער מטבע און טראכט, אז דאס האט מסתמא דער שטן מיך געוואלט כאפען אין זיין נעץ, און ער, דער שטן, האט זיך פארשטעלט פאר געלד. איך באשליס שוין דעם שטן בייצוקומען און ארויפלויפען אין חדר, אבער באלד טראכט איך צוריק: אפשר וואלט רעכט געווען איך זאל טאקע דעם זעקסער אויפהויבען, נאר מנדר צו זיין, צו געבען איין קאפיקע צדקה, ווען דאס מכפר זיין פאר דעם חלול שבת ? אבער דאס געפעלט מיר אויך ניט, ווייל טאן א מצוה מיט אן עבירה איז ניט פאסיג פאר א צוקונפ־טיגען בעל תוקע ! ביז איך געפאלען אויף א פלאן : איך וועל מיט מיין פוס צושארען דעם זעקסער ביז פאר'ן רבינ'ס פענסטער און דארט וועל איך ארויפלעגען א שטיין, און נאך מעריב וועל איך צוריקקומען און נעמען דעם אוצר. איך האב מיך גוט אנגעמאטערט שארענדיג מיט די פיס בארג ארויף ביז איך האב דער־גרייכט מיין ציל און פארדעקט דעם אוצר מיט א שטיין און א פארשוויצטער אריינגעקומען אין חדר ניט וויסענדיג, אז דער רבי האט די גאנצע צייט דורכ'ן פענסטער באמערקט די גאנצע פראצעדורע.

ווען דער רבי האט מיט א שמייכעל אויף זיינע ליפען מיך געפרעגט וואס איך האב עפעס אזוי שווער געארבייט זייענדיג אזוי שטארק דערשוויצט, האב איך איהם דערצעהלט דעם גאנצען אמת און ער האט בלויז באמערקט : מסתמא ווען דו וועסט עלטער ווערען וועסטו קליגער ווערען.

איך האב אפגעלערנט עטליכע זייטען שלחן ערוך וועגען תקיעת שופר, דאן אוועק אין בית המדרש און מיט אונגעדולד געווארט ביז איבער מעריב און שנעל אוועקגעלאפען נאך מיין „אוצר'', אבער „הילד איננו'', דער אוצר איז ניטא. דאן ביז איך געקומען צום באשלוס, אז באמת איז דאס טאקע נאר געווען א שפיצעל פון שטן, וואס האט זיך פארשטעלט פאר געלד כדי מיך אריינצוקריגען אין זיין נעץ און א פארזארגטער בין איך אהיים געגאנגען.

מיט יאהרען שפעטער ווען מיין פאטער ע''ה איז געשטארבען און איך בין אוועקגעפארען קיין ווארשע און שוין געזעהן די וועלט מיט אנדערע אויגען, האב איך אפטמאל זיך דערמאנט וועגען דעם זעקסער און געקלעהרט וואו ער האט געקענט אהינקומען. ערשט פאר מיין אפפארען קיין קאנאדע, ווען איך בין געקומען אין מיין שטעטעל זיך געזעגענען מיט מיין פאמיליע און אריינגעקומען צו מיין באליבטען רבי'ן, וועלכער איז דאן שוין געווען איבער שמונים, האט ער מיך געפרעגט צי איך געדענק די מעשה מיט'ן זעקסער. „יא'', האב איך געזאגט, „אבער איך וואונדער מיך נאך אלץ וואו ער איז פארפאלען געווארען''. דער רבי האט זיך צולאכט און מיר געזאגט : „פארשטעהסטו, איך בין דיין רבי און איך האב דיר ניט געקענט זאגען, אז דו האסט געמעגט אויפהויבען דעם זעקסער,

דעריבער האָב איך דיר געזאָגט, אַז דו וועסט קלוגער ווערען, והען דו וועסט אין אוועגט דעם זעקסער ניט געפינען און גלייך ווי דו ביסט אַוועק פון חדר, האָב איך איהם פון זיין באהעלטעניש ארויסגענומען״. עס איז מיר ערשט קלאָר געוואָרען, אַז דער רבי איז גאָר געווען די סיבה און איך האָב פאַר א צייט גאָר חושד געווען דעם שטן . . .

צווייטער קאַפּיטעל

דאָס אַמאָליגע שטייגער לעבען

דער דאַמאָלסדיגער רב ביי אונז אין שטעטעל איז געווען אַ גרויסער למדן, אָבער במילא דעלמא (אין וועלט־זאַכען) איז ער געווען אַ שוטה. האָט ער זיך בלויז געדאַרפט טיטולירען מיט דעם וואָרט „תלמיד״, אָבער אויסלאָזען די צווייטע העלפט, ווייל פון אַ חכם איז ער געווען גאָר ווייט.

אַלס קינד פלעג איך אַריינגעהן צום רב אין הויז אַלס חבר פון זיינעם אַ אינגעל און האָב איינמאָל דאָרטען בייגעוואוינט אַ דין־תורה. איך געדענק ווי איין איד האָט זיך באַקלאָגט, אַז ער האָט ביים צווייטען בעל־דין געקויפט אַ פעסעל מיט עפּעל, אָבער ער האָט געפונען בלויז אַ האַלב פעסעל עפּעל, בעת די צווייטע העלפט, די אונטערשטע, איז געווען אָנגעפילט מיט פּאַפּיר און צווייג־לאַך פון בוימער.

דער פאַרקויפער טענה'ט, אַז ער האָט דעם קויפער געזאָגט, אַז ער פאַרקויפט איהם נאָר צוויי דריטעל פונ'ם פאַס עפּעל, ווייל אַזוי ווי ער האָט ניט געהאַט קיין קלענערע פעסעל, האָט ער אין דעם גרויסען פעסעל אַריינגעלעגט אַביסעל פּאַפּיר מיט צווייגלאַך, כדי די עפּעל זאָלען ניט קאַליע ווערען.

דער רב האָט אַ צייט געקנייטשט דעם שטערן. דאַן האָט ער געזאָגט, אַז ער קען עס ניט פאַרשטעהן, סיידען מ'זאָל איהם אַרויפברענגען די עפּעל מיט די פּאַפּירען און צווייגען און איהם ווייזען וואָס דאָס מיינט.

איך, דאָס קינד, האָב געזאָגט צו מיין חבר: „דיין טאַטע איז אַ בטלן. די עפּעל זענען דאָך שוין פאַרקויפט אוןביידע טענה'ן, אַז עס האָט געפעהלט אַ דריי־טעל עפּעל, טאָ צו וואָס שלעפּען דאָס פעסעל מיט דעם פּאַפּיר און די צווייגען אַהער אויבען?״ מיין חבר, וועלכער איז גראָדע אין חכמה ניט געווען געראָטען אין זיין פאָטער, האָט מיר געענטפערט: „ווען דו וועסט קענען אַזוי פיל לערנען ווי מיין פאָטער, וועסטו אפשר קענען פאַרשטעהן וואָס ער מיינט דערמיט״.

דער פסק איז געווען, אַז דער פאַרקויפער זאָל צוברענגען נאָך עפּעל, און דער קויפער זאָל איהם צוריקגעבען דאָס פּאַפּיר און באַצאָלען פאַר די צוגעבראַכטע עפּעל. איך בין אָבער דאַן זיכער געווען, אַז דער פסק איז ניט קיין ריכטיגער, ווייל איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער סוחר האָט דעם אידען אָפּגענאַרט, ווייל ווען ער וואָלט געזאָגט דעם קונה, אַז עס איז נאָר פאַראַן צוויי דריטעל עפּעל, וואָלט דער קונה זיכער נאָכגעזוכט און אויסגעמאָסטען.

אַזעלכע און ענליכע דין תורות האָבען זיך געלאָזט הערען כסדר, דאָך האָט

אין שטעטל געהערשט אַ גוואַלדיגער דרך ארץ פאַר׳ן רב, וועלכער איז באמת געווען אַ גרויסער למדן און דערצו איז ער געקומען פון דער גרויסער שטאָט וואַרשע און פאַר דעם פּאַקט האָט מען אויך געהאַט דרך ארץ.

ווען איך האָב אָנגעהויבן לערנען אין בית המדרש, האָב איך אָנגעשטעלט מיינע אויערן צו אַלץ וואָס עס קומט פאָר ביי אונז אין שטעטל און מיין ערשטע ערפאַרונג האָט זיך ביי מיר שטאַרק איינגעקריצט אין מיין זכרון.

דאָס שטעטל האָט, אויסער למדנים, אויך געהאַט אַ היבשע חברה גנבים, און איינער פון זיי, דער „פיהרער״, יענקעל קרייאַפּסקי האָט מען איהם גערופען, האָט כמעט געפיהרט דאָס גאַנצע שטעטל ביי דער נאָז.

יענקעל האָט אַמאָל געזאָגט, אַז גנבה איז די בעסטע פּראָפעסיע אויף דער וועלט: „מ׳שטעקט, זאָגט ער, אריין צוויי פינגער צו יענעם אין קעשענע — און וויפיל עס לאָזט זיך קריגט מען אַרויס. מ׳דאַרף ניט שווער אַרבייטען און מ׳האָט ברוך השם פרנסה. נאָר די איינע צרה מיט אונזער פּראָפעסיע איז, וואָס יעדער באָסיאַק, יעדער שנאָרער ווערט אַ גנב. די מלאכה שטעהט ניט איין איז גוטע הענט״.

און אַז יענקעל איז געקומען צו איינעם פון די גבירים, און האָט געזאָגט: „איך וויל אַ פינף־און־צוואַנציגער״, האָט קיינער ניט געטראַכט זאָגען „ניין״, נאָר עס האָט זיך געווענדט ווי אַזוי יענער האָט אויסגעפאָלגט: האָט ער דעם „פדיון״ געגעבען מיט׳ן גוטען ווילען און דערצו נאָך מכבד געווען מיט אַ שנאַפּס, איז עס געווען אַ פאַרזיכערונג, אַז אַט דער נדבן וועט שוין פאַר אַ צייט ניט ליידען פון אַ גנבה: טאָמער אָבער האָט זיך יענער געקרימטביים געבען, איז ער שוין געווען אויסגעשטעלט צו אַלערליי צרות. אַט האָט זיך געמאַכט, אַז ביי דעם גביר האָט מען צוגע׳גנב׳עט זיין פעלץ אָדער דער ווייב׳ס צירונג, אָדער איינער פון זיינע זיהן האָט געקראָגען אָנגעבראָכען די ביינער. דאָס נאָכקומען יענקעל׳ס פאַרלאַנג מיט גוטען איז דעריבער געווען אַז „אינשורענס פּאָליסי״ געגען גנבה און כוליגאַניזם.

איינמאָל אין אַ שבת האָבען חסידים מעכב געווען דאָס דאַווענען אין גרויסען בית המדרש און דאָס גאַנצע שטעטל האָט אָפּגעהאַלטען אַן אסיפה, וואָס צו טאָן מיט דער באַנדע גנבים. אין דער אסיפה האָבען אָנטייל גענומען אַלע חסידים און סתם בעלי־בתים און עס איז באַשלאָסען געוואָרען זיך צו ווענדען צום גובער־נאַטאָר, ער זאָל די שטאָט באַפרייען פון דער באַנדע. אָבער תיכף נאָך דער אסיפה, ווען די בית המדרש בעלי־בתים האָבען זיך גענומען דאַווענען און די חסידים זענען צוריק אַוועק צו זייערע קלויזען, האָבען יונגעלייט זיך אַרויסגעלאָזט איבער די גאַסען און צו׳מזיק׳ט יעדען פון דער באַנדע וואָס זיי האָבען אָנגעטראָפען. דער עולם איז דערפון געוואָרען אַזוי באַגייסטערט, אַז אַלע האָבען אויסגעשריען:

„לאמיר אוועק צו יענקעל קרייאפסקי און דארט אנמאכען א חורבן! לאמיר איהם מאכען פאר א קאליקע "

כמעט אלע האבען אזוי געשריען, און איך בין נאכגעלאפען צו זעהן וואס דארט וועט זיין.

קומענדיג פאר'ן הויז פון דעם „פיהרער" האט די ווייב זיינע, אן אמת'ע „בריינדעלע קאזאק", געטאן איין קליינינקייט: זי האט פארשלאסען און פאר־ריגעלט די טיר, זיך אויסגעטאן הויל־נאקעט און זיך אוועקגעשטעלט ביים פענ־סטער. אזוי ווי די חסידים האבען עס דערזעהן, זענען זיי אלע אנטלאפען און יענקעל איז געראטעוועט געווארען . . .

ווען דער גובערנאטאר האט דערהאלטען די ביטע פון די שטאט בעלי־בתים איז טאקע ארונטערגעקומען פאליציי און עטליכע חברה זענען ארעסטירט און פארשיקט געווארען אהן וועלכען משפט, אבער יענקעל האט זיך אויסבאהאלטען, און עס איז סברא, אז די שטאטישע פאליציי האט איהם אויסבאהאלטען, ווייל אט די פאליציי האט אויך גרויס דרך ארץ געהאט פאר דעם „פיהרער" פון די גנבים, אזוי ווייט, אז יענקעל איז אמאל פאר'משפט געווארען צו צוויי חדשים תפיסה פאר בארויבען א פויער און איהם גוט אנ'הרג'ענעט, איז ער פרייטאג געקומען פון תפיסה, געבענטשט ביי זיך אין הויז און שבת נאך שלוש סעודות איז ער אוועק צוריק אין תפיסה, וואו ער איז באהאנדעלט געווארען ווי א גוטער גאסט. זיין סוף איז אבער געקומען ווען א צווייטער גנב פון א דערבייאיגער שטאט האט איהם דארט געשטאכען מיט א מעסער פאר קומען אין א צווייטער טעריטאריע. יענקעל איז געשטארבען און דער מערדער האט בלויז געקראגען 5 יאהר דזשייל פאר פטר'ן אט דעם געפערליכען גנב.

און אזוי ארום איז דאס שטעטעל אביסעל אויסגערייניגט געווארען פון דער פעסט.

א צווייטען מאל האט זיך געטראפען א שענדליכע מעשה מיט א קצב, וועלכער האט פארנארט אן אלטע אלמנה הינטער'ן שטאט און ביי איהר צוגענומען אביסעל געלט און זי אויך געשענדעט. און ווידער איז אפגעהאלטען געווארען אן אסיפה און מ'האט דעם תכשיט געבראכט אין בית המדרש און איהם געשלאגען האלב טויט און דאן איהם איבערגעגעבען צו דער פאליציי.

פאר דעם האט זיך געמאכט א געשיכטע מיט א צווייטען קצב, בערל קאצקער האט מען איהם גערופען, וועלכער האט זיך פרייטאג־צו־נאכטס, ווען דער עולם געהט אין שוהל מקבל שבת זיין, אוועקגעלעגט אויף דער שוועל פון בית המדרש און געשריען: „גוואלד אידען, טרעט אויף מיר, ווייל איך האב מאכל טריפות געווען! גוואלד אידען, איך בין א זינדיגע נשמה, איך האב פארקויפט טריפה פלייש פאר כשר!" מ'האט איהם קוים אויפגעהויבען פון שוועל און איהם כמעט געטראגען אהיים. און אט אין דעם שבת איז ווייטער געווען אן אסיפה. דער רב

האָט גע׳פּסק׳ענט, אַז אַלע זיינע קונים דאַרפֿען פרעגען ביים רב שאלות וועגען די כלים. און בערל קאַצקער איז געוואָרען אַן אמת׳ער בעל תשובה: געפּאַסט יעדען מאָנטאַג און דאָנערשטאַג, כסדר געזאָגט תהלים און פאַר פּרנסה איז ער געוואָרען אַ דרדקי מלמד און אַזוי אָפּגעלעבט זיינע יאָהרען אין דחקות ביז ער איז געשטאָרבען. דאָס גאַנצע שטעטעל האָט מקיים געווען די מצוה פון הלוית המת און דעם טויטען אָפּגעגעבען גרויס כבוד.

איך געדענק אַפילו אַן אינצידענט, וואָס האָט געטראָפען מיט בערל קאַצקער׳ס ווייב. אַזוי ווי זי איז געבליבען אַן אָרימע אלמנה מיט עטליכע קינדער, האָט קהל איהר געגעבען עטליכע גילדען זי זאָל זיך מאַכען איהר פּרנסה פון שטעהן אין מאַרק מיט אַ טישעל געבעקס צווישען די אַנדערע פרויען וואָס ציהען זייער חיונה פון עהנליכע פּרנסות.

ווינטער אין די פרעסט האָבען די ווייבער אַן עצה ווי בייצוקומען דעם שטאַרקען פראָסט. זיי מאַכען זיך אַ „פייער טעפּעל״ און וואַרימען זיך די פיס. דאָס טעפּעל שטעלען זיי אָפּט אונטער׳ן קלייד. האָט ביילע, בערל דעם בעל־תשובה׳ס ווייב געליטען אַן אומגליק: דער טאָפּ מיט פייער האָט אָנגעצונדען איהר העמד. זי האָט געמאַכט אַ גוואַלד, אָבער איהר שכנ׳טע וועלכע האָט ביילע׳ן באַטראַכט פאַר אַ קאָנקורענטקע, האָט זיך ניט צוגעאיילט איהר צו ראַטעווען. מילא, האָבען אַנדערע ווייבער געטאָן די אַרבייט און מען האָט אויף איהר פאַרלאָשען דאָס פייער. זי איז דאַן אָפּגעלעגען עטליכע וואָכען קראַנק פון דעם אומגליק. די ווייבער האָבען צווישען זיך געמאַכט אַ חרם מעהר ניט צו קויפען קיין געבעקס ביי איהר שלעכטער שכנ׳טע דערפאַר וואָס זי איז ניט געווען די ערשטע צו ראַטעווען ביילע׳ן פון דעם פייער. דער חרם האָט אָנגעהאַלטען אַ לאַנגע צייט ביז ביי דער שכנ׳טע איז איהר מאַן גע׳הרג׳עט געוואָרען דורך אַ שכור׳ן פויער, און דער חרם איז אַרונטערגענומען געוואָרען, ווייל מיט אַן אלמנה טאָר מען זיך ניט טשעפּען.

אַנטקעגען וואָס דערצעהל איך אייך אָט דעם קליינעם אינצידענט? כדי אייך צו שילדערן די פּרנסות אין אונזער שטעטעל און דאָס זאָרגען איינער פאַר׳ן צווייטען, און דאָס רחמנות וואָס אַלע פיהלען צו דעם אָרעמאַן, די אלמנה און דעם יתום. פון קיין צדקה פעדעראַציע מיט אַ בית יתומים אָדער מושב זקנים האָבען מיר לחלוטין ניט געוואוסט, אָבער דער שטאַרקער יושר געפיהל האָט שוין אַכטונג געגעבען, אַז אַלע זאָל צוגעהן מיט חסד און מיט גערעכטיגקייט.

עס זיינען אין אונזער שטעטעל אויך געווען רייכע לייט וועלכע האָבען געהאַנדעלט מיט וואַלד, געהאַט אייזען־געשעפטען, שניט קראָמען; און אַזוי ווי פון קיין סטאַק מאַרקעטס האָט מען נאָך דאָרטען ניט געוואוסט, האָבען די רייכע לייט ניט געקענט פאַרלירען די עטליכע רובל, נאָר האָבען זיך מיט זיי געהאַלטען. אַ סך

פון די רייכע לייט זיינען געווען פון אזעלכע אידען, וואס האבען ניט געלעבט בלויז פאר זיך.

אזוי למשל, איז ביי אונז געווען איינער פון די גבירים ,וואס האט אפגע־געבען זיין גאנצע צייט אלס שטאטישער מוהל. ביי אן ארימאן פלעגט ער נאך איבערלאזען עטליכע גילדען דער מולדת א.אז.וו. א צווייטער רייכער איד האט אפגעגעבען זיין צייט פאר׳ן שטאטישען בית המדרש, געזעהן אז די וואס לערנען דארט, זאל ניט פעהלען אויף קיין מאלצייט. אויף א יום טוב האט ער אויסגע־קליידט ארימע בחורים מיט א קאפאטקע, מיט א פאר שטיוועלאך.

א דריטער איז געווען דער שטענדיגער בעל קורא אין דער „קאלטער שוהל״, וואו קיין באהייצונג איז ניט געווען און אין ווינטער איז מען געפרוירען געווארען, אבער אונזער גבירישער בעל קורא האט געקלאפט מיט די ציין פאר קעלט און ניט פארלאזען די שוהל, כאטש דער גרעסטער טייל פון עולם האט ווינטער געדאווענט אין ווארימען בית המדרש.

א פערטער איד וואס איז אפילו געווען אן עם הארץ, האט ער דאך געקראגען די שטעלע אלס גבאי אין בית המדרש. ווען אט דער איד איז שפעטער גראד פאר־ארימט געווארען, האט קהל פונדעסטוועגען געפונען פאר נויטיג איהם אנצוהאל־טען אלס גבאי. ער האט דערפאר געקראגען שטילערהייט צעהן גילדען א וואך, כדי צו קענען זיך מפרנס זיין.

האט זיך אמאל געמאכט, אז שמחת תורה ביינאכט צו הקפות, ווען ער, דער גבאי, האט איינגעטיילט די כבודים, און מ׳האט שוין געהאט אויסגערופען אזוי פיל אידען וויפיל ספרים עס האבען זיך געפונען אין ארון הקודש און ער האט געוואלט זאגען דעם חזן, אז ער מעג שוין אנהויבען דעם מארש ארום דער בימה, האט ער אויסגעשריען: „חזן! דאליע יאזדע!״ וואס האט געמיינט, אז מען מעג שוין אנהויבען געהן ארום און ארום, אבער ער האט באנוצט די שפראך ויאס א בעל העגלה נוצט צו זיינע פערד, ווען ער וויל זיי זאלען געהן. דאס האט גע־מאכט א געוואלדיגען רושם צווישען עולם. פאר אט דעם חטא איז ער ארונטער־געזעצט געווארען פון דעם אמט אלס גבאי. אבער די צעהן גילדען א וואך האט ער ווייטער געקראגען. איז אבער דער גבאי פון עגמת נפש קראנק געווארען. איז גלייך גערופען געווארען אן אסיפה און אלע האבען באשלאסען איהם צוריק צו געבען דאס גבאות. אבער דער גבאי איז געשטארבען. ווען קהל האט דעם נפטר געפיהרט פאר׳ן בית המדרש, האבען איהם אלע מחילה געבעטען און מ׳האט איהם אפילו געמאכט א הספד.

דריטער קאַפּיטעל

חסידים און גוטע אידען

שידלאָווצע האָט געהאַט דעם זכות צו האָבען פאַר איהר רבי'ן הרב נתן דוד'ל ז"ל, וועלכער איז געווען אַן אייניקעל פון יוד הקדוש, און ממילא איז אין שטעטל געווען אַ שפע ווען חסידים זענען געקומען צופאָרען אויף אַלע ימים טובים. אָבער נאָך דעם ווי ר' נתן דוד'ל איז נפטר געוואָרען, האָבען די קינדער זיך צוטיילט. יעדער זוהן איז געוואָרען רבי אין אַן אַנדער שטאָדט און פאַר אונזער שטעדטעל איז געבליבען זיין זוהן ר' צמח. און אָט מיט דעם רבין, ר' צמח, האָט געטראָפען אַן אומגליק. זיינער אַ זוהן זכריה חיים איז פלוצים נעלם געוואָרען און מ'האָט ניט געוואוסט וואו ער איז אהינגעקומען. קלאַנגען זיינען געווען, אַז ער איז ר"ל נפטר געוואָרען, אַנדערע האָבען געזאָגט אַז ער האָט זיך ר"ל גע'שמד'ט.

אום איהר זאָלט זיך מעהר באַקענען מיט דער געשיכטע, וועל איך אייך ער־קלעהרען, אַז דער ראָמאַן אין דער טעאַטער פּיעסע פון י. י. זינגער וואָס רופט זיך „יאָשע קאַלב", איז דאָס די געשיכטע פון אָט דעם משה חיים, דעם זוהן פון מיראָווער רבי'ן, וואָס איז נעלם געוואָרען און איבערגעלאָזט אַ ווייב אַן עגונה, און דער משה חיים איז דאָס זינגער'ס יאָשע קאַלב, וועלכער האָט אין זיך דעם גרעסטען טייל אמת, נאָר אביסעל צוגעפּוצט, ווי דער שטייגער איז פון אַ ראָ־מאַן. און אָט דער אומגליק איז אַזוי שווער געפאַלען אויף זיין פאָטער ר' צמח, אַז ער איז משוגע געוואָרען, און די שטאָט האָט געהאַט פון איהם אויסצושטעהן זעהר פיל, ווייל נאָך אַלעמען איז ער דאָך געווען אַ זוהן פון דעם גרויסען רבי'ן ר' נתן־דוד'ל און אַן אור־אייניקעל פון יוד הקדוש, מיט ברידער רביים אין עטליכע שטעט איבער פּוילען, האָט מען געמוזט דולדען אַלע שפּיצלאַך וואָס ער האָט אָפּגעטאָן אין שטאָט און איהם ניט געוואָלט אָוועקשיקען נאָך וואַרשע אין אַ משוגעים הויז.

עטליכע איינצעלהייטען וועגען דעם משוגע'נעם רבי'ן האָבען זיך ביי מיר איינגעקריצט אין מיין זכרון.

ווי איך האָב אייך שוין פריהער דערמאָנט, איז מיין פאָטער ע"ה געווען דער, וואָס האָט פאַרטראָטען די שטעלע פון אַ קאַזיאָנע ראַבינער. ביי אונז אין הויז האָבען זיך געפונען די ביכער פון אַלע געבוירענע און אויך פון אַלע טויטע. אַזוי זענען אויך חתונות ביי אונז פאַרשריבען געוואָרען. און איינמאָל אין יאָהר האָט דער מאַגיסטראַט דאָס איבערגעטראָגען אין די שטאָדטישע ביכער. מיין

פאטער פלעגט אויך יעדעס יאהר פאהרען אינ׳ם פאוויאט (דיסטריקט צענטער) מיט די וואס האבען זיך געדארפט שטעלען צום פריזיוו, און האט אויך געהאט א גלאס (וואוט) ווען די שטימען פון די דאקטוירים און נאטשאלניקעס זענען געווען גלייך אויף גלייך, ,,גאדיען״ אדער ,,ניע גאדיען״ און עס האט זיך געפאדערט אן איבערוועגענדע שטימע.

מאכט זיך אמאל אזא געשיכטע: א פאטער פון א דערבייאיגען ישוב האט געבראכט א טויט קינד אין אונזער שטאט מקבר צו זיין, און דער שמש קומט צו מיין פאטער נאך א קוויטעל, מקבר צו זיין דאס קינד ביים קבר פון זיין פאר־שטארבענעם זיידען. און אזוי ווערט דאס פארשריבען אין די ביכער. מיט א יאהר שפעטער, ווען מיין פאטער איז געווען אין פאוויאט מיט די וואס האבען זיך גע־דארפט שטעלען צום פריזיוו, איז געקומען פון דער גובערניע ארונטער א גאנצע קאמיסיע פון דאקטוירים, א נאטשאלניק און פאליציי. בכן, מ׳האט גע מסר׳ט אז דער פאטער פון דעם דערמאנטען קינד האט דאס קינד אליין גע׳הרג׳עט. האט מען אויסגעגראבען דאס קינד כדי עס צו פאלמעסען. קומט מען צו אונז אין הויז אויסגעפינען פון די ביכער אויף וועלכען פלאץ דאס קינד איז באגראבען געווארען.

איך בין דאן געווען א אינגעל פון ארום 11 יאהר, געלערענט אין בית המדרש, אבער איך האב כמעט געפיהרט די קהל׳שע ביכער. די מוטער ע״ה איז געקומען צו מיר אין בית המדרש און געזאגט איך זאל שנעל אהיים געהן אויפווייזען אין די ביכער וואו דאס קינד איז באגראבען געווארען. איך בין גלייך אהיים געלאַ־פען און געטראפען א גאנצע חברה פאליציי מיט א נאטשאלניק. איך האב גע־עפענט דעם ספר המתים און גלייך אנגעוויזען אז דאס קינד איז באגראבען ביים קבר פון זיין זיידען, וואס האט געהאט א מצבה, און אז דארט און דארט געפינט זיך דער קבר.

גלייך האט נאטשאלסטווא מיט די דאקטוירים זיך געלאזט געהן אויף׳ן בית הקברות. די מוטער פון קינד איז נאכגעגאנגען און שטארק געוויינט און כמעט דאס גאנצע שטעטעל איז מיטגעגאנגען. אויך אונזער רבי ר׳ צמח. דער לעצטער האט זיך געווענדעט צו דער מוטער אויף אן אופן פון אן אמת געריהרטען און אויסגעשריען: ,,וואס וויינסטו, אידענע, אט קוק ארויף, וועסטו זעהן ווי דיין קינד פליהט אין הימעל, ער איז אנטלאפען פון קבר און א קרענק וועלען זיי איהם געפינען! וואס זאג איך א קרענק? א טויט וועלען זיי דארט געפינען, אבער ניט דיין קינד״.

מ׳האט אויסגעגראבען דעם קבר און מ׳האט טאקע דארט גארניט געפונען, און דערביי שטעהט דער קברות־מאן און זאגט: ער איז זיכער אז ער האט דאס קינד דא באגראבען, פונקט ווי דאס קוויטעל לויטעט. ער האט נאך דאס קוויטעל און ער ווייזט עס דעם נאטשאלניק.

צווישען די דאקטוירים וואס זיינען געקומען פון דער גובערניע, איז אויך

געווען איין דאָקטאָר אַ משומד. האָט דער לעצטער געהייסן אויפגראָבן די שכנישע קברים. אפשר האָט דער קברות־מאַן געמאַכט אַ טעות. הכלל מ׳האָט שוין אויפגעגראָבן היבשע עטליכע קברים און דאָס קינד ניט געפונען. אָבער דער משומד שרייט ווייטער: גראָבט! און דער רבי ר׳ צמח געהט צו איהם צו און שרייט אויס: „משומד, האָב איך פריהער ניט געזאָגט, אַז אַ טויט ווערסטו דאָ געפינען, ניט קיין קינד?״ און קוים האָט דער רבי געענדיגט שרייען, האָט אַ שטיין זיך אָפּגעריסען פון דעם מויער און געפאַלען גלייך אויפ׳ן דאָקטאָר׳ס קאָפּ. זיין שאַרבען איז צושפּאָלטען געוואָרען און ער איז געשטאָרבען דעם זעלבען טאָג. דער נאַטשאַלניק האָט דאַן געהייסען אויפהערען גראָבען און אַלע זיינען אַוועק פון בית עולם. דערנאָך האָט „נאַטשאַלסטוואָ״ אָפּגעשטאַט אַ וויזיט ביי אונז אין הויז, געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל און צוגענומען אין דער גובערניע די ביכער, וואו עס זיינען געווען פאַרשריבען די לעבעדיגע און די טויטע.

וואָס מ׳האָט דערנאָך אויסגעפונען וועגען דעם דאָקטאָר׳ס טויט איז זעהר אינטערעסאַנט און איצט דאַרף עס מעהר קיין סוד ניט זיין.

איך האָב אין מיינע פריהערדיגע קאַפּיטלען דערצעהלט וועגען דעם גרעסטען גנב ביי אונז אין שטאָט. דער פיהרער פון די גנבים איז געווען אַ כהן, און — מעג ער אַפילו ביי פּראָפעסיע זיין אַ גנב, אָבער אַ כהן ווערט ניט געהן אויפ׳ן בית עולם. איז ער דעריבער געשטאַנען מיט אַנדערע כהנים אויפ׳ן צווייטען זייט פּאַרקען ווען דאָס אויפגראָבען די קברים איז אָנגעגאַנגען. ווען דער משומד־דאָקטאָר האָט געהייסען ווייטער גראָבען, האָט יענער חברה־מאַן געגעבען אַ קלאַפּ מיט׳ן פוס אין שטיינערנעם פּאַרקאַן און דער שטיין איז געפאַלען דעם משומד אין קאָפּ. אַ סך מענשען האָבען דערפון געוואוסט, אָבער קיינער האָט ניט גע־וואָגט דאָס איבערצודערצעהלען. מ׳האָט עס אַלץ צוגעשריבען צום נס וואָס דער רבי האָט באַוויזען, און אויך די „נאַטשאַלסטוואָ״ האָט געגלויבט אין דעם נס. עפּעס וואונדערליכעס איז טאַקע געווען אין דער גאַנצער געשיכטע.

אין פאַרלויף פון אַ חודש איז אונז צוריקגעקומען פון גובערניע די ביכער מיט אַ בריוו, אַז מיר זאָלען זיין מעהר פאַרזיכטיג ביים פאַרשרייבען וואו די טויטע ווערען באַגראָבען, אַז ניט וועט צוגענומען ווערען דאָס רעכט פון פאָטער צו זיין קאַזיאָנע ראַבינער. דער פאָטער פון קינד איז באַפרייט געוואָרען פון זיין אַרעסט. עס איז גלייכצייטיג אַנגעקומען אַן אוקאַז צום בירגערמייסטער, אַז ער זאָל דעם „ראַבין״ אַוועקשיקען קיין וואַרשע אין אַ משוגעים הויז.

און אַזוי אַרום איז דער רבי אַוועקגעפיהרט געוואָרען קיין וואַרשע אינ׳ם משוגעים־הויז און דאָרט איז ער טאַקע נפטר געוואָרען. די וואַרשעווער אידען, אַי־בערהויפּט די חסידים פון זיין משפחה, האָבען דאַן געמאַכט אַ לויה מיט גרויסע הספדים ווי עס ווערט געוועהנליך דורכגעפיהרט נאָך אַ גרויסען רבי׳ן.

ביי אונז אין שטעטל האָבען זיך געפונען חסידים מכל המינים. אַפילו

ראַדזינער חסידים, וואָס האָבען געטראָגען ציצית מיט אַ בלויען פּאָדים, וואָס איז זיי צוגעשיקט געוואָרען פון ראַדזין, וואָס האָט געזאָלט הייסען, אַז די בלויע פאַרב קומט פון דעם פיש וואָס הייסט תלזון. עס האָבען זיך ביי אונז געפונען קלויזען פון יעדער רבי׳ן, און עס האָט ניט אויסגעפעלט קיין מחלוקת, איבערהויפּט ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט אין אויפנעהמען אַ שוחט אָדער אַ רב. יעדער קלויז האָט אַרויסגעשטעלט אַ „קאַנדידאַט" צו פאַרנעהמען די שטעלע, אָדער אַזאַ ווע־מען זייער רבי האָט רעקאָמענדירט. די מחלוקת׳ן פלעגען געהן אַזוי ווייט, אַז דער גובערנאַטאָר האָט זיך געדאַרפט אַריינמישען און מאַכען אַ רעגולערען וואַהל, ביי וועלכען דער בירגערמייסטער און די פּאָליציי פלעגען קומען אַכטונג געבען ווי אַזוי מען שטימט. נאָכ׳ן איבערצעהלען די שטימען פלעגט דער בירגערמייס־טער פּראָקלאַמירען, אַז דער און דער איז אויסגעקליבען געוואָרען אַלס שוחט און דער אַנדערער אַלס רב. אָבער אין פאַל פון אַ שוחט האָט עס זעלטען פּאַסירט, ווייל דער שוחט האָט שטענדיג געהאַט אַ יורש וואָס האָט איבערגענומען זיין פּלאַץ. דער נייער שוחט פלעגט בלויז איינצאָלען צו דער קהלה אַ געוויסע סומע געלט, וואָס איז שוין אָפּגעמאַכט געוואָרען מיט׳ן אַלטען שוחט ווען יענער האָט נאָך געלעבט.

נאָך אַזאַ וואַהל פלעגט געוועהנליך אויפהערען דאָס מחלוקת, כאָטש קיינמאָל האָט דער וואַהל ניט צופרידענגעשטעלט די פאַרשיידענע חסידים, ווייל די שניי־דער, שוסטער און דער אַנדערער טייל פון „עמך" האָבען זיך געוועהלט נאָך זייער אייגענעם געשמאַק און עס זיינען געווען זייערע שטימען וואָס האָבען עס אויס־געקליבען יענעם רב פון וועלכען איך האָב דערצעהלט אין אַנהויב פון מיינע זכרונות. ביי די וואַהלען זיינען די חסידים געווען ענטוישט, אָבער די בעלי מלאכות האָבען געמאַכט אַ גרויסע הוליאַנקע און געפייערט זייער „זיג" איבער די חסידים און „קאַרפּען קעפּ", וואָס פּאַסט זיי ניט צו דאַווענען אין אַ שוהל אָדער בית המדרש, מיט זיי, די בעלי מלאכות, נאָר מאַכען זיך באַזונדערע קלויזען. די לעצטע פלעגען דאָן אויך זיך מאַכען באַזונדערע מנינים, כדי צו ווייזען די חסידים און „קאַרפּען־קעפּ", ווי זיי פלעגען רופען די נגידים, אַז מען באַשטעהט ניט אין זיי. ס׳איז געווען אַז אמת׳ער „קלאַסען־קאַמף"...

צווישען די בעלי בתים, דאָס הייסט ניט קיין חסידים און ניט קיין אַרבייטער, האָט זיך אויך געפונען אַ איד, וועלכער איז ווערט דערמאָנט צו ווערען. דאָס איז דער פאָטער פון דעם באַקאַנטען חנא — „חנא דער באַוואוסטער". ווער פון אייך, לעזער, האָט ניט געהערט פון חנא׳ן?! יאָ, איהר האָט פיל״כט ניט גע־וואוסט, אַז ער איז מיינער אַ לאַנדסמאַן, טאַ ווייסט־זשע איצט, אַז שידלאָוועצ האָט אַרויסגעגעבען אָט דעם „גרויסען מענש" חנא, וואָס די גרעסטע דעפּאַרט־מענט סטאָר אין טאָראָנטאָ האָט ניט געקענט געפינען אין איהר „סטאָק" קיין פּאָר שיך גרויס גענוג פאַר חנא׳ס פיס.

חנא׳ס פאָטער האָט זיך גערופען ר׳ משה לוי מאַזשעוועצקי און האָט געהאַט אַ קליין וועבער־פאַבריקעל וואו מ׳האָט אויסגעאַרבייט סחורות פון דער וואָל וואָס די פּויערים האָבען געבראַכט צו איהם פאַר מאַכען זייערע קליידער און געקעס־טעלטע פאַרטוכער.

ר׳ משה לוי האָט געדאַווענט אינ׳ם גרויסען בית המדרש און געהאַט אַ מזרח־פּלאַץ. ער האָט געטראָגען אַ זיידענע קאַפּאָטע שבת און יום טוב און כמעט דאָמינירט דעם בית המדרש, אַט טאַקע פּונקט ווי זיין זוהן חנא ,,דאָמינירט'' די ציוניסטישע קאָנגרעסען. ביי מיין באַזוך אין שידלאָווצע אין 1921 איז ר׳ משה לוי געווען מיין ,,ראַטגעבער' און רעכטע האַנט. ער האָט געזאָגט וועמען מ׳דאַרף געבען אַ גרעסערע סומע און וועמען ניט, און די וואָס האָבען פּראָטעס־טירט, האָט ער מיט זיי איינגע׳טענה׳ט און אויפגעוויזען פאַרוואָס זיי קומט ווע־ניגער ווי דעם און דעם. ציילונגען האָט מען ביי אונז זעהר ווייניג געזעהן. דאָך האָט מען ביי משה לוי׳ן אַמאָל געקענט טרעפען די ,,הצפירה'' און געוואויער ווערען וואָס עס טוט זיך עפּעס אויף דער אידישער וועלט. ווען איך האָב זיך צוגעכאַפּט צו אַ ,,הצפירה'', האָט מיך אַזש אַנגענומען אַ חשק צו זיין איינער פון איהרע מיטאַרבייטער, כאָטש אין בית המדרש איז די ,,הצפירה'' נאָך געווען אַ האַלב טריפה׳ער אַרטיקעל פאַר די בית המדרש בחורים. איך האָב מיר דאַן זיך ניט פאַרגעשטעלט אַז איך וועל אמאַל זיין אַן אייגענטימער פון אַ אידישער ציילונג, אָבער מיין חשק דערצו האָט געטליעט אין מיר נאָך פון קינדווייז אָן. און אפשר האָט דאָס געבראַכט דערצו, דאָס זייענדיג בלויז 7 יאָהר אין מאָנט־רעאַל, האָב איך שוין אָנגעהויבען אַרויסגעבען אַ טעגליכע אידישע ציילונג.

אָבער וועגען דעם, אין די שפּעטערדיגע קאַפּיטלאַך, ווען איך וועל שוין האַלטען ביי מאָנטרעאַל.

פערטער קאַפּיטעל

די שבתים און ימים טובים

אויסער בעלי מלאכות און סוחרים, איז ביי אונז אין שטעטעל אויך געווען אַ היבש ביסעל אידען, וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען גאַנצע טעג מיט די הענט פון היני־טען אָדער אַריינגעשטעקט אין די אַרבעל, און בלויז געוואַרט פאַר דעם מיטוואָך, דעם טאָג פון יאַריד, ווען זיי האָבען געהאָפט צו קענען כאַפּען אַ פאַרדינסטעל, קויפען אַ זעקעל תבואה פון אַ פּויער, אָדער עטליכע עופות, אַ זעקעל קאַרטאָפעל. פון די עטליכע גראָשען ריוח האָט מען זיך געשפּייזט די גאַנצע וואָך. עס זיינען אָבער געווען אַנדערע אידען, וואָס האָבען ניט געוואַרט ביז מיטוואָך, ווען דער פּויער וועט קומען אין שטאָט אַריין, נאָר זיי זיינען די גאַנצע וואָך אַרומגעלאָפען אין די דערפער צווישען די פּויערים, געקויפט אַ קעלבעל אָדער אַ פעלכעל, אָפּטמאָל עס אויסטוישען פאַר אַ שטיקעל סחורה אויף אַ קלייד אָדער אויף אַ פּאָר הויזען און אַזוי האָבען זיי אויסגעשמייעט די גאַנצע וואָך אין די דערפער און אָפּגעקומען מיט אַ טרוקען שטיקעל ברויט ביז פרייטאָג, ווען זיי זיינען אַהיים געקומען באַ־געגענען דעם שבת. ס'איז געווען טאַקע ווי דאָס באַרימטע ווערטעל ביי היינע'ן: „אַ גאַנצע וואָך אַ הונט, שבת — אַ פּרינץ". די וואָך איז באמת געווען אַ הינ־טישע, ווייל מ'איז געלאָפען אין די גרעסטע קעלטען און שנייען כאַפּען אַ ביינדעל אָבער אַז עס איז געקומען דער שבת און יום טוב איז דער איד פאַרוואַנדעלט גע־וואָרען אין אַ גייסטיגען בן־מלך.

צווישען די אַרומגעהער האָבען זיך אויך געפונען בעלי מלאכות, וואָס זיינען פאַרשוואַרצט געוואָרען די גאַנצע וואָך אין די דערפער צו אויפנייען ערגעץ ביי אַ פּויער אַ „סערמינגע" — אַזאַ אויבער־מלבוש — אָדער אַ שוסטער וואָס האָט פאַרריכט אַ פּאָר פּויערישע שטיוועל אָדער אַ פּויערטעס שיך און פרייטאָג אַהיים געקומען אָנגעלאָדען מיט אַביסעל קאַרטאָפעל, אַ הינדעל, אָדער אַנדערע שפּייזען און איז אויך געווען אַ פּרינץ ביז זונטאָג פריה.

אָט די אַלע דאָרפס־סוחרים האָט מען גערופען „לויפערס" וואָס האָט פּשוט געמיינט, אַז זיי לויפען אַרום אין די דערפער די גאַנצע וואָכען. דערפאַר, אַז עס איז געקומען דער הייליגער שבת, איז געווען אַ מחיה. ווער קען דען היינט דאָ וויסען אַזאַ טעם פון שבת, ווי מ'האָט דאָרט געוואוסט און טאַקע געשפּירט אין אַלע רמ"ח אברים און שס"ה גידים.

פרייטאָג, ווי מ'האָט נאָר דערהערט דעם „פייפער" פון שוויץ־באָד, האָט מען געקענט זעהן די זעלבע „לויפער" ווי זיי לויפען אַלע זיך אויספּאַרען לכבוד

שבת. אייניגע האָבען מיטגעטראָגען זייערע אייגענע „שעפּעלאַד" מיט בעזימלאַך, אַנדערע האָבען עס געקראָגען פאַר אַ קאָפּיקע אין שוויץ־באָד. מ'האָט זיך געפּאַ־רעט אויף די הויכע בענק און זיך ממש מחיה געווען. האָט איהר ווען געהערט ווי אידען קרעכצען פון פאַרגעניגען? יאָ, פאַראַן אַזאַ פאַרגעניגען וואָס מ'קרעכצט אַביסעל צו, ווען איינער דעם אַנדערען שמייסט מיט דעם בעזימל. נאָכ'ן שמייסען איז מען אַרויסגעקומען אַ געלייטערטער מקבל זיין דעם הייליגען שבת.

אהיים קומענדיג פון מרחץ פאַרזוכט מען אַביסעל מעערן־צימעס, אַנדערע אַ שטיקעל פיש, אויב זיי האָבען עס געהאַט, און מיט פּאות און בערד נאָך ניט אויסגעטריקענט, לאָזט מען זיך אין שוהל אָדער אין בית המדרש מקבל שבת זיין.

קומענדיג פון שוהל מאַכט מען קידוש איבער אַביסעל ראָזשינקעס וויין. דער טיש איז געדעקט מיט אַלעם גוטען (אַ כפרה אפילו דער ברייטער „דינער" אין מאַנטעפיאָרע קלוב!) און אַזוי באַגריסט מען דעם שבת פּשוט אין נחת.

שבת גאַנץ פריה, לויפען אַ טייל זיך טובל זיין אין מקוה. דאָס דאַווענען איז פול מיט חדוה — אַ גייסטיגער פאַרגעניגען. נאָכ'ן דאַווענען נעהמט מען זיך צו דער שבת'דיגער סעודה, וואָס באַשטעהט פון פיש, צעריבענע רעטאַך געמישט מיט ציבעלעס און שמאַלץ, אָדער „פּעטשאַ" פון אַ „פיסנאַגע" . . . דאַן קומט דער פיינער טשאָלענט מיט'ן קוגעל און טאַקע קאָמפּאָט אויך. אין מיטען און נאָך דעם אַלעמען זינגט מען זמירות און מען פּאַטשט צו מיט די הענט און דערביי וואַרפט מען אַריין אַ לויב־געזאַנג אויף פּראָסט אידיש: „כ'דאַנק דיר, טאַטע זיסער!"

נאָך דער סעודת שבת קומט דער תענוג פון שבת'דיגען שלאָף. אוי, אַ תענוג! וואויל איז די וואָס האָבען עס פאַרזוכט!...

נאָכ'ן שלאָפען געהט מען אַוועק אין בית המדרש אַריין הערען „חדשות" (נייעס), אַריינקוקענדיג אין אַ ספר אָדער פּשוט זאָגען תהלים. שוסטער און שניי־דער האָבען געהאַט זייערע חברות, וואו אַ רבי האָט מיט זיי געלערענט די סדרה פון דער וואָך, אום זומער אויך פּרקי אבות. די חסידים געהען אַוועק אין זייערע קלויזען פּראַווען שלש סעודות און דערציילען נסים פון דעם רבי'ן. מ'האָט גע־זונגען און זיך דערציילט מעשיות ביז דער שבת האָט זיך אָפּגערוקט. אין הימעל האָט מען שוין אויסגעשריען: „שובו רשעים לשאולה!" — רשעים, געהט צוריק אין גיהנום! דאַן איז שוין אויך דאָס לעבען ביי די שבתדיגע אידען איבערגע־גאַנגען פון אַ גייסטיגען גן־עדן צו אַ וואָכעדיגען גיהנום. אויס פּרינצען און ווייטער שקלאַפען!

דאָס זעלבע האָט פּאַסירט אין אַלע ימים טובים. ווער געדענקט דאָס ניט פון זיין שטעטעל (ווייל מסתמא האָט דאָס זעלבע פּאַסירט ניט נאָר ביי אונז, נאָר אויך אין אַנדערע שטעטלאַך) ווען מ'האָט אין ראש חודש אלול געגעבען די ערשטע וואָרנונג דורכ'ן שופר: „אידען, עס איז אלול, מ'דאַרף תשובה טאָן!" און גאַנצע מחנות מענער און פרויען האָבען זיך געצויגען צום בית עולם בעטען אַ גוט יאָהר

דורך דער שליחות פון די פארשטארבענע עלטערן אדער ביי די קברים פון רבנים. און וואס א טאג נעהענטער צו ראש השנה, איז די אימה פאר׳ן יום הדין געווארען אלץ גרעסער. מ׳האט מורא געהאט פאר נייע גזירות, פאר דעם שווערען ווינטער, פאר דעם מאן וואס הוסט אונטער, פאר די קינדער וואס האבען ניט קיין וואלענע קליידער פאר׳ן ווינטער, פאר די ווענט פון הויז, וואס מ׳קען שוין דורכזעהן די זון דורך די שפאלטען. אט די מורא האט אויך אנגעריהרט אפילו די נגידים, צו וועלכע מ׳איז געקומען נעהמען נדבות. פריינד זיינען געקומען בעטען גמילות חסדים.

אבער דער יום טוב האט געמאכט פארגעסען די צרות פון פרט און די צרות פון כלל. ווען אונזער חזן אין בית המדרש האט אנגעהויבען דעם „הנני״, האט זיך געלאזט הערען א געוויין סיי פון די קינדער און סיי פון דער ווייבערשער שוהל. היינט ווען עס איז געקומען צום „ונתנה תוקף״, האט פשוט געריגענט מיט טרעהרען. און גלייך נאכ׳ן דאווענען איז מען ניט געלאפען אהיים, נאר תיכף געדאווענט מנחה און דאן אהיים געקומען און געפראוועט די סעודת יום טוב.

כמעט יעדער איד האט ביי אונז געהאט אורחים אדער געסט וואס זיינען געקומען פון די דערפער אין שטאט אריין פאר ראש השנה און יום כפור. דעריבער האט אין שטעטעל דאן ניט געפעלט קיין פרנסה. דער דארפסמאן האט מיטגע־בראכט פון אלעם גוטען: היהנער אויף כפרות, שמאלץ, אייער, גרינצייג. עס האט דאן ניט געפעהלט אין שטעטעל קיין זאך. אזוי אז די „לויפער״ האבען זיך פארנומען צו בלייבען אין שטאט איבער די עשרת ימי תשובה און איבער דעם יום טוב סוכות. די אמת׳ע צרות האבען זיך אנגעהויבען נאך דעם לוסטיגען שמחת תורה ווען מ׳האט ווידער געדארפט זוכען פרנסה. אבער מ׳האט געלעבט, חתונה געמאכט קינדער, הנאה געהאט פון גאט׳ס תורה און פון אלץ וואס איז געווען פארבונדען מיט׳ן איינגעשטעלטען גייסטיגען לעבען און ביים סוף פון די באַ־ שערטע יאהרען איבערגעלאזט דאס זעלבע שטייגער לעבען צו די קינדער.

אבער די צייט איז אפילו דארט אויך ניט געשטאנען אויף אן ארט. ביי דער יונגווארג האט אנגעהויבען צו טליהען א נייער געדאנק. זיי האבען עפעס דערשפירט אזא שלאג־ווארט וואס רופט זיך „פרייהייט״ און די פעהיגע האבען זיך אוועקגע־לאזט אין די גרויסע שטעט ווי ווארשע און לאדז, אנדערע האבען גאר געטראכט פון ענגלאנד און אמעריקע. אט די קינדער האבען שוין אנגעהויבען פון צייט צו צייט שיקען עטליכע רובל די עלטערן און קומען אויף א יום טוב אנגעטאן „לייטיש״ און אנגעהויבען רעדען מיט אזעלכע פרעמדע ווערטער ווי סאציאליזם, פרייהייט. דאס האט געמאכט אביסעל אן איבערקערעניש אין אידישע הייזער.

מיין פאטער ע״ה איז געווען קראנק שוין פון יאהרען און איך אלס יונגער אינגעל האב געדארפט טאן זיין ארבייט: איינשרייבען אין די ביכער די טויטע און די נייע געבוירענע, לויפען אין מאגיסטראט יעדען טאג, אזוי אז דאס לערנען

איז שוין געווען אַ זייטיגע זאַך. דאַן איז דער פאָטער געשטאָרבען און איך בין געבליבען מיט דער מוטער, די אלמנה. מיינע ברידער זיינען געווען אין די גרויסע שטעט, אַ חוץ מיין עלטערען ברודער, וועלכער איז געווען אין דער היים און האָט זיך גערעכענט צווישען די גבירים. האָב איך גלייך באַשלאָסען צו פאַרלאָזען מיין שטעטעל און אַוועקפאָהרען קיין וואַרשע פאַר אַ תכלית.

איידער איך געה איבער פון מיין שטעטעל, מוז איך זאָגען עטליכע ווערטער וועגען מיין פאָטער ע״ה. כאָטש איך וויל מיינע זכרונות האַלטען אומפּאַרטייאיש און וועניג אין זינען האָבען זיך אָדער אימיצען פון מיין פאַמיליע, דאָך ווילט זיך ניט פאַרלאָזען מיין שטעטעל מיט איהרע טיפען, וועלכע איך האָב שוין געשילדערט און אויסלאָזען דעם תלמיד חכם, וואָס איז צופעליג געווען מיין פאָטער, וועמען איך האָב צו פאַרדאַנקען דאָס ביסעל תורה און אפשר אויך דעם זשורנאַליסטישען חוש, וואָס איך באַזיץ כאָטש אפשר אין אַ קליינער מאָס, אָבער דאָך, בעסער ווי גאַרנישט.

אין די יונגע יאָהרען איז מיין פאָטער געווען אַ חסיד און פלעגט פאָהרען צום ראַפּשיצער רבי׳ן ר׳ בער. עס הייסט, עס זאָגט זיך נאָר אַזוי פאָהרען, ווייל אין דער אמת׳ן, לויט דער פאָטער ע״ה האָט דערציילט, איז מען דאַן ניט געפאָהרען צום רבי׳ן, נאָר מ׳איז געגאַנגען צופוס. און אַז מ׳איז שוין צו מזל אָנגעקומען, איז איידער מ׳האָט אָנגעריהרט די קליאַמקע פון רבינ׳ס חדר האָט מען חוזר בתשובה געווען. מ׳האָט פשוט געציטערט פאַר׳ן רבי׳ן, וועלכער האָט מסתמא געוואוסט אַלע נסתרות פון יעדען פון זיינע חסידים.

מיין פאָטער איז געווען אַ ראַדישיצער חסיד, ווייל מיין מוטער ע״ה האָט זיך גערעכענט צו דער משפחה פון דער ראַדישיצער גזע.

נאָך אַן אורזאַכע פאַר זיין געהן צופוס צום רבי׳ן איז מסתמא געווען דאָס, וואָס ער איז, לא עלינו, געווען אַן אָרעמאַן וואָס האָט זיך ניט געקענט ערלויבען די הוצאות הדרך. ווי מ׳האָט מיר דערצעהלט, האָט מיין פאָטער חתונה געהאָט אָהן נדן, ווייל מיין מוטער איז געווען אַ יחסנ׳ישע טאָכטער און דער יחוס איז גערעכענט געוואָרען פאַר נדן. נאָך דער חתונה האָט ער אָנגעהויבען לערנען מיט עטליכע דערוואַקסענע בחורים, נאָר אַזוי ווי ער האָט אויך געקענט גוט העברעאיש און דערצו אַביסעל רוסיש, איז דאָס ניט געווען פון די מעלות צום לערנען מיט חסידישע בחורים, לויט די באַגריפען פון די דאַמאָלסדיגע חסידים. ער איז אויך געווען אַ גוטער בעל תפילה און ימים נוראים פלעגט מען איהם אַרויסרופען צו זיין דער שליח צבור פאַר די אידען פון עטליכע דערפער וואָס פלעגען זיך צוזאַמענקומען צו אַ מנין. די דאָרפס־אידען האָבען איהם צוגערעדט ער זאָל זיך דאָרט באַזעצען און לערנען מיט זייערע קינדער. צום רבי׳ן האָט ער געקענט פאָהרען אָדער געהן אין מיטען יאָהר, אָבער ניט אויף קיין יום טובים, ווייל דאַמאָלט האָט ער געמוזט זיין דער בעל תפילה פון דאָרפישען מנין.

אט אין דעם דארף ביז איך עס געבוירענע געווארען. ווען מיינע עלטערען זענען שוין געווען אריבער די פופציגער. ווען איך בין אלט געווארען צוויי יאהר איז מיין פאטער אויפגענומען געווארען אין שטאט פאר דעם קאזיאנעם רב. עס הייסט, ווי שוין פריהער געזאגט, דעם נאמען פון קאזיאנעם רב האט ער ניט געקראגען, אבער מען האט איהם דערפאר גערופען „דער מאגיסטראט שמש", כאטש ער האט געטאן אלעס וואס איז נוגע דעם געביט פון א קאזיאנעם רב. א טייל פון זיינע שכירות איז אפילו באצאלט געווארען פון דער גובערניע — ארום 100 גילדען א חודש, וואס מאכט אויס ארום זיבען א האלב דאלאר לויט דער דאמאלסדיגער וואליוטע און דאס איבעריגע, מסתמא אן עהנליכע סומע, פלעגט איהם אריינפאלען פון פארשרייבען געבורטען, ארויסגעבען אקטען צו א חתונה און נאך עהנליכע איינקונפטען. דעם „דזשאב" האט ער געקראגען, ערשטענס דערפאר, וואס ער איז געווען א תלמיד חכם, צווייטענס, ווייל ער האט געקענט אביסעל פויליש און אביסעל רוסיש און דריטענס, ווייל דער דאזאר איז געווען זיין יוגענט־פריינט. זיי האבעןביידע געלערנט אין א ישיבה און ביידע געהונגערט צוזאמען. אבער יענער האט זיך ארויפגעארבייט און געדיינקט אין דעם יוגענט־פריינט און איהם געהאלפען קריגען אט די פרנסה.

די לעצטע יאהרען האט מיין פאטער ע"ה אויפגעהערט פאהרען צום רבי'ן. יעדען מאל וואס מ'האט איהם געפרעגט וועגען דער סיבה דערפון, האט ער געזוכט זיך ארויסצודרייען.

איין מאל זיצענדיג שבת מיט'ן פאטער און לערנענדיג מדרש (אזוי איז געווען דער סדר: א גאנצע וואך האב איך געלערנט, אדער געדארפט לערנען אין בית־המדרש, נאר שבת נאכ'ן שלאף האט דער פאטער מיט מיר געלערנט מדרש) האב איך איהם פלוצלונג געגעבען א פרעג: „טאטע, הלמאי ביסטו יונגערהייט געפארען אדער געגאנגען צופוס צום רבי'ן ר' בער, און היינט, ווען דו וואלסט זיך געקענט ערלויבען צו פאהרען, ביסטו גאר קאלט געווארען און פאהרסט מעהר ניט?"

זיין ענטפער איז געווען: „ווייסטו, מיין קינד, אז פון אזעלכע זאכען איז פיל גלייכער, אז מ'רעדט נישט, כדי מ'זאל זיך נישט באנארישען", און ער האט פארטגעזעצט מיט א משל „עס טרעפט אפטמאל אויף א שמחה, ווען עס פעהלט אויס אביסעל שנאפס, נעהמט אימיצער, א ליץ אזא און גיסט אן א פלעשעל מיט וואסער און קומט צום טיש און פרעגט: „ווער וויל א שנאפס?" דער ערשטער דערלאנגט זיין גלעזעל און דער ליץ גיסט איהם אן א גלעזעל וואסער. דאן, אויב דער אפגענארטער איז קלוג, פארזוכט ער, און ווען ער זעהט אז עס איז וואסער, שרייט ער אויס „לחיים" און טרינקט אויס דאס וואסער און לעגט נאך צו: „אה, א וואוילער שנאפס!" טרעפט אבער דער ליץ אן אויף א נאר, איז קוים פארזוכט ער נאר, שרייט ער אויס: „פע, ס'איז דאך וואסער!" פארשטעהסטו — זאגט ווייטער מיין פאטער — דער חכם שלינגט ארונטער און מאכט זיך ניט

וויסענדיג, בעת דער נאַר שרייט: „עס איז וואַסער!'' ווען איך בין געגאַנגען צום הייליגען רבי'ן ר' בער, האָב איך געוואוסט, אַז ער איז אַ צדיק, אָבער די היינטיגע רבנים זענען מעהרסטענס וואַסער. איך וויל אָבער ניט זיין דער נאַר צו שרייען: „עס איז וואַסער'', און שלינג בעסער אַרונטער וואָס יענער דער־צעהלט מיר. אָבער טרינקען וואַסער, ווען איך ווייס שוין אַז עס איז וואַסער — דאָס טו איך ניט אין דער צייט וואָס איך האַלט ביי אַ שנאַפּס'' . . .

טראָץ דעם שטילען „רעוואָלט'' פון מיין פאָטער געגען די „היינטיגע'' (ס'הייסט דאַמאָלסדיגע) רביים, האָבען פאַר איהם דרך ארץ געהאַט ניט נאַר די איינפאַכע בעלי בתים, נאָר אפילו די פאַרברענטע חסידים. און אַז מ'האָט דעם רבי'ן ר' צמח אַפּגעשיקט קיין וואַרשע אין משוגעים הויז, איז דאַן געקומען צו אונז אַ רבי פון פשיטיק און האָט זיך ביי אונז באַזעצט. אַזוי ווי ער איז אָנגע־קומען, איז מיין פאָטער צו איהם געקומען מקבל פנים זיין און איהם מאַכען די לעגאַלע פאַפּירען איבערבייטען זיין וואוינונג און איהם איינמעלדען אַלס שיד־לאָווצער תושב. דער רבי האָט איהם דאַן פאַרבעטען ער זאָל צו איהם אַרויפקומען נאָך אַמאָל, אָבער מיין פאָטער האָט געענטפערט: „יאָ, ווען איהר וועט זיך דאַר־פען אויסמעלדען פאַר אַן אַנדער שטאָט וועל איך ווייטער פאַר אייך מאַכען די נויטיגע פאַפּירען'' . . .

מילא, דער רבי האָט דאָס אָנגענומען פאַר אַ שפּאַס, אָבער זיינע חסידים האָבען שטאַרק מתרעם געווען. די תרעומה איז שוין געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז איינער האָט שוין געזאָגט: „איהר האָט שוין געזעהן, אַז אַ קאַזיאָנער רב (ניט מאַגיסט־ראַט שמש'') זאָל האָבען דרך ארץ פאַר אַ חסידישען רבי?''

און דערמיט האָט זיך עס געענדיגט.

מיין פאָטער איז כל ימיו געווען אַ שוואַכער אין געזונט, און אויף דער עלטער איז ער געלעגען צו בעט אַלע ווינטער. גלייך נאָך מיין בר מצוה האָב איך שוין געפיהרט פאַר איהם די גאַנצע אַרבייט. ווען מיין פאָטער איז נפטר געוואָרען בין איך נאָך ניט געווען קיין פולע 15 יאָהר אַלט, האָב איך דאַן פאַרלאָזט מיין שטעטעל, איבערגעלאָזט מיין מוטער צו דער אויפזיכט פון מיין עלטסטען ברודער, וועלכער געפינט זיך איצט אין ארץ ישראל, און אוועקגעפאָהרען קיין וואַרשע.

פינפטער קאפיטעל

עטליכע אויסנאַמס טיפּען

איידער איך פאַרלאָז די זכרונות פון מיין שטעטעל, וויל איך שילדערן נאָך עטליכע טיפּען איהרע.

דאָס שטעטעל איז ניט קיין אויסנאַהם פון אנדערע קליינע שטעטלאך אין פוילען, וועלכע האָבען געהאַט פאַרשידענע טיפּען אידען. יעדער שטאָט האָט זיך געהאַט איהרע עקסטרעמען זעהר פרומע אידען וואָס האָבען ניט געוואוסט קיין צורת מטבע, און אידען גנבים, וואָס האָבען אפשר זיך גענומען צו דער פּראָ־פעסיע צוליב נויט און אָרעמקייט.

אזוי, למשל, האָבען מיר געהאַט א טיפּ איד, וועמען מ'האָט גערופען שמחה'לע גנב. אָט דער שמחה'לע איז געווען אַ איד שוין אין די זעכציגער, ווען איך האָב איהם געקענט. ער פלעגט זיצען גאַנצע טעג אין בית המדרש, געזאָגט תהלים און געלערנט די סדרה חומש. ער איז געווען ביי יעדען מנין און אָפּגעהיט צו זאָגען „ברוך הוא וברוך שמו, אמן". שבת האָט ער געטראָגען אַן אַטלעסענע זשופּעצע.

פּונקט ווי ער האָט פאַרבראַכט די טעג אין בית המדרש, אזוי האָט ער פאַר־בראַכט די נעכט אין גנב'ענען . . . פּשוט אויפגעבראָכען שלעסער, אין וועלכער אַרבייט מען האָט איהם געהאַלטען פאַר א ווירקליכען קינסטלער. אויב איהם איז אַביסעל געגאַנגען שלעכט אין שטאָט האָט ער זיין אַרבייט פּרובירט אין די דערפער. ער איז עטליכע מאָל געזעסען אין אַסטראָג (פּריזאָן), אַבער ווי ער איז נאָר באַפרייט געוואָרען, האָט ער זיך גלייך צוריקגענומען צו זיין שטענדיגען סדר, בייטאָג אין בית המדרש און ביינאַכט א גנב.

אַז מ'האָט געפרעגט שמחה'ן: „ס'טייטש, איהר זענט דאָך עפּעס אַ פרומער איד, וואָס זשע פאַרנעהמט איהר זיך מיט גנבה?" האָט ער גלייכגילטיג געענט־פערט: „אַנו, אדרבא, ווער האָט עפּעס אַ בעסערע פּרנסה פאַר מיר? דער רבונו של עולם — האָט ער גע'טענה'ט — שרייבט דאָך אַז יעדען אידען אום ראש־השנה ווער עס זאָל פאַרדינען און ווער עס זאָל פאַרלירען, איז מסתמא שרייבט ער מיר אַז, אַז איך זאָל פאַרדינען מיין פּרנסה פון יענע וואָס דאַרפען פאַרלירען, טו איך דאָך נאָר די הימלישע שליחות!" . . .

אָט דער מאָדנער טיפּ איז טאַקע געשטאָרבען זיצענדיג אין אַסטראָג, און מ'זאָגט, אַז ער איז דאַן שוין געווען ניט ווייט פון די זיבעציגער יאָהרען.

ווי געזאָגט, האָבען מיר דאָרט געהאַט אידען וואָס זענען כסדר געזעסען על

התורה ועל עבודה און זיך באַנוגענט מיט דעם וואָס דאָס ווייב האָט אַביסעל צוגע־האַנדעלט און זיי מפרנס געווען.

אַזוי האָט זיך ביי אונז געפונען אַ טיפּ וואָס מ׳האָט איהם גערופען ר׳ קלמן. ער האָט געלעבט פון דער ווייב׳ס פּרנסה און האָט אַוועקגעגעבען זיין גאַנצע צייט פאַר העלפען אָרימע און נויטליידענדע.

גלייך נאָכ׳ן דאַווענען פלעגט ער אַנהויבען קלייבען נדבות. אַזוי האָט ער געקליבען דעם גאַנצען טאָג און אין אָוונט האָט ער אויסגעטיילט.

אָבער ר׳ קלמן פלעגט האָבען אַ מנהג דאָס די ערשטע צוויי קאָפּיקעס, וועלכע ער פלעגט קריגען פאַר צדקה, פלעגט ער אויסגעבען אויף אַ „לחיים״ איבער אַ גלעזעלע שנאַפּס. עס איז ניט געווען קיין סוד, אַז דעם שנאַפּס טרינקט ער פאַר צדקה־געלט.

אַז מ׳האָט איהם געפרעגט: „סטייטש, ר׳ קלמן, ס׳איז דאָך צדקה־געלט?״ האָט ער געגעבען פאָלגענדען ענטפער: אמת, דאָס איז צדקה־געלט, אָבער איך האָב אַ טעם דערביי, עס הייסט, ניט דעם טעם פון שנאַפּס, נאָר גאָר אַן אַנדער טעם. „איהר פאַרשטעהט״, פלעגט ער זאָגען, „איך קלייב צדקה, און אַלע ווייסען, אַז איך טו ניט קיין אַנדערע געשעפטען, נאָר לעב פון מיין ווייב׳ס פּרנסה, איז די שטאָט מסתמא מיך חושד, אַז איך לעב פון צדקה. טאָ הערט אַ מעשה! איך וויל דאָך העלפען די שטאָט, וועל איך מיט מיין ביסעל אַרבייט פאַר צדקה לאָזען באַשטראָפט ווערען די גאַנצע שטאָט פאַר חושד בכשרים זיין (חושד זיין אַן אומשול־דיגען)? נעהם איך דאַריבער אַרונטער די צוויי קאָפּיקעס און לאָז מען מיך שטראָפען פאַר נהנה זיין פון צדקה, אַבי די גאַנצע שטאָט זאָל ניט געשטראָפט ווערען פאַר חושד בכשרים זיין, וואָס דער עונש דערפאַר איז „לוקין בגופו״, דאָס הייסט מ׳ווערט דערפאַר געשלאָגען קערפּערליך׳.

און אַז איך זעה היינט די אַרבייט פון די היגע פרויען הילפס־פאַראיינען, ווי זיי לויפען אַרום פאַר פאַרשידענע צדקה־אַנשטאַלטען און פאַרקויפען בילעטען פאַר אַ ראַפּעל, פאַר אַ קאָנצערט, פאַר אַ ברידזש, אָט ווען איך זעה דאָס, דערמאָן איך זיך ווייטער אָן אַ פרוי, אַן אַלטיטשקע, חנה׳לע, האָט מען זי גערופען.

אָט די חנה׳לע פלעגט, פּונקט ווי ר׳ קלמן, אויך זיין פאַרנומען דעם גאַנצען טאָג, אָבער ניט מיט קלייבען געלט, נאָר מיט טראָגען טעפּלאָך געקעכץ צו אָרימע פאַמיליעס. אין איהר גרויסער פאַטשיילע וואָס זי פלעגט טראָגען סיי ווינטער און סיי זומער, פלעגען שטענדיג זיין איינגעהילט עטליכע טעפּלאָך מיט געקעכץ. זי פלעגט אַריינגעהן צו אַ בעל־הבית׳טע און נעהמען אַביסעל זופּ פון אַן עוף און עס גלייך אַוועקטראָגען צו אַן אָרימער קימפּעטאָרין, אָדער צו סתם אַן אָרימען קראַנקען אָדער קראַנקער. אַזוי איז זי געגאַנגען — וואָס זאָג איך געגאַנגען, זי האָט פּשוט געשוועבט פון די רייכע הייזער צו די אָרימע — און אַזוי כסדר גענומען טעפּלאָך מיט געקעכץ און עס צוטיילט דאָרט, וואו מ׳האָט עס נויטיג באַדאַרפט.

אז איך וויל פאַרגלייכען דער אַרעמער, פרומער חנה׳לע׳ס אַרבייט מיט דער אַרבייט פון פאַרקויפען „ברידזש׳׳ בילעטען, שטעל איך מיר פאַר צוויי פון די פרויען: חנהלע און פייגע רבקה קלאַפּערין, די ביידע זענען שוין אויפ׳ן עולם האמת און זייער אַרבייט ווערט דאָרט זיכער אָפּגעשאַצט. איך טראַכט, אַז ניט אַכטענדיג אויף דעם וואָס די היגע פרוי טוט דאָך אויך וויכטיגע אַרבייט, דאָך דוכט זיך מיר, אַז יענע אַלטע חנה׳לע פון שידלאָווצע וועט „דאָרט׳׳ זיין אַ גרעסערע יחסנ׳טע כאָטש זי האָט נישט געוואוסט וואָס „ברידזש׳׳ און „מאַה דזשאָנג׳׳ מיינט, און כאָטש זי האָט ניט געשאַפען אַזעלכע גרויסע סומען געלט, נאָר פשוט אַביסעל זופּ מיט אַ שטיקעל עוף אָדער פלייש. איהר צדקה איז ניט געווען אַזוי לייכט און געוויס ניט פאַרבונדען מיט פאַרגעניגען, און ווען איך בין איינער פון די הימלישע שופטים, וואָלט איך חנה׳לען אָפּגעטיילט אַ גרעסער און שעהנער פּלאַץ אין גן־עדן, ווי דער היינטיגער בילעטען־פאַרקויפערין, כאָטש דאָס איז אויך אַ גוטע אַרבייט אונטער די אומשטענדען.

יאָ, אַזעלכע חנה׳לאַך און ר׳ קלמנס האָט מען געזעהן אין די פּוילישע שטעטלאַך אומעטום.

צווישען די אויסנאַמס־טיפּען פון מיין שטעטעל האָט זיך אויך געפונען איהר זעהר אָריגינעלער שטאָט־משוגענער.

יעדעס שטעטעל האָט זיך איהר אייגענעם משוגענעם, אָבער שידלאָווצע האָט געהאַט אַ משוגענעם בשותפות מיט די אַרומיגע שטעט.

מרדכי האַקע, האָט מען איהם גערופען. אַט דער האַקע איז ניט איינגעזעסען אויף אַן אָרט. ביי אונז געווען עטליכע חדשים, האָט ער אָוועקגעשפּאַצירט אין אַן אַנדער שטעטעל. דאָרט אָפּגעווען עטליכע חדשים איז ער צוריק געקומען קיין שידלאָווצע. האַקע איז געווען באַקאַנט כמעט אין גאַנץ פּוילען, אָבער, פאַרשטעהט זיך, בלויז אין די קליינע שטעטלאַך, ווייל, האָט האַקע, כסדר געזאָגט, ער האָט מורא פאַר די גרויסע שטעט. ער האָט ניט ליב, פלעגט ער זאָגען, צו טרינקען וואַסער וואָס קומט דורך אַן אייזערנער רער, און איבערהויפּט האָט ער ליב געהאַט וואַסער פון אַ קוואַל. אַזוי ווייט, אַז ער פלעגט יעדען טאָג אַרויסשפּאַצירען אַרום זעקס וויאָרסט פון אונזער שטעטעל, אַ טרונק צו טאָן פון דעם קוואַל וואָס האָט זיך דאָרט געפונען. אָבער זומער, אין די גרויסע היצען, פלעגט ער כסדר געהן הין און צוריק, ווייל קוים האָט ער זיך אָנגעטרונקען און אָפּגעגאַנגען עטליכע וויאָרסט, איז ער ווייטער דורשטיג געוואָרען און צוריק געגאַנגען צו דעם קוואַל, און אַזוי איז ער דעם גאַנצען טאָג געגאַנגען הין און צוריק צו שטילען זיין דורשט מיט קוואַל־וואַסער.

געגעסען האָט ער די איבערבלייבאַכצען אין די הייזער, און טאַמער האָט איהם אימיצער געגעבען אַ גאַנצען מלבוש, האָט ער איהם אויפ׳ן צווייטען טאָג געטראָפען מיט שטיקער אַרונטערגעהאַנגענע פון דעם מלבוש. האַקע האָט ניט

פּאַרטראַגען אַ גאַנץ מלבוש, דאָס פּאַסט פאַר וואַרשע, האָט ער געזאָגט, און אַזוי ווי ער האָט פיינט וואַרשע, מוז ער מאַכען ערגעץ אַ ריס אין דעם מלבוש, און די קונדסים האָבען שוין פון דעם איינעם ריס געמאַכט מעהר ריסען.

האַקע איז אַרומגעלאָפען אין גאַס און אויסגעזונגען אַלע חזנישע שטיקלאַך, און אַ גוטע שטימע האָט ער געהאַט. און ווען ער איז צוריקגעקומען פון זיינער אַ וואַנדערונג, האָט ער געבראַכט נייע חזנישע ניגונים. ער פלעגט אָפטמאָל זיי אויסזינגען אויפ׳ן הויכען קול אין מיטען נאַכט אין שוהל־הויף.

נאַר איינמאָל, אין צייט פון אַ מגפה ר״ל האָט מען האַקע׳ן חתונה געמאַכט אויפ׳ן בית עולם מיט אַ משוגענער מיידעל. דאָס גאַנצע שטעטעל איז דאַמאָלט געווען אויפ׳ן בית עולם, דאָס האָט געזאָלט זיין אַ סגולה געגען דער מגפה, אָבער גלייך נאָך דער מגפה האָט זיך האַקע אַוועקגעלאָזט אויף זיין שפּאַציר און איבער־געלאָזט אַן עגונה פאַר זעקס חדשים, און די עגונה איז אונטער דער צייט געש־שטאָרבען. מ׳זאָגט אַז פון בענקעניש . . .

אַז דאָס ווייב איז דאָך געשטאָרבען, ווייל ער האָט זי פאַרלאָזט ? איז גלויבט ער גאַרנישט אַז זי איז געשטאָרבען . . .

„משוגע, אָבער ניט פאַר זיך״, פלעגט מען אויף איהם זאָגען.

זעקסטער קאפיטעל

ווארשע, א נייע וועלט פאר מיר

איהר געדענקט מסתמא, אז אין אנפאנג פון מיינע זכרונות האב איך ערקלערט, אז איך האב זיי אנגעהויבען שרייבען זייענדיג אין מיאמי, וואו די היץ ברענט אין מיטען ווינטער, אבער ביים אנהויבען צו דערציילען מיינע זכרונות וועגען ווארשע, געפין איך זיך שוין אין מאנטרעאל דעם צווייטען ווינטער, וואו עס איז קאלט, און פאהרען קיין פלארידא גלוסט זיך שוין ניט. ווי קען מען פאהרען זיך ווארימען אין א צייט ווען מיליאנען פון אונזערע ברידער געהען אפ מיט בלוט, ווערען פשוט אויסגעשאכטען ווי די שאף דורך דעם רשע היטלער מיט זיינע בלוט־הינט! ווען מען טראכט פון דעם אלעמען קען מען פשוט משוגע ווערען. ווי קען איצט ליגען אין זינען אייגענע באקוועמליכקייטען?

זיץ איך איצט ביי מיר אין הויז און טראכט פון די שרעקליכע פאסירונגען פון דער בלוטיגער געגענווארט, אבער איך נעהם זיך ווייטער אנגעהן מיט מיינע זכרונות, טראכטען פון דעם וואס איז געווען אמאל, כדי אביסעל צו פארגעסען דעם שרעקליכען היינט. איך טו עס לויט דעם ראט פון מיין דאקטאר און מיינע פריינט, און הויב אן זיך ערינערען וועגען מיין אנקומען אין דער אמאליגער גרויסער שטאט ווארשע. דאס איז שוין א געשיכטע פון איבער א האלבען יארהונדערט.

עס האט גענומען א שטיקעל צייט פון גלגולים ביז איך האב אויסגעקליבען דאס ווייך־געשעפט אלס מיין תכלית און איך האב אין דעם געשעפט האסטיג געלערענט אלע מאכינאציעס און געשמאקען פון ווייגען וואס קומען פון אלע לענדער און אויסגעלערענט זיך נאכמאכען און מאנאפאלירען אלע סארטען וויין.

אבער עס האט זיך מיר שטענדיג געבענקט נאך מיין קליין שטעטעלדיגער סביבה, איבערהויפט נאך די שבתים און ימים טובים און נאך דעם גייסטיגען לעבען אין דעם ארימען קליינעם שטעטעל שידלאווצע.

איך בין אבער ניט געווען דער איינציגער מיט אזא בענקשאפט. איך האב גלייך אנגעטראפען פילע פון מיינס גלייכען, וועלכע די טעאטערס, די קאווארנעס און אנדערע הולטייאישע פארגעניגענס האבען ניט צוגעצויגען, און מיר האבען אויסגעפונען אז אויף דער שמאלעוויט גאס נומער 7 געפינט זיך א שוהל וואס רופט זיך „חברה לומדי תורה“ און וואוהין יונגעלייט, וואס זיינען די גאנצע וואך פארנומען מיט זייערע באשעפטיגונגען, קומען אלע אווענט דארט פארברענגען. מ׳לערענט א בלאט גמרא, אנדערע לערנען חומש, רש״י, און אויף דעם זיינען פאראן צוויי רבנים, טאקע ברידער, וואס איינער לערענט מיט׳ן עולם גמרא און

דער אַנדערער לערענט תנ״ך מיט שלחן ערוך. דער שבת אדער יום טוב איז געווידמעט פאַר גייסטיגע ענינים. איך בין דאָרט גלייך געוואָרען אַ מיטגליד און פאַרבראַכט מיין גאַנצע צייט אין דער „חברה לומדי תורה״.

די לעגיטימאַציע, אדער ווי מ׳זאָגט דאָ, דער „טשאַרטער״, איז בלויז געווען פאַר אַ שוהל, און דעריבער ווען מ׳האָט געזעהן דורכ׳ן פּענסטער אַז פּאָליציי קומט אַן, האָט דער גאַנצער עולם זיך אָוועקגעשטעלט און אָנגעהויבען זאָגען אַ קאַפּיטעל תהילים, כדי עס זאָל ניט הייסען אַז מ׳לערענט, נאָר מ׳דאַווענט, ווייל לערנען איז ניט געווען אין אונזער „טשאַרטער״... פון אָט דער „חברה לומדי תורה״ האָב איך אויך אייניגע אינצידענטען, וואָס זיינען ווערט פאַרצייכענט צו ווערען.

דער חפץ חיים זצ״ל, ווען ער איז געקומען קיין וואַרשע וועגען דרוקען זיינע ספרים, פלעגט זיין אויף סטאַנציע ביי איינעם פון אונזערע רבנים וועלכע האָבען טאַקע געוואוינט אויפ׳ן זעלבען הויף פון אונזער שוהל. און ממילא האָט דער חפץ חיים מיט אונז אויך געדאַווענט צוזאַמען.

אין וואַרשע פלעגט געשפּילט ווערען אַ רעגירונגס לאָטעריי אין פינף באַזונדערע קלאַסען, און די גרעסטע געווינער פלעגען אַרויסנעהמען ביי דעם פינפטען קלאַס, וואָס האָט זיך געצויגען בלויז פאַר איין טאָג. האָט דער צעטעל דעם טאָג זכה בגורל געווען, האָט מען געדאַרפט פון געווינס באַצאָלען פאַר די גאַנצע פינף קלאַסען; האָט אָבער דער צעטעל דעם טאָג ניט געוואונען, האָט מען איהם געדאַרפט אומקעהרען צו דעם „קאָלעקטאָר״. אַזוי האָט מען גערופען די אידען וואָס האָבען געהאַנדעלט מיט די צעטלען.

איינמאָל איז דער „קאָלעקטאָר״ אַריינגעקומען אין אַ פריהמאָרגען צום דאַווענען מיט זיינע טאָג־צעטלען, האָבען מיר, עטליכע חברה, זיך מיישב געווען צו קויפען אַ צעטעל פאַר׳ן טאָג און פּרובירען צו נעהמען דעם חפץ חיים פאַר אַ שותף. מיר זיינען צו איהם צוגעגאַנגען און געבעטען אַז ער זאָל זיין אַ שותף. האָט דער חפץ חיים זצ״ל געזאָגט: „וואָס ווילט איהר פון מיר, איך זוך דאָך ניט צו געווינען״. דאָך האָבען מיר פון איהם געקראָגען צוואַנציג קאָפּיקעס אַלס אַ שותף. אין אָווענט האָבען מיר אויסגעפונען אַז דער נומער איז ניט אַרויסגעקומען. האָבען מיר אויפ׳ן צווייטען טאָג ווייטער גענומען דעם צעטעל, און מיט אַנגסטען אַרויסגעקראָגען פופציג קאָפּיקעס פון חפץ חיים אַלס שותף. און דעם דריטען טאָג האָבען מיר ווייטער געוואָלט נעהמען דעם צעטעל, האָט דער חפץ חיים אונז געזאָגט: „לאָזט מיך צורוה, קינדערלאַך, איהר פאַרשפּילט דאָך צוליב מיר, ווייל איך וויל דאָך ניט געווינען. לאָזט מיך צורוה, אפשר וועט איהר יאָ געווינען״ . . .

און מיר האָבען שוין דעם צעטעל ניט גענומען פאַר׳ן טאָג, אָבער אין דעם טאָג האָט דאָס צעטעל געוואונען פינף טויזענט רובל, און דער חפץ חיים ז״ל

האט אונז דאן געזאגט: „זעהט איהר, איך האב דאך אייך געזאגט איהר זאלט מיך צורוה לאזען, וועט דער צעטעל אפשר געווינען״.

נאך אן אינצידענט, טאקע מיט׳ן חפץ חיים. דער רבי פון אונזער חברה האט חתונה געמאכט א טאכטער. נאטירליך זיינען מיר אלע געוועזן אויף דער חתונה און דער חפץ חיים איז אויך געוועזן. דער עולם איז געוועזן זעהר גרויס, אזוי, אז מ׳האט געדארפט שטעלען טישען אין צוויי זאלען, וואו מ׳האט געקענט זעהן פון איין זייט וואס עס טוט זיך אין דעם צווייטען. איז געקומען צום בענטשען און עס איז געוועזן א שאלה צי דארף מען אין יעדען זאל בענטשען באזונדער שבע ברכות, צי ניט. אפילו איך האב געוואוסט דעם דין, אז ווען מ׳זעהט זיך פון איין זאל אין דעם אנדערען, דארף מען ניט מאכען קיין באזונדערע שבע ברכות, און דארט זיינען אויך געוועזן אמת׳ע למדנים, וואס האבען מסתמא געוואוסט דעם דין. אבער ווער וועט וואגען פסק׳ענען ווען דער חפץ חיים איז דא אויפ׳ן ארט? נאר דער חפץ חיים זאגט, אז ער פסק׳ענט ניט פון אויסווענדיג, האט מען געמוזט אוועקשיקען א שליח צום חפץ חיים אויף דער סטאנציע ברענגען זיין ספר משנה ברורה און דארט האט ער נאכגעזוכט דעם דין און האט גע׳פסק׳ענט אז מ׳דארף ניט קיין באזונדערע שבע ברכות. דער צדיק האט דאס געוויזען אלס ביישפיל צו די אנדערע לומדים דארט, מ׳זאל זיך ניט פארלאזען אויפ׳ן זכרון ווען מ׳וויל פוסק זיין א דין, נאר שטענדיג מעין זיין אין ספר, וואו דער דין געפינט זיך.

ווארשע איז דאן געוועזן אן עיר ואם בישראל. כמעט אין יעדען הויף האט זיך געפונען א שוהל, א חברה, א וואלטעטיגער אנשטאלט, און ארעמקייט האט אויך ניט געפעהלט. פון דער אנדער זייט איז ווארשע געוועזן פארפלייצט מיט גנבים און גענגסטערס און טאקע מאחנו בני ישראל, און פונקט ווי איך האב אייך דערציילט פון מיין שטעטעל וועגען א פיהרער פון די גנבים, האט ווארשע אויך געהאט דעם זכות צו האבען א „פיהרער״ לויט עס פאסט פאר אזא גרויסער שטאט. זיין נאמען איז געוועזן חאצקעל שפוגעלגלאס. ער איז געוועזן, ווי מ׳זאגט, דער „רבי״ פון די גנבים און גענגסטער. און טאמער האט די חברה געוואלט פון איינעם געלט, האט מען גאר פשוט זיך צו איהם געווענדעט מיט א „פרעטענציע״ — אזא נאמען האט געהאט דער „רעקעט״ — און מ׳האט איהם געזאגט: „טי מניע אברוגאל״, דו האסט מיך באליידיגט, און דאס קאסט דיך א הונדער טער״. האט עס יענער געגעבען מיט׳ן גוטען ווילען, איז געוועזן אויס „פרעטענציע״, אויב ניט, האט מען איהם געשלאגען ביז האלב טויט, און דעם הונדערטער האט ער שוין געמוזט געבען בלוטיג און וויינענדיג. און פונקט ווי ביי אונז אין שטעטעל האט די פאליציי מורא געהאט פאר די גענגסטערס און האט זיך גע־מאכט ניט וויסענדיג, אזוי איז עס אויך געוועזן אין ווארשע.

אזוי ווי איהר זעהט, איז ווארשע געבענטשט געוועזן מיטביידע עקסטרעמען.

חסידים און לומדים פון איין זייט, און גענגסטערס, גנבים און בתי זונות פון דער צווייטער זייט.

דער גרויסער ווייַן־געשעפט איז וועלכען איך בין געווען באַשעפטיגט, האָט געהאַט דורך דער הינטערטיר אַן אריינגאַנג צום זאַקסישען גאַרטען. און גראָד אין יענעם פּלאַץ האָט זיך געפונען אַ ווינקעל, וואו עס איז פאַרקויפט געוואָרען געוויסע סאָרטען מינעראַל וואַסער פאַר קראַנקע מענשען, וועלכע זיינען געפּאָה־רען אַלע פריהמאָרגען דאָס טרינקען, אַביסעל ארומשפּאַצירען און דאַן זיך אָפּ־רוהען אויף די בענק אונטער דעם פּלאַץ פון אונזער ווייַן־געשעפט.

אַט אַהין פּלעג איך זיך ארויסכאַפּען יעדען פריהמאָרגען, ווייל דאָרט איז יעדען טאָג געקומען דער אַלטער חיים זעליג סלאָנימסקי ע״ה, דער ארויסגעבער פון „הצפירה״, אין דער באַגלייטונג פון דעם פאַרשטאָרבענעם נחום סאָקאָלאָוו, דעם גרויסען ציון פיהרער, וועלכער איז געווען דאַן נאָך אַ יונגערמאַן. איך האָב הנאה געהאַט זיך איינצוהערען צו זייערע שמועסען וועגען כלל־זאַכען און וועגען דער „הצפירה״, און זיי אַפּטמאָל ארויסגעטראָגען אַ פלעשעל סאָדאַ־וואַסער, פאַר וואָס זיי זיינען מיר געווען דאַנקבאַר און האָבען געדולדעט מיין אויסהערען זייערע וכוחים. און טאַקע דאָרט האָב איך געהערט ווי סאָקאָלאָוו זאָגט, אַז מ׳דאַרף זעהן פטר׳ן דעם יונג „חנא״ וועלכער האָט אין „הצפירה״ דרוקעריי געדרייט דאָס ראָד פון דער דרוק־מאַשין, ווייל קיין עלעקטרישע קראַפט האָט די „הצפירה״ רעדאַקציע ניט פאַרמאָגט.

און ווי איהר ווייסט, איז דאָך חנא געווען מיין לאַנדסמאַן, אָבער איך האָב איהם ניט געקענט פון דער היים. דאָס איז שוין געווען עטליכע יאָהר זייט איך האָב פאַרלאָזט מיין שטעטעל. איך האָב געהערט ווי סלאָנימסקי האָט געענט־פערט: „שיקט איהם אוועק קיין ארץ ישראל, ער וויל דאָך אהין פאַהרען און דו וועסט פון איהם פטור ווערען״. דאַ האָב איך מיך צום ערשטען מאָל אָפּגערופען: „מילא, חנא איז מיינער אַ לאַנדסמאַן, אָבער ניט דאָס בין איך אויסען, נאָר אפשר וואָלט איך אויך געקומען ביי אייך דרייען דאָס ראָד, כדי איהר זאָלט מיך אוועק־שיקען קיין ארץ ישראל?״ אין יענער צייט איז נאָך סאָקאָלאָוו געווען אַ געגנער פון הערצל׳ס פּאָליטישען ציוניזם און ער האָט מיר געענטפערט: „דו וועסט שוין אַליין קענען פאַהרען קיין ארץ ישראל, ווייל די ווייַן־אינדוסטריע דאָרט נויטיגט זיך אין אַזעלכע ווייַן־קיפּערס״ (אַזוי האָט מען גערופען די ווייַן עקספּערטען).

און איך מוז זאָגען, אַז אין פאַרלויף פון עטליכע יאָהר בין איך ווירקליך געוואָרען אַן עקספּערט אין דעם ווייַן געשעפט און האָב שוין גאָר נשקשה׳דיג פאַרדינט. אָבער איך האָב געשטרעבט צו עפּעס גאָר אַנדערש. איך האָב מקנא געווען די צוויי באַריהמטע שרייבער פון „הצפירה״ און אַלע די דאָרטיגע מיט־אַרבייטער.

עס שטעהט מיר נאָך פאַר די אויגען דאָס פּאַטריאַרכאַלישע געזיכט פון דעם

גרייז־גרויען סלאָנימסקי און דאָס שעהנע יוגענטליכע געזיכט פון נחום סאָקאָלאָוו, וואָס איז, ווי פריהער געזאָגט, געווען אַ געגנער צו הערצל׳ס פּאָליטישען ציוניזם און איז אַזוי געבליבען ביז צום ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס, ווען ער האָט געענדערט זיין שטעלונג און געוואָרען מיט דער צייט איינער פון די פיהרער פון הערצל׳ס באַוועגונג. איך געדענק נאָד סאָקאָלאָוו׳ס ערשטען אַרטיקעל וועגען הערצלען, ווען ער האָט איהם גערופען טרוימער און כמעט „פאַלשער נביא״ צוליב דעם וואָס יענער האָט געהאַלטען, אַז דער פּאָליטישער ציוניזם קען ווערען אַ לעזונג צום גאַנצען אידען־פּראָבלעם.

איך געדענק אויך איינמאָל ווען איך האָב זיך אין זאַקסישען גאָרטען איינגעהערט צו א שמועס צווישען סלאָנימסקי׳ן און סאָקאָלאָוו׳ן, „האָט מיר סאָקאָלאָוו געפרעגט: „זאָג מיר, יונגערמאַן, דו לייענסט די הצפירה׳?

„געוויס — האָב איך געענטפערט — איך פאַרפעהל צו לייענען נאָר יענעם טאָג וואָס ביי אייך איז עפּעס ניט מיט אַלעמען און די „הצפירה״ קומט ניט אַרויס״.

דאָס איז געווען אַ קיבעץ פאַר דעם פעריאָדישען ניט אַרויסקומען פון דער „הצפירה״ צוליב געוויסע צאַנקערייען אָדער סתם עפּעס אַ סיבה.

אַזוי ווי ביידע האָבען פאַרשטאַנען דעם קיבעץ, פרעגט מיך סאָקאָלאָוו: „אדרבא, זאָג מיר, וועלכעס אַרטיקעל האָט אויף דיר געמאַכט דעם שטאַרקסטען איינדרוק?״

איך האָב איהם גלייך געענטפערט, אַז אַ שטאַרקען איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט דאָס אַרטיקעל אונטער׳ן קעפּעל: „שור המזיק ברשות הניזוק״. דאָס איז געווען צוליב א סכסוך צווישען „המליץ״ און „הצפירה״. סלאָנימסקי האָט אַמאָל געשריבען אן אַרטיקעל וועגען נס חנוכה, וואו ער האָט געמאַכט צו קלייך־געלט דעם נס פון קריגעלע בוימעל, האָט דער רעדאַקטאָר פון „המליץ״ טאַקע דורך דער „הצפירה״ דאָן גוט אָנגעזידעלט סלאָנימסקי׳ן אין אַן אַרטיקעל. די „הצפירה״ האָט דעם אַרטיקעל אָפּגעדרוקט, אָבער האָט אָנגעשריבען אַ קעפּעל איבער דעם אַרטיקעל: „שור המזיק ברשות הניזוק״. וואָס זאָל הייסען: „דער מזיק געפינט זיך אין דעם רשות פון דעם געשעדיגטען.

און נאָד אַן אַנדער פעליעטאָן האָב איך איהם כמעט איבערגעלייענט פון אויסווענינ, וואָס האָט געהייסען „יומא שוקא של יהודים״ — א מארק־טאָג פון בלויז אידען, וואָס איז געווען כמעט אַ סאַטירע אויף אידען, וואָס וואָלטען אין אַ אידישען יאַריד גאָרניט געקענט אויפטאָן, און זיי וואָלטען געמוזט צוריק אַהיים פאָהרען מיט זייער סחורה, ווייל איינער דעם אַנדערען וואָלט ניט געקענט איבערקליגען. דער פעליעטאָן האָט דאַן ארויסגערופען אַביסעל קריטיק און איך האָב דאָס געזאָגט סאָקאָלאָוו׳ן.

אַנטקעגען וואָס דערצייל איך אָט די קלייניגקייטען? פשוט, ווייל ערשטענס

דענק איך, אַז זיי זיינען אינטערעסאַנט, אַט די פּרקים פון פאַרגאַנגענער אידישער געשיכטע, און צווייטענס וויל איך מיט דעם ווייזען, ווי דאַס הארץ האָט מיר געצויגען צו דער צייטונגס־בראַנזשע. מיין קלעפּען זיך אַרום די צוויי זיילען פון „הצפירה״ איז געוועזן פול מיט בענקשאַפט צו זייער עלעמענט און צו זייער טעטיגקייט. עס איז מיר דעריבער אַליין גאַר קיין וואונדער ניט, ווי אַזוי איך האָב, איינגאַנצען זיבען יאָהר נאָך מיין זיין אין קאַנאַדע, נאָך ממש אַ גרינער, געהאַט דעם מוט אַרויסצוגעבען אַ טעגליכע צייטונג וועלכע לעבט ב״ה און עקזיסטירט. וועגען איהרע טעטיגקייטען דאַרף איך די לעזער ניט דערציילען, אָבער איך וועל אין מיינע ווייטערדיגע קאַפּיטלאַך זכרונות יאָ דערצעהלען זעהר אינטערעסאַנטע עפּיזאָדען פון דער גרינדונג פון אַט דער צייטונג פון איהרע ערשטע יאָהרען.

זיבעטער קאפיטעל

זכרונות פון לאדז

איך באצוועק דא ניט אין מיינע זכרונות צו שילדערען דאס אידישע לעבען פון פופציג יאהר צוריק אין ווארשע אדער אין פוילען, ווייל איך פרעטענדיר ניט צו זיין קיין היסטאריקער. איך דערצייל נאר דאס, וואס האט זיך אפגעדרוקט אין מיין זכרון און דעריבער לאז איך שוין צורוה ווארשע און געה אריבער צו דער צווייטער גרויסער שטאט אין פוילען, וואוהין דער שיקזאל האט מיך פארטראגען. נאך דעם ווי מיין פירמע אין ווארשע האט באנקראטירט, האב איך געקראגען אן איינלאדונג צו קומען קיין לאדז דארט צו פיהרען א גרויסען וויין־געשעפט. שפע־טער האב איך אויך אין יענער שטאט זיך דערווארבען אן אייגענעם וויין־געשעפט.

מיין אנקומען קיין לאדז איז פאר מיר געווען אביסעל א גרינגערער פראבלעם ווי מיין אנקומען קיין ווארשע פון דעם קליינעם שטעטעל שידלאווצע. דא בין איך שוין געקומען פון א גרויסער שטאט אין א קלענערער, און בעת קיין ווארשע בין איך געקומען פון א קליין, פראווינציעל שטעטעל מיט קליינע השגות, בין איך פון דער גרויסער שטאט אין דער קלענערער געקומען מיט גאר גרויסע השגות. דערצו בין איך שוין געווען עלטער אין יאהרען. איך בין שוין געווען אריבער דעם „בן שמונה עשרה" וואו עס ליגט שוין אין קאפ דער „לחופה", און טאמער איז עס מיר ניט געלעגען אין קאפ, האבען עס אנדערע מיר שוין געזוכט ארייננצושלאגען אין קאפ. אבער מיין קאפ האט געצילט צו ארגאניזאציע און גלייך האב איך געשאפען א חברה אין לאדז ענהליך צו דער חברה „לומדי תורה" אין ווארשע, אבער ניט מיט אזא גרויסען פארנעהם. דאך האבען מיר וועלכע צוואנציג יונגע־לייט געהאט א באזונדער מנין און מיר האבען צוביסלאך געלערענט אלע שבת און יום טוב. מיר האבען פון אונזער געלט געגרינדעט א קליינע גמילות חסדים פאר די עטליכע פון אונזערע חברים, ניט מיט קיין וועקסלען און זשיראנטען, נאר אויפ'ן ווארט געטרויעט.

אבער דא האבען מיר ניט געהאט קיין גליק, ווייל דריי־פערטעל פון דעם אויסגעבארגטען געלט איז ליידער ניט צוריקגעצאלט געווארען און מיר האבען דעם גמילות חסדים אויפגעגעבען, אדער בעסער געזאגט, דער גמילות חסדים האט אונז געטאן א חסד און אונז ארויסגעלאזט אהן דעם אינוועסטירטען קאפיטאל פון וואסערע 250 רובעל. מיינער א פריינט איז געווען א גבאי אין א חסידים קלויז און עס האט זיי דארט געפעהלט א בעל קורא, האט ער מיך פשוט ארויס־געשלעפט פון מיין חברה און געבראכט אין חסידים קלויז וואו איך בין געווארען

אַ זעהר חשוב׳ער מיטגליד צוליב דעם, וואָס איך האָב ביי זיי געלייענט אין דער תורה.

פון מיין באַלאַנגען עטליכע יאָהר צו דער חברה „לומדי תורה״ אין וואַרשע בין איך געוואָרען אַ קנאַפּער חסיד; פאַרקערט, איך האָב נאָכגעדענקט מיין פּאַ־טער׳ס ע״ה ווערטעל מיט דעם פּלעשל וואַסער אַנשטאַט בראַנפען. ווי איך האָב דערצעהלט אין אַ פריהערדיגען קאַפּיטעל און — האָבענדיג געהאַט צוויי ליטווישע רבנים אין דער חברה „לומדי תורה״, האָב איך קיין סימפּאַטיע ניט געפיהלט פאַר חסידות. דאָך האָט מיך אימפּאָנירט צו זיין דער בעל קורא אין דער קלויז וואו עס האָבען זיך געפונען עטליכע אידען לומדים און טאַקע זעהר חשוב׳ע אידען, און צווישען די יונגעלייט האָבען זיך געפונען פילע פון מיינע אמת׳ע פריינט מיט וועלכע איך האָב הנאה געהאַט צו פאַרברענגען אין דער פרייער צייט און שמועסען פון וועלט־זאַכען און טאַקע צוזאַמען לייענען וועגען זאַכען, וואָס האָבען גאָרניט צו טאָן מיט חסידות.

מיין הנאה האָט אָנגעהאַלטען ביז אַ צייט ווען איך האָב מיך געפונען באַ־ליידיגט. דאָס האָט פּאַסירט אום פּורים, ווען ר׳ שמואל וואַרשעווער, איינער פון די הויפּט חסידים און אַ טיש־זיצער ביים רבי׳ן, האָט געפונען פאַר נויטיג אליין צו לייענען די מגילה אַנשטאַט צו לאָזן עס צו מיר. דאָס האָט מיך פאַרדראָסען און איך האָב ניט געקענט איינשטילען מיין פאַרדרוס ביז ראש השנה, ווען איך האָב געהאַט מיין פולע סאַטיספאַקציע אָדער „נקמה״ אין דעם זעלבען ר׳ שמואל וואַרשעווער.

ווי שוין דערציילט אין אָנהויב פון די זכרונות, בין איך געווען אַ קינסטלער מיט׳ן שופר. אַזוי האָב איך געדענקט און אַזוי האָבען אַנדערע אויך געדענקט איבער מיר און דאָס איז אויך געווען באַוואוסט אין דער קלויז וואו איך בין געווען בעל קורא. מאַכט זיך איינמאָל אַזאַ געשיכטע: ר׳ שמואל איז געווען דער שטענדיגער בעל תוקע אין דער קלויז (ראַדזינער שטיבעל) און יענעם חודש אלול, ווען איך בין געקומען דאַווענען אין קלויז, האָב איך באַוויזען מיין „קונסט״ מיט דעם שופר און מיט צוויי שופרות מיטאַמאָל געבלאָזען. ווען עס איז געקומען ראש השנה און אונזער אַלטער ר׳ שמואל האָט גענומען דעם שופר צו תקיעות, האָט זיך דער שטן אַריינגעלעגט אין שופר און פאַר קיין פאַל האָט ער ניט געקענט אַרויסגעבען קיין ריכטיגע תקיעה, און אויב יאָ, איז דאָס אויך ניט געווען קיין קול שופר, נאָר עפּעס דער גוטער יאָהר ווייס וואָס.

ר׳ שמואל האָט זיך נעבעך געמאַטערט ביז גאָר. ער האָט געשוויצט, און דער עולם איז געוואָרען זעהר אומגעדולדיג. און וואָס מעהר דער בעל תוקע האָט זיך געמאַטערט, אַלץ שוואַכער איז ער געוואָרען און דער שופר — אַלץ מעהר איינגעשפּאַרט, ביז דער עולם האָט אָנגעהויבען מורמלען: „נו, נו, נו!״ און געטייטעלט מיט׳ן פינגער אויף מיר, אָבער איך בין מיר געשטאַנען מיט׳ן פּנים

צו דער וואנט און ניט אומגעקוקט זיך, ניט צום עולם און ניט צום בעל תוקע. ענדליך האט אימיצער אויף מיר ארויפגעווארפען א טלית (ווייל א בחור דאווענט ניט אין א טלית) און כמעט אלע האבען מורמלענדיג (ווייל מ׳טאר ניט מפסיק זיין נאך דער ברכה פון שופר) אנגעוויזען, אז דער שופר זאל מיר איבערגעגעבען ווע־רען. דער אלטיטשקער ר׳ שמואל, מסתמא מיט גרויס הארץ־קרענקעניש, האט דעם שופר איבערגעגעבען צו מיר.

מילא, עס וואלט געווען באריהמעריי, אבער עס איז דאך דער אמת. איך האב אויסגעבלאזען אלע ערשטע תקיעות, כמעט אין איין אטעם, און דער עולם האט פשוט אויפגעלעבט. איך האב דעם שופר גלייך איבערגעגעבען צו ר׳ שמואל׳ן. ווען עס איז געקומען צום צווייטען טייל: תקיעה, שברים, תרועה, האט ר׳ שמואל ווייטער געמאכט א פארזוך און מיט אנגסטען איז ער איבערגעקומען דעם טייל, איז אבער געקומען צו תקיעה־תרועה — אט דא האט ר׳ שמואל ווייטער אפגע־האלטען דעם עולם א לאנגע צייט און עס האט זיך ניט געריהרט פון ארט. און ווידער אמאל איז מיר דער שופר איבערגעגעבען געווארען. דער שטן האט ווייזט אויס, אויף מיר קיין שליטה ניט געהאט . . .

ביי דער שטילער שמונה עשרה, ווי עס איז דער שטייגער ביי חסידים וואס דאווענען אין נוסח ספרד, ווערט ווידער געבלאזען ביי מלכות, זכרונות ושופרות. דא האט ר׳ שמואל שוין אליין מיך געבעטען מיט א זויערער מינע אויפ׳ן פנים איך זאל זיין דער בעל תוקע. און דא האב איך ענדליך געהאט מיין פולע סאטיס־פאקציע, אדער „נקמה״, פאר אוועקרויבען ביי מיר פורים דאס לייענען די מגילה.

ראש השנה פארנאכט, נאך תשליך, איז דער עולם אוועק צו ר׳ שמואל׳ן אין הויז נאך אביסעל משקה, וואס איז שוין געווען כמעט א „טראדיציע״ אזא. אויך איך בין געווען איינער פון די געבעטענע. דארט האט דער עולם אנגעהויבען רעדען פון די תקיעות און איך האב זיך אביסעל געוויצעלט (אפנים דער פעליע־טאניסט האט מיך שוין דעמאלט געשטופט) און גענומען דערקלעהרען פארוואס איך בין א בעסערער בעל תוקע ווי דער אלטיטשקער ר׳ שמואל. איך האב בדרך הלצה געזאגט, אז איך פרוביר דעם שופר ערב ראש השנה, און ווען דער שטן לעגט זיך דארט אריין, פארשפאר איך איהם אינ׳ם שופר און איך בין פון איהם פטור פאר׳ן גאנצען יום טוב. דאן האב איך אויך צוגעגעבען, אז איך בין מיט׳ן שטן מעהר באקענט ווי דער אלטיטשקער תלמיד חכם ר׳ שמואל, דעריבער טשע־פעט ער זיך ניט צו מיר אזוי ווי צו זיין איינגע׳עקשנ׳טען געגנער, וואס וויל איהם קיינמאל ניט פאלגען . . .

„אויב אזוי, זאגט ר׳ שמואל, וועט דיך מסתמא ניט פארדריסען, וואס איך וועל אויך אנגעבען צוויי סיבות פארוואס דו ביזט א בעסערער בעל תוקע פון מיר״.

און ר׳ שמואל דערצעהלט דאן צוויי מעשה׳לאך, אביסעל סאטירע אויף מיין רעכנונג:

אַ קעניג האָט אַמאָל געהאַט אַ קליין דימענטעל אַלס אַנדענקונג פון זיינע עלטער־עלטערן, און אַזוי ווי ער האָט געוואָלט באַוואָרענען אַז דאָס דימענטעל זאָל ניט פאַרלוירען געהן, איז איהם איינגעפאַלען צו אויסבויערען אַ לעכעל אין׳ם דימענטעל, וועט ער זיין זיכער פון פאַרלירען עס. ער האָט דאַן גערופען אַלע יואוועלירס און זיי געפרעגט: ווער נעהמט זיך אונטער אין דעם דימענטעל אויס־בויערען אַ לעכעל? אויב עס וועט איהם געלינגען, וועט ער רייך באַלוינט ווערען, אָבער קוים צוברעכט ער דאָס דימענטעל, וועט דער יואוועליר באַצאָהלען מיט זיין לעבען. די יואוועלירס האָבען דאָס דימענטעל גוט באַטראַכט און מורא געהאַט זיך אונטערצונעהמען די אַרבייט וואָס שמעקט מיט׳ן טויט. אָבער איין יואוועליר האָט זיך מישב געווען אַז אַזוי ווי ער האָט אַ גוטען אַרבייטער, וועט ער עס איהם איבערגעבען צו מאַכען דאָס לעכעל, ניט זאָגענדיג איהם, אַז דאָס שמעקט מיט טויט און — ממה נפשך, וועט עס איהם געלינגען, וועט ער, דער בעל הבית, קריגען גוט באַצאָהלט; וועט עס איהם ניט געלינגען, וועט ער אָנווייזען אַז זיין אַרבייטער איז דער, וואָס האָט עס געשפּאָלטען.

דער יואוועליר האָט דאָס דימענטעל אַהיים געבראַכט און געזאָגט צו זיין אַרבייטער: „אָט האָסטו דאָס דימענטעל, דאַ מוז מען אויסבויערען אַ לעכעל, אָבער טאָמער צוברעכסטו עס, וועל איך דאַרפען באַצאָהלען טויזענטער פאַר דעם קליינעם דימענטעל״. דער אַרבייטער, ניט וויסענדיג די געפאַהר, האָט געבויערט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט דאָס לעכעל אויסגעבויערט.

אַזוי, זאָגט ר׳ שמואל, איז מיט תקיעת שופר: דער וואָס ווייסט אַז עס שמעקט מיט׳ן לעבען, דעם קומט אָן זעהר שווער; אָבער דער וואָס ווייסט ניט די סודות פון שופר — דעם געלינגט עס גוט.

„און אויב דו ווילסט — זאָגט ווייטער ר׳ שמואל — וועל איך דיר דער־ציילען נאָך אַ משל: איך אַליין האָב זיך אויך געוואונדערט פון וואַנען קומט עס, אַז אַ האַלבער מתנגד און אַ האַלבער דייטשעל (איך האָב שוין דאַמאָלט געטראָגען אַ ווייסען געפּרעסטען קאָלנער) זאָל זיין אַזאַ גוטער בעל תוקע, אָבער איך האָב געפונען אַן ענטפער: מיך האָט אַלעמאָל געוואונדערט און האָב געוואָלט וויסען, וואָס פאַר אַ ראש השנה איז דער חמשה עשר בשבט. וואָס טוען די בוימער אין זייער ראש השנה? ביז איך אַמאָל דעם טאָג אַרויסגעגאַנגען אין וואַלד און טאַקע געזעהן ווי די בוימער געהען אָנגעטאָן אין ווייסן, מיט שניי באַדעקט, און זיי שאָקלען זיך ממש ווי מיר טוען עס אין אונזער ראש השנה. דאַן איז אָנגעקומען דער ווינט, אַ זעלטענער בעל תוקע, ווייל אַזוי ווי ער האָט געבלאָזען האָבען זיך די בוימער געבויגען ממש צו דער ערד, און איך בין צופרידען געווען דאָס צו זעהן. אָבער ווען איך בין צוריקגעקומען פון וואַלד, האָב איך געטראָפען דעם זעלבען בעל תוקע — דעם ווינט — ווי ער האָט אומגעוואָרפען אַן אַלטע אידענע, אַרונ־טערגעכאַפּט דאָס היטעל פון אַ אידען און אָפּגעטאָן נאָך שטיפערישע שטוקעס.

איי. זאג איך, דארט ביסטו ערשט געווען אזא זעלטענער בעל תוקע און דא ביסטו שוין אזא פאסקודנער שטיפער? אט דאס — זאגט ר׳ שמואל — האב איך אין זינען געהאט וועגען דיינע תקיעות...״

„אי, ר׳ שמואל, — זאג איך — איצט ווייס איך שוין פארוואס איהר קענט טאקע ניט בלאזען, ווייל איהר טראכט אזעלכע מחשבות רעות״.

און אלע האבען מיר זיך גוטמוטיג צולאכט.

אבער איך האב געהאט א סאטיספאקציע פאר דער פורים׳דיגער מגילה.

צום צווייטען יאהר פורים בין איך גראדע געווען אין ווארשע פאר א וויזיט און ר׳ שמואל האט שוין געדארפט אליין לייענען די מגילה.

דער וויזיט אין ווארשע האט אויך געהאט צו טאן מיט אן ענין וואס איך האב געלייענט אין דער „הצפירה״. עס האט זיך געהערט, אז קיין ווארשע קומט דער „אייזערנער קאפ״ צו האלטען זיינע אפיקורסישע דרשות. ליידער האב איך פארגעסען זיין נאמען, אבער דאס איז געווען א יונגערמאן, א גרויסער למדן, וואס איז נתפקר געווארען און איז ארומגעפאהרען האלטען דרשות געגען תלמוד, אויפווייזען די גוזמאות פונ׳ם תלמוד. ווען איך האב געהערט אז ער קומט קיין ווארשע, און אז דארט וועלען תלמידי חכמים קומען איהם אפענטפערען אויף זיינע באשולדיגונגען, האב איך ניט געקענט פארביילאזען די געלעגענהייט און בין געפאהרען קיין ווארשע.

די דרשה האט דער חברה־מאן געהאלטען אין א גרויסען זאל, און דער פאר־שטארבענער ציוניסטישער פיהרער, נחום סאקאלאוו, האט געזאלט זיין דער וואס זאל צעשלאגען זיינע אנפאלען אויפ׳ן תלמוד.

איך געדענק נאך ווי אלס ערשטע גוזמא האט ער אנגעגעבען די אגדה פון רבה בר בר חנא וועגען אברהמ׳ען, וואס האט א געשריי געטאן אויף זיין קנעכט אליעזר, איז דעם קנעכט ארויסגעפאלען א צאן און אז פון דעם צאן איז געמאכט געווארען א בעט פאר יצחק׳ן.

אנו, פרעגט דער אפיקורס, אויב אברהם איז געווען, ווי דער מדרש דער־ציילט, איינער פון די ריזען, איז דאך מסתמא יצחק אויך ניט געווען קיין מפיל קינד, טא ווי האט מען פון א צאן געקענט מאכען א בעט פאר יצחק׳ן? אלא וואס דען, קען מען אפשר זאגען, אז אליעזר איז אויך געווען א ריז, טא ווי קומט עס אז אט דעם ריז זאל ארויספאלען א צאן פון אברהמ׳ס א געשריי? הכלל, ס׳איז ניט מעהר, ווי א בבא מעשה״.

שטעלט זיך אויף נחום סאקאלאוו און זאגט: „דו ביסט ניט קיין למדן, נאר אן אויבערפלעכליכער סתם מקשן, קענסטו ניט פארשטעהן אז דאס איז אמת, נאר אין סימבאלישען זין. אברהם האט געוואלט אז אליעזר זאל ברענגען א ווייב יצחק׳ן, וואס מיינט א בעט, און אזוי ווי א קנעכט האט נאר געקענט באפרייט ווערען ווען מ׳האט איהם אויסגעהאקט א צאן, האט אברהם געזאגט: „ברענג א

ווייב פאַר יצחק'ן, וועל איך דיך באַפרייען''. מ'האָט די פּאַסירונג פאַרוויקעלט אין אַ משל: אברהם האָט אויסגעהאַקט אליעזר'ן אַ צאָן כדי צו האָבען אַ בעט פאַר יצחק'ן''.

דער עולם האָט אַפּלאָדירט און דער „אייזערנער מוח'' האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערען. אבער ער האָט אַנגעוויזען אויף אַן אַנדער גוזמא פון זעלבען רבה בר בר חנא, אַז פאָהרענדיג אויפ'ן ים, האָט ער געזעהן ווי אַ פויגעל שטעקט אין וואַסער און עס גרייכט איהם נאָר ביז די קנעכלאַך, ווערענד דער קאָפּ גרייכט ביז צום הימעל. האָט רבה בר בר חנא געמיינט, אַז דאָס וואַסער איז זעהר פלאַך, ווייל עס גרייכט דעם פויגעל נאָר ביז די קנעכלאַך, האָט ער זיך געוואָלט באָדען אויף דעם פּלאַץ. האָט איהם אימיצער געזאָגט: „געה ניט, ווייל אימיצער האָט דאָ פאַרלוירען אַ האַק און עס האָט גענומען זיבען יאָהר ביז די האַק איז געקומען צום גרונט, און ניט ווייל דאָס וואַסער איז אַזוי טיף, נאָר ווייל עס לויפט כסדר. (משום דרדיפי מיא). „אנו — פרעגט דער אפּיקורס — ווי איז אַזאַ זאַך מעגליך?''

און נחום סאָקאָלאָוו וואַרט ניט לאַנג און ענטפערט: דאָס האָט רבה בר בר חנא געמיינט אַזאַ נפש ווי דו ביסט. „מים'' מיינט תורה, און אַזאַ פויגעל ווי דו האָט דאָס „מים חיים'' בלויז ביז די קנעכלאַך דערגרייכט... קענסט זעהר ווינציג לערנען, אבער דיין קאָפּ רייסטו ביז צום הימעל, און, ווי געזאָגט, ניט ווייל דאָס וואַסער איז אַזוי טיף, נאָר „משום דרדיפי'', ווייל דער נאַר און אַפּיקורס שטופּט דיך ..''

דאָס האָט אַרויסגערופען אַ גרויס געלעכטער, און דער עולם האָט אַנגעהויבען שרייען: „אַרונטער דו נאַרישער אַפּיקורס!'' און בחרפּה איז ער אַרונטער און טאַקע אַנטלאָפען פון וואַרשע.

אַט דער ענין האָט מיך געבראַכט קיין וואַרשע, און איך האָב ביי זיך באַשלאָסען, אַז עס האָט די ווערטה געהאַט מיין רייזע, און ווען נחום סאָקאָלאָוו איז געווען צוגאַסט אין מאָנטרעאַל פאַר דער ערשטער מלחמה, האָב איך איהם דאָס דערמאָנט און איהם אויך דערמאָנט וועגען מיין ערשטען בריוועל צו דער „הצפירה'', וואָס איך האָב געשריבען פון לאָדז, און דאָס, האָט ער נאַטירליך ניט געדענקט.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט אין די פריהערדיגע קאַפּיטלאַך, האָט מיך שטענדיג געצויגען צו צוויי זאַכען: אָרגאַניזירען געזעלשאַפטען און צדקה פאַראיינען א. אז. וו. און דערצו שרייבען — שרייבען אַזוי. אַז יעדער זאָל עס לייענען. מאַכט זיך אַזאַ געשיכטע: אין אַ רעסטאָראַן אין לאָדז האָט אימיצער אויפגעבראַכען אַ האַרט־געקאָכטע איי. און האָט געפונען אויפ'ן האַרטען ווייסעל, ווי אַ צורה פון אַ מענש: בולט'ע אויגען, אַ נאָז און שטריכען פון אַ בערדעל. מענשען זיינען געלאָפען אויף בייז וואונדער אַנקוקען דאָס איי, וואָס איז געלעגען אין אַ גלאָז פון אייז עס זאָל ניט קאַליע ווערען. דאָ, האָב איך געטראַכט, איז געקומען די צייט נאָכצוגעבען מיין שרייבערישען חשק. איך האָב מיר פאַרקאַ־

טשעט די אַרבעל און באַשריבען דעם גרויסען וואונדער מיט גאַנצע מליצות, אויף דריי זייטלאַך פּאַפּיר און עס אַוועקגעשיקט קיין ווארשע צו דער „הצפירה". ווי געוויינליך האָב איך יעדען טאָג געכאַפּט די „הצפירה" צו זעהן מיין ערשטען „קונסטווערק" געדרוקט.

אָבער אין קול ואין עונה! איך הער ניט און זעה ניט. שרייב איך שוין אַוועק נאָך אַ בריוועל צום „הצפירה" און פרעג: היתכן? איך בין אַזאַ אַנהעננגער פון „הצפירה" און איך באַשרייב אַזאַ וואונדער, אַ גוואַלדיגע נייעס, און איהר דרוקט עס ניט?

מיט עטליכע טעג שפּעטער זעה איך אין „הצפירה" אַן ענטפער צו מיר, אַז אַזאַ שטיקעל נייעס קען אַנגעשריבען ווערען אין עטליכע ציילען און אָהן חקירות וואָס פאַרנעהמען דריי זייטלאַך פּאַפּיר. נעהם איך שוין נאָכאַמאָל די פען און מאַך דערפון בלויז איין זייטעל. מיט עטליכע טעג שפּעטער געפין איך דאָס שטיקעל נייעס אין אַ פּאָר ציילען גאָר אָהן אַ נאָמען, נאָר אַז אַ מאַן פון לאָדז שרייבט אַזוי און אַזוי און פאַרטיג. עס האָט מיך פאַרדראָסען, נאָר איך האָב געטראַכט, אַז מיט דער צייט וועט נאָך די „אומשטערבליכקייט" מיר אָקעגענקומען.

אכטער קאַפּיטעל

מיין פּריזיוו

אונטער דער צייט בין איך אַ חתן געוואָרען פון אַ דערבייאיגער שטאָט פּאַביאַניץ. פּונקט אַ יאָהר איידער איך האָב געדאַרפט שטעהן צום פּריזיוו, מיט דער האָפנונג, אַז איך וועל באַפרייט ווערען, ווייל איך האָב ניט געהאַט גענוג צו דער מאָס וואָס האָט זיך געפאָדערט פאַר אַ סאָלדאַט. איך בין געווען פּונקט אַ העלפט פון דער געפאָדערטער הויך. איך וועל דאָ ניט נעהמען דערצעהלען אַלע איינצעלהייטען פון מיין פּריזיוו, ווי אַזוי איך האָב זיך געפּייניגט און עס איז פון מיר כמעט גאָרנישט געבליבען, נאָר דערצו זיינען נאָך געווען אַנדערע צרות: מיין עלטערער ברודער, וואָס געפינט זיך איצט אין ארץ ישראל, איז באַפרייט געוואָרען, ווייל ער האָט געהאַט אַ „לעגאָטע" אויף מיין צווייטען ברו־דער, אהרן, וואָס געפינט זיך אין מאָנטרעאָל; און מיין ברודער אהרן האָט חתונה געהאַט מיט זעהר אַ שעהנע ווייבעל, האָט זיך איהם ניט געגלוסט צו געהן דינען, איז ער פאַר'ן פּריזיוו אַוועק קיין קאַנאַדע. מיין דריטער ברודער, וועלכער איז געשטאַנען צום פּריזיוו אַ יאָהר פאַר מיר, האָט מען צוגענומען. האָט ער פון דער קאַנצעלאַריע געמאַכט פליטה קיין ענגלאַנד, און ווען איך בין געקומען צום פּריזיוו מיט אַ יאָהר שפּעטער, האָט „נאַטשאַלסטוואָ" געהאַט דעם גאַנצען רע־קאָרד וועגען מיין ברודער'ס אַנטלויפען פאַר דעם פּריזיוו און פון דעם צווייטען, וואָס איז אַנטלאָפען נאָכדעם ווי מ'האָט איהם צוגענומען. אין אַזאַ פאַל געהט שוין נאַטשאַלסטוואָ מיט דעם כלל, אַז מען דאַרף דעם בחור שוין היטען.

האָבען אָבער די הויפּט פון „נאַטשאַלסטוואָ" געקראָגען אַביסעל געלט און מ'האָט מיך ניט פאַרהאַלטען, נאָר געלאָזט פריי ביז איבער דער גאַנצער פּראָצע־דורע פון „ציהען דעם נומער".

אין דעם אַלעמען האָט אויך געשפּילט אַ ראָל אַ רביישער נס. איהר מעגט עס טאָקע הערען.

ניט אַכטענדיג וואָס איך האָב געדאַווענט און געלייענט אין אַ חסידישער קלויז, האָב איך אָבער פאַרמאָגט זעהר אַ קליינע נייגונג צו חסידות, ווייל אין דער קלויז וואו איך האָב געדאַווענט, זיינען די מעהרסטע יונגעלייט געווען פון מיין חדר וועלכע זיינען געגאַנגען געקליידט מאָדערן, ניט געווען קיין „צלאָפּעס" צווישען זיי, מיט דער אויסנאַהם פון דעם שוין דערמאָנטען ר' שמואל וואַרשעווער, וואָס איז באמת געווען אַ למדן און נאָך אַ צווייטען איד, ר' אהרן פּעק, אויך אַ איד אַ זקן אַ תלמיד חכם, אַ ברודער פון פּאַביאַניצער רב. אויסער די צוויי דער־

מאַנטע געדענק איך ניט אַז אימיצער פון די אַנדערע זאָל אַמאָל האָבען געפאָרען אויף אַ יום טוב צום רבי׳ן, און איבערהויפּט האָט קיינער פון זיי קיינמאָל ניט דערציילט קיין רביישע מופתים.

אָבער איך בין אַמאָל ראש השנה ביינאַכט צוריקגעגאַנגען פון דאַווענען און פאַרבייגעגאַנגען אַ הויף וואו איך האָב דערהערט זינגען און אַן עולם איז געשטאַנען ביים פענסטער פון דרויסען און אריינגעקוקט. איך האָב זיך דערנעהענטערט און אויך אַ כאַפּ געגעבען אַ בליק אינ׳ם פענסטער, און דאָרט האָב איך דערזעהן חסידים טאַנצען אַ ראָד און זינגען אַ פרעהליכען געזאַנג. איך האָב פילע פון די חסידים געקענט פערזענליך, האָב איך באַמערקט, ווי אַ איד אַ קבצן האַלט זיך אָרום ביי די אַקסלען מיט אַ איד אַ גביר, און אַלע טאַנצען מיט גרויס התלהבות. דאָס זיינען געווען אַלעקסאַנדרער חסידים. איז מיר דאָס ברודערליכקייט זעהר געפעלען געוואָרען, און ווען איך האָב געדאַרפט שטעהן צום פריזיוו און מיין מחותן, דער אַלעקסאַנדרער חסיד, האָט מיר געבעטען מיט איהם צו פאָהרען אויף יום כפור קיין אַלעקסאַנדער, וואָס איז בלויז אייניגע מייל פון לאָדז, האָב איך איהם צוליב געטאָן און בין געפאָהרען.

און דאָרט ביים רבי׳ן האָב איך געזעהן עפּעס אזעלכעס, וואָס איז מיר ווידער געפעלען געוואָרען: איך האָב מיטגעדאַווענט מיט אַן עולם פון אָרום פינף ביז זעקס טויזענט אידען, וועלכע האָבען אָנגעפילט דאָס גרויסע בית המדרש, דערצו איז נאָך דאָרט געווען אַ פּאַרצוימטער הויף געפּאַקט מיט חסידים, צווישען זיי רבנים, לומדים און זעהר חשוב׳ע אידען. איז מיר אַזאַ דאַווענען צווישען אַזאַ עולם, בפרט יום כפור, זעהר געפעלען געוואָרען, און איך האָב אָנגעהויבען דענקען אַז עס איז גאָר קיין געפאַהר ניט צו באַלאַנגען צו אַזאַ עולם. ממילא, מוצאי יום כפור ביים געזעגענען זיך, האָב איך שוין געפאָלגט מיין מחותן און אויך אָפּגעגעבען אַ קוויטעל צום רבי׳ן, דערמאַנענדיג דאָס איך דאַרף פאָהרען צום פריזיוו און קיין „לעגאַטע״ האָב איך ניט. און דער רבי, דער מחבר פון ספר „ישמח ישראל״, האָט מיר אָנגעוואונשען דאָס איך זאָל קריגען אַ גרויסען „לאָס״ (נומער) און באַפרייט ווערען.

אָבער ווען איך האָב ביים פריזיוו טאַקע אַרויסגעצויגען כמעט דעם העכסטען „לאָס״, האָב איך דאָן דאָס באַטראַכט פאַר אַן אומגליק, ווייל מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע וואָס געהען צום זעלבען פריזיוו זיינען פשוט׳ע קאַליקעס און איך מיט מיין אויסגעצערטען קערפּער, האָב שוין אויסגעזעהן אַ געזונטער לגבי זיי. אויב אַזוי, האָב איך געטראַכט, ווען איך זאָל געווען האָבען אַ קליינעם נומער, וואָלט איך געווען פון די ערשטע, וואָלט מען מיך אפשר אויסבראַקירט, ווייל די באַטשאַלניקעס האָבען נאָך געהאַט צייט צו קלייבען, אָבער ווען זיי וועט פעלען צום קאָמפּלעט, וועלען זיי שוין נעהמען סיי וועמען, מיך אריינגערעכענט. איך בין ווידער אַריבערגעפאָהרען קיין אַלעקסאַנדער און דעם רבי׳ן דערציילט מיין אומגליק

מיט'ן גרויסען נומער. זאגט ער צו מיר: „זאָרג זיך ניט, דו וועסט פריי ווערען". און אַזוי איז טאַקע געווען. ווען מ'זאָל מיך צונעהמען, וואָלט שוין געווען פאַר־פולט, עס זיינען אָבער געווען נאָך עטליכע מיט גרויסע נומערן, האָט מען מיר געגעבען אַ „גרינעם בילעט", דאָס מיינט, מען לאָזט מיך אָפּ אויף אַ יאָהר, אפשר וועל איך זיך „פּאַפּראַווען". און אַזוי בין איך דאָס ערשטע יאָהר פריי געוואָרען און געהאַט נאָך צוויי יאָהר צייט זיך צו פּלאָגען; ווייטער ניט עסען מיט מאַנאַטען פריהער פאַר'ן פּריזיוו און ווייטער ניט שלאָפען. דאָס צווייטע יאָהר האָב איך ווידער געקראָגען אַ גרינעם בילעט, און די הויפּט שווערינקייט איז געקומען דעם דריטען יאָהר. אָבער מיין מחותן האָט דוקא געוואָלט מיך חתונה מאַכען פאַר דעם דריטען יאָהר, כאָטש איך אַליין האָב זיך ניט געאיילט חתונה האָבען.

איך האָב שוין דאַן געהאַט אַן אייגען ווייך־האַנדעל, און טאַקע צוליב דעם האָט מיר געפּאַסט צו באַלאַנגען צו אַלעקסאַנדערער חסידים. עס איז אַ מין סגולה פאַר אַ ווייך־הענדלער. מיין מחותן האָט גע'פועל'ט ביים רבי'ן ער זאָל מיך רופען פאַר אַ שבת צו זיך און מיין מחותן האָט שוין געזעהן דערצו אַז מ'זאָל מיך דאָרט שבת מכבד זיין מיט לייענען אין דער תורה. נאָך'ן לייענען האָט דער רבי אפילו געזאָגט אַ פיינעם ווערט אויף מיין רעכנונג. ער זאָגט צו מיין מחותן: פּנחס, דיין חתן איז אַ זעלטענער בעל קורא, מ'קען איהם אויף קיין גרייז ניט כאַפּען, ווייל ווען מ'וויל איהם כאַפּען אויף אַ גרייז, זאָגט ער שוין דעם צווייטען גרייז און אַזוי ווייטער, טאַ געה כאַפּ איהם! אָבער, נשקשה, פּנחס, — גיט צו דער רבי — דו האָסט אַ פיינעם חתן, און דעריבער הייס איך טאַקע פּראַווען די חתונה און ניט וואַרטען נאָך אַ יאָהר.

„מילא, — זאָגט דער מחותן שוין פאַר מיר אויך, — אַז דער רבי הייסט, וועלען מיר אי"ה אַזוי טאָן און מיר וועלען פּראַווען חתונה דעם קומענדען חודש."

און מיט'ן רבי'נ'ס כוח בין איך, אַ ניט־באַפרייטער, געגאַנגען צו דער חופּה. און ווען איך האָב געדאַרפט פאָהרען צום דריטען און לעצטען מאָהל זיך שטעלען צום פּריזיוו, האָט מיין פרוי זיך שוין געריכט אין קינפּעט מיט מיין ערשטען זוהן. ווייטער האָט דער רבי אַנגעוואָונשען און דאָס מאָל בין איך כמעט אַ האַלב טויטער צוריקגעקומען פון נאָטשאַלסטוואַ, נאָכדעם ווי איך האָב (זאָגט ניט אויס!) מיט געלט געשמירט יעדען פון די דאָקטוירים און איך האָב ענדליך באַקומען אַ „בלויען בילעט".

אַהיימגעקומען בין איך פון פּריזיוו אַ צובראָכענער, סיי גייסטיג און סיי פינאַנציעל. גלייך נאָכדעם איז אַרויסגעקומען דער מאַנאַפּאָל: מ'האָט ביי מיר צוגענומען די לייסענס און זיי אָוועקגעגעבען צו אַ פּאָליאַק, און איך האָב שוין כמעט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

נײנטער קאַפּיטעל

דער לעצטער שטוים צו מיין פאַרלאָזען פוילען

איך האָב געהאַט אַ פריינט, וועלכער האָט יאָ געהאַט דעם זכות צו בלייבען ביי זיינע לייסענס אלס א וויין הענדלער, ר׳ מאיר עטינגער האָט מען איהם גערופען. ער איז געווען א איד א תלמיד חכם און דערצו היבשלאך רייך. געהט זיך דער ר׳ מאיר אויף׳ן גאַס און זעהט עפּעס אַ געזעמעל פון מענשען. ער געהט צו און פרעגט וואָס דאָ קומט פאָר און זעהט, אַז אַ פּאָליציימאַן האָט געשלעפּט אַן אָרימע אידענע אין פּאָליציי, ווייל זי האָט געפּעדעלט מיט געבעקס אָהן אַן ערלויבניש. אבער קוים האָט ער נאָר אויסגעהערט וואָס דאָ קומט פאָר, איז צוגעקומען א מחנה פּאָליציי און מען האָט אַרעסטירט אַלע אידען פאַר שטערען דעם פּאָליציימאַן צו טאָן זיין פליכט. און ר׳ מאיר איז געווען איינער פון די אַרעסטירטע. ער איז פאַר־משפּט געוואָרען צו א חודש טורמע און מ׳האָט איהם אַפּגעשיקט אין דער קרייז־שטאָט פּעטראָקאָוו אָפּצוזיצען דעם חודש. עס האָט ניט געהאָלפען קיין אַפּעלירען, קיין פּראָטעקציע מיט געלט. נאָך איידער מ׳האָט זיך אַרומגעקוקט איז ער שוין געזעסען אין טורמע אָנגעטאָן אין די קליידער פון א קרימינאַלניק.

מאַכט זיך אָבער אַ משפּט, וואו דער זעלבער ר׳ מאיר דאַרף זיין אַן עדות. ברענגט מען איהם געשלאָסען אין קייטען קיין לאָדז צום געריכט און טאַקע אין זיינע אַרעסטאַנטסקע קליידער עדות צו זאָגען.

דער ריכטער פרעגט איהם, פאַרוואָס ער זיצט אין טורמע, הויבט ער מיט די פּלייצעס און זאָגט: „איך ווייס אויך ניט פאַרוואָס, מ׳האָט מיך איינגעזעצט".

„אזוי! — שרייט אויס דער ריכטער — דו באַליידיגסט די גערעכטיגקייט, אַז מ׳האָט דיר אומזיסט פאַראורטיילט? אויף ווי לאַנג האָט מען דיך פאַראור־טיילט?" — „אויף א חודש", ענטפערט ר׳ מאיר. „אויב אזוי — זאָגט דער ריכטער און גערעכטיגקייט אויסטיילער — וועסט פאַר דעם זיצען 6 חדשים".

ווען איך האָב, זייענדיג דערביי אין געריכטס־הויז, דאָס דערהערט, בין איך שיער געפאַלען אין חלשות פאַר רחמנות, און אַפּגעמאַכט ביי זיך גלייך, אַז איך וועל פאַרלאָזען דאָס ארץ הדמים. אָט דאָס איז געווען דער לעצטער שטויס נאָך מיינע דריי יאָהר פּריזיוו און ליידען, צו פאַרלאָזען פוילען. איך האָב באַלד גע־קראַגען די הסכמה פון מיין פרוי אוועקצופאָרען קיין אונגאַרן צו די סוחרים ביי וועלכע איך האָב געקויפט וויין, כדי אָנצונעמען אַן אויפטראַג אלס זייער אַגענט. עס הייסט, אזוי האָב איך געזאָגט מיין פרוי, איך האָב אויספאַרקויפט די סחורה צו אַ באַקאַנטען, אָפּגעצאָלט די חובות, און ווען איך בין נאָר אריבער די גרעניץ,

האָב איך גלייך באַשלאָסען צו פאָרען קיין ענגלאַנד, וואו איך האָב געהאַט אַ ברוד־דער, דאָרט זיך אַביסעל אויסרוהען און דאַן ערשט אַ טראַכט טאָן צו וואָס ווייטער זיך צו נעמען. איך בין בשלום אַנגעקומען קיין בוירמינגהעם צו מיין ברודער חיים ע״ה.

* * *

ביי דעם פונקט וועל איך אין אַ פּאָר שטריכען איבערגעבען אַן אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק וועגען די אידען אין לאָדז פון יענער צייט.

לאָדזשער אידען זיינען געווען זעהר סענסיטיוו און, אויף ווי ווייט זיי האָבען נאַר געקענט, האָבען זיי זיך ניט געלאָזט באַליידיגען.

אַזוי, למשל, האָט פּאַסירט דאָס ווען מ׳האָט אין לאָדז איינגעפירט אַ טראַם־וויי, איז די אונטערנעמונג געמאַכט געוואָרען פון אַ קאָמפּאַני לויטער קריסטען. ווען דער רייכער אידישער פאַבריקאַנט פּאָזנאַנסקי, וואָס איז אויך געווען באַוואוסט אַלס בעל צדקה, האָט געוואָלט קויפען אַקציעס (שערס) אין דער געזעלשאַפט, האָט מען איהם ניט געוואָלט פאַרקויפען, ווייל מ׳האָט ניט געוואָלט קיין אידען אין דער געזעלשאַפט.

די אידען אין לאָדז האָבען זיך דערפון דערוואוסט און גלייך איז עס צוטראָגען געוואָרען איבער דער שטאָדט. און ניט אָרגאַניזירטערהייד איז באַשלאָסען געוואָ־רען, אַז קיין איד זאָל זיך ניט באַנוצען מיט׳ן טראַמוויי. גלייך ווי דער טראַמוויי האָט אָנגעהויבען פונקציאָנירען, האָט די קאָמפּאַניע איינגעזעהען, אַז די אידען האַלטען אַן אַ פולשטענדיגען באָיקאָט, ווייל דער טראַמוויי איז געגאַנגען מיט ליידיגע קאַרס. עס האָט ניט געקענט זיין אַנדערש אין אַ שטאָדט וואו די אידען זיינען געווען די מאַיאָריטעט פון דער באַפעלקערונג.

עטליכע טעג זיינען די טראַמווייען געפאָרען ליידיגע, ווייל קיין איד האָט ניט געוואָגט זיך צו באַנוצען מיט זיי.

האָט די קאָמפּאַניע זיך געווענדעט צום אָבער פּאָליצייי־מייסטער און פאָר־קלאָגט, אַז די אידען האָבען געלייגט אין חרם די טראַמווייען און געבעטען שוץ פון דער פּאָליציי. איז דער פּאָליצייי־מייסטער אוועק צום רב ר׳ אליהו מייזל ז״ל און איהם ערקלעהרט, אַז אַזאַ באָיקאָט איז געגען געזעץ. דער רב האָט איהם גע־ענטפערט אַז קיין אונגעזעצליכעס איז דאָ ניט באַגאַנגען געוואָרען, נאָר די אידען ווילען פּשוט ניט פאָרען אויף אַ טראַמוויי וואו די בעלי בתים באָיקאָטירען אידען און ווילען זיי ניט פאַרקויפען קיין אַקציעס אין דער געזעלשאַפט. קיין חרם האָבען די אידען ניט פּראָקלאַמירט און מ׳קען זיי ניט נויטען זיי זאָלען דוקא זיך באַנוצען מיט׳ן טראַמוויי, כדי רייך צו מאַכען זייערע שונאים.

„אויב אַזוי, זאָגט דער פּאָליצייי־מייסטער, אויב דו ווילסט מיר באַווייזען אַז קיין חרם איז ניט געמאַכט געוואָרען, טאָ קום מיט מיר זיך אַדורכפאָרען אין אַן אָפענעם טראַמוויי. דער רב האָט איינגעוויליגט, און איז מיט׳ן פּאָליצייי־מייסטער

געפארען איבער גאנץ פעטראקאווער גאס, די הויפט גאס פון לאדז. אידען האבען געזעהן דעם רב פאהרען, אבער דאס האט ניט געהאלפען. קיין איד האט זיך ניט באנוצט מיט׳ן טראמוויי. אזוי זיינען אוועק צוויי וואכען, און די געזעלשאפט האט זיך דאן געווענדעט צו פאזנאנסקי׳ן, איהם איבערגעבעטען, געגעבען איהם די מעגליכקייט צו קויפען אקציעס און דערצו נאך געגעבען צעהן טויזענט רובעל צו דער אידישער געמיינדע. גלייכצייטיג איז פאזנאנסקי אויך געווארען איינער פון די דירעקטארען פון דער געזעלשאפט. די טראמווייען זיינען דאן געווארען אי־בערפולט.

נאך אן אינצידענט האט אויף מיר געמאכט זעהר א גוטען איינדרוק, אן אינ־צידענט עהנליך צו דעם דערמאנטען:

אין לאדז האט דאן געלעבט א רייכער דייטש, וועלכער איז געווען אן איי־גענטימער פון א גרויסער ברוערי. זיין נאמען איז געווען: א נ ש ט א ט. ער האט אויך געהאט זיין אייגענס א גרויסען שפאציר־גארטען מיט פארשידענע פארוויילונגען. עס האט געקאסט 20 קאפיקעס איינטריט צום גארטען. און דארט האט מען אויך פארקויפט „אנשטאט׳ס ביער״.

איין אווענט איז דער אייגענטימער געזעסען אין גארטען און גערעדט מיט נאך א דייטש. א איד איז פארבייגעגאנגען און געהערט ווי אנשטאט זאגט: „די יודען טרונקען אויס די גלעזער צוזאמען מיט׳ן ביער״, מיינענדיג אז די אידען גנב׳ענען צו די גלעזער. עס האט ניט געדויערט קיין טאג און די געשיכטע האט זיך צעטראגען איבער לאדז, און גלייך האט מען אויפגעהערט צו באזוכען זיין גארטען. אין קיין אידישען רעסטאראן האט מען מעהר ניט פארקויפט „אנשטאט׳ס ביער״ און אפילו קריסטליכע שיינקער האבען מורא געהאט צו פארקויפען „אנ־שטאט׳ס ביער״, ווייל די אידען וואלטען געוויכט פון דעם שיינק.

דער באיקאט האט אנגעהאלטען עטליכע וואכען. אנשטאט האט שוין געהאט איבערגעמאכט דעם נאמען פון זיין ביער, אבער עס האט ניט געהאלפען. ער איז דאן געקומען צום פיהרער פון דער געמיינדע, צום רב, און געבעטען רחמים. דאן האט זיך ווידער אריינגעמישט דער פאליציי־מייסטער און מ׳האט באשטראפט דעם ברוער מיט פינף טויזענט רובל צו פארענדיגען דאס איבערבויען פון אן אלטער שוהל, וואס איז געשטאנען ניט פארענדיגט שוין זייט יאהרען און מיט נאך עט־ליכע טויזענט רובל פאר אנדערע אידישע אנשטאלטען, און די געמיינדע האט זיך דאן געלאזט איבערבעטען.

אט אזא שטאלץ האט געקענט באווייזען די לאדזער געמיינדע, ווען דער אי־דישער נאמען איז באליידיגט געווארען. דאס זיינען געווען די צייטען, ווען פוילען איז אליין געווען אונטערדריקט דורך דעם צאר׳ס הערשאפט.

דער איד האט אבער פארלוירען דאס ביסעל שטאלץ, נאכדעם ווי פוילען איז באפרייט געווארען פון רוסלאנד און איז געווארען א פרייע רעפובליק. אט למשל

ווען איך האָב נאָך דער ערשטער מלחמה, אין 1921, געמאַכט מיין רייזע איבער איירָאפּע און ארץ ישראל, האָב איך באַזוכט לאָדז און בין דאָן געקומען צום באַשלוס, אַז די דאַמאָלסדיגע אונטערדריקונג פון די פּוילישע אידען איז געווען פיעל ערגער ווי אונטער דעם רוסישען צאַר מיט זיינע פּאָגראָממשטשיקעס.

איך האָב דאַמאָלס באַזוכט לאָדז, און בין געווען ביי דר. ראָזענבלאַט, וועלכער איז געווען א מיטגליד פון אידישען סיים און אין זיין אָפּיס האָב איך געטראָפען פילע אידען, וועלכע זיינען געקומען זיך באַקלאָגען געגען די אומרעכטען וואָס ווערן געגען זיי באַגאַנגען: דעם אידען האָט מען אָפּגעשניטען א פּאה, דעם האָט מען אַרונטערגעוואָרפען פון באַהן, און יענעם האָט מען באַשטראָפט סתם ווייל ער איז א איד.

איין אָרימע פרוי האָט זיך באַקלאָגט, דאָס מ׳האָט זי אַרעסטירט פאַר פאַרקויפען עטליכע בייגל אין מאַרק אָהן א ערלויבניש און זי פאַרמשפּט צו צוויי הונדערט מאַרק שטראָף אָדער זיצען אין תפיסה א חודש, מ׳האָט איהר געגעבען דריי טעג צייט צו באַצאָלען אָדער געהן אין תפיסה.

די אידענע איז געשטאַנען און ביטער געוויינט. ניט זי האָט געהאַט די צוויי הונדערט מאַרק (דאַמאָלס האָבען אין פּוילען קורסירט מאַרק) און ניט זי האָט געקענט אַוועקגעהן אין תפיסה, ווייל זי איז געווען אַן אלמנה און געהאַט פיער קליינע קינדער יתומים און ניט געהאַט וואו זיי איבערצולאָזען.

דר. ראָזענבלאַט האָט גענומען דיקטירען א בריוו צום ריכטער, בעטענדיג רחמנות פאַר דער אָרימער אלמנה, מ׳זאָל איהר לאָזען באַצאָלען די צוויי הונדערט מאַרק אין קליינע ראַטעס פון 5 מאַרק א וואָך.

דאָ האָב איך זיך געווענדעט צו דר. ראָזענבלאַט און זאָג איהם: „צוויי הונדערט מאַרק באַטרעפט אויף אונזער געלט ניט מעהר ווי צען סענט". (אַזוי איז עס געווען לויט דעם דאַמאָלסדיגען קורס) טאָ וואָס לוינט די גאַנצע אַרבייט מיט בקשות? אָט גיב איך דער פרוי די צוויי הונדערט מאַרק און זאָל זי געהן באַצאָלן.

דר. ראָזענבלאַט האָט א שמייכעל געטאָן: „אמת, זאָגט ער, ביי אייך איז דאָס צעהן סענט, אָבער דאָ איז עס צוויי הונדערט מאַרק, און אויב איהר ווילט באַצאָלען אַזעלכע צעהן סענטיגע, וועלען אַלע אייערע דאָלאַרען דאָ ניט סטייען און איהר וועט ניט האָבען מיט וואָס פאָרטצוזעצען אייער רייזע".

איך האָב דער אָרימער פרוי געגעבען א טויזענט מאַרק פּאַפּיר, וואָס האָט באַטראָפען אַרום פופציג סענט. און די פרוי האָט זיך אַזש צוואָוויינט פאַר שמחה, ווייל דאָס האָט געהאָלפען, אַז זי זאָל ניט דאַרפען מעהר פּעדלען מיט בייגעל, נאָר זוכען מיט דעם געלט א בעסערע פרנסה.

אָט דאָס איז געווען דער צושטאַנד פון די מערסטע אידען אונטער דער פרייער פּוילישער רעפּובליק. נאַטירליך זיינען געווען אויך אידען וואָס האָבען

געהאט היבשלאך פרנסה און אויך א צאל רייכע לייט, אבער די מאיאריטעט איז באשטאנען פון אט אזעלכע ארימע און אונטערדריקטע אידען.

* * *

איצט צוריק קיין בוירמינגהאם. איך האב מיין ברודער דערציילט די אורזאכע פון מיין רייזע. ער האט מיר געראטען זיך אויסצולערנען די שפראך, וועט ער דאן מיט מיר צוזאמען עפענען א ווייך־געשעפט אין בוירמינגהעם, אבער דאס טהוט זיך ניט אזוי שנעל. איך בין דארט אפגעווען 6 וואכען און האב ערהאלטען פון מיין ברודער אהרן אין מאנטרעאל א טעלעגראמע, אז ער שיקט מיר א שיפסקארטע איך זאל גלייך קומען קיין קאנאדע, כאטש פאר א וויזיט. איך האב באשלאסען צו מאכען די רייזע, ברענגענדיג נאך מיט זיך גענוג געלט אויף צוריק צו פארען אויב עס וועט מיר דא ניט געפעלען. ראש חודש אלול 1900 האב איך זיך אויפגעזעצט אויף דער שיף אין ליווערפול, אויפ׳ן וועג קיין מאנטרעאל. מיין שיף האט זיך דאן געשלעפט ניט ווייניגער פון 15 טעג פון ליווערפול ביז קוויבעק. דאס זיינען ניט געווען די היינטיגע שיפען און ניט די היינטיגע באקוועמליכקייטען. אפילו דאס עסען האט אויך געפאסט פאר בהמות, ניט פאר קיין מענשען. פון א געלעגער איז שוין אפגערעדט. איך, האבענדיג געווען 6 וואכען אין ענגלאנד, האב שוין מיט מיין ארימען ענגלישען ווערטער־באגאזש געקענט זיין דער אינטוירפרעטער צווישען די פאסאזשירען און די אפיסערס אויפ׳ן שיף, וועלכע האבען רעוואלטירט געגען דער שלעכטער באהאנדלונג און געגען כמעט אפפאסטען די טעג.

דאמאלס איז געווען פונקט נאך די פאגראמען אין רומעניע און פיעל רומענישע יונגעלייט האבען זיך דאן געפינען אויפ׳ן שיף, אנטלויפענדיג פון דעם רומענישען גהנום. זיי האבען שוין געהאט צוגעפאסט לידלעך וואס האבען אויסגעדריקט די ליידען פון די רומענישע אידען

איין קופלעט איז געגאנגען אזוי:

„אין קאנאדע, אויף יענער ערד,
וועלען מיר האבען אונזער ווערט,
פון רוצחים ניט ווערען געשטערט;
ס׳וועט זיין אונזער בעסטע נחמה
דארט ארבייטענדיג עבודת אדמה״.

און די זעלביגע רומענישע פליטים האבען זינגענדיג וועגען זייער צוקונפט פונדעסטוועגען שטארק פראטעסטירט געגען דער הונגעריגער געגענווארט און פארלאנגט כאטש צוויי ווייסע בולקעס א טאג אנשטאט איינע.

די איינע בולקע האט מען געגעבען אויך ניט ביים טיש, נאר ביים ארויסגאנג פון דער אונטערשטער קאיוטע איינציגווייז, כדי עמיצער זאל חלילה ניט כאפען צוויי פארציעס בולקע. די רעשט פונם טאג האבען זיי געכאפט א שטיק

שוואַרצע ברויט, אַ שטיקעל הערינג און אַ קאַווע אָדער טיי. דאָס זיינען געווען די מאַלצייטען פאַר גאַנצע פּופצען טעג. די וואָס האָבען זיך ניט אָפּגעזאָגט פון עסען טרפות, האָבען געקראָגען אַ שטיקעל פלייש מיט זופּ יעדען טאָג. אמת, דאַמאַלס האָט אַ שיפסקאַרטע געקאָסט אַזעלכע $30.00 און די שיפס קאָמפּאַני האָט צוויי וואָכען געדאַרפט געבען עסען צו פּאַסאַזשירען פאַר די דרייסיג דאָלער, קען מען זיך שוין פאָרשטעלען וואָס פאַרא ווערטה די פּאַסאַזשירען האָבען גע־האַט ביי די שיפס־קאָמפּאַניעס!

זייענדיג שוין אין מאָנטרעאָל, האָב איך אייניגע פון די פּאַסאַזשירען גע־טראָפען, איינער האָט געשאַרט שניי פאַר 60 סענט אַ טאָג, אַ צווייטער איז געוואָרען אַ שניידער, געאַרבייט פיער וואָכען אומזיסט און דאַן פאַרדינט צוויי מיט אַ האַלבען דאָלער אַ וואָך.

האָבענדיג געווען 6 וואָכען אין בוירמינגהאַם, ענגלאַנד, צווישען אַנגליזיר־טע אידען, האָב איך געהאַט אַ מעגליכקייט צו באַאָבאַכטען דאָס דאָרטיגע אי־דישע לעבען. כמעט אַ דריטעל פון די דאָרטיגע אידען האָבען פּראַקטיצירט גע־מישטע הייראַטען, מערסטענס האָבען געהייראַט אידישע מענער מיט קריסטליכע פרויען, פונדעסטוועגען האָבען זיי פאַרט אָנגעהאַלטען אַ געוויסען „שטאַט" אין זייער באַנעהמונג. איך וויל דאָ איבערגעבען בלויז איין אינצידענט:

עס האָט זיך דאָרט געפונען אַ רייכער איד, וואָס האָט פאַרמאָגט עטליכע באַנק געשעפטען און געבאָרגט געלט אויך אויף וועכענטליכער און מאָנאַטליכער אָפּצאָלונג, אָבער מ'האָט געזאָגט, אַז אָט דער אידישער באַנקיר רייסט גרויסע פּראָצענטען וואָס איז ניט קיין כבוד פאַר דער אידישער געמיינדע. האָט די גע־מיינדע איהם אויסגעשלאָסען פון אַלע צדקה־אַנשטאַלטען און ניט געוואָלט נעמען פון איהם קיין ביישטייערונג צו די אַנשטאַלטען. בעת מיין פאַרוויילען אין בויר־מינגהעם איז דער באַנקיר געשטאָרבען, האָט די געמיינדע ניט געוואָלט נעמען ביי דער פאַמיליע קיין קבורה־געלט און געגעבען אַן אומזיסטע קרקע. דער באַנ־קיר האָט געמוזט באַגראָבען ווערען אין פרעמדע קהל'שע תכריכים. „אַזאַ איד, האָבען די קהילה לייט געטענה'ט, דאַרף זיין באַגראָבען אין פרעמדענ'ס". די ענגלישע צייטונג האָט געלויבט די אידישע געמיינדע פאַר אַנטאַן אַן אומכבוד צו אַזעלכען, וואָס האָט די אידען ניט פאַרשאַפט קיין כבוד. אָט אַזאַ שטאָלץ האָבען אַרויסגעוויזען די ענגליש־אידישע געמיינדעס.

דאַך ווען איך בין אָנגעקומען קיין מאָנטרעאָל, האָב איך זיך דאָ גענומען פיהלען היימישער, ווייל די דאַמאָלסדיגע אידען זיינען אַלע געווען היימישע אי־דען. מיט דער אויסנאַם פון עטליכע מנינים, זיינען אַלע געווען אימיגראַנטען.

צעהנטער קאפּיטעל

דאָס דאמאָלסדיגע לעבען אין מאָנטרעאל

די אידען אין מאָנטרעאל האבען דעמאָלט געציילט ארום פינף טויזענט נפשות און אין גאנץ קאנאדע זענען ניט געווען מעהר ווי 9 טויזענט אידען. דאס איז געווען אַזוי, ניט געקוקט אויף דעם פאַקט וואס סיר ווילפריד לאָריע, דער דאמאָלס־דיגער פּרעמיער, האָט געלאָזט וויסען אין אייראָפּע, אַז קאַנאַדע זוכט אי־מיגראַנטען; מ'וועט זיי באַזעצען אויף פרייע ערד און אויסבאָרגען געלט פאַר די ערשטע עטליכע יאהר צום לעבען. און באַראָן דע הירש האָט שוין דאַן אויך געהאַט פאַרהאנדעלט מיט דער אָטאַווער רעגירונג צו באַזעצען אידישע אימי־גראַנטען אין דער וועסט, וועלכע האָט נאָך שטאַרק געפּוסטעוועט.

איך בין אַנגעקומען צוויי וואכען פאַר ראש השנה אין יאהר 1900. דעם ערשטען שבת האָט מיך מיין ברודער אהרן, וועלכער איז שוין דאָ געווען אַ תושב פאַר וועלכע צעהן יאהר און איז דאַן געווען דער גבאי פון דער חברה קדישא, וואס האָט געהאַט איהר שוהל אויף אַ פּלאַץ אין סט. לאָרענס ביי קרעיג סטריט, מיך מיטגענומען דאַווענען אין זיין שוהל.

ס'האָט שוין דאמאָלס עקזיסטירט אַ דאון־טאון מיט אַן אַפּטאון, אַזוי ווי איצט, אָבער דער פּראָצעס פון פאַנאַנדערטיילונג איז אַלץ געווען דער זעלבער. די היינטיגע עלטערע תושבים זיינען פריהער געווען איינוואוינער פון דער זעלבער קעדזשו סטריט מיט דעם אידישען געסעל, וואס האָט זיך גערופען און רופט זיך נאָך היינט לעדוק לעין. דאָס געסעל ציהט זיך פון סט. דאָמיניק ביי סט. לאָרענס מאַרקעט ביז קעדזשו סטריט, אָדער דעבוליאָן, ווי די גאַס רופט זיך היינט. שוין איינמאָל אַ פאַראַדנע גאַס. די הויפּט שוהל אין דעם געגענט איז געווען די בני יעקב שוהל, וואס האָט זיך געפונען טאַקע אין קעדזשו סטריט, ביי קרעיג.

נאָך אַ שוהל איז געווען — די בית דוד שוהל, אַ רומעניש, אין שענעוויל סטריט, ניט ווייט פון דאָרטשעסטער. די שוהל האָט פריהער באַלאַנגט צו דער שפּאַניש־פּאָרטוגעזישער געמיינדע און ביים אויפבויען איהר שוהל אויף סטענלי סטריט, איז די שענעוויל סטריט שוהל איבערגענומען געוואָרען פון רומענישע אידען און האָט זיך גערופען בית דוד, וואס געפינט זיך היינט אויף סט. דזשאָזעף בולוואַרד.

ביי שענעוויל סטריט געפינט זיך נאָך היינט אַ סקווער (ביז דאָרטשעסטער סטריט). אַט דעם סקווער האָבען די שניידער פאַרנומען פאַר זייערע „אָפּען־עיר" פאַרזאַמלונגען. מען האָט דעם סקווער אויך גערופען „פינאַטס סקווער", ווייל

מען פלעגט דאָרטען זיצען און צוקנאַקען פינאַטס, און אַנדערע האָבען עס אפילו גערופען מיט'ן ברוטאַלען נאָמער „חזיר מאַרק״ . . .

יעדען שבת נאָכמיטאָג האָבען זיך דאָרט פאַרזאַמעלט אַלע שניידער, סיי בעלי בתים און סיי אַרבייטער. דאָרטען איז געווען די שניידער־בירזשע. ווער עס האָט געדאַרפט אַן אַרבייטער, אָדער וועלכער אַרבייטער עס האָט געדאַרפט אַ פּלאַץ, פלעגט קומען אַהין. אויך אַלע סכסוכים צווישען אַרבייטער און אַרבייטער, אָדער אַרבייטער און בעלי בתים, פלעגען דאָרט געשליכטעט ווערען. טאַקע אויף דעם פּלאַץ האָט זיך געגרינדעט די ערשטע שניידער יוניאָן, וואָס האָט שוין נאָכדעם אָפּגעהאַלטען איהרע מיטינגען אין קאָראָניישאָן האָל, מעין נעבען לאַגאַשעטיער, און אין לייבאָר טעמפּעל, סט. דאָמיניק סטריט אַנטקעגען דעם מאַרקעט.

דאַן האָט די חברה קדישא נאָך ניט געהאַט קיין שוהל, נאָר ווי שוין געזאָגט, אין אַ געדונגענעם „פלעט״ אויף מעין סטריט, ביי קרעיג.

דאַמאַלסט איז די חברה קדישא טאַקע געווען דאָס, וואָס איהר נאָמען דריקט אויס. זי האָט זיך מתעסק געווען מיט מתים און פאַרקויפט קרקע. היינט האָט יעדע שוהל, יעדע סאָסייעטי איהר בית הקברות און איהר אייגענע חברה קדישא, אָבער דאַן איז די איינציגע חברה קדישא געווען די, וואָס האָט היינט איהר שוהל אין האָטשיסאָן סטריט. זי האָט באַדינט, אַזוי צו זאָגען, כמעט דעם גאַנצען אימיגראַנטישען טייל פון דער אידישער באַפעלקערונג.

די היינטיגע בית שלמה שוהל האָט זיך דאַן גערופען „אהבת אחים״ און די „אחים״ האָבען ניט געהאַט קיין אייגענע שוהל, נאָר געדאַוונט ערגעץ אין אַ פּריוואַטען פלעט. נאָכדעם האָבען זיי געהאַט אַ שוהלכעל אויף אַ דריטען שטאָק אויף קלאַרק סטריט, וואָס האָט דאַמאָלט געהייסען סט. טשאַרלס בּרום סטריט.

די דאַמאָלסטדיגע אַלרייטניקעס, די וועסט־ענדערס, האָבען געהאַט אַ שוהל אויף מעקגיל סטריט, די „שער השמים״, וואָס איז דאַמאָלט געווען באַוואוסט אונטער'ן נאָמען „דייטשע שוהל״, אָבער פריהער האָט זיך זייער שוהל געפונען אויף קעדזשו סטריט, וועלכע זיי האָבען פאַרקויפט צו דער בני יעקב קאָנגרעגיישאָן.

די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע שוהל, וואָס געפינט זיך אויף סטענלי סטריט, איז די עלטסטע אידישע קאָנגרעגיישאָן אין קאַנאַדע. די פאַמיליע דע סאָלאַ זיינען געווען די אמת'ע אָפּשטאַמיגע פון שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע אידען און זיי זיינען געווען דער הויפּט פיהרער פון דער שוהל. רבי מעלדאָלאַ דע סאָלאַ, וועלכער האָט פאַרנומען די רבנות שטעלע, האָט עס גע'ירש'ענט פון זיין פאָטער, וועלכער איז געווען דער ערשטער רב אין מאָנטרעאָל. דער פּרעזידענט פון דער שוהל איז געווען קלאַרענס דע סאָלאַ, וועלכער איז אויך געווען דער ערשטער פּרעזידענט פון דער קאַנאַדער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אויך דער קאָנסול פאַר בעלגיע.

די חברה ש״ס האָט שוין דאַן אויך עקזיסטירט, אָבער זי האָט געהאַט איהר שוהל אין אַ פּריוואַטער הויז אויף קעדזשיו סטריט אַנטקעגען דער בני יעקב שוהל.

דאס זיינען די דאמאלסטרישע שוהלען וואס איך קען געדענקען, אבער פאר ימים נוראים זיינען געווען מניגים אין פריוואטע האלס און דער גרעסטער פלאץ פאר ראש השנה און יום כפור איז געווען דער מאנומענט נאשיאנאל טעאטער אין וועלכען דער פארשטארבענעם י. ל. מיטניק האט פון צייט צו צייט אראפגעבראכט אידישע אקטיארען־טרופעס. טאקע דער זעלבער י. ל. מיטניק פלעגט עס פאר־וואנדלען דעם מאנומענט נאשיאנאל אין א שוהל פאר די ימים נוראים.

דער הויפט „פרנסה־פאד" איז דאן צווישען אידען געווען שניידעריי. סיי די קליידער־פאבריקאנטען און סיי די ארבייטער זענען געווען הונדערט פראצענט אידען. עס זיינען אבער אויך געווען אידישע סוחרים, קליינהענדלער. די מעהר־סטע קליידער־פאבריקאנטען האבען אנגעפיהרט מיט קליינע שעפער און ניט זעהר סאניטארישע. איך געדענק נאך ווי צוויי אידען זיינען פארברענט געווארען אין א פייער וואס האט אויסגעבראכען אין א שניידער־פאבריק אין מיטען העלען טאג. די פאבריק האט באלאנגט צו א מר. זאקס. און עס איז אינטערעסאנט צו באמערקען, אז די צוויי אידען האבען באלאנגט צו צוויי באזונדערע שוהלען און יעדער האט באדארפט באערדיגט ווערען אויף דעם בית עולם פון זיין שוהל, וויילביידע שוהלען האבען שוין געהאט באזונדערע סעמעטעריס. מ'האט אבער די נשרפים נאר דערקענט אין די גרויסעביינער און די קלענערע, ווייל איינער איז געווען הויך געוואקסען און דער צווייטער נידעריגער.

א רעפארטער פון דער „העראלד" האט דעמאלט געפרעגט דעם דאמאלסט־דיגען רב אשינסקי, וועלכער איז איצט רב אין פיטסבורג, וואס וואלט געווען, ווען איינער פון די צוויי נשרפים וואלט געווען א איד און דער צווייטער א קריסט — אויף וועלכען בית עולם וואלט איהר גע'פסק'נט זאלען זיי באגראבען ווערען, ווי לאנג מ'האט ניט דערקענט ווער איז ווער? רבי אשינסקי האט איהם דאן גע־ענטפערט, אז ער מוז עס שטודירען און עס קען ניט געבען קיין ענטפער אויף'ן ארט. אבער מיין ברודער אהרן, וואס איז דאן געווען גבאי אין דער חברה קדישא, האט דעם רעפארטער געענטפערט, אז ער וואלט געווען צופרידעןביידען קובר זיין אויף א אידישען בית עולם. דער רעפארטער האט דאן דערפון געמאכט א גאנצע סענסאציע.

אויסער רבי אשינסקי, וועלכער איז געווען דער רב אין בני יעקב שוהל, איז אויך הרב צבי הכהן דאמאלסט שוין געווען דער גרינדער פון חברה ש"ס און פאר־נומען די שטעלע פון רב.

גאנץ מאנטרעאל איז גערעכענט געווארען פון קרעיג סטריט ביז אין דער ברייט סט. אנטוויך, וואו עס איז אויך געווען א שטיקעל אידישער דאון טאון צענ־טער, און אין דער לענג ביז אנטעריא סטריט. ס'זיינען געווען נאך באוואוינטע פלעצער פון שערברוק סטריט ארויף, אבער דאס האט שוין געהייסען דער „אפ־טאון", ווייל ווען אט די אידען פון אפטאון האבען דאן געהאלטען אין בויען

די עסטרייכישע שוהל אויף מילטאָן סטריט, האָבען דאָס די אידען אַנגענומען פאַר אַ ווילדען געדאַנק. ווער וועט עס געהן אַזוי ווייט דאַווענען? עס וועט מסתמא דאָרט קיין מנין ניט זיין, ווערענד היינט וואונדערט מען זיך צי דאָרט איז פאַראַן אַ מנין, ווייל עס איז צו ווייט דאַון טאַון. די מעהרסטע שוהלען געפינען זיך היינט אין די אַפּטאַונער געגענדען, וועלכע זיינען דאַן געווען פּוסטע פאַר־וואקסענע פעלדער.

ווען איך זאָג אַז די שטאָט האָט זיך גערעכענט ביז אַנטעריאָ סטריט, פאַרגעס איך ניט, אַז אין יענער צייט איז אַפילו פון דאָס שטיקעל מעין סטריט פון דע־מאָנטיני אַן, איין זייט געווען מיט לעדיגע פּאַרקענס, וואָס האָבען זיך געצויגען ביז אַנטעריאָ סטריט.

די ערשטע מעהר־וועניגער מאָדערנע געביידע אויף יענעם שטיקעל אָרט, איז דאָמאָלסט געבויט געוואָרען אין 508 סט. לאָרענס, וואו דער „קענעדער אַדלער" האָט געהאַט זיין ערשטע רעדאַקציע. שפּעטער האָט קאַרל ראָזענבערג אויפגעבויט דעם „איגל בילדינג", און די ראַבינאָוויטשעס האָבען געבויעט דעם קאָרנער בילדינג אויף מעין און אַנטעריאָ, בעת איבער אַנטעריאָ האָט גראַטצקי שפּעטער צוגעבויט אַ געביידע. אַזוי האָט זיך די זייט פאַרבויט ביז אַרויף שערברוק סטריט, ווערענד די אַנדערע זייט איז שוין געווען פאַרבויט נאָד פאַר מיין אַהער־קומען.

איך האָב פאַרגעסען דערמאָנען דאָס מיט 36 יאָהר צוריק איז שוין אויף לאַגאַשעטיער ניט ווייט פון מעין סטריט, אויפגעבויט געוואָרען די בית יהודה שוהל, וועלכע האָט ניט געקענט לאַנג עקזיסטירען, ווייל די אידען האָבען אַנגע־הויבען זיך איבערקלייבען „אַפּטאַון".

די איינציגע תלמוד תורה, וועלכע האַלט ביי פייערען קירצליך איהר פופציג־יאָהריגען געבורטסטאַג, האָט זיך דאַן געפונען אויף סט. אורביין סטריט. איהר בודזשעט איז דאַן געווען זעהר א קליינער, ווי עס ווערט באַמערקט פון אַ יעהרלי־כען באַריכט מיט 41 יאָהר צוריק, וואָס איז מיר געקומען צו דער האַנט. איך געפין דאָרט נעמען פון מענשען וואָס האָבען בייגעשטייערט צו 1 דאָלער ביז 5 דאָלער אַ יאָהר. דאָס זיינען אַזעלכע, וואָס גיבען איצט צו עטליכע הונדערט דאָלער אַ יאָהר. די מעהרסטע הכנסה איז געקומען פון שמחות. מ'פלעגט אויף כמעט יעדער שמחה אַוועקשטעלען אַ טעלער פאַר תלמוד תורה.

פון דעם באַריכט געפין איך אויס, אַז די גרעסטע סומע וואָס איז יענעם יאָהר געשאַפען געוואָרען פאַר ת"ת אויף אַ שמחה, איז געווען אויפ'ן ברית פון מיין זוהן דניאל, איצטיגער מענעדזשער פון „קענעדער אַדלער". די סומע האָט באַ־טראָפען ‎$18.75. דער פּרינציפּאַל פון זייער תלמוד תורה איז געווען משה אלימלך און מיר שיינט, אַז דער היינטיגער תלמוד תורה עסקן און ציוניסט, בנימין וויינער, איז דאַן, אָדער עטליכע יאָהר שפּעטער, געווען איינער פון די לעהרער.

שפּעטער צו איז טאַקע אויף סט. אורביין סטריט געקויפט געוואָרען אַ הויז

ניט ווייט פון קרעיג סטריט, און דאס הויז האט מען איבערגעבויט פאר א תלמוד תורה. די הויפט עסקנים דאן פאר דער ת״ת זיינען געווען אויסער הרב אשינסקי און רבי כהן אויך ר׳ אליעזר הכהן ע״ה און ר׳ לייזער ראזענבלום ע״ה. שפעטער האבען די צוויי זיהן פון ר׳ אליעזר כהן איבערגענומען די ארבייט: לייאן קאהען ע״ה און זיין ברודער א. ז. קאהען ע״ה. דאן איז די הויפט פיהרערשאפט אי־בערגעגאנגען צו ל. ווינער ע״ה און צו לייב סאלאמאן ע״ה. ווען דער עולם האט אנגעהויבען זיך ציהען „אפטאון״, האט שוין די עסטרייכישע שוהל אויך געהאט א תלמוד תורה און זי גערופען „תלמוד תורה אנשי ספרד״. דאס איז געווען, דאכט מיר, שוין אין יאהר 1905. עס איז אין דעם דאן נייעם בילדינג פון באראן דע הירש אינסטיטוט אויך אויסגעהאלטען געווארען עטליכע קלאסען תלמוד תורה פון דעם איינקונפט פון באראן דע הירש פאנד. אין אט דער תלמוד תורה איז געווען דער פרינציפאל און לעהרער א געוויסער מר. גארדאן און דער סופעראינ־טענדענט פון באראן דע הירש, א קריסט מיט׳ן נאמען מר. בעקער, וועלכער האט פון די קינדער געגרינדעט א „סקאוט״ סאסייעטי, און ער אליין, אביסעל היני־קענדיג, האט מיט די קינדער מארשירט. באראן דע הירש אינסטיטוט האט שטענדיג געהאלטען קריסטליכע סופערינטענדענטס פאר אידישער צדקה. ווען מר. בעקער איז געשטארבען, איז אויף זיין פלאץ אויפגענומען געווארען א געוויסער מר. הארס־פאל, שוין אויך געשטארבען. נאכדעם האט אן אנדער קריסטליכער סופע־רינטענדענט איבערגענומען דעם אמט. יעדענפאלס, די ת״ת אין באראן דע הירש האט געהאט זעהר ווייניג קינדער און דאס נאר פון די ארימסטע קלאסען, און ווען די בתי תלמוד תורה האבען זיך פארשפרייט און ארויפגערוקט אפטאון, האט זיך די באראן דע הירש תלמוד תורה צוגעמאכט.

ארום 1910 האבען זיך שוין געפונען א היבשע צאל באזונדערע ת״ת, ביז, דורך דעם פארלאנג פון פארשטארבענעם סיר מארטימער דייוויס, זענען די אלע ת״ת פאראייניגט געווארען אונטער׳ן נאמען „די פאראייניגטע תלמודי תורה פון מאנטרעאל״.

ווי עס קומט צו סיר מארטימער דייוויס דער אינטערעס אין תלמוד תורה, דארף פארנעהמען א קאפיטעל פאר זיך זעלבסט, און מיר וועלען עס באשרייבען אין די ווייטערע קאפיטלען וואו מיר וועלען האבען עפעס צו דערציילען וועגען סיר מארטימער׳ס אקטיוויטעטען אין אונזער געמיינדע.

עלפטער קאַפּיטעל

פאַרשיידענע זכרונות פון מאָנטרעאל

די ערשטע וויכטיגע אידישע צדקה־אינסטיטוציע אין מאָנטרעאל איז געווען די אזוי גערופענע „יאַנג מענ'ס היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי". איהר אָפּיס האָט זיך געפונען אין א צימער ערגעץ אויף עליזאַבעטה סט., ניט ווייט פון קרעיג סטריט. פון אָט דער „יאַנג מענ'ס" געזעלשאַפט איז דערנאָך אויסגעוואַקסען דער באַראָן דע הירש אינסטיטוט נאָכדעם ווי דער באַראָן ע"ה האָט אָהער איבערגעשיקט אַ געוויסע סומע געלט צו העלפען אידישע אימיגראַנטען זיך באַזעצען אויף לאַנד אין קאַנאַדע. אַ דאַנק דעם איז געגרינדעט געוואָרען דער קאַנאַדער קאָמיטעט פון דער איק"א און עס איז אויך אויפגעבויט געוואָרען דער באַראָן דע הירש בילדינג אויף בלורי סטריט פון דעם באַראָנ'ס געלט.

אין סט. עליזאַבעטה סטריט פלעגט א קאָמיטע, צווישען זיי ר' חיים וויינבערג, לאַזאַרוס קאַהען, די רובינשטיין ברידער — אַלע שוין איצט שוכני עפר, זיצען יעדען זונטאָג מיט אַביסעל געלט אויפ'ן טיש. דאָס געלט איז געלעגען „באַלעבאַטיש" אויסגעסאָרטירט: פינפער דאָלאַרען באַזונדער און צווייער מיט איינציגע דאָלאַרען באַזונדער. דערביי זיינען אויך זילבערנע מטבעות געלעגען אויסגעסאָרטירט און האַלבע און פערטעל דאָלאַרען צום טיילען. די נויטליידענדע פלעגען קומען, דערציילען זייערע באַדערפעניסען און דאַן פלעגט פון די קופּקעלעך געלט אַרונטערגענומען ווערען אַ קלענערע אָדער גרעסערע מטבע. אייניגע האָבען געהאַט דאָס גליק צו קריגען אַ פינפערל, אַנדערע אַ דאָלאַר און אַנדערע האָבען נאָר געקענט נהנה זיין פון די זילבערנע קופּקעלעך. אָט דאָס איז דאַמאָלס געווען אונזער גרעסטע צדקה אינסטיטוציע.

ווען מען דערמאָנט זיך, ווי אַזוי דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען ביי אונז איז געוואַקסען האָט מען פאַר זיך אַ בילד פון אַ לאַנגזאַמער אַנטוויקלונג, וואו אַלץ האָט זיך אָנגעהויבען נעבעכדיג קליין און זיך ביסלעכווייז צעוואַקסען אין גרויסע פּראָפּאָרציעס. אָט למשל געדענק איך ווי ס'האָט אויסגעזעהן דער ערשטער סאַנאַטאָריום פאַר שווינדזיכטיגע אין פּרעפאָנטעין. דאָס איז געווען אַ קליין פויעריש הייזקעלע, וואָס איז געווען צרה'דיג אויסגעשטאַט ווי אַ שפּיטאָל. עד היום קען מען דאָרטען זעהן יענע הייזקע הינטער די צוויי גרויסע געביידעס, וואָס זענען זייט דאַן אויסגעבויט געוואָרען. דער גרויסער און שעהנער סאַנאַטאָריום, וואָס געפינט זיך דאָרטען איצט איז אַ הערליכער און אימפּאָזאַנטער קאָנטראַסט צום נעבעכדיגען אָנהויב.

איך געדענק די נעבעכדיגע זאַך, וואָס האָט געדאַרפט פאַרשטעלען מיט זיך אַ מושב זקנים מיט אַ בית יתומים צוזאַמען אין אַ קלײנע הײזקע אויף עוואַנס סטריט. דאָרטען האָבען זיך געפונען אַ צענדליג זקנים און אַ צװײ צענדליג יתומים. איהר קענט זיך שוין פאַרשטעלען װי גוט עס האָבען זיך געקענט אויסמישען זקנים מיט קינדער אונטער אײן דאַך. דאָס געהערט צו די זאַכען, וואָס הײנט קאָן דאָס גאָר קײנעם ניט אײנפאַלען, אָבער דאַמאָלט איז דאָס געװען רעכט.

מיט יאָהרען שפּעטער האָט מאָנטרעאל זיך אַרויפגעאַרבײט אויף צװײ גרויסע בתי יתומים — אײנער דער „היברו אָרפאַנס האָום" אין װעסטמאָונט און דער צװײטער דער מאָנטעפיאָרע בית יתומים אויף זשאַן מענס סטריט. גלײכצײטיג האָט זיך אויך גענומען פאַרצװײגען דער מושב זקנים װעזען און עס איז געװאָרען אַן אמת'ע גערעטעניש אויף אַזעלכע אַנשטאַלטען. חוץ דעם, וואָס דאָס הויז אויף עוואַנס סטריט איז נאָך אַלץ אָנגעהאַלטען געװאָרען אַלס מושב זקנים, האָבען זיך געגרינדעט נאָך צװײ אַזעלכע אַנשטאַלטען דורך דער איניציאַטיװע פון „דאַון־טאַונער" אידען. אײנער איז געװען אויפ'ן נאָמען פון ב. שטײנהויז ע"ה און דער צװײטער האָט זיך גערופען „נחלת זקנים". נאָר „פון אַלע ניאַנקעס איז דאָס קינד געבליבען אָהן אַ נאָז". קײן רעכטער מושב זקנים איז אַלץ ניט געװען, ביז דער שרײבער פון אָט די שורות האָט זיך אַרײנגעמישט צו פאַראײניגען די אַלע אַנשטאַלטען און עס איז אויסגעבויט געװאָרען דער איצטיגער פּראַכטפולער מושב זקנים אויף עספּלענײד עװ., וואָס װערט אויסגעהאַלטען דורך דער צדקה־פעדעראַציע. נאָר װעגען דעם װעלען מיר נאָך דערצײלען אין אַ באַזונדער קאַפּיטעל, װײל עס איז, גלויב איך, אינטע־רעסאַנט צו פאַרצײכענען.

ס'האָט אין יענער צײט שוין אויך עקזיסטירט די היברו סיק בענעפיט סאָסײעטי, געגרינדעט און אָנגעפיהרט דורך דעם פאַרשטאָרבענעם מר. פײגעל־סאָן, װעלכער האָט פּשוט זיך מקריב געװען פאַר אָט דער עלטסטער פון די סיק בענעפיט סאָסײעטיס, וואָס איהר צװעק איז געװען און איז נאָך איצט אויך אַרויסצוהעלפען אַ ברודער אין נויט אָדער אין קראַנקהײט און באַזאָרגען אַ טויטען ח"ו מיט קרקע און קבורה.

שפּעטער האָבען זיך געגרינדעט נאָך אַזעלכע סאָסײעטיס און זײ האָבען געשפּילט אַ װיכטיגע ראָל אין דעם אויספורעמען פון אונזער געזעלשאַפטליכען לעבען. ניט אַכטענדיג, וואָס די ספּעציעלע „קרקע" אינטערעסען פון אָט די סאָסײעטיס מיט זײערע צערעמאָניעלע פיהרונגען זענען געװאָרען אַ טעמע פאַר אַ סך װיצען, אַנעקדאָטען און פּאַראָדיעס, מוז מען אָבער זאָגן, אַז אין לעצטען סך הכל האָבען די אידען, וואָס זענען געװען פאַרקאָכט אין אָט די

סאָסייעטיס, אַ סך אויפגעטאָן סיי פאַר געגענזייטיגער הילף און סיי פאַר דעם אידישען געזעלשאַפטליכען לעבען אין דעם נייעם ישוב.

קירצליך נאָך דעם גרינדונג פון דעם „קענעדער אדלער'' אין יאָהר 1907 איז געגרינדעט געוואָרען די מלביש ערומים סאָסייעטי צו באַקליידען אָרימע קינדער. גלייכצייטיג איז געגרינדעט געוואָרען די היברו קאָנסאָמפּטיוו עיד אַסס'ן, וועלכע האָט אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע פון גוטער הילפס־אַרבייט. דער פאַקט, וואָס אפילו שוין די איינאָרדנונג פון אַ מאָדערנעם סאַנאַטאָריום פאַר שווינדזיכטיגע האָט נאָך אַלץ ניט געהאָט אָוועקגעמאַכט מיט דער עקזיסטענץ־באַרעכטיגונג פון דער „היברו קאָנסאָמפּטיוו עיד'' איז אַ באַווייז אויף וויפיל דער איבעל פון שווינדזוכט האָט דעמאָלט זיך פאַרשפּרייט צווישען דער אימיגראַנטישער אַרבייטער־באַפעלקערונג. מיט דער גרינדונג פון די יוניאָנס און מיט דער פאַרבעסערונג פון די אַרבייטער־באַדינגונגען האָט דער דאָזיגער איבעל זיך באַדייטענד פאַרקלענערט.

איך וויל דערקלערען, אַז מיט מיינע זכרונות בין איך ניט אויסען צו דערציילען אייך די געשיכטע פון קאַנאַדער אידען, ווייל דאָס באַלאַנגט צו אַ היסטאָריקער, ווי מר. ב. ג. זאַק, וועלכער זוכט נאָך אַלטע אַרכיוועז. ניין, דאָס איז ניט מייז צוועק. איך גיב בלויז איבער מיינע זכרונות וואָס איך געדענק און דאַריבער זאָל אייך קיין וואונדער ניט זיין ווען איהר וועט געפינען, אַז איך האָב אויסגעלאָזט געוויסע נעמען אָדער וויכטיגע אינצידענטען. דאָס איז פשוט ווייל איך פאַרלאָז זיך בלויז אויף מיין זכרון, און געוויס איז מיין זכרון ניט אַזוי שטאַרק, איבער־הויפּט די לעצטע צייטען, איך זאָל אַלץ קענען געדענקען. איך וויל פשוט געבען אַ בילד פון דעם וואָס איך האָב געזעהן און וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון, און ציל דערמיט צו באַקענען די אַריבערגעקומענע פון שפּעטערע צייטען זיי זאָלען האָבען אַ באַגריף פונ,ם אידישען לעבען דאָ מיט פופציג יאָהר צוריק, ווען דאָ האָט זיך נאָך אַפילו ניט אָנגעהויבען באַשאַפען די געמיינדע וואָס מיר פאַרמאָגען דאָ איצט.

אויב איהר וועט געפינען אַ טעות אין מיינע זכרונות וועט עס מסתמא ניט זיין וועגען אַ וויכטיגען ענין און אויב איהר וועט געפינען אַז אַרויסגעלאָזטען נאָמען, וועט עס זיין נאָר דערפאַר, ווייל ער איז אַרויס פון מיין זכרון אָדער ווייל איך האָב נאָך אין יענער צייט ניט געהאָט צו איהם אַזאַ באַציהונג, אַז ער זאָל בלייבען איינגעקריצט אין מיין זכרון.

איך און אַנדערע, וואָס געפינען זיך דאָ די זעלבע צייט וואָס איך און זענען נאָך ניט געוואָרען קיין „וועסט־ענדער'', וועלען מודה זיין, אַז דאָס אידישע געמיינדע־לעבען האָט זיך דאָ אָנגעהויבען מיט דעם דערשיינען פון דער אידישער צייטונג, דער „קענעדער אדלער''. און ווען איך וועל קומען צו אַט דער פעריאָדע, וועט עס געוויס זיין מעהר פינקטליך און אויך מעהר אינטערעסאַנט פאַר די לעזער. דאָרי־

בער וועלען מיר די לעזער ענטשולדיגען פאר טעות'ן ביז צו דער פעריאָדע פון דעם ערשיינען פון דער צייטונג, ווייל זייט 1907 געפינט זיך שוין אַ רעקאָרד דורך די „פיילס" פון 36 יאהר „קענעדער אדלער", וועו דאס אידישע לעבען דאָ איז געוואָרען אַ געמיינדע־לעבען אין פולען זין פון וואָרט.

איך וויל אבער ניט פארגעסען צו דערמאָנען, אַז אפילו דאַן האָט שוין עק־זיסטירט אַ גרויס אידיש פּאָליטיש קלייזעל מיט דזשאָו מילער אַלס דעם פירער, וועלכער איז געווען זעהר באַפריינדעט מיט דעם דאַמאַלסדיגען פּרעמיער־מיניסטער סיר ווילפריד לאָריע. דער זעלביגער דזשאָו מילער האָט דאַן געמאַכט די „גרינע" אידען פאַר „ציטיזענס" און האָט געפּאַטשט בראַוואָ אויף אַלע מיטינגען פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי. זיין סאָסייעטי האָט זיך טאַקע גערופען „די לאָריער פּאָלי־טיקאל קלוב" און זיינע הויפּט מיטגלידער זענען באַשטאַנען פון דעם נאָר וואָס פאַרשטאָרבענעם מר. שרייבערג און א. וואָלמאַן, (וועלכער האָט שפּעטער זיך איבער־געצויגען קיין ניו יאָרק), און נאָך עטליכע וועמעס נעמען איך געדענק ניט, אָבער זייער פּאָליטישע מאַכט, ווי איהר פאַרשטעהט, איז דער עיקר באַשטאַנען אין מאַכען אַ פּאָר דאָלאַר אין צייט פון וואַהלען. אויפטאָן עפּעס פּאָליטישעס איז געוואָרען מעגליך ערשט מיט דער דערשיינונג פון „קענעדער אדלער" אין 1907, ווייל מיט עטליכע יאהר שפּעטער איז דער ערשטער איד ערוועהלט געוואָרען אַלס אַלדערמאַן אין מאָנטרעאַלער שטאָט־ראַט, דאס איז געווען דער פאַרשטאָרבענער אברהם בלומענטאַל ע"ה.

דאָס עקאָנאָמישע לעבען

דאָס עקאָנאָמישע לעבען פון די אידען אין יענער צייט איז ניט געווען קיין סך אַנדערש ווי איצט. אויסער שניידעריי און קליינקרעמעריי, האָט אַ גרויסער טייל פון די איינגעוואַנדערטע זיך באַשעפטיגט מיט פּעדלעריי סיי אין שטאָט און סיי אין די דערפער. אייניגע האָבען זיך אַפילו באַשעפטיגט מיט אַרומפאָרען פאַרקויפען ברילען, כדי די דאָרפסלייט זאָלען חלילה ניט ליידען פון קורצזיכטיגקייט. מיט דער צייט זענען אַט די פּעדלער געוואָרען גאַנצע מבינים און קענער אויף צופּאַסען ברילען. דער לעבענס־סטאַנדאַרד איז דאַן געווען זעהר נידעריג און לעבענס־מיטלען גראָדע זעהר ביליג. אַזוי, אַז מ'האָט געלעבט און זיך געמעהרט און דערביי געהאַלפען ביסלאַכווייז שאַפען נייע הכנסות ווי' אויך קוואַלען פון פּרנסה אפילו פאַר אַ סך פון די הי־געבוירענע.

אַזוי, למשל, אַרבייטען איצט טויזענטער פראַנצויזישע פרויען ביי דער דרעס־אינדוסטריע, וואָס אידען האָבען דאָ געגרינדעט. ווערענד אין יענער צייט זענען די גאַסען געווען פאַרפלייצט מיט טויזענטער פרויען, וועלכע זענען אַרומגעגאַנגען ליידיג, זענען זיי צוביסלאַך אַבזאָרבירט געוואָרען אין די פאַרשיידענע אידישע קליידער־פאַבריקען, וואו זיי זענען היינט אפשר די מאַיאָריטעט פון די אַרבייטער.

ווי געזאָגט, איז אין יענער צייט געווען דאָס לעבענס־מיטעל זעהר ביליג. אַזוי למשל, האָט אַ פונט פלייש געקאָסט אין גאַנצען 6 סענט, דערצו האָט מען לעבער, לונג און פעטע ביינער געקראָגען גאַנץ אומזיסט. אַ „ספּרינג" היהנדעל האָט געקאָסט 25 סענט און צוויי פאַר 45. פיש האָט מען ניט געקויפט ביים פונט, נאָר מ׳איז געקומען צום וואַסער יעדען מיטוואָך און דאָנערשטאָג, וואו די פאַרמער האָבען געבראַכט לעבעדיגע פיש פון די בעסטע סאָרטען און מ׳האָט דאָס געקויפט ביים באַנדעל. פאַר 25 סענט האָט אַ פאַמיליע געקענט האָבען פיש פאַר אַ גאַנצע וואָך. עס האָט אויסגעמאַכט פון אַ סענט ביז צוויי פאַר אַ פונט. אַ קליין פלעשעל „דזשין" האָט מען געקראָגען פאַר בלויז 18 סענט, וואָס קאָסט היינט 95 סענט, און אַ גאַנצען „פּיטשער" ביר פון סאַלון האָט מען געקראָגען פאַר 5 סענט.

דירה־געלט האָט געקאָסט זעהר ביליג: פאַר אַ הייזקע פון 4 אָדער 5 צימערען האָט מען געצאָלט פון 8 ביז 10 דאָלאַר אַ מאָנאַט. נאַטירליך, דאָס זענען ניט געווען די היינטיגע אַפּאַרטמענטס מיט „סטים" באַהייצונג. עס זענען דאַן אויך געווען אַזעלכע אַפּאַרטמענטס, אָבער ווער האָט גאָר גע׳חלומ׳ט וועגען זיי? די פאַרדינסטען זענען דאַריבער געווען אין פאַרגלייך מיט׳ן לעבענס־מיטעל. אַזוי זענען אויך געווען די ביישטייערונגען צו די אינסטיטוציעס. ס׳האָט זיך אָנגע־הויבען מיט סענטען און איז ניט געגאַנגען העכער פון עטליכע דאָלאַר.

אפילו אַ מוהל האָט דאַמאָלט געטאָן זיין מלאכת הקודש אָהן וועלכע באַלוינונג. דער פאַרשטאָרבענער מר. קוירשענבערג איז געווען דער איינציגער מוהל, אָבער געלעבט האָט ער פון זיין „פּויר" געשעפט. רבי אַשינסקי, וועלכער איז אויך געווען א מוהל, האָט געדאַרפט קאָנקורירען מיט דעם מר. קוירשענבערג פאַר האָבען אַ מצוה׳לע ביים אריינפיהרען אַ אידיש קינד בבריתו של אברהם אבינו.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע

אין יענער צייט איז אויך געגרינדעט געוואָרען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. אין בני יעקב שוהל האָבען זיך פאַרקליבען אייניגע אידען מיט דעם פאַרשטאָר־בענעם קלאַרענס דע סאָלאַ בראש און האָבען דאָרט געגרינדעט אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. די הויפּט פיהרער זענען באַשטאַנען פון דע סאָלאַ אַלס פּרעז־זידענט און א. לעווין. א. דזשאַסבי, לעאָן גאָלדמאַן, א. האַריס א. ליאָ און אַנדערע זענען געווען זיינע אַדיוטאַנטען. זיי האָבען די אָרגאַניזאַציע געפיהרט מיט קליינע השגות. די ביישטייערער פלעגען אָפּקומען מיט אַ פערטעל דאָלאַר אַ יאָהר אַלס אַ שקל און אפשר נאָך דריי דאָלאַר אַ יאָהר צו איינער פון די צוויי ציוניסטישע סאָסייעטיס וואָס האָבען זיך דאַן געגרינדעט. ערשט מיט דער באַלפור דעקלאַ־ראַציע, ווען עס זענען געקומען די גרויסע התחייבות׳ן, האָט זיך דאַן דער אַלטער רעזשים כמעט פאַרלוירען און נייע מענשען האָבען איבערגענומען די

ארבייט מיט א. דזשיי פרימאַן ע״ה פון אָטאַווא אין דער שפּיצע און מיט זיין אומפאַרגעסליכע פרוי, לילי, וועלכע איז שפּעטער געוואָרען דער שטאָלץ פון קאנאדער אידענטום מיט איהר ארבייט לטובת ארץ ישראל, אלס די פּרעזידענטין פון הדסה. זי איז געווען א גרויסע כלל טוערין מיט א ברייט אידיש הארץ פאַר אידען און ניט־אידען. (איבער די פרימאַנס וועלען מיר ווידמען א באַזונדער קאַפּיטעל). זייט דאן האט דער קאנאדער ציוניזם אנגענומען אַן אנערקענטען און חשוב׳ן פּלאץ אין דער אַלוועלטליכער ציוניסטישער ארבייט.

די ערשטע מאַסען־אימיגראַציע

די ערשטע אידישע מאַסען־אימיגראַציע האָב איך בייגעוואוינט אין 1905, נאָכ׳ן קישינעווער פּאָגראָם, ווען עטליכע הונדערט אידישע וואנדערער פון בעסאַראַביע זיינען אַהער געקומען. קיין הכנסת אורחים האָבען מיר ניט געהאַט און קיין גרויסע פילאַנטראָפּישע ארגאניזאציע אויך ניט, דאך האט מען דאן געדונגען א גרויסען פּלאַץ אויף סט. לארענס בלווד. אריבער מאונט ראיאל עוועניו און מ׳האט צוזאמענגעקלאַפּט געלעגערס איינעם איבער ן אַנדערען און איינגעשטעלט א קיך. דער דאַמאַלסדיגער באַראָן דע הירש אינסטיטוט האט שוין געהאט אביסעל פאנדען פון דעם באַראָנ׳ס קאַסע, וואס איז אנגעקומען דורך דעם דאמאַלסדיגען היגען כלל־טוער מר. אַנשעל ע״ה, וועלכער איז געווען, דוכט זיך, אַן ענגלישער איד און אנגעהאַלטען דעם אַמט פון קאַנסול פאַר דער מעקסיקאַנער רעגירונג. דורך א ספּעציעל צוזאמענגעשטעלטער קאמיטע האט מען די עטליכע הונדערט אימיגראַנטען אויסגעהאַלטען פאַר א צייט ביז יעדער פון זיי האט געקראָגען וועלכע עס איז באַשעפטיגונג, אבער מ׳האט זיך שוין דאן געריכט אויף א גרויסער אידישער אימיגראַציע ערשטענס דערפאַר, וואס דער דאַמאַלסדיגער פּרעמיער סיר ווילפריד לאָריע האט פּשוט רעקלאַמירט אין אייראָפּע פאַר אימיגראַנטען און צוגעזאָגט פרייע ערד פאַר פאַרמערס און צווייטענס צוליב דער באַוועגונג פון באַראָן דע הירש צו באַזעצען אידען אויף לאַנד.

איך געדענק נאָך דעם מר. אַנשעל ע״ה, וועלכער האט קוים פאַרשטאַנען אידיש, דאך איז ער געווען זעהר א וואַרעמער איד. זיין מנהג איז געווען יעדען שמחת תורה צו טיילען די קינדער זיסע מתנות אין דער דייטשער שוהל ,,שער השמים׳׳ און מיט זיי טאנצען א קאַראַהאָד. א זעלטענער טיפּ איז דער מר. אַנשעל געווען. ער איז געווען נאָהענט באַפריינדעט מיט ר׳ אליעזר קאַהען ע״ה, א ברודער פון אונזער רבי כהן, וועלכער איז אויך געווען א זייל אין דער ,,דייטשער׳׳ שוהל, ווי אין היגען אידישען לעבען בכלל. זיין זוהן, לייאָן קאַהען ע״ה, איז שוין דאַמאַלט אויך געווען אַן אנערקענטער כלל־טוער, ווי ער איז פאַרבליבען ביז זיין טויט. דער פאַרשטאַרבענער ס. וו. דזשייקאָבס איז שוין דאַן געווען א באַקאַנטער לאַיער און איז אויך געווען פאַרבונדען מיט כלל־ארבייט. ער איז געווען סעקרעטאַר

פון דער יאַנג מען'ס היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי. ער צוזאַמען מיט לייאָן קאָהען, וואָס זענען געווען נאָהענטע פריינד זייער גאַנצען לעבען, האָבען שוין דאַמאָלט ארויסגעגעבען אַן ענגליש־אידיש וואָכענבלאַט, „די דזשואיש טיימס", וואָס איז היינט „די קענעדיען דזשואיש קראָניקל". זייער רעדאַקטאָר איז געווען אַן איירישער קריסט. איך האָב איהם דאָס ערשטע מאָל געזעהן ווען עס האָט זיך געעפענט די שוהל אין מילטאָן סטריט, וואו ער איז געקומען נעהמען אַ באַריכט פון דער דערעפענונג פאַר זיין זשורנאַל.

איך געדענק נאָך אַן אינטערעסאַנטען אינצידענט וועלכען סעם דזשייקאָבס ע"ה האָט הנאה געהאַט צו איבערדערציילען מיט יאָהרען שפּעטער, ווען איך האָב שוין געהאַט איבערגענומען „די דזשואיש טיימס" און געמאַכט דערפון „די קע־נעדיען דזשואיש קראָניקל".

אַ רייכער איד איז אַמאָל געווען זעהר קראַנק, און מ'האָט גערעכענט, אַז ער דאַרף שטאַרבען אין אַ טאָג אָדער צוויי. האָט מען פרייטאָג ניט ארויסגעגעבען „די דזשואיש טיימס", כדי צו וואַרטען אויף די נייעס פון דעם קראַנקען אידען'ס טויט, וועלכער איז געשטאַרבען ערשט מאָנטאָג. אָבער די „טיימס" האָט גע־האַט דעם דאַטום פון לעצטען פרייטאָג און האָט שוין געהאַט די נייעס פון דעם וואָס איז ערשט געשטאַרבען מיט דריי טעג שפּעטער. אָט אַזאַ זשורנאַל איז דאָס געווען.

אָבער די אַרויסגעבער קאָהען און דזשייקאָבס האָבען ניט געשאַפען דעם זשורנאַל צוליב פּראָפיט, נאָר כדי צו העלפען וואָלטעטיגע ארבייט אין שטאָט. דאָ האָט זיך אַנגעהויבען פיהלען דער מאַנגעל פאַר אַ אידישער צייטונג, וואָס זאָל העלפען אויפבויען דאָס אידישע לעבען אין קאַנאַדע. הגם די ניו יאָרקער „טאָגעבלאַט" און אַנדערע ניו יאָרקער בלעטער פלעגען אָהער אריינקומען, האָט דאָס אָבער ניט געקענט צופרידענשטעלען די אידישע איינוואוינער, וועלכע האָבען געשטרעבט אי צו וויסען די נייעס און אי צו קענען עפּעס אויפטאָן פאַר אַן אָרגאַניזירטען קהלה־לעבען, כדי די ווייטערע אימיגראַנטען זאָלען קענען אויף גענומען ווערען און מ'זאָל זיי ווי ווייט מעגליך העלפען זיך איינאָרדענען.

דערצו האָט דאַמאָלט נאָך עפּעס פּאַסירט: ווערענד די ניו יאָרקער אידישע צייטונג איז פאַרקויפט געוואָרען פאַר איין סענט האָט זיך געהערט, אַז די רע־גירונג געהט ארויפלעגען אַ טעקס און די צייטונג וועט איצט פאַרקויפט ווערען פאַר צוויי סענט, דאָס הייסט פאַרדאָפּלען דעם פּרייז פאַר אַ צייטונג, וואָס איהרע נייעס פלעגט מען קריגען ערשט מיט אַ טאָג אָדער צוויי שפּעטער און דערצו שפּיגעלט די צייטונג גאַרנישט אָפּ פון אונזער אייגענער שטאָט.

אין מיר האָט אַנגעהויבען זיך דערוועקען דער אַלטער חשק צו אַ צייטונג, און ווי איהר זעהט, האָט די נאַרישקייט אָפּגעגאָלטען. אָבער ניט אַזוי לייכט

איז דאס מיר אנגעקומען. איך דענק, אז פאר דעם לעזער וועט זיין אינטערעסאנט די גאנצע געשיכטע ווי אזוי די צייטונג איז געקומען צום לעבען, ווי אזוי מ'האט איהר לעבען אויפגעהאלטען פאר די גאנצע 36 יאהר און וואס די צייטונג האט אויפגעטאן צו שאפען א לעבעדיגע, ווירקזאמע קהלה מיט א פארצווייגטקייט פון אינסטיטוציעס, ארגאניזאציעס און צדקה אנשטאלטען.

צוועלפטער קאַפּיטעל

די גרינדונג פון „קענעדער אדלער״

מיט עטליכע וואכען פאר דער דערשיינונג פון „קענעדער אדלער״ האט אַ היגער דרוקער אנגעהויבען אַרויסגעבען אַ וועכענטליכע צייטונג אין דער פאָרם פון אַ צירקולאַר און דאך האט עס דער עולם צוכאַפּט. דאס האט ערשט ווייטער מיך איבערצייגט ווי נויטיג עס איז אַז אמת׳ע אידישע צייטונג און איך האָב באַשלאָסען צו רופען אַ מיטינג פון אַ צאָל אידען פאר דעם צוועק. דער מיטינג איז פארגעקומען אין הויז פון פארשטאָרבענעם מר. ווילאַנסקי. דער לעצטער האט געזאָלט זיין דער פאַכמאַן זייענדיג אַ קאָלעקטאָר פאר׳ן „אידישען טאַגעבלאַט״ אין ניו יאָרק. מיר האָבען אָבער שפּעטער אויסגעפונען, אַז זיין פאַכמאַנישקייט באַשטעהט אין ארויפקלעפּען די אַדרעסען אויף די צייטונגען, און — אַז עס איז פאַראַן אַ פיל בעסערער וועג ווי אַזוי דאס צו טאָן.

ביים מיטינג זענען מיר געווען זיבען מענשען, און נאך עטליכע מיטינגען, ווען צוויי פון אונז זענען ארויסגעפאַלען, איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז יעדער זאָל אינוועסטען צו טויזענט דאָלאַר. און אַז מיט די $5,000 פון די פינף פאַראינטע־רעסירטע אין דעם פּלאַן, זאָל מען צוטרעטען ארויסצוגעבען אַ וועכענטליכע צייטונג. דעם נאָמען האט דער דאַמאָלסדיגער היגער רבי גלאַזער באַשטימט אלס „קענעדער אדלער״, ווי אונזער צייטונג הייסט ביז היינט, און אין פאַרלויף פון אַ חודש צייט איז שוין אין 508 סט. לאָרענס בולוואַרד געשטאַנען די ערשטע אידישע לײנאָטײפּ מאַשין אין קאַנאַדע.

די ערשטע שערהאָלדערס זענען געווען דער שרייבער, מר. ווילאַנסקי ע״ה, סעם גרינפּאַרד, יעקב לעקער און סעם שטערנקלאַר, און מיט $1,000 פון יעדען, צוזאַמען אַ סומע פון פינף טויזענט דאָלאַר, האָבען מיר אנגעפאַנגען ארויסגעבען אַ צייטונג.

ווען איך קוק זיך היינט אום און זעה וואס אַזאַ סומע מיינט פאר אַ צייטונג, ווילט זיך מיר אַ שמייכעל טאָן, אָבער מיר האָבען דאַן געהאַנדעלט ווי איינער וואס נעהמט זיך איבערשווימען אַ טייך און ווייסט ניט פון דער גרויסער געפאַר מיט וואס דאס איז פארבונדען. עס איז אַ פאַקט, אַז אַ חוץ מר. שטערנקלאַר, וועלכער איז געווען דער „לעצטער פון די מאָהיקאַנער״ אונז צו פאַרלאָזען, האָבען די אַלע דערמאָנטע פּערזאָנען טאַקע ניט געהאַט דעם מוטה צו דערגרייכען דעם ברעג. בלויז דער שרייבער איז אַריבער דעם געפערליכען טייך און געבראַכט די שיף, וואס רופט זיך „קענעדער אדלער״ צום האַפען.

מיר האָבען גערעכענט, אַז די ערשטע צייטונג, אונטער דער רעדאַקציע פון מיכל אַראַנסאָן, וועט אַרויס דעם 7־טען אויגוסט, אָבער אונזער ערשטער זעצער, מאיר קאַסטאָף, וועלכען מיר האָבען געהאַט געבראַכט פון ניו יאָרק, כאָטש היינט אַן ערשט קלאַסיגער זעצער, איז אָבער דעמאָלט געווען אַזאַ קינסטלער אויף דער מאַשין, אַז דער נומער איז קוים פאַרטיג געוואָרען פרייטאָג, דעם 30־טען אויגוסט. אַז מיר האָבען די פיידזשעס איבערגעפיהרט צום היגען „הערַאלד״ צום דרוקען, האָבען מיר אין באַנק שוין ניט געהאַט קיין דאָלאַר פון די $5,000 וואָס מיר האָבען געהאַט אינוועסטעט. מיר האָבען געמוזט יעדער געבען אַ נייעם פּאָפּיגער אום צו קענען באַצאָלען פאַר׳ן דרוקען דעם ערשטען נומער, און פאַר דער וואָך ווייזשעס.

ווען מ׳האָט שוין מיט מזל געבראַכט די פיידזשעס צום „הערַאלד״ צום דרו־קען, האָב איך באַלד איינגעזעהן, אַז מיינע חלומות ווערען צורונען. איך האָב געזעהן די גוואַלדיג גרויסע מאַשינערי וואָס מען מוז האָבען צו קענען דרוקען אַ צייטונג און וויסענדיג, אַז אפילו אונזער קליינער קאַפּיטאַל האָט זיך שוין אויסגעלאָזט, האָב איך זיך מיאש געווען אינגאַנצען. אַ קאָמישער אינצידענט בלויז האָט מיך געמאַכט פאַרגעסען די ערנסטקייט: ווען די מאַשיניסטען האָבען אריינגעשטעלט די פיידזשעס אין זייער פּרעס און אָנגעהויבען דרוקען, איז אַרויס־געקומען עפּעס אַ מין פאַרזעהעניש, צודרייט און מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ — די ערשטע זייט צום לעצטען, און די לעצטע זייט פון פאָרענט. וויפיל די פּרעס־לייט האָבען ניט געאַרבייט, איז עס אַלץ געוואָרען ערגער און ערגער, ביז איך בין געפאַלען אויף אַ פּלאַן, פון וועלכען די גוים האָבען אפילו געלאַכט, אָבער וועלכער איז מיר געלונגען. איך האָב נעמליך געהייסען די פּרעס־לייט אריינשטעלען די פיידזשעס פאַרקערט ווי זייער צייטונג. „וואו אייער ערשטע זייט״, האָב איך געזאָגט, „שטעלט אונזער לעצטע, און אַזוי ווייטער״, און ווען זיי האָבען דאַן געלאָזט געהן די מאַשין, האָבען מיר דערזעהן די געבורט פון דעם ערשטען נומער „קענעדער אדלער״.

ווען מיר האָבען דעם אָפּגעדרוקטען נומער געבראַכט צו אונז אין רעדאַקציע האָט שוין אַ גרויסער עולם געוואַרט צו קאָנען קריגען אַ קאָפּיע. דער נומער איז צוכאַפּט געוואָרען, און די באַגייסטערונג מיט וועלכער דער עולם האָט אויפגע־נומען די ערשטע אידישע צייטונג אין קאַנאַדע, האָט אריינגעגעבען מוטה צו טראַכ־טען וועגען דעם ווייטערען אַנגאַנג פון דער צייטונג.

מיר האָבען באַלד געקראָגען אַ צווייטען לייניאָטייפ מאַשיניסט פון ניו יאָרק, און דאָס איינציגע וואָס מיר האָבען איצט געדאַרפט זאָרגען איז געווען ווי אַזוי צו דעקען די דעפיציטען.

נאָך דער דריטער אויסגאַבע האָבען מיר אָפּגעהאַלטען אַ מיטינג און עס איז באַשלאָסען געוואָרען אויפצוגעבען דעם פּלאַן אַנצוגעהן מיט דער צייטונג אויף

ווייטער. איך, בלייבענדיג דער איינציגער, וועלכער האט געשטימט דאַגעגען, האָב דעריבער אַלעמען באַפרייט פון זייערע אָבּליגאַציעס, און אליין גענומען אַרויס־געבען ווייטערדיגע עטליכע נומערן, אָבער שוין צוויי מאָל וועכענטליך אנשטאט איין מאָל.

מר. קאַרל ראָזענבערג האט דאַן געהאַלטען אין בויען אַ בילדינג, דאָס צוויי־טע הויז פון אונזער אָפיס, און ער האט מיר פאָרגעשלאָגען צו בויען אַ פּלאַץ פאַר אונז. ער האט צוגענומען אַלע שערס מיט מיין הויז פאַר אַ משכון, ער זאָל אונז פינאַנסירען ביז צו דער סומע פון $10,000, און די צעהן טויזענט דאָלאַר זענען פאַרווענדעט געוואָרען אנצוהויבען אַ טעגליכע ציַיטונג, אנשטאָט אַ צוויי־מאָל וועכענטליכע, און דאַ גיב איך אויך אַ שמייכעל, ווען איך דערמאַן זיך היינט, אַז מיט 34 יאָהר צוריק האָב איך מיר איינגעשטעלט מיט אַ קליינער דרוקעריי און מיט 10 טויזענט דאָלאַר, אין וועלכע מיין לעצטער סענט איז פאַר׳משכונ׳ט גע־ווען, אנצופאַנגען אַ טעגליכע ציַיטונג, נאָכדעם ווי איך האָב שוין געהאַט אַ דורכפאַל ביי דער וועכענטליכער און ביי דער פון צוויי מאָל אַ וואָך.

אָבער איידער איך גיה דערציילען די לעזער וועגען דעם אָנפאַנג פון דער טעגליכער ציַיטונג, וויל איך ניט אדורכלאָזען אייניגע עפּיזאָדען פון דער צווישעד ציַיט.

אין אַ פריהמאָרגען האט די גאַז־קאָמפּאַניע אונז אָפּגעשניטען די גאַז און עלעקטריק פאַר ניט באַצאָלען דעם ביל אין צייט. מיר האָבען דאַן ניט געהאַט קיין דאָלאַר אין באַנק. דער אָפיס איז אָבער געווען שטאַרק פאַרנומען מיט פאַרשידענע בקשות און טובות פאַר גרינע אידען, און איך האָב פון אויפרעגונג, פון מיינע און פרעמדע צרות, פּלוצלונג פאַרלוירען די שפּראַך און געוואָרען אינגאַנצען שטום. מ׳האט געמאַכט אַ גוואַלד, און מיך צוגענומען אין דזשענעראַל האָספּיטאַל.

ווען איך האָב געהערט ווי די דאָקטוירים זאָגען, אַז עס וועט בלויז דויערען עטליכע שטונדען, און אַז איך וועל צוריק באַקומען די שפּראַך, איז מיר לייכטער געוואָרען באַלד אויפ׳ן האַרץ, און דער ערשטער וויץ וואָס איך האָב געזאָגט צו מיינע פריינט, וועלכע זענען מיט מיר געווען אין האָספּיטאַל איז געווען: „די ציַיטונג איז „פּאָורלעס, פּענילעס און ספּיטשלעס״.

נאָך אַן אינצידענט וואָס ליגט מיר אין זכרון איז וועגען יעקב לעקער ע״ה. ער האט אַמאָל, ווען עס האט אויסגעפעלט קוילען ערקלערט, אַז ס׳איז אַ שאָד צו קויפען אַ טאָן קוילען, ווייל מיר וועלען אפשר ניט שטעהן אַזוי לאַנג ביז מיר וועלען זיי קענען אויסנוצען. ער האט דעריבער געשלעפּט שעפעלעד קוילען פון זיין סטאָר אָבי מ׳זאָל ניט דאַרפען קויפען קיין טאָן קוילען, און ער איז טאַקע אַרויס פון דער ציַיטונג איידער מ׳האט געקויפט קוילען.

אַ בוכהאַלטער האָבען מיר געהאַט, וועלכער האט געקראָגען $25 אַ וואָך, האט

ער מיר אַמאָל פאַרקויפט זיין חודש שכירות אין פאַראויס פאַר $50, זייענדיג זיכער אַז קיין חודש וועלען מיר שוין ניט אויסהאַלטען. דעם צווייטען חודש האָט ער שוין ניט געוואָלט פאַרקויפען, ווייל ער האָט דערקלערט, אַז ער איז געקומען צו אַ באַשלוס, דאָס מיט דעם שרייבער׳ס ענערגיע קען מען שוין באַלד אַזוי פיל אויפטאָן, ווי מיט ניסים. און אפשר, זאָגט ער, איז עס טאַקע ניסים... אָט דער בוכהאַלטער האָט נאָך דערלעבט צו זעהן, ווען דער צייטונג׳ס עקזיסטענץ איז שוין געווען אַ געזיכערטע.

די אויסגאַבען פון דער דאַמאָלסדיגער טעגליכער צייטונג פאַר אַ וואָך צייט וואָלטען היינט ניט געדעקט די הוצאה פון איין טאָג, ניט אריינרעכענענדיג אפילו פּאַפּיר פאַר דער צייטונג. פאַר דער צייט האָבען זיך געביטען די זעצער, די שרייבער און רעדאַקטאָרען — פון מיכל אַראָנסאָן צו וואָהלינער׳ן. דאַן צו דר. וואָרטסמאַן, און שפּעטער פון ראובן ברייניז צו ה. הירש, און היינט קען זיך אונזער רעדאַקציע פאַרגלייכען סיי מיט איהרע לאָקאַלע שרייבער, און סיי מיט איהרע אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטען, מיט יעדער גרויסער אידישער צייטונג.

אין 1912, ווען אונזער צייטונג האָט שוין געהאַט אַ רעקאָרד פון פינף יאָהר עקזיסטענץ, האָט זיך אין מאָנטרעאל געשאַפען אַ ריעל עסטרייט „בום״, און דאָס האָט דאַן פיל געהאָלפען דעם „קענעדער אדלער״ זיך שטעלען אויף די פיס און כסדר פּראָגרעסירען ביז די ערשטע מלחמה האָט זיך אָנגעפאַנגען. דער דאָזיגער „בום״ אין מאָנטרעאל האָט געהאָלפען דער צייטונג דעקען די אויסגאַבען אַזוי ווייט, אַז דער שרייבער האָט צוריקגעקערט מר. ראָזענבערג׳ן זיין אינוועסטמענט אויף טערמינען און איז דאַן געבליבען דער פאַקטישער אייגענטימער פון דער צייטונג.

די מלחמה האָט ווייטער אריינגעבראַכט אַן ענדערונג אין די פינאַנצען פון „קענעדער אדלער״, און דאַ איז אונטערגעקומען סיר מאָרטימער ב. דייוויס (דער־מאָלט נאָך אָהן אַ טיטעל) און פינאַנסירט די צייטונג מיט קנאַפּע 15 טויזענט דאָלאַר, ביז ער האָט אָנגעהויבען צו פאַרלאַנגען פון דער צייטונג צו ענדערען איהר פּאָליסי, און ווען דאָס איז ניט מעגליך געווען נאָכצוקומען האָט ער ניט נאָר אויפגעהערט צו העלפען, נאָר געפאָדערט זיין געלט צוריק, אָדער געסטראַשעט מיט פאַרמאַכען די צייטונג.

דאַן זענען אָנגענומען געוואָרען מיטלען אָװעקצושטעלען די צייטונג אויף אַ זיכערען באַזיס. דער פּרייז פון „קענעדער אדלער״ איז געהעכערט געוואָרען צו דריי סענט אַ קאָפּיע, אַביסעל מעהר ווי די העכערונג פון די ספּעציעלע מלחמה־אויסגאַבען, און מען האָט אָנגעהויבען אויסצאָלען סיר מאָרטימער ב. דייוויס׳ן זיין חוב. (דאַן איז ער שוין געווען אַ „סיר״). ווי נאָר דער חוב איז אָפּגעצאָלט געוואָרען, אין 1918, האָט דער „קענעדער אדלער״ אָנגעהויבען דרוקען דעם ש״ס, וואָס האָט געשאַפען אַ נאָמען ניט נאָר פאַר דער צייטונג נאָר פאַר׳ן גאַנצען

קאַנאַדער אידענטום. ניט אַכטענדיג וואָס די פינאַנציעלע זייט איז געווען אַ דורכפאַל, האָט עס אָבער געגעבען דער צייטונג די מעגליכקייט צו קריגען איהר נאָמען און דעם פּרעסטיזש ניט נאָר פאַר דער פירמע, נאָר האָט איך געגעבען אַ נאָמען דער שטאָט מאָנטרעאַל איבער דער גאַנצער אידישער וועלט, וואו אונזער ש״ס האָט נאָר דערגרייכט. איך וועל האָבען אַ באַזונדער קאַפּיטעל וועגען דעם תלמוד, וואָס מיר האָבען ארויסגעגעבען ווי אויך איבער די פּערזענליכקייטען וואָס ווערען דאָ דערמאָנט: לייאָן קאָהען, ס. וו. דזשייקאָבס, סיר מאָרטימער ב. דייוויס און אַנדערע.

* * *

איך האָב די געשיכטע פון דער גרינדונג פון דער צייטונג באַשריבען מעהר־וועניגער גענוי, כאָטש אויך דאָ פעלען מעגליך געוויסע אייגצעלהייטען. איך האָב שוין געזאָגט, אַז מיין ציל איז ניט צו שרייבען געשיכטע, נאָר פּשוט׳ע זכרונות, און די ערשיינונג פון דער צייטונג, אַזוי גוט ווי דאָס ארויסגעבען פון דעם תלמוד, האָבען זיך אַזוי איינגעקריצט אין מיין זכרון, אַז איך האָב, גלויב איך, די וויכטיגסטע דעטאַלען אויפ׳ן קאָפּ, כאָטש אפילו אין דעם פאַל קאָן איך ניט אַלץ געדענקען.

און נאָך עפּעס: ווערענד ביז דער דערשיינונג פון דער צייטונג האָב איך מיר געדאַרפט שטיצען בלויז אויף מיין זכרון, האָב איך אָבער איצט צו־הילף די פילע בענדער פון דער צייטונג פאַר די לעצטע 36 יאָהר, וואָס רעדען פאַר זיך אליין. צו דעם פּלאַץ וואָס אונזער צייטונג פאַרנעהמט און צו די מענשען וואָס זענען מיט איהר פאַרבונדען וועל איך נאָך שפּעטער זיך צוריקקערען. דערווייל וועל איך איבערגעבען אַ פּשוט׳ע כראָניק פון דער ווירקונג וואָס אונזער צייטונג האָט געהאַט אויף דער אַנטוויקלונג פון אונזער געזעלשאַפטליכען לעבען.

דעם 18־טען אויגוסט 1908, כמעט אַ יאָהר נאָך דער גרינדונג פון דער צייטונג, האָבען מיר גערופען אַ מיטינג וועגען שאַפען אַ בנין פאַר׳ן סאַנאַטאָריום, וועלכער האָט, ווי שוין דערמאָנט, געהאַט בלויז אַ קליין הייזקעלע אין פּרעפאַנטיין, דאָ וואו עס איז איצט די וואוינונג פון עטליכע באַדינער פון סאַנאַטאָריום.

צווישען אַנדערע האָבען מיר געהאַט דעם כבוד צו האָבען אַלס באַזוכער מאָרטימער דייוויס ע״ה און מר. מאַרק וואָרקמאַן ע״ה. איך האָב עס פריהער געהאַט דורכגערעדט מיט מר. דייוויס און מיט זיין הסכמה איז דער מיטינג גערו־פען געוואָרען. מר. לייאָן קאָהען ע״ה איז געווען דער פּרעזיצענדער. נאָכדעם ווי איך האָב פאַרגעשטעלט די לאַגע פון די ליידענדע שווינדזיכטיגע, האָט זיך אויפגעשטעלט מר. דזשעק דזשייקאָב, אָדער מר. דייוויס (דאָס געדענק איך ניט גענוי) און האָט געזאָגט, אַז ער איז צופרידען מיט נאָך צוויי אונטערצונעהמען צו בויען אַ בנין פאַר די שווינדזיכטיגע טאַקע ביי דעם פּלאַץ פון דער הייזקע. עס

האט לאנג ניט גענומען און מארטימער דייוויס, מארק ווארקמאן און דזשעק דזשיי־קאב האבען זיך אונטערגענומען בויען דעם בנין. דער בנין איז קירצליך אויפגעבויט געווארען. איצט ווען דער צווייטער נייער בנין איז מיט 8 יאהר צוריק אויפגעבויט געווארען מיט דער פינאנציעלער הילף פון דער פראווינציעלער רעגירונג, איז דער ערשטער בנין געבליבען אלס היים פאר די אנגעשטעלטע. אין דעם זעלבי־גען יאהר איז אויך לייאן קאהען דערוועהלט געווארען אלס פרעזידענט פון בעראן דע הירש אינסטיטוט. די וואס האבען דאן געדארפט אנקומען פאר הילף צום בעראן דע הירש, זענען געווען זעהר דאנקבאר, ווייל מר. קאהען פלעגט עטליכע מאל דורך דער וואך באזוכען דעם סאנאטאריום און זיך צוהערען צו די פארשידענע ביטעס פון די נויטבאדערפטיגע.

די ארימקייט האט זיך דאן גאנץ היבשלאך אנגעזעהן אין אונזער שטאט, ווייל די אימיגראציע האט געהאלטען אין איין פארגרעסערען זיך. דורך דער איניציאטיווע פון דער צייטונג איז גערופען געווארען אין בעראן דע הירש אינסטיטוט א קאנפערענץ פון ארגאניזאציעס, שוהלען און ראדיקאלע פאראיינען צו באטראכטען די פראגע וועגען דער ארעמקייט אין אונזער שטאט. עס איז אויסגעקליבען געווארען א קאמיטעט צו שאפען געלט און אויסטיילען רעליף און אויך צו גרינדען א פאלקס־קיך. די קיך האט זיך געפונען אויף אנטעריא סטריט, ניט ווייט פון סט. לארענס. מענער און פרויען האבען וואלונטירט און געארבייט אין דער פאלקס קיך, וועלכע האט געשפייזט עטליכע הונדערט הונגעריגע אידען טעגליך. די אידישע בעקערס האבען צוגעשטעלט ברויט פריי און די אידישע האל־סייל בוטשערס האבען געגעבען א גרויסען טייל פון די פלייש פריי, און אזוי האט מען אויך געשאפען אנדערע פראדוקטען פריי און דערמיט געשטילט דעם הונגער פון די ארבייטסלאזע. די קיך האט אנגעהאלטען א גאנצען יאהר, ביז די מעהרסטע זענען באשעפטיגט געווארען. א טייל פון די דאמאלסדיגע אורחים אין דער פאלקס קיך גיבען היינט פיינע ביישטייערונגען צו אלע צדקה־צוועקען.

דער אנהויב פון דעם אידישען שול־פראבלעם

דער פארשטארבענער דר. פיני איז דאן געווען דער פארטרעטער אין דעם פראווינציעלען פארלאמענט פאר סט. לארענס דיוויזיע און מר. לאנגלוא דער פארטרעטער פאר סט. לואיס דיוויזיע. האט דר. פיני דעם 30־טען פעברואר 1909 אריינגעבראכט א ביל אין לעדזשיסלייטשור, אז באארד מיטגלידער פאר פראטעס־טאנטישע שולען זאלען ניט באשטימט ווערען, נאר ערוועהלט ווערען פון די בירגער. האט די פראטעסטאנטישע שול פארוואלטונג דאן ארויסגעלאזט א אידען־פיינדליכען צירקולאר, ווייל זיי האבען געדענקט, אז דער ציל פון דר. פיני׳ס ביל איז מ׳זאל ערוועהלען אידישע פארטרעטער צו דער פראטעסטאנטישער סקול־באארד. דעם 27־טען אפריל איז דער ביל דורכגעפאלען אין לעדזשיסלייטשור און

גלייך האָבּען די אידען פאַררופען אַ קאָנפערענץ מיט דעם צוועק צו ענטפערען דעם אידענפיינטליכען צירקולאַר און אין אַלגעמיין בּאַטראַכטען די אידישע סקול־פראַגע.

מיט אַ צייט פריהער האָט מר. לייאָן קאָהען און מאַקסוועל גאָלדשטיין ע״ה אין נאָמען פון דער אידישער געמיינדע געמאַכט אַ קאָנטראַקט מיט דעם פּראָטעס־טאַנטישען סקול־קאָמיטעט, אַז די אידען זאָלען צאָלען זייערע הויז־טעקסעס צו דעם פּראָטעסטאַנטישען סקול־פּאַנעל און פאַר דעם זאָלען די אידישע קינדער האָבּען סקול־רעכט אין די פּראָטעסטאַנטישע סקולס. דער קאָנטראַקט האָט געלויטעט, דאָס די אידישע קינדער זאָלען בּאַטראַכט ווערען אַלס „פּראָטעסטאַנטען״ פאַר סקול־צוועקען.

האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז אַ אידישער אינגעל איז ארויסגעקומען דער ערשטער אין קלאַס און די בּאָארד האָט איהם ענטזאָגט דעם סקאָלערשיפּ, ווייל, האָבּען זיי געזאָגט, אַ אידיש קינד איז דערצו ניט בּארעכטיגט. אַט דאָס האָט געבּראַכט דר. פיני׳ן, וועלכער איז געווען אַ אידענפריינד, אריינצובּרענגען אַט דעם בּיל פון ערוועהלען די סקול־בּאָארד. אויב די אידען וועלען ניט קענען ערוועהלען זייערע אַ פאַרטרעטער, וועלען זיי ווענינסטענס העלפען ער־וועהלען אַזעלכע פאַרטרעטער, וואָס זאָלען זיין מעהר פריינדליך צו די אידישע קינדער. אָבּער דער בּיל איז דורכגעפאַלען און עס האָבּען זיך שוין אָנגעהויבען הערען קלאַנגען וועגען אַ „אידישען פּאַנעל״ פון אידישע טעקסעס פאַר אידישע שול־צוועקען. די ווייטערע אַנטוויקלונגען פון דער סקול פראַגע וועלען קומען אין ווייטערע קאַפּיטלען, ווייל איך גיה אַן מיט די פאַסירונגען כראָנאָלאָגיש, ווי זיי האָבּען פאַסירט.

אַ מושב זקנים און בּית יתומים

דעם 8־טען יולי, 1909, איז ווידער גערופען געוואָרען אַ קאָנפערענץ וועגען שאַפען אַ מושב זקנים און הכנסת אורחים, ווייל עס האָבּען זיך שוין געפונען אייניגע זקנים וואָס האָבּען זיך פּשוט אַרומגעוואַלגערט אָהן אַ היים. דער מיטינג האָט בּאַשלאָסען צו שאַפען אַזאַ אינסטיטוציע און אַ קאָמיטעט איז גלייך אויס־דערוועהלט געוואָרען. אין אַפּריל 1910 איז דער הכנסת אורחים געעפענט גע־וואָרען אין 507 סט. אורבּיין סטריט און אַ מושב זקנים אין 18—16 עוואַנס סט., וואו עס איז שפּעטער אויך געווען דער בּית יתומים. ערשט מיט צעהן יאָהר שפּעטער האָט דער בּית יתומים זיך איבּערגעקליבען אַז אַ גרויסער געבּיידע אין וועסטמאַונט. אַ צווייטער בּית יתומים האָט זיך געעפענט אין דער נאָרטה ענד אונטער׳ן נאָמען „מאָנטעפיאָרע האָום״ און בּיידע האָבּען זיך פאַראייניגט מיט 2 יאָהר צוריק.

דרייצענטער קאַפּיטעל

ליידען פון בויאַנעס

עס האָבען זיך דאָן געפונען בויאַנעס, וואָס זענען זעהר אָפט באַפאַלען אידען אין גאַס און פלעגען רייסען די בערד אָדער סתם אַנ׳הרג׳ענען אַ אידען, ווען עס איז קיינער ניט געווען, וואָס זאָל זיך אַננעהמען זיין קריוודע. אַזוי האָבען מיר אַמאָל ערהאַלטען אַ טעלעפאָן־מעסעדזש, אַז אין קעדזשו סטריט, ביי קרעיג געהט אַן אַ געשלעג צווישען פראַנצויזען מיט אידען. איך בין גלייך אַהין געלאָפען און געזעהן אַ שרעקליך בילד: די פראַנצויזען האָבען ניט געלאָזט דורכגעהן אַ אידען, אַז זיי זאָלען איהם ניט געבען קלעפּ. האָבען זיך עטליכע אידען אריינגעמישט און עס איז געוואָרען אַז אמת׳ע מלחמה צווישען אידען און בויאַנישע פראַנצויזען. איך בין גלייך אריינגעלאָפען אין קרעיג סטריט און קוים געקראָגען אַ פאָליסמאַן ער זאָל מאַכען אַ שטיקעל אָרדנונג. עס זענען דאַן אַנגעקומען נאָך עטליכע פאָליסלייט און אַרעסטירט אייניגע פראַנצויזען און אויך עטליכע אידען, און עס איז געווען אַ משפט. די אידען האָבען, נאַטירליך, געבראַכט אידישע עדות צו איבערצייגען, אַז די בויאַנעס זענען אַנגעפאַלען אויף זיי אָהן שום אורזאַכע, אָבער דער ריכטער איז דאַן געווען גראַד אַנגעצויגען אויף די „גרינע“ אידען און זיין פּסק איז געווען זעהר „יושר׳דיג“: יעדען אידען פאַראורטיילט צו עטליכע טעג דזשייל און געלט־שטראַפען; דאַן האָט ער אויך פאַר׳משפט אפילו די אידישע עדות, בעת קיינער פון די בויאַנעס האָט קיין שטראָף ניט געקראָגען! אויך איך בין געווען איינער פון די עדות, האָט מיך דער שטרענגער ריכטער געפרעגט, וואָס איך ווייס, האָב איך געענטפערט ווי דער אמת איז געווען, אַז איך בין אַנגעקומען ווען דער געשלעג איז שוין אַנגעגאַנגען און בין גלייך געלאָפען רופען פאָליציי. ער האָט דאַן געפרעגט דעם פאָליסמאַן, צי איך בין עס געווען דער, וואָס האָט איהם גערופען און יענער האָט געענטפערט אַז יאָ. אַט דאָס האָט מיך געראַטעוועט פון קריגען אַ פאַר טעג דזשייל צוגלייך מיט די אַנדערע עדות . . .

קומענדיג צוריק פון דעם „גערעכטען משפט“, איז מיין ערשטער געדאַנק געווען: מיר מוזען האָבען אַ פאַרטרעטער אין סיטי האָל, וואָס זאָל זיך אַננעהמען אונזערע קריוודעס פאַר דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. אַ מיטינג וועגען דעם איז גערופען געוואָרען אין רעדאַקציע וועגען אַרויסשטעלען אַ אידישען קאַנדידאַט פאַר אָלדערמאַן אין אידישען דיסטריקט, דער מיטינג און נאָך עטליכע מיטינגען האָבען געפיהרט דערצו, אַז דער ערשטער אידישער אָלדערמאַן, אברהם בלומענטאָל ע״ה, זאָל שפּעטער ערוועהלט ווערען. מיט זיין ערוועהלונג האָט טאַקע דער אַנטי־

סעמיטישער כוליגאניזם זיך פאַרקלענערט און עס איז מעהר ניט געווען קיין נויט פאַר דער זעלבסטשוץ־אָרגאַניזאַציע, וואָס איהר אויפגאַבע איז פּשוט געווען צו ענטפערען מיט קלעפּ אויף קלעפּ. דער נייער אַלדערמאַן האָט באַקומען אַ פאַר־שפּרעכען, אַז די פּאָליציי וועט שוין קריגען אַ באַפעל צו פאַרהיטען און באַשיצען אידען אין די גאַסען און די בויאַנסטוואַ איז באמת אפּגעשטעלט געוואָרען.

איך געדענק בלויז צוויי אינצידענטען וועגען אַזעלכע אַנפאַלען וואָס האָבען זיך אויסגעלאָזט טרויעריג פאַר די בויאַנעס:

אַ איד מיט אַ היבשער באָרד, נאָר וואָס געקומען פון עסטרייך, איז זיך געגאַנגען אויף סט. לאַרענס, ניט ווייט פון סט קעטרין סטריט, ווען אַ ריזיגער בויאַן איז פאַרבייגעגאַנגען און האָט איהם אַ שטאַרקען קלאַפּ געטאָן אין זיין האַרטען קאַפּעליוש, אַזוי אַז דער קאַפּעליוש איז דעם אידען אַרונטער איבער די אויגען און ער איז געפאַלען. דער איד האָט זיך אָבער שנעל אויפגעהויבען, אַרויפגעשלעפּט דעם קאַפּעליוש, און אַ צווייטער איד האָט איהם אַנגעוויזען אויף דעם בויאַן. דער איד, מיט צוויי פוס קירצער פון׳ם בויאַן, האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און דעם בויאַן דערלאַנגט עטליכע קלעפּ, אַזוי, אַז יענער איז אַ צובלוטיגטער אַוועק־געפאַלען. אַ פּאָליסמאַן האָט ביידען געבראַכט אין פּאָליס סטיישאַן און אויף מאָרגען פריה צום משפט בין איך אַוועק אין קאָורט מיט דעם נייעם אַלדערמאַן און דער־קלערט דעם ריכטער (ניט דעם זעלבען פון ערשטען משפט) וואָס דאָ איז פאָרגע־קומען און וואָס עס קומט כסדר פאַר מיט אידען וואָס ווערען באַלעסטיגט. דער ריכטער האָט דעם פראַנצויז געגעבען אַ לעקציע און איהם פאַראורטיילט צו 15 טעג ,,האַרד לעיבאָר״.

נאָך אַן אינצידענט איז ווערט צו דערמאַנען:

מיט די ערשטע אימיגראַנטען וואָס זענען געקומען נאָכ׳ן קישינעווער פּאָגראָם איז געווען אַ איד מיט׳ן נאָמען ביעלאָדובראָפּסקי. ער איז געווען אַ איד מיט געזונטע פּלייצעס, אַ הויכער, אַ ריז, און זיינעם אַ קלאַפּ האָט מען געקענט פיהלען פאַר אַ צייט. אַט דער ביעלאָדובראָפּסקי האָט פאַר זיין אויסזעהן געקראָגען דעם נאָמען ,,קוראָפּאַטקין״ — אַ נאָמען נאָך אַ רוסישען גענעראַל אין רוסיש־יאַפּאַנע־זישען קריג. אַט דער ,,קוראָפּאַטקין״, כאָטש אַ פּשוט׳ער פאָלקס־מענש איז אָבער געווען אַ פייערדיגער איד מיט אַ וואַרים אידיש האַרץ. ווי שטאַרק ער איז געווען אַזוי גוטהאַרציג און אַזאַ גוטער איד איז ער געווען. אַז אַן אַנטיסעמיטישער בויאַן איז אַריינגעפאַלען אין זיינע הענט און איז אַרויס אַ לעבעדיגער, האָט ער געמוזט אַנזאָגען טויזענטער אַנדערע, אַז אַט מיט דעם אידען טאָר מען זיך ניט פאַר־טשעפּען; ,,קוראָפּאַטקין״ איז אין זיינע אינגערע יאָהרען געווען אַן ,,עקספּרעס־מאַן״, אַ שווערער האָרעפּאַשניק, אָבער מיט זיין גאַנצען שווערען און אָרימען לעבען, איז זיין קאָפּ כסדר געווען פאַרנומען מיט אידישע אינטערעסען.

איינמאָל, דאָס איז געווען אין 1906, אין חודש אלול, איך בין געגאַנגען אויף

מיין סטריט א זונטאג גאנץ פריה פון סליחות, האב איך געזעהן ווי „קוראפאטקין" פאהרט זיך אויף זיין עקספרעס און דערזעהט ווי א בויאן טשעפעט זיך מיט א אידען און רייסט איהם ביי דער באָרד. קוראפאטקין לאזט שטעהן דעם „עקס־פרעס" און לויפט אַרונטער צו דעם בויאן, וועלכער האט, דערזעהענדיג אַזאַ גרויסען שטאַרקען ריז, זיך אריינגעכאפּט אין א טיר וואס האט געפיהרט צו א הויז. „קוראפאטקין" לויפט איהם נאָך איך שטעה פון ווייטענס צו זעהן וואס דער סוף וועט דאַ זיין. מיט עטליכע מינוט שפּעטער קומט „קוראפאטקין" אַרויס, זעצט זיך אוועק אויפ'ן „עקספרעס" און פאהרט זיך זיין וועג. איך וויל אָבער וויסען וואס פון דעם בויאן איז געוואָרען, שטעה איך נאָך עטליכע מינוט ביז איך דערזעה, אַז עס קומט אַן אַמבולאַנס און מען שלעפּט אַרויס אַ צוקאַליעטשעטען דעם בויאן. וואס דער סוף פון איהם איז געוואָרען ווייס איך עד היום ניט. נאָר ווען איך האב נאָכדעם געטראָפען „קוראפאטקינ'ען" און איהם געפרעגט, וואס דאָרט איז געשעהן, זאָגט ער מיר גאַנץ גלייכגילטיג: „וואס האט געזאָלט גע־שעהן? איך בין נאָך איהם אריין אין טיר, איז ער פונקט געלאָפען די שטיגען אַרויף, האָב איך איהם אָנגעכאפּט ביים פוס, געגעבען עטליכע „מתנות יד" און געזעהן, אַז ער זשיפּעט שוין קוים, דער „מאַלאַקאַסאַס", בין איך מיר אַוועק".

אַט דער „קוראפאטקין" האט אויך געהאַלטען רעדעס פאַר דער ערוועהלונג פון אַלדערמאַן בלומענטאַל, מיט פּראָסטע אָבער קלוגע בעל־העגלה'ישע ווערטלאַך. מיט זיין ספּעציעלען לשון פלעגט ער האַלטען דעם עולם מעהר געשפּאַנט ווי די געלערנטע, געבילדעטע רעדנער.

איך געדענק, ווען בלומענטאַל האט געדאַרפט ערוועהלט ווערען צום צווייטען מאָל, איז שוין געגען איהם געלאָפען נאָך אַ איד, אויך פון די אַריבערגעקומענע פון קישינעווער פּאָגראָמען, חיים שטיינמאַן, האט מען איהם גערופען. האט ער פאַר זיינע וואַהלען געלאַזט דרוקען אַ צייטונגעל, וואס ער האט גערופען דער „האָן" און „קוראפאטקין" זייענדיג אַן אַנהענגער פון בלומענטאַל'ן, האט גערעדט ביי אַ מיטינג און געהאַלטען דעם „האָן" און געדרעהט מיט דעם איבער'ן קאָפּ, זאָגענדיג: „זה חליפתי, זה כפרתי!" און דער עולם האט אַנגעקוואַלען. דער קאַנדידאַט שטיינמאַן האט געקראָגען אַ קליינע צאָל שטימען און בלומענטאַל איז ערוועהלט געוואָרען מיט אַ גרויסער מאַיאָריטעט צום צווייטען מאָל.

אין די זעלבע וואַהלען האט אויך קאַנדידאַטירט ה. מ. קייזערמאַן אַלס קאַנ־דידאַט פון די פּועלי ציון. ער האט געצויגען אַ קליינע צאָל שטימען. דאָס האט גע־וויזען בלומענטאַל'ס פּאָפּולאַריטעט און אַלץ דערפאַר ווייל ער האט אָפּגעשטעלט די אַנטיסעמיטישע כוליגאַנסטווא.

דאָס „אָפּדאַנקען" פון אַלדערמאַן בלומענטאַל און דאָס דערוויילען אויף זיין פּלאַץ מר. לייאָן וו. דזשייקאָבס איז אויך געקומען דורך אַ געוויסען אינצידענט.

אין אַ היגען זאַל האָבען אידען געמאַכט אַ מנין פאַר ראש השנה און

יום כפור. אין דער זעלבער צייט האָט אַ מיסיאָנערען קלייזעל קעגענאיבער אַרויס־געשטעלט אַ שילד, אַז דאָ איז אַ „בית תפילה״ און געבעטען דעם עולם צו קומען הערען אַ באַוואוסטען דרשן — רעוו. נייגעווירץ.

דאָס האָט שטאַרק אויפגערעגט דעם עולם פון דעם מנין אין פּרינץ אַרטור האָל, און עס איז געקומען צו אַ געשלעג צווישען די מיסיאָנערען און די אידען. גראַדע האָט זיך דער פּראָטעסטאַנטישער בישאָף געפונען דאָרט בעת דעם געשלעג. עס איז געקומען פּאָליצײ און גלייך איינגעשטילט די מהומה.

די ענגלישע און פראַנצויזישע צייטונגען האָבען דערפון געמאַכט גרויסע פּראָנט־פּיידזש סענסאַציעס, און איין צייטונג האָט געפרעגט אַלדערמאַן בלומענטאַל וואָס ער האָט צו זאָגען וועגען דעם אינצידענט. אַלדערמאַן בלומענטאַל, אַנשטאָט צו געבען דעם אמת׳ן ענטפער, אַז די מיסיאָנערען האָבען פּראָוואָצירט די אידען אין זייער הייליגסטען טאָג יום כפור, איז איהם איינגעפאַלען צו זאָגען: „איך לערן מיינע אידען און טענה מיט זײ, אָבער איך קען גאָר ניט אויספיהרען מיט זײ״. די צייטונגען האָבען דעם ענטפער געדרוקט, און גלייך איז דער „קענעדער אדלער״ אַרויסגעקומען מיט דער פאַרטיידיגונג און אָנגעזאָגט אַלדער־מאַן בלומענטאַל, אַז ער האָט פאַרלוירען זיין זכות צו זיין אַ אידישער פאָר־שטעהער. עס פעהלט איהם די אידישע פאַרשטענדניש און קענטניש. און טאַקע גלייך איז אַרויסגעשטעלט געוואָרען די קאַנדידאַטור פון מר. לייאָן וו. דזשייקאָבס. מר. בלומענטאַל האָט זיך אַליין צוריקגעצויגען און לייאָן דזשייקאָבס איז דאַן דערוויילט געוואָרען מיט אַ גרויסער מאַיאָריטעט איבער זיין געגנער יוסף שובערט, וועלכער איז דעמאָלט צום צווייטען מאָהל געלאָפען אַלס אַרבייטער קאַנדידאַט.

ביי די וואַהלען איז שוין דערוויילט געוואָרען אַ צווייטער איד אין סט. לאָ־רענס דיוויזיע, דער פאַרשטאַרבענער לואי רובינשטיין, און כאָטש אין יענעם וואָרד האָבען זיך ניט געפונען גענוג אידישע וועהלער, איז אָבער מר. רובינשטיין געווען זעהר באַליבט ביי די ענגלישע אַזוי גוט ווי ביי אידען און ער איז ער־וועהלט געוואָרען מיט אַ גרויסער מאַיאָריטעט.

אַלדערמאַן רובינשטיין איז געווען איינער פון די הויפּט ספּאָרטס אין מאָנט־רעאָל און האָט מיט יאָהרען צוריק געוואונען די וועלט טשעמפּיאָנשיפּ פאַר קאַנאַדע אַלס „סקעיטער״. צוליב דעם איז ער געפאָרען אַזש קיין מאָסקווע, וואו דער קאָנטעסט איז פאָרגעקומען. אויסער זיין פּאָפּולאַריטעט צווישען די ענגלישע ספּאָרטסלייט, איז ער אויך געווען דער פּרעזידענט פון דער יאַנג מען׳ס היברו, און ער האָט אויך געהאַט אַ גרויסען חלק אין דעם הערליכען בנין פון דער י. מ. ה. אַ, וועלכער איז געבויט געוואָרען פאַר דעם געלט פון סיר מאָרטימער דייוויס, וואָס ער האָט עס פאַרשפּראָכען ביים לעבען.

אין 1916 איז שוין פיטער בערקאָוויטש ע״ה ערוועהלט געוואָרען אַלס מיט־גליד פון קוויבעקער לעדזשיסלייטשור אויפ׳ן פּלאַץ פון מר. לאַנגלואַ, וועלכער איז אויך געוועזן אַ אידען־פריינד.

אין 1917 איז ס. וו. דזשייקאָבס ע״ה ערוועהלט געוואָרען אַלס פּאַרלאַמענט מיטגליד קיין אָטאַווא.

פערצענטער קאַפּיטעל

די צוויי פאַרשטעהער אין קוויבעק און אין אָטאַוואַ

שוין אין די צייטען פון סיר ווילפריד לאַריער, וועלכער איז געווען זעהר פריינדליך צו אידען, איז די פראַגע פון אידישער פאַרטרעטערשאַפט אין פּאַרלאַמענט ארויסגעשוואומען אויפ׳ן טאָג־ארדנונג. נאָך דעם קישינעווער פּאָגראָם אין 1905 האָט סיר ווילפריד אַליין אריינגעבראַכט אַ פּראָטעסט אין קאַנאַדער פּאַרלאַמענט געגען רוסלאַנד. ער האָט דעמאָלט אויך באַזוכט אַ אידישען פּראָטעסט מיטינג אין אָטאַוואַ און זיך אויסגעדריקט מיט גרויס סימפּאַטיע. דאָרטען האָט ער דערקלערט: „די טויערען פון קאַנאַדע זענען אָפען פאַר די געפּלאָגטע אידען, זאָלען זיי קומען און העלפען אויפבויען קאַנאַדע״.

און סיר ווילפריד האָט דעמאָלט אַליין פאָרגעשלאָגען, אַז מ׳זאָל אויסוויילען אַ אידישען פאַרשטעהער סיי פאַר קוויבעק און סיי פאַר אָטאַוואַ. אין אַ בריוו צו מר. בערקאָוויטש האָט ער איהם פאָרגעשלאָגען צו זיין אַ קאַנדידאַט, אָבער מר. בערקאָוויטש איז דערווייל דערוועהלט געוואָרען פאַר קוויבעק. דעם צווייטען יאָר ווען ס. וו. דזשייקאָבס איז געפּאָרען חתונה האָבען, האָבען מיר פאַר איהם פאַראַנשטאַלטעט אַ באַנקעט און ביי דעם דאָזיגען באַנקעט האָט מען איהם נאָמינירט אַלס קאַנדידאַט פאַר קאַרטיע דיוויזיע. גלייך איז געקומען אַ טעלעגראַמע פון סיר ווילפריד לאַריע (דאַמאָלט פיהרער פון דער אָפּאָזיציע) גראַטולירענדיג מר. דזשייקאָבס צו זיין נאָמינאַציע. דער פריהערדיגער מיטגליד פאַר דער דיוויזיע, מר. ביקערדייק, האָט צוליב זיין עלטער דאָן אויפגעגעבען דעם סיט, און מר. דזשייקאָבס איז דאָן דערוויילט געוואָרען.

מר. בערקאָוויטש האָט אנגעהאַלטען זיין פּלאַץ אין קוויבעק מיט גרויס כבוד סיי צווישען אידען און סיי צווישען דער פראַנצויזישער מעהרהייט. נאָר איינמאָל זענען מיר געקומען צו אַ קאָנפליקט מיט איהם און דאָס איז געווען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שול־פראַגע. אַ גרויסען טייל אידען איז דאָן נמאס געוואָרען דאָס, וואָס די פּראָטעסטאַנטישע באָאָרד האָט כסדר זיך געבּרעקעלט מיט די אידישע קינדער און האָבען געוואָלט האָבען דאָס רעכט פאַר אייגענע סקולס. דער גאַנצער ענין איז פאָרגעלעגט געוואָרען פאַר׳ן דאַמאָלסדיגען פּראָווינציעלען פּרעמיער ל. א. טאַשעראָ, וועלכער האָט זיך ארויסגעוויזען גאַנץ פריינדליך צום פּראָיעקט, אָבער בערקאָוויטש איז געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז ניט קיין גוטער פּלאַן פאַר אידען. מיר האָבען דאַמאָלט שטאַרק באַקעמפט בערקאָוויטש׳עס שטאַנדפּונקט.

וועגען דעם ענין שול־פּראַגע וועלען מיר נאָך האָבען אַ באַזונדער קאַפּיטעל.

דאָ וויל איך בלויז זאָגען, אַז מיט דער אויסנאַהם פון אונזער פאַנאַנדערגעהן זיך אין דער שול־פראַגע האָבען מיר צו בערקאָוויטש'ן ניט געהאַט קיין טענות. ער האָט מיט כבוד פאַרטראַטען זיין אַמט און איז פון אַלעמען רעספּעקטירט געוואָרען.

ס. וו. דזשייקאָבס, כאָטש אַ געבוירענער אין קאַנאַדע, איז דאָך געווען דורכ־געדרונגען מיט אידישע געפיהלען און איז אפילו געווען אָרטאָדאָקסיש געניגט. און פונקט ווי ער איז געוועזן אַ באַריהמטער אַדוואָקאַט, אַזוי איז ער אויך געווען אַ באַריהמטער מיטגליד פון פאַרלאַמענט. צו זיינער אַ רעדע אין פאַרלאַמענט האָט מען זיך צוגעהערט, ווייל זיינע רעדעס זענען תמיד געווען דורכגעפלאָכטען מיט הומאָר און מיט פסוקים פון תנ"ך.

עס דערמאָנט מיך ווען איינמאָל האָט זיך אין פאַרלאַמענט געהאַנדעלט וועגען ,,סעלעקטיוו אימיגריישאָן" (געקליבענע אימיגראַציע) און מ'האָט זיך גע'חקירה'ט וועלכע פאַכמענשען מ'זאָל אריינלאָזען און וועלכע ניט און אויך וועלכע ראַסען מ'זאָל אריינלאָזען און וועלכע ניט, האָט דזשייקאָבס דאַן אויף זיין הומאָריסטישען אופן געזאָגט:

,,אויב אַ איד איז ניט ווינשענסווערט און אַ קאַרפּענטער איז אויך ניט פון די געווינשטע ,,טרעידס", דאַן בין איך זיכער, אַז יעזוס וואָלט אַהער אויך ניט אריינ־געלאָזט געוואָרען, ווייל ערשטענס איז ער אַ איד און צווייטענס איז ער געווען אַ סטאָליער". די מיטגלידער פון פאַרלאַמענט האָבען דוקא שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם אריינזאָג, כאָטש ס'איז געווען אויף זייער חשבון.

עס דערמאָנט זיך מיר אויך אַן אַנעקדאָט וואָס ער, דזשייקאָבס אליין האָט מיר איבערדערציילט.

דער ראַביי פון רעפאָרם טעמפּעל האָט איהם פאַרגעהאַלטען פאַרוואָס ער קומט ניט אריין אַמאָל אין זיין טעמפּעל. (מר. דזשייקאָבס האָט באַלאַנגט צו דער שער השמים שוהל). ,,ווען איהר מאַכט נאָר אויף די טיר פון אייער הויז", זאָגט דער ראַביי, ,,זענט איהר שוין ביים טעמפּעל". דאַרויף האָט מר. דזשייקאָבס גע־ענטפערט: יאָ, ווען איך מאַך אויף די טיר, זעה איך דעם טעמפּעל, דעריבער ווען איך עפען פסח צום סדר די טיר, זאָג איך ,,שפוך חמתך על הגוים", ווייל זעהענדיג אייער טעמפּעל פאַרשטעה איך דאַן גוט דעם פסוק".

ווען עס האָט זיך געפאָדערט צו זיין ערנסט, איז עס דזשייקאָב געווען. ניט איינמאָל האָט ער ארויסגעלאָזט אַ טיפען קרעכץ ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דער אידישער לאַגע. און ווען עס איז גלייך נאָך דער ערשטער מלחמה גע־קומען אַ פאַרלאַנג פון דער איק"א פון פאַריז מען זאָל בעטען דער קאַנאַדער רעגירונג אריינצולאָזען פינף טויזענט אידישע פליכטלינגע וועלכע די איק"א וויל אַהער שיקען, האָט מר. דזשייקאָבס מיר גלייך טעלעפאָנירט צו קומען אין זיין אָפיס. דאָרט איז שוין אויך געווען ליאָן קאָהען ע"ה. און גלייך איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז מיר דריי זאָלען פאָהרען קיין אָטאָוואַ זעהן דעם אימיגראַציע מיניס־

טער, און אויב נויטיג, אויך דעם פּרעמיער־מיניסטער. מר. דזשייקאָבס האָט גלייך געמאַכט אַן אַפּאַינטמענט דורכ׳ן טעלעפאָן מיט׳ן מיניסטער (דעם פאַר־שטאָרבענעם מר. ראָוב) און מיר זיינען אויף מאָרגען אין דער פריה אַפּגעפאָהרען קיין אָטאַוואַ און זיך געטראָפען מיט׳ן מיניסטער אין שאַטאָ לאָריער האָטעל.

איך האָב דאַן דער ערשטער געשילדערט די אידישע לאַגע אין אייראָפּאַ, אי־בערהויפּט פון די אומגליקליכע פּליכטלינגע און טרעהרען האָבען מיך געשטיקט. האָט לייאָן קאָהען, דער איך מיט׳ן אמת׳ן וואַרעמען האַרץ וואָס קיין זאַך איז איהם ניט שווער געווען פאַר זיינע מיטמענשען, דאַן גענומען פאַרענדיגען דעם אַפּיל צום מיניסטער, אָבער ער האָט זיך אויך צעוויינט. מר. דזשייקאָבס האָט געפרעגט דעם מיניסטער: ווילט איהר איך זאָל אויך וויינען?״

„ניין״, האָט דאַן דער מיניסטער געענטפערט, „איהר האָט מיך אויך שוין באַלד געמאַכט צום וויינען, אייער פאַרלאַנג איז באַוויליגט״.

דער מיניסטער האָט גלייך באַפוילען דעם דעפּאַרטמענט אויסצומאַכען 5,000 בלאַנק פּערמיטס און געבען אַזעלכע טויזענט אַלע צוויי מאָנאַטען, אַזוי, אַז אין פאַרלויף פון 10 מאָנאַטען זאָלען אַלע פּערמיטס שוין זיין אַרויסגעגעבען. נאַטירליך האָט די קאָמיטע גאַראַנטירט, אַז די אימיגראַנטען וועלען ניט פאַלען צו לאַסט און אַז אַ פאַרצוג זאָל געגעבען ווערען צו די יעניגע, וואָס האָבען משפחה אין קאַנאַדע און אַז די אימיגראַנטען זאָלען דורכגעהן אַ דאָקטאָר׳ס אונטערזוכונג איידער זיי פאַרלאָזען אייראָפּאַ. די אימיגראַנטען זענען אַלע אַהער געקומען.

עפּעס עהנליכעס האָט פּאַסירט גלייך ווען אַמעריקע האָט באַשטימט אַ קוואָטע־סיסטעם פאַר אימיגראַציע און דאָס רעכט אריינצוקומען אַהן דער קוואָטע איז געגעבען געוואָרען נאָר צו די יעניגע, וואָס געפינען זיך שוין אויפ׳ן ים. אין אַ געוויסען טאָג — 12 אַזייגער האָט זיך געענדיגט דער טערמין פון די ניט־קוואָטע אימיגראַנטען.

האָט זיך געמאַכט, אַז אַ שיף מיט 650 אידישע אימיגראַנטען האָט זיך פאַר־שפּעטיגט און איז אָנגעקומען מיט 24 טעג שפּעטער. דער אַמעריקאַנער אימיג־ראַציע־דעפּאַרטמענט האָט זיי מעהר ניט געוואָלט אַרונטערלאָזען, נאָר ווען לואי מאַרשאַל ע״ה און דזשאָזעף באַראַנדעס ע״ה האָבען זיך שטאַרק געמיהט פאַר די אימיגראַנטען, האָט דער דעפּאַרטמענט זיי געגעבען אַן הנחה, וואָס האָט געלויטעט, אַז זיי וועלען קריגען פּערמיטס אריינצוקומען די ערשטע נעקסטען יאָהר, אָבער דערווייל מוזען זיי פאַר דעם יאָהר צוריקפאָרען קיין אייראָפּאַ. די צוויי באַרימטע שתדלנים האָבען אפילו אַפּעלירט צו פּרעזידענט קולידזש ער זאָל די אימיגראַנ־טען ניט צוריקשיקען, אָבער עס האָט גאָרניט געהאָלפען. דאַן איז מר. באַראַנדעס געקומען קיין מאָנטרעאָל מיט דעם ציל, אַז די היגע אידישע פיהרער זאָלען פּרו־בירען פּועל׳ן ביי דער קאַנאַדער רעגירונג זי זאָל די אימיגראַנטען אריינלאָזען קיין קאַנאַדע פאַר דעם יאָהר.

די זעלבע קאמיטע : מר. דזשייקאבס, לייאן קאהען און מיין ווייניגקייט האַ־בען באַשלאָסען צו פאָרען קיין אָטאַווא און דאָרט אויך צוגעצויגען מר. א. דזשיי. פרימאַן. נאָכדעם ווי מיר האָבען געמאַכט אַ שטאַרקען אַפיל צום פּרעמיער איז די ערלויבניש געגעבען געוואָרען.

איך האָב דאָן מר. באַראַנדעס׳ן, וועלכער האָט מיט אונגעדולד אויף אונז געוואַרט לעבען פּאַרלאַמענט בילדינג, געראַדע גע׳עצה׳ט, דאָס היות ער האָט שוין די דערלויבניש, זאָל ער ערשט איצט מיט מר. מאַרשאַל׳ן זיך ווענדען צום פּרעזי־דענט אין וואַשינגטאָן און דערקלערען, אַז עס איז אַ שאַנדע פאַר דער וועלט, אַז צוקונפטיגע בירגער פון אַמעריקע זאָלען אַזוי באַהאַנדעלט ווערען. זיי וועלען דאָך אַלע מאָל וויסען, אַז אַ צווייט לאַנד האָט אויף זיי רחמנות געהאַט בעת זייער אייגען אַדאָפּטירט לאַנד איז געווען גלייכגילטיג צו זייער צער.

באַראַנדעס האָט גענומען מיין עצה און דער אַרגומענט האָט געאַרבייט אויס־געצייכנט. דער קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן האָט דורכגעפיהרט אַ ספּעציעלען ביל מ׳זאָל די 650 אימיגראַנטען דאָך אריינלאָזען אַהין צו באַנוצען זיך מיט דער פריינטשאַפט פון קאַנאַדע. מען מוז אָבער זאָגען, אַז אין לעצטען סך הכל זענען די 650 אימיגראַנטען געראַטעוועט געוואָרען טאַקע אַ דאַנק דער גוטהאַרציגקייט פון דער קאַנאַדער רעגירונג.

דאָס גיט אַ שטיקעל אָפּשפּיגלונג פון דעם כאַראַקטער פון ס. ו. דזשייקאָבס און לייאַן קאָהען, אויף וועלכע מען קען מיט רעכט זאָגען : „חבל על דאבדין ולא משתכחין״ — קלאָגט אויף די וואָס מ׳האָט פאַרלוירען און מ׳קען ניט פאַרגעסען.

קיין שום בילד וועגען ס. ו. דזשייקאָבס וועט ניט זיין גאַנץ אָהן צו דערמאַ־נען זיין ראָל וואָס ער האָט געשפּילט אין דעם באַריהמטען פלאַמאַנדאָן פּראָצעס. דאָס איז געווען נאָך מיט יאָהרען פריהער איידער ער איז אויסגעקליבען געוואָרען אַלס מעמבער און פּאַרלאַמענט. געווען איז דאָס אין 1908, ווען אַ נאָטאַרי פון קוויבעק מיט׳ן נאָמען פלאַמאַנדאָן און אַ געוויסער גלח האָבען אָנגעהויבען אָנ־טרייבען אַן אַנטיסעמיטישע העצע. זיי האָבען ארויסגעלאָזט פּאַמפלעטען באַניי־ענדיג דעם אַלטען בלוט־בלבול קעגען אידען און נאָך אַנדערע ליגענס. די העצע האָט אָנגעוואָרפען אַ מורא אויף די אידען אין קוויבעק. די מורא איז ניט געווען אומבאַגרינדעט, ווייל אין דער שטאָט קוויבעק איז מען שוין באַפאַלען אַ סטאָר, וואָס האָט באַלאַנגט צו אַ מר. אַרטענבערג, אַ ברודער פון דר. אַרטענבערג פון מאָנטרעאָל און מ׳האָט דאָרטען אָנגעמאַכט אַ חורבן. עס איז ניט געבליבען קיין אַנדער ברירה ווי צו פאַרקלאָגען די העצער פאַר׳ן געריכט. מר. דזשייקאָבס האָט עס גענומען אויף זיך צו אָנפיהרען די אָנקלאַגע אין נאָמען פון מר. אַרטענבערג.

מר. דזשייקאָבס און זיין דאַמאָלסטדיגער ארויסהעלפער מר. לואי פיטש, האָבען געאַרבייט אַ צייט צוזאַמענצוגרייטען די קייס וואָס האָט געדאַרפט פאַרקומען אין קוויבעק, און רבי אַבראַמאָוויטש איז געשטעלט געוואָרען אַלס דער עקספּערט אָפּ־

צולייקענען די פאַלשע ציטאַטען פון תלמוד און די בלבולים וואָס זיינען פון דער חברה פאַרשפרייט געוואָרען.

פופצעהן טעג האָט זיך דער משפט געצויגען. ביים ערשטען פּראָצעס איז דער אורטייל געווען קעגען אונז, ווייל דער תירוץ איז געווען, אַז לויט'ן געזעץ קען אַ יחיד ניט נעהמען אויף זיין חשבון אַן אַטאַקע אויפ'ן גאַנצען כלל. אָבער די ,,קייס'' איז געגאַנגען צו אַפּיל און דאָרט האָבען מיר געוואונען. דער משפט פון דעם העכערען געריכט איז געווען, אַז אָרטענבערג און אַ צווייטער איד, לאַזאַראַוויטש, האָבען אַלס יחידים געליטען פון אַן אַטאַקע וואָס איז געמאַכט געוואָרען אויפ'ן גאַנצען אידישען כלל. פלאַמאַנדאָן און דער צווייטער אַנגעקלאַגטער, לעדיוק (וועלכער איז געווען דער דרוקער פון דער העצערישער בראָשור) זיינען פאַר'משפט געוואָרען צו באַצאָהלען עטליכע הונדערט דאָלער שאַדענערזאַץ צו מר. אָרטענבערג און מר. לאַזאַראַוויטש, אָדער געהן אין דזשייל. דער משפט האָט זיך געענדיגט אין דעצעמבער 1913. די געלט־שטראָף האָבען די אַנגעקלאַגטע ניט געקענט באַצאָהלען און די אידען האָבען ניט געפאָדערט זיי זאָלען געהן אין דזשייל.

די ראָל פון ס. וו. דזשייקאָבס, לואי פיטש און רבי אַבראַמאָוויטש האָבען געשפּילט אין דעם פּראָצעס, איז געווען אַזאַ, וואָס האָט זיי פאַרשאַפט כבוד. די הויפּט ראָל האָט געשפּילט טאַקע ס. וו. דזשייקאָבס.

צו באַשרייבען אייבצעלהייטען וועגען סעם דזשייקאָבס און לייאָן קאָהען, וואָלט דאָס אַליין געדאַרפט פאַרנעהמען אַ היבשען בוך, און דאָס בין איך איצט ניט אויסען צו טאָן. אויך וועגען די פּרימאַנס וואָלט איך געקענט אָנשרייבען אַ היבשען בוך, אָבער איך וועל זיך בלויז באַנוגענען מיט עטליכע קאַפּיטלאַך.

פופצענטער קאפיטעל

די פרימאַנס

עס איז געווען אין יאהר 1910, ווען איך בין אין די טעג פון חנוכה געווען אין אטאווא און האב זיך געטראָפען מיט א. דזש. פרימאַן און זיין פרוי ליליען. זיי האבען מיך געבעטען איך זאל אין אווענט קומען אין זייער שוהל, וואו זיי פיהרען דורך אַ חנוכה־קאָנצערט לטובת זייער שמש, וועלכער איז געווען קראַנק און האט געמוזט געשיקט ווערען קיין קאַליפאָרניע צו געניסען פון דאָרטיגען וואַרימען קלימאַט.

ווען איך בין געקומען אין שוהל, האב איך גענומען באַאבאַכטען דעם פאַר־זאַמעלטען עולם. מר. פרימאַן איז געווען פאָרזיצער און ליליען האט אַרומ־געשוועבט צווישען עולם פאַרקויפענדיג אייז־קרים און שאָקאָלאַד... פאַר יעדען אייז־קרים און שטיקעל שאָקאָלאַד האט זי געקראָגען אַ סך מעהר וויפיל די אַר־טיקלען זיינען באמת ווערט, ווייל יעדערער האט געוואוסט, אַז דאס געלט געהט פאַר'ן פאָנד צו העלפען דעם קראַנקען שמש. בעת זי האט אַזוי אַרומגעשוועבט איבער דער שוהל, איז צו איהר צוגעלאָפען דעם שמש'ס אַ קינד. זי האט דאס קינד געכאַפּט אויף די הענט און צוגעלאָפען צו פרימאַנ'ען: „אַרטשי, איז דאס ניט אַ הערליך קינד? קויף פאַר איהם אַן אייז־קרים". און אַרטשי גיט איהר פינף דאָלער. „ווילסט רעשט (טשענדזש)?" זאָגט זי צו איהם, „ועסט ניט קריגען". און זי האט די פינף דאָלער אַריינגעוואָרפען אין דעם פאַרמאַכטען קעסטעל וואוהין עס זיינען געגאַנגען אַלע מטבעות וואס זי האט אַריינגעלעגט.

פרעג איך אַ פרוי וואס זיצט לעבען מיר: „טוט די מרס. פרימאַן עפעס גוטע אַרבייט אין שטאָט פאַר די אַרימע?" און די פרוי זאָגט מיר: „וואס רעדט איהר, מרס. פרימאַן רוהט ניט אין הויז אַ מינוט, נאָר לויפט באַזוכען אַלע קראַנקע און אָרימע יעדען טאָג. זי האט אַ „הארס ענד באַגי" מיט וואס זי פאָרט אַרום און איהר פערדעל ווייסט שוין זיך אָפּצושטעלען ביי יעדען אָרימאַנ'ס הויז, ווייל זי קומט אַהין יעדען טאָג".

ווען איך בין צוריקגעקומען קיין מאָנטרעאַל און האב גראָד דעמאָלסט אָנגעה־הויבען צו שרייבען אַ סעריע אַרטיקלען וועגען פרויען, האב איך גענומען ליליאַן פרימאַן אַלס ערשטען טיפּ צו באַווייזען, אַז אַט די רייכע פרוי, וועלכע האט געקענט פאַרברענגען איהר צייט מיט פאַרשידענע פאַרגעניגענס, גיט דאָך אַוועק איהר גאַנצע צייט און ענערגיע צו העלפען ליידענדע.

איך האב אויך דערציילט אין דעם אַרטיקעל, אַז די דאָזיגע רייכע פרוי איז

אפילו צווישען קריסטען אנערקענט אלס „זעלטענע ליידי" און דערצו איז זי א שומרת שבת און היט אָפּ אידישע דינים, כאָטש אידיש רעדען קען זי ניט.

מיט עטליכע טעג שפּעטער קומט צו מיר אין אָפּיס מרס. פרימאַן און מיט טרערען אין איהרע ליכטיגע אויגען ערקלערט זי מיר דאס מ'האט איהר פאַר־געלייענט וואס איך האב וועגען איהר געשריבען, איז זי געקומען צו מיר שווערען, אַז זי וועט אַרבייטען מיט אַלע איהרע כוחות צו זיין די יעניגע, וועלכע איך האב געשילדערט.

און דאַ האבען זיך גלייך אנגעהויבען איהרע גאַר גרויסע טהאַטען.

מרס. פרימאַן איז שוין דאַן געווען די נאַציאָנאַלע פרעזידענטין פון דער קאַנאַדער הדסה, אָבער דאס איז ניט געווען גענוג אַרבייט צו באַפרידיגען איהר דראַנג צו גוטע מעשים. איהר ערשטע אַרבייט גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געווען צו שאַפען אַ הילפס־פאָנד פאַר די אָרימע אין ארץ ישראל, אויסער דער ציוניסטישער אַרבייט. זי האט געמאַכט אַ רייזע איבער'ן גאַנצען לאַנד (נאַטירליך אויף איהרע אייגענע קאָסטען) און האט ניט דורכגעלאָזט קיין איין פּלאַץ אין קאַנאַדע, וואס זי האט ניט באַזוכט, מיט דעם רעזולטאַט אַז זי האט געשאַפען 175 טויזענט דאָלאַר און צענדליגער קאַסטענס מיט קליידער און שוכוואַרג, וואס זענען אַפּגעשיקט געוואָרען קיין ארץ ישראל.

אַרטשי פרימאַן איז שוין דאַן אויך געווען נאַציאָנאַלער פרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין קאַנאַדע. די ערשטע 25 טויזענט דאָלאַר פאַר'ן קרן היסוד האט ע ר געגעבען, ווייל טאָקע ביי אונז אין קאַנאַדע איז צום ער־שטען אנגענומען געוואָרען דער קרן היסוד. ביי אַ קאַנווענשאַן אין מאָנטרעאַל, וואו עס זענען אַנוועזענד געווען דער פאַרשטאַרבענער דר. שמריהו לעווין און דר. חיים וויצמאַן, האבען די ערשטע 25 טויזענט דאָלאַר פון אַרטשי פרימאַן גע־וויזען דעם ערשטען גרויסען ביישפּיל ניט נאָר פאַר קאַנאַדע, נאָר פאַר דער גאַנצער אידישער וועלט. ניט לאַנג שפּעטער איז אויך אין די שטאַטען אנגע־נומען געוואָרען דער קרן היסוד.

אַרטשי פרימאַן האט אויך ערמוטיגט זיין ליליאַן אנצוגעהן מיט איהרע באַ־זונדערע טעטיגקייטען, און גלייך האט ליליאַן געפונען אַ נייע הילפס־אַרבייט, דאס מאָל זיך טאָקע ווידער באַראַטען מיט דעם שרייבער פון די שורות און גלייך פּראָקלאַמירט אַן אַקציע צו ברענגען עטליכע הונדערט יתומים פון איירָאָפּאַ. זי האט ווידער געמאַכט אַ רייזע איבער קאַנאַדע און געשאַפען ערשטענס די סומע געלט וועלכע איז נויטיג געווען פאַר דער גאַנצער אַקציע און דערצו אויך גע־שאַפען היימען פאַר די קינדער. זי האט געגרינדעט אַ קאָמיטעט צווישען וועלכע דער שרייבער פון די שורות איז געווען איינער פון זיי און גלייך איז מר. ה. הערשמאַן געשיקט געוואָרען קיין איירָאָפּאַ, איבערהויפּט קיין אוקראַינע, אויס־צוקלייבען די יתומים. נאָכדעם ווי הערשמאַן איז שוין געווען אָפּגעפאָרען, האט

זי אליין געמאַכט אַ רייזע קיין אייראָפּאַ צו זעהן, אַז אַלץ זאָל צוגעהן ווי אָמ־בעסטען. זי איז שפּעטער צוריקגעקומען צוזאַמען מיט 190 יתומים־קינדער, וועלכע האָט זי האָט ארויסגעשלעפּט פון אַ זיכערען טויט.

ליליאַן פרימאַן איז געווען באַליבט ביי די קריסטליכע „פּאָור האַנדרעד״ פּונקט ווי ביי אונז אידען. זי איז אויך געווען די יעניגע, וואָס האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון אַטאַווער מעיאָר פאַר דער צייט פון דער אינפלוענציע אין 1918 און זי האָט געהאַט אונטער זיך די פּרויען פון דער אַטאַווער אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָבען מיט איהר מיטגעאַרבייט. זי איז באַריהמט און באַליבט געוואָרען ביי אַלעמען. זי האָט אויך געקראָגען אַ קעניגליכען טיטול „אָ. בי. אי.״

נאָך אַן אינצידענט, וואָס איך קען ניט דורכלאָזען איז די רעטונגס אַרבייט, וואָס אַט די נאָבעלע נשמה האָט געטאָן פאַר יונגעלייט וואָס זענען בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען מלחמה־געפאַנגענע אין קאַנאַדע.

גלייך נאָך דעם וואַפענשטילשטאַנד האָב איך דערהאַלטען אַ בריוועל, וואָס איז אַרויסגעוואָרפען געוואָרען פון אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער ערגעץ אין ביר־בראַנזוויק, אַדרעסירט צום רעדאַקטאָר פון דער אידישער צייטונג. דער איד וואָס האָט דאָס בריוועל געפונען, האָט עס איבערגעשיקט צו מיר.

דאָס בריוועל האָט געלויטעט, אַז יונגעלייט, וועלכע זענען אַנטלאָפען פון עסטרייכישען מיליטער און זענען דאָ אינטערנירט געוואָרען אַלס „ענעמי עיליענס״, (פיינדליכע אויסלענדער) געפינען זיך שוין דאָ קנאַפּע 4 יאָהר און איצט, ווען די מלחמה האָט זיך געענדיגט, געהט מען זיי צוריקשיקען קיין עסטרייך צוזאַמען מיט אַנדערע קריגס־געפאַנגענע. אָבער אַזוי ווי זיי זענען אַנטלאָפענע פון עסטרייך, ערוואַרטען זיי דאָרט זיכער אַ טויט־אורטייל. זיי שרייבען, אַז זיי זיינען קיינמאָל ניט געווען קיין „ענעמי עיליענס״ און זיי בעטען רחמים מ׳זאָל זיי ניט צוריק־שיקען פון וואַנען זיי זענען אַנטלאָפען.

ווען איך האָב דאָס בריוועל ערהאַלטען, האָב איך גלייך געשיקט אַן אַפּיל צום דאַמאַלסדיגען יוסטיץ־מיניסטער, מר. דאָהערטי און איהם דערקלערט, אַז די יונגעלייט זענען אַנטלאָפען פון עסטרייך (גאַליציען), ווייל זיי האָבען ניט געוואָלט געהן זיך שלאָגען געגען ענגלאַנד און אַז אין יענע געגענדען האָבען אידען געשאַפען פאָנדען פאַר ארץ ישראל, וואָס איז דורך ענגלאַנד פּראָקלאַמירט גע־וואָרען אַלס „אידישע היימלאַנד״, דאָרום בעט איך איהם די יונגעלייט צו באַפרייען.

מיט עטליכע טעג שפּעטער האָב איך דערהאַלטען אַן ענטפער פון מר. דאָהערטי, מיט וועמען איך בין געווען זעהר באַפריינדעט, אַז ער וועט טאָן דאָס בעסטע וואָס ער קען, אָבער אַזוי ווי איך האָב געדענקט דאָס עס איז מעגליך, אַז דער יוסטיץ־מיניסטער זאָל פאַרגעסען מיין בקשה, האָב איך געשריבען אַ בריוועל צו מרס. פרימאַן און איהר געבעטען זי זאָל דערמאָנען דעם מיניסטער וועגען דעם פאַר־שפּרעכען און איהר געשריבען אַלע איינצעלהייטען.

מיט אַ וואָך שפּעטער קריג איך אַ טעלעפאָן „קאָל״ פון מרס. פרימאַן. עס איז געווען אין אַ שבת און זי פרעגט מיך צי זי מעג קומען צופאָרען אום שבת קיין מאָנטרעאָל וועגן די פיר באָיעס, וואָס זענען שוין ארויסגעשיקט געוואָרען פון קעמפּ אויף זייער וועג קיין קוויבעק דעפּאָרטירט צו ווערען קיין אייראָפּאַ. איך האָב איהר נאַטירליך געגעבען דעם היתר צוליב פקוח נפש און זי איז גלייך געקומען צו מיר אין הויז. זי האָט מיר דערצעהלט, אַז זי איז געווען עטליכע מאָל ביים מיניסטער, אָבער ער איז געווען פאַרנומען, ביז זי האָט היינט ערפאַרען, אַז די יונגעלייט זענען שוין אויפ׳ן וועג דעפּאָרטירט צו ווערען, בכן וויל זי מיט מיר פאָרען קיין קוויבעק און זעהן וואָס מ׳קען טאָן צו ראַטעווען די באָיס פון צוריק־געשיקט ווערען.

איך האָב אפילו לכתחילה ניט געדענקט, אַז מיר וועלען קענען עפּעס אויפ־טאָן, אָבער אַז זי וויל דוקא איך זאָל מיט איהר פאָרען זענען מיר שבת אוונט אפּגעפאָרען קיין קוויבעק.

מילא, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען וואָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ צו באַ־שרייבען, אָבער סוף כל סוף איז אונז געלונגען די בחורים ארונטערצונעמען פון דער שיף און זיי ברענגען קיין אָטאַווא, וואו מרס. פרימאַן האָט זיי געהאַלטען פאַר אַ וואָך צייט און זיי אויסגעקליידט. אַלע פיר זענען היינט נוצליכע בירגער אין קאַנאַדע.

ליליען פרימאַן איז אויך געווען די הויפּט פון רויטען קרייץ אין אָטאַווא. זי האָט געהאָלפען די מלחמה וועטעראַנען און עס איז ניטאָ קיין איין צדקה אָדער הומאַניטאַרישע אַרבייט וואו זי האָט ניט צוגעלעגט אַ האַנט. הונדערטער אימיגראַנטען האָט זי געראַטעוועט פון דעפּאָרטאַציע און אַ גרויסע צאָל פּערמיטס געקראָגען פאַר אימיגראַנטען. פון איהר קראַנקען און כמעט טויטען בעט האָט זי ניט אָפּגעלאָזט דעם טעלעפאָן פון דעם אימיגראַציע דעפּאַרטמענט אַפּעלירענ־דיג פאַר פּערמיטס. דאָס איז געווען, קען מען זאָגען, אַ הייליגע נשמה, און קאַ־נאַדער אידען, ווי די אידען פון דער גאַנצער וועלט, האָבען פאַרלוירען דורך איהר טויט אַן אמת׳ע אם בישראל.

אן אבדה שאינה חוזרת האָבען קאַנאַדער אידען אויך געליטען דורך דעם פריהצייטיגען טויט פון איהר מאַן, א. דזש. פרימאַן, וואָס איז געשעהן שוין אין דער צייט ווען אָט דאָס בוך איז געווען אין דרוק. זיין טויט האָט פּאַסירט אין דער אָטאַווער שוהל נאָכדעם ווי ער האָט דאָרטען געהאַלטען אַ רעדע זונטאָג דעם 4־טען יוני, 1944, צו זיין 64־טען געבורטסטאָג. דאָ קען ווידער געזאָגט ווערען, אַז אַ גענעראַל אין דעם קאַמף פאַר אידישער באַפרייאונג איז פון אונז צוגענומען געוואָרען. אַזאַ ווי ער און זיין נאָבעלע פרוי זענען מעהר ניטאָ אין אונזער אידישען לעבען פון קאַנאַדע און זיי פעלען אונז אויס אויף שריט און טריט. חבל אל דאבדין ולא משתכחין!

זעכצענטער קאַפּיטעל

סער מאָרטימער ב. דייוויס ע״ה

איך האָב זיך באַקענט מיט מאָרטימער ב. דייוויס לאַנג פריהער ווי ער האָט באַקומען דעם טיטול „סער״. אנגעהויבען האָט זיך עס מיט דעם, וואָס ווען אונזער אָן אַדווערטייזינג אַגענט איז צו איהם געקומען וועגען קריגען אַדווערטייזמענטס פון דער אימפּיריאל טאַבעקאָ קאָ., פון וועלכער מר. דייוויס איז געווען דער פּרעזידענט, האָט ער דאָן געזאָגט צום אַגענט, אַז ער וויל איך זאָל איהם קומען זעהן. ער וויל וויסען אייגנצעלהייטען וועגען דער אידישער צייטונג, וואָס אינטערעסירט איהם.

איך בין דאָן געקומען צו מר. דייוויס און ער האָט מיט מיר געהאַט אַ לאַנגען געשפּרעך וועגען דעם וואָס ער וואָלט געוואָלט און ערוואַרטעט פון אַ אידישער צייטונג: ערשטענס, צו מאַכען פון די אריבערגעקומענע אידען גוטע בירגער; דאָן העלפען איבערבויען אידישע אינסטיטוציעס און זעהן די אינסטיטוציעס צו פּאַראייניגען. איך האָב צופעליגערווייזע געהאַט מיט זיך אַ נומער צייטונג, וואָס האָט געהאַט אַן אויפרוף וועגען דער מלביש ערומים סאָסייעטי, וואָס האָט זיך געהאַט געגרינדעט מיט עטליכע יאָהר צוריק און האָט פּלוצלונג אויפגעהערט צו עקזיסטירען. דער אויפרוף איז געווען צו דער סאָסייעטי מצד דער צייטונג און דאָס קעפּעל האָט זיך געלייענט: „פאַרלירען געגאַנגען אַ סאָסייעטי״. די צייטונג האָט אַפּעלירט צו די טוער, זיי זאָלען צוריק ווערען טעטיג, ווייל די אָרימע קינדער וואַרטען אויף זייערע מלבושים. אָט דאָס האָט צו איהם שטאַרק אַפּעלירט.

ער האָט גלייך אַריינגערופען זיין מענעדזשער און געהייסען מיר געבען אַ קאָנטראַקט פאַר טויזענט דאָלאַר אַדווערטייזינג און דערביי באַמערקט: „ווען איהר וואָלט נאָך געקענט אַרויסגעבען אַן ענגליש וואָכענבלאַט, כדי צו קענען ריידען צו דעם ענגליש־ריידענדיגען אידענטום אין קאַנאַדע, דאָן וואָלט איך, זאָגט ער, אויך געווען באַהילפיג סיי מיט אַדווערטייזינג און אפילו מיט סתם געלט־שטיצע. איך האָב איהם געזאָגט, אַז איך האָב דאָס טאַקע אין זינען צו טאָן קירצליך, האָט ער ווידער אַריינגערופען דעם מענעדזשער און איהם געזאָגט: „מאַך אויס נאָך אַ קאָנטראַקט . . .

„ווייסט איהר שוין דעם נאָמען פון דעם ענגלישען זשורנאַל?״ האָט ער מיך געפרעגט. „יאָ״, האָב איך געענטפערט, „קענעדיען דזשואיש קראָניקל״ וועט זיין דער נאָמען״.

מר. דייוויס וווענדעט זיך דאָן צום מענעדזשער: „מאַך אויס נאָך אַ קאָנ־טראַקט צום „קענעדיען דזשואיש קראָניקל" פאַר אַ יאָהר צייט, אַ גאַנצע פּיידזש צו $60.00, וואָס מיינט דריי טויזענט דאָלאַר פאַר'ן יאָהר".

אַט מיט דעם קאָנטראַקט האָט זיך אָנגעהויבען די דערשיינונג פון אונזער וועכענטליכען זשורנאַל „דהי קענעדיען דזשואיש קראָניקל", וועלכע האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די פאַרטזעצונג פון דער „דזשואיש טיימס", וואָס לייאָן קאָהען ע"ה און סעם דזשייקאָבס ע"ה האָבען פריהער געהאַט ארויסגעגעבען. נאָכדעם ווי „דהי דזשואיש טיימס" האָט זיך אָנגעגעגנט מיט גרויסע שוועריגקייטען, האָט זי אויפגעהערט צו דערשיינען, און מיר האָבען דאַן געמאַכט די פאַרטזעצונג אונ־טער דעם שויך־דערמאָנטען נאָמען „קענעדיען דזשואיש קראָניקל", וואָס איז ביז היינט די פאַרנעהמסטע אידיש־ענגלישע צייטונג אין קאַנאַדע.

מיר האָבען דאַן אָנגעהויבען צו אַגיטירען פאַר אַ פאַראייניגונג פון אַלע צדקה־אַנשטאַלטען, וואָס האָבען זיך שוין געהאַט געגרינדעט ביז דאַן. דער הויפּט צדקה־אַנשטאַלט איז געווען דער באַראָן דע הירש אינסטיטוט, וואָס האָט געגעבען הילף צו נויטליידענדע, באַזאָרגט אַרימעלייט מיט דעם נויטיגסטען, געזאָרגט פאַר די קראַנקע, פאַר אלמנות און יתומים. דאַן איז געווען דער סאַנאַטאַריום אין סט. אַגאַטהע, אַ מושב זקנים און אַ בית יתומים.

מר. דייוויס האָט דאַן מיט אַ ברייטער האַנט געגעבען צו די אַלע אינסטי־טוציעס און דאָס מינדסטע וואָס ער האָט געגעבען צו יעדער אינסטיטוציע איז געווען אַפּטמאָל מעהר ווי צעהן פּראָצענט. די איינציגע אינסטיטוציע וועלכע ער האָט ניט געשטיצט ביז אַ צייט איז געווען די תלמוד תורה, עפּעס האָט ער ניט פאַרשטאַנען די נוצען פון אַ תלמוד תורה און ניט געוואוסט צו וואָס מען דאַרף עס.

מיר האָבען פאַר אַ צייט אויך אַרויסגעגעבען אַ וועכענטליכע הומאָריסטישע צייטונגעל „דער האַמער" און אַט אין דעם צייטונגעל האָבען מיר געמאַכט אַ קאַרטון פון מר. דייוויס ווי אַזוי צוויי מויערער בויען אַ מאָנומענט פאַר מר. דייוויס, זיין האַלז איז שוין געווען אויפ'ן שפּיץ פון מאָנומענט און אונטען זענען געווען איינגעמויערט גרויסע שטיינער און יעדער שטיין האָט געטראַגען אַ נאָמען פון אַן אינסטיטוציע, וועלכע ער האָט אַזוי ברייטהאַרציג געשטיצט, נאָר צוויי שטיינער האָבען געפעלט צו פאַרענדיגען דעם מאָנומענט, די שטיינער זענען געלעגען גרייט, אויף איינעם איז געווען אָנגעשריבען „תלמוד תורה" און אויפ'ן צווייטען שטיין „פאַראייניגטע צדקה אַנשטאַלטען", און איין אַרבייטער האָט אָנגעוויזען אַ צוויי־טען אויף די צוויי שטיינער, זאָגענדיג: „גיב אַהער די צוויי שטיינער, און דער מאָנומענט איז פאַרטיג".

דער קאַרטון איז אַרויסגעקומען זעהר שעהן, און מיר האָבען דאָס אויך איבער־געדרוקט אין דעם ענגלישען ווינכענבלאַט, דעם „קענעדיען דזשואיש קראָניקל"

און אינ'ם „קענעדער אדלער" און מיר האבען געזעהן, אז דייוויס זאל באקומען אלע דריי קאפיעס.

מיט א וואך שפעטער, זייענדיג אין סט. אגאטה און ארונטערגעהענדיג צום סטיישאן נעהמען די באהן קיין מאנטרעאל, טרעפט מיך מר. דייוויס און פרעגט מיך: „איהר פארט קיין מאנטרעאל?" איך האב געענטפערט אז יא.

„אויב אזוי האב איך טאקע מיט אייך עפעס צו ריידען", זאגט ער, „קומט אין אט דעם צוג, איך האב דארטען א פריוואטע קאר וועלען מיר צוזאמען פאר־ברענגען".

איך בין מיט איהם אריין אין זיין פריוואטער קאר און דער ערשטער שמועס האט זיך אנגעהויבען וועגען דעם קארטון. ער האט געזאגט: „וואס איז שייך דאס פאראייניגען די אינסטיטוציעס בין איך מיט אייך א הונדערט פראצענט, האט איהר פארטיג א פראגראם פאר אזא פאראייניגונג?"

איך האב איהם געזאגט, אז איך האב אנגעשריבען א פאמפלעט וועגען אזא פאראייניגונג, האט ער פארלאנגט, אז באלד מארגען פריה ווי נאר איך קום אין אפיס זאל איך איהם צושיקען דעם פאמפלעט. איך האב עס איהם פארשפראכען. איך האב איהם דערווייל געגעבען צו פארשטיין די בענעפיטען פון אזא פאר אייניגטע צדקה פעדעראציע.

נאך דעם זאגט ער צו מיר: „יא, איהר האט דארט אין דעם קארטון מיר געגעבען אן אנצוהערעניש פאר מיין קאלטקייט צו תלמוד תורה. צו וואס דארף מען דאס? אפשר כדי צו מאכען אט־א דאס־א . . . ? (און ער ווייזט ווי מען דרעהט מיט א רצועה ארום האנט ביים לעגען תפילין). ווען ער איז געווען יונג, האט ער מיר געזאגט, פלעגט ער עס טאן יעדען טאג . . .

מר. דייוויס האט מיך פארזיכערט, אז אפילו ווען ער פלעגט פארען אויף דער באן פאר זיין פאטער'ס ביזנעס האט ער ניט פארפעלט צו „דרעהען דאס לעדער אויף דער האנט" אבער — ווער טוט דאס היינט? — האט ער געפרעגט.

איך האב מיט א שמייכעל איהם געזאגט, אז אט דאס דרעהען מיט דעם לעדער אויף דער האנט האט אין איהם ארייגעדרעהט דאס גוטע אידישע הארץ, ווייל יענע וואס האבען אין דער יוגענט אזא דערציהונג ניט געהאט קענען ניט זיין קיין אמת'ע אידען, אבער ער האט עס ניט געקענט איינזעהן. ער האט גע־טענה'ט, אז מען קען זיין א גוטער איד אהן דעם.

דערווייל איז די באן פארבייגעפארען דעם באיס פארם (דזשייל) אין שאר־ברידזש.

— זעהט — זאג איך איהם — אט דאס איז די שטראף־פארם פאר פאר־ברעכערישע קינדער.

— וויפיל אידישע קינדער זענען דארט פאראן? — פרעגט ער מיך, און איך ענטפער: 12 אידישע קינדער צווישען 180 ניט־אידישע.

— איז דאָס ניט צופיל 12 אידישע קינדער? און איך ענטפער איהם: „יאָ, מיר זענען 45 פּראָצענט אידישע קינדער אין די פּראָטעסטאַנטישע סקולס מעגען מיר דאָך האָבען קנאַפּע זעקס פּראָצענט אין זייערע שטראָף־אַנשטאַלטען״.

— יאָ — זאָגט ער — איהר זענט גערעכט.

— אָבער — זאָג איך ווייטער — די קינדער וואָס באַזוכען אַ תּלמוד תּורה קומען קיינמאָל ניט אין די שטראָף־אַנשטאַלטען. תּלמוד תּורה האַלט אָפּ קינדער פון פאַרברעכענס.

דאָס האָט איהם גוואַלדיג פאַראינטערעסירט. ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט פאַרשענדע אויגען און געפרעגט:

— איז דאָס אַ פאַקט? קענט איהר דאָס מיר באַווייזען?

איך האָב איהם פאַרזיכערט, אַז איך וועל עס איהם באַווייזען.

— וועל — זאָגט ער — אויב איהר וועט מיר דאָס באַווייזען שריפטליך פון אַן אויטאָריטעט, וועל איך מיט אייך שפּעטער רעדען וועגען תּלמוד תּורה...

מאָנטאָג פריה, גלייך דעם צווייטען טאָג נאָך מיין שמועס מיט מר. דייוויס, האָט ער מיך איבערראַשט מיט אַ טעלעפאָן־„קאָל״. ער האָט מיר געפרעגט, צי האָב איך איהם שוין אַרויסגעשיקט דעם פּאַמפלעט וועגען דער צדקה פעדעראַציע. איך האָב איהם פאַרזיכערט, אַז איך שיק עס איהם גלייך אַרויס.

— שיקט עס מיר גלייך דורך אַ שליח — האָט ער זיך געבעטען — ווייל איך ערוואַרט דאָ מר. מאַקסוועל גאָלדשטיין, וועל איך צוזאַמען מיט איהם איבער־לייענען דעם פּאַמפלעט.

— גוט — זאָג איך — איך שיק עס גלייך צו אייך מיט אַ באָי פון אָפיס.

— און וואָס הערט זיך מכּוח די באַווייזען וועגען דעם באָיס פאַרם? — פרעגט ער.

און איך ענטפער איהם, אַז איך וועל גלייך שרייבען צום סופּעראינטענדענט פון דעם „פאַרם״ וועגען די „רעקאָרדס״ פון די אידישע קינדער דאָרטען און אויב אימיצער פון די וואָס געפינען זיך דאָרט אָדער האָבען זיך דאָרט געפונען, זענען פון די קינדער וואָס האָבען באַזוכט אַ תּלמוד תּורה, און אויב יאָ, וואָס פאַר אַ פּראָצענט פון זיי האָבען זיך געפונען אין דעם אַנשטאַלט.

— גוט — זאָגט מר. דייוויס — אַטענדעט צו דעם גלייך.

איך האָב איהם גלייך אָוועקגעשיקט דעם פּאַמפלעט, וואָס איך האָב אָנגע־שריבען וועגען אַ פאַראייניגטע צדקה־פעדעראַציע, און אָנגעשריבען אַ בריוו צום סופּעראינטענדענט פון דעם באָיס פאַרם ערקלערענדיג איהם די אמת'ע אורזאַך פאַר פאַרלאַנגען אַזאַ סטייטמענט פון איהם. אויפ'ן דריטען טאָג קריג איך אַן ענטפער פונ'ם סופּעראינטענדענט, וואָס האָט זיך געלייענט אומגעפער אַזוי:

„איך בין שוין סופּעראינטענדענט פון דעם „פאַרם״ פאַר דער צייט פון 18 יאָהר, און דורך מיין גאַנצער צייט האָב איך בלויז איינמאָל געהאַט אַ באָי, וואָס

האט באזוכט א תלמוד תורה, אבער דער באי האט זיך אזוי פיין אויפגעפיהרט, אז איך האב אליין געמאכט אן אפיל פאר איהם מ׳זאל איהם באפרייען און צו ריקשיקען צו זיינע עלטערען. דער באי איז טאקע באפרייט געווארען. איך פרעג זיך אלעמאל נאך אויף איהם. היינט געהט ער אין קאלעדזש און שטודירט מע־דיצין און איז איינער פון די בעסטע סטודענטען אין קאלעדזש״.

איך האב דעם בריוו זאפארט אוועקגעשיקט צו מר. דייוויס, און גלייך האט ער מיר טעלעפאנירט איך זאל איהם קומען זעהן. ווען איך האב נאך באטראכטען זיין אפיס האט ער שוין געהאט דעם ערשטען טשעק פארטיג — פינף טויזענט דאלאר פאר תלמוד תורה. דאס זענען געווען זיינע ערשטע פינף טויזענט דאלאר פאר תלמוד תורה. ער האט אבער אויסגענומען א תנאי, אז מיר מוזען פאראייניגען אלע תלמוד תורה׳ס פונקט ווי מיר דארפען פאראייניגען די צדקה אנשטאלטען.

טאקע אין יענער צייט האב איך גערופען די פארשטעהער פון אלע תלמוד־תורה׳ס און פארגעלעגט פאר זיי דעם פלאן פון א פאראייניגונג. ווי א רעזול־טאט דערפון איז געשאפען געווארען די פאראייניגטע תלמודי תורה.

און מר. דייוויס האט זינט דעמאלט געגעבען די פינף טויזענט דאלאר יעהרליך און פארשפראכען פופציג טויזענט דאלאר צושטייער צו א בנין, ער איז אבער ליידער געשטארבען איידער דער בנין האט זיך אנגעהויבען בויען און אין זיין צוואה איז דאס ניט געווען דערמאנט. ווען דער קאמפיין פאר׳ן בנין האט זיך אנגעהויבען האבען מיר געשטעלט אויף זיין צוזאג — און דעריבער איז דאן אזוי שווער אנגעקומען צו בויען די תלמוד תורה, כאטש מיר האבען שוין דאן געהאט די בראנפמאן ברידער, וואס האבען אונז געגעבען 10 טויזענט דאלאר און גוטגעזאגט דעם מארטגיידזש פאר נאך 10 טויזענט דאלאר.

און וועגען מיין פאמפלעט בנוגע דער צדקה פעדעראציע, האט מיר מר. דייוויס געזאגט ביי מיין באזוך, אז ער האט דעם פאמפלעט איבערגעגעבען צו מר. מאקסוועל גאלדשטיין ע״ה און אז איך וועל הערען פון מר. גאלדשטיין אין די קומענדע עטליכע טעג. אזוי איז טאקע געווען: מיט עטליכע טעג שפעטער האב איך ערהאלטען א בריוו פון מר. גאלדשטיין, דאס ער האט איבערגעלייענט מיין מעמאראנדום וועגען א פאראייניגטער צדקה פעדעראציע, אז ער מיט מר. דייוויס זענען שטארק צופרידען פון מיינע ארגומענטען און אז זיי ווילען מיר העלפען דאס דורכצופיהרען. ער האט מיר געבעטען צו באשטימען א צייט ווען ער קען מיט מיר זיך אדורכריידען וועגען מעהר איינצעלהייטען און וועגען דער פראצע־דורע ווי אזוי עס זאל אדורכגעפיהרט ווערען.

איך האב איהם גלייך טעלעפאנירט און אין דעם זעלבען נאכמיטאג האבען מיר פארבראכט 2 שטונדען אין זיין אפיס און עס איז געבליבען, אז היות מיט א וואך שפעטער דארף פארקומען דער יעהרליכער מיטינג פון באראן דע הירש

זאָל מען ספּעציעל לאַדען די אָפיסערס פון די אַלע אינסטיטוציעס און דאָרט זאָל דורכגעפיהרט ווערען אַ רעזאָלוציע, אַז די פאַראייניגונג זאָל פאָרקומען.

אויף דעם מיטינג אין באָראָן דע הירש האָט מר. גאָלדשטיין אויסגעמאַכט די רעזאָלוציע, וואָס האָט זיך געלייענט: „פאָרגעשלאָגען דורך ה. וואָלאָפּסקי, אונ־טערשטיצט דורך מאַקסוועל גאָלדשטיין, אַז אַ פאַראייניגונג פון אַלע צדקה אַנ־שטאַלטען זאָל שטאַטפינדען אונטער דעם נאָמען „די פעדעראַציע פון אידישע צדקה אַנשטאַלטען". איך האָב פאָרגעשלאָגען ס'זאָל זיך לייענען; פאַרקערט: „פאָרגעשלאָגען דורך מאַקסוועל גאָלדשטיין און אונטערשטיצט פון ה. וואָלאָפּסקי". די רעזאָלוציע איז דאַן אריינגעבראַכט געוואָרען מיט אָט דער ענדערונג.

דאַן האָט זיך אויפגעשטעלט מר. דייוויס און פאַרלאַנגט איך זאָל געבען מעהר איינצעלהייטען וועגען דעם פּלאַן פון פאַראייניגונג. נאָכדעם ווי איך האָב עס געטאָן האָט מר. דייוויס פאָרגעשלאָגען, אַז די רעזאָלוציע זאָל אָנגענומען ווערען און אַז אַ קאָמיטע פון די אַלע אַנגעשטעלטע זאָל גלייך באַשטימט ווערען אויס־צואַרבייטען די איינצעלהייטען. אַזוי איז ביי יענעם מיטינג געלעגט געוואָרען דער פונדאַמענט פאַר דער פעדעראַציע און אין פאַרלויף פון עטליכע חדשים איז די פאַראייניגונג געוואָרען אַ פאַקט.

אונזער נאָהענטער קאָנטאַקט מיט מר. דייוויס'ן האָט אויך געווירקט צום גוטען אויף געוויסע געשעהענישען במשך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. גלייך ביים אויסברוך פון דער מלחמה האָט דער שרייבער גע'פועל'ט ביים דאַמאַלס־דיגען יוסטיץ־מיניסטער, דעם שוין דערמאָנטען דאָהערטי, אַז פינף אידען זאָלען באַשטימט ווערען אַלס ריכטער פון די עקזעמפּשאָן באָארדס. די נעמען זענען צום מיניסטער אָנגעגעבען געוואָרען דורך דעם שרייבער. מר. דייוויס האָט דעמאָלט גענומען אַ גרויסען אַנטייל אין דעם גרינדען פון אַ אידישען באַטאַליאָן. די גאַנצע פּראָפּאַגאַנדע־אַרבייט איז פינאַנסירט געוואָרען דורך איהם. מיר האָבען געהאַט מאַס־מיטינגען אויף וועלכע עס זיינען אַנוועזענד געווען מיניסטאָרען פון דער רעגירונג. פון דעם באַטאַליאָן איז געוואָרען אַ קאָמפּאַניע, ווייל דאָ האָט זיך גלייך געגרינדעט דער ארץ ישראל לעגיאָן און קאַנאַדע איז געווען דער הויפּט פונקט פאַר די אידישע סאָלדאַטען אויך פון די שטאַטען און די מעהרסטע אידען האָבען זיך דאַן אַנגעשלאָסען אין דעם ארץ ישראל לעגיאָן, וואָס האָט געדינט אונטער קאָלאָנעל פּאַטערסאָן און זשאַבאָטינסקי'ן.

און די מעהרסטע אידען האָבען זיך דאַן אַנגעשלאָסען אין דעם ארץ ישראל לעגיאָן וואָס האָט געדינט אונטער קאָלאָנעל פּאַטערסאָן און זשאַבאָטינסקי'ן.

מר. דייוויס האָט צו יענער צייט געקראָגען דעם טיטול „סיר", מיט וועלכען דער „קענעדער אַדלער" האָט אויך געהאַט אַ שייכות, ווייל דאָ איז אויסגענוצט געוואָרען דער קאָנטאַקט וואָס מיר האָבען געהאַט מיט דער רעגירונג אין שייכות מיט די פאַרשיידענע אידישע טעטיגקייטען לטובת דער מלחמה.

ווען עס האָט זיך געהאַלטען ביי שאַפען די „יוניאָן גאָווערנמענט'' אין פאַרלויף פון דער לעצטער מלחמה, האָט דאַן סיר מאַרטימער דייוויס פאַרלאַנגט מיר זאָלען ערוועהלען אַ „יוניאָן'' קאַנדידאַט פאַר קאַרטיע דיוויזיע. איך בין געווען דאַ־געגען, ווייל מר. דזשייקאָבס ע"ה איז געווען דער „מעמבער'' **פאַר דער דיוויזיע** און ער איז געווען אַ ליבעראַל. אַלס רעזולטאַט דערפון איז אַ שוואַרצע קאַץ אַדורכ־געלאָפען צווישען מיר און מר. דייוויס, איבערהויפט ווען דזשייקאָבס איז טאַקע ערוועהלט געוואָרען מיט אַ גרויסער מאַיאָריטעט, ניט אַכטענדיג די געגנערשאַפט פון סיר מאַרטימער. דער רוגז האָט ביי איהם אָנגעהאַלטען ביז ער האָט ער־האַלטען אַ קעיבעל פון לאָרד ראָטשילד, אַז ער זאָל דאָ שאַפען אַ פאָנד פאַר די ליידענדע אידען פון דער מלחמה. דעמאָלט האָב איך געקראָגען אַ פּערזענליכע איינלאַדונג פון סיר מאַרטימער צו קומען אין מאָנטעפיאָרע קלוב צו אַ דינער, וועלכען ער האָט געגעבען אַלס אָנפאַנג פאַר אַ קאַמפּיין פאַר די ליידענדע אידען אין אייראָפּאַ.

די מאָנטרעאַלער אידישע קהילה, ווי די מעהרסטע גרעסערע קהילות אויף דעם נאָרד־אַמעריקאַנישען קאָנטינענט, איז איינגעטיילט אין אַן „אַפּטאַון'' און אַ „דאַון־טאַון''. דער „אַפּ־טאַון'' באַשטייט פון די רייכע און פאַרמעגליכע אידען, בעת דער „דאַון־טאַון'' באַשטעהט פון מיטעלע און אָרימע אידען. די „אַפּ־טאַונער'' אידען האָבען זייער „מאָנטעפיאָרע קלוב'', וואָס איז זייער צווייטע היים אַזוי צו זאָגען. מיט יאָהרען צוריק האָבען דאַונטאַונער אידען זיך מתקנא געווען אין די אַפּטאַונער און געגרינדעט אַן אייגענעם קלוב. דער קלוב האָט זיך געפונען אין דעם הויז אויף עספּלענייד עוועניו, וואו עס געפינט זיך היינט די אידישע פאָלקס ביבליאָטעק. דער קלוב איז געווען זעהר רייך אויסגעשטאַט מיט אַ כשר'ער קיך און מיט מזוזות ביי די טירען. ניט יעדער איינער האָט דאָרטען געקענט ווערען אַ מיטגליד. מ'האָט דערצו געדאַרפט האָבען אַ באַזונדערע זכיה. דער קלוב האָט זיך גערופען „מיימאָנידעס קלוב'', דאָס הייסט אויף דעם נאָמען פון רמב"ם און זיינע מיטגלידער זענען געווען ניט נאָר פון די בעסטע אין דעם דאַון־טאַון, נאָר אפילו געוויסע מיטגלידער פון דעם מאָנטעפיאָרע קלוב האָבען אויך באַלאַנגט צום מיימאָנידעס קלוב. אַלע פּראָמינענטע געסט, וואָס זענען געקומען אין שטאָט, ווי דר. שמריהו לעווין, דר. חיים ווייצמאַן און אַנדערע, פלעגען „ענטערטעינט'' ווערען אין דעם קלוב.

און איידער סיר מאַרטימער דייוויס האָט געהאַט געמאַכט זיין „דינער'' לטובת די מלחמה קרבנות, האָבען מיר, די אידען פון דאַון טאַון, זיך מקדים געווען און געמאַכט אַ דינער אין מיימאָנידעס קלוב מיט'ן ציל צו ערמוטיגען סיר מאַרטימער'ן און ווייזען איהם, אַז מיר שטעהען גרייט אַ סך צו טאָן אין דער אַקציע. מיט עט־ליכע טעג פריהער איידער דער דינער אין מאָנטעפיאָרע קלוב איז פאָרגעקומען האָבען מיר געהאַט אַ דינער פאַר דאַון טאַונער אידען אין מיימאָנידעס קלוב און

געשאָפֿען די סומע פֿון 52 טויזענט דאָלאַר. ווען מיר זענען צו סיר מאָרטימער דייוויס געקומען מיט דער בשורה האָט ער זיך שטאַרק געפֿרעהט און דער רעזול־טאַט איז געווען, אַז די סומע איז דערפֿיהרט געוואָרען ביז 85 טויזענט און אין פֿאַרלויף פֿון יאָהר האָט מאָנטרעאָל געשאָפֿען פֿאַר דעם פֿאָנד 150 טויזענט דאָלאַר.

עס האָט זיך דאַן געגרינדעט אַ גרויסער קאָמיטעט, וואָס איז געווען צוזאַ־מענגעשטעלט פֿון דרייערליי פּאַרטייען עהנליך צו דעם צוזאַמענשטעל פֿון דער דאַמאָלס געגרינדעטער „דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע" אין די שטאַטען. דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פֿון דער „קענעדיען דזשואיש קאָמיטע", וואָס איז באַשטאַנען פֿון אָפּטאָונער אידען; די צענטראַל רעליף, וואָס איז באַשטאַנען פֿון באַלעבאַטישע און אָרטאָדאָקסישע אידען און די פֿיפּלס רעליף, וואָס איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פֿון ראַדיקאַלען און אַרבייטער.

אַלס פּרעזידענט פֿון דעם פֿאַראייניגטען קאָמיטעט איז דערוועהלט געוואָרען לייאָן קאָהען ע"ה און אַלס טרעזשורער — מר. דייוויד פֿרידמאַן. דער הויפּט אָפֿיס האָט זיך טאַקע געפֿונען אין די אָפֿיסעס פֿון פֿרידמאַן בראָס. דער טרעזשורער פֿון דער צענטראַל רעליף איז געווען מר. סלאָוועס. אין דער צענטראַל רעליף האָבען הרב כהן און דער שרייבער פֿון די שורות איינגעפֿיהרט ספּעציעלע „סערטיפֿיקאַ־טען" מיט סטעמפּס, וואָס האָבען דעם ערשטען יאָהר אריינגעבראַכט אַרום פֿופֿציג טויזענט דאָלאַר, איינשליסענדיג שוין די הכנסות פֿון שמחות. די פֿיפּלס רעליף האָט אויסגעטיילט פּושקעס אין די הייזער און איינגעזאַמעלט דאָס געלט וועכענט־ליך. די קענעדיען דזשואיש קאָמיטע האָט געזאַמעלט איהר בייטראַג דורך ספּע־ציעלע אַפּילס. די דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע האָט געאַרבייט אין האַרמאָניע מיט אונזער קאָמיטעט.

שפּעטער איז געקומען די ערשטע קאָנסטרוקטיווע אַקציע צו אַריבערברענגען אַ צאָל פֿון די מלחמה־קרבנות קיין קאַנאַדע, אָבער וועגען דעם האָב איך שוין גע־שריבען אין אַ פֿריהערדיגען קאַפּיטעל.

זיבעצענטער קאַפּיטעל

דאָס דרוקען דעם תלמוד אין מאָנטרעאל

אין צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אונז איינגעפאלען דער געדאַנק צו דרוקען דעם ש״ס צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון דער נייער וועלט. איך בין צוגעפאָרען קיין ניו יארק און אנגעפרעגט וויפיל ש״ס׳ן מען פארקויפט אין די שטאַטען אַ יאהר און האָב אויסגעפונען, אַז זינט דעם אויסברוך פון דער מלחמה האָבען שוין דאָרטען געפעלט אַרום 800 ש״ס׳ן און אַז ווען מען זאל אָפּ־דרוקען צוויי סעטס תלמוד קענען זיי פארקויפט ווערען אין צוויי יאהר צייט.

איך האָב זיך דאַן אַדורכגערעדט מיט די פיהרער פון דער אגודת הרבנים און זיי געפרעגט ערשטענס צי עס איז על פי דין מותר נאכצופאָטאָגראַפירען דעם ווילנער ש״ס, ווייל עס איז דאָך מסתמא פּריוואַט אייגענטום. צווייטענס, וואָס פאַר אַן אנטייל וואלטען די רבנים געוואָלט נעהמען אין אזא אונטערנעהמונג.

די רבנים האָבען דאַן גערופען אַ פאַרזאַמלונג פון דער עקזעקוטיווע פון זייער אגודה צוזאַמען מיט דער עקזעקוטיווע פון דער ישיבת רבי יצחק אלחנן און נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען איז באַשלאָסען געוואָרען אַ שותפות צווישען מיר מיט די הויפּט פיהרער פון דער אגודת הרבנים. דער אָפּמאַך איז געווען, אַז איך זאל דרוקען דעם ש״ס בשותפות מיט זיי. מ׳האָט אויסגערעכענט, אַז דער דרוק וועט באַטרעפען אַרום הונדערט מיט אַכציג טויזענט דאָלאַר פאַר 2,500 סעטס, וועלען זיי, די רבנים, פינאַנסירען אַ העלפט פון דער סומע וואָס זיי וועלען שאַפען פאַר דעם צוועק און איך זאל פינאַנסירען די צווייטע העלפט.

אויב די גרינדונג פון „קענעדער אדלער״ איז געווען אַ שווערע אויפגאַבע, וואָס קיינער האָט ניט געגלויבט, אַז מיר וועלען זי קענען דורכפיהרען, איז די אונטער־נעהמונג פון דרוקען דעם תלמוד געווען נאָך שווערער. ס׳איז געווען אַ דורכ־אויס ריזיקאַלישע אונטערנעהמונג. דאַצו האָב איך געוואוסט ווי שווער עס איז צו האַנדלען מיט רבנים וואָס ווערען פלוצלונג סוחרים . . .

דער סוף איז טאַקע געווען, אַז נאָכ׳ן אָפּדרוקען די ערשטע צוויי גמרות האָב איך געמוזט דעם שותפות אָפּברעכען. זיי האָבען זיך פאַרפליכטעט בלויז צו קויפען 500 ש״ס׳ן פאַר פופציג טויזענט דאָלאַר און זיי וועלען האָבען די פרי־ווילעגיע צו שאַפען מנדבים, וואָס זייערע נעמען וועלען זיין אָפּגעדרוקט אויף די פאָדערבלעטער און עס זאל הייסען, אַז די אויסגאַבען באַלאַנגען צו דער אגודת הרבנים. איך האָב געמוזט אויף דעם איינגעהן, ווייל איך האָב זיך גענויטיגט אין דעם געלט צו קענען אנגעהן מיט׳ן ווייטערען דרוק און זיך ראַטעווען פון באַנקראָט.

מיט שווערער מיה און מיט גוואַלדיגער קאָפּ־דרעהעניש האָב איך אָפּגעדרוקט דעם ש״ס און ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען דער פאַרקויף האָב איך גערעכענט צו פאַרדינען אַ היבשע סומע. אָבער ווען איך בין פאַרטיג געוואָרען מיט׳ן דרוקען האָט די מלחמה זיך אָפּגעשטעלט און מ׳האָט שוין ווידער געקענט ברענגען ש״ס׳ן פון פוילען. מ׳האָט דעמאָלט געקענט קויפען אַ ש״ס פאַר אַ מיליאָן מאַרק, וואָס האָט געמיינט עטליכע דאָלאַר לויט אונזער געלט אין יענער צייט.

אָבער די שווערע אונטערנעהמונג איז פונדעסטוועגען דורכגעפיהרט געוואָרען בשלום. כאָטש מיר האָבען פאַרלוירען עטליכע טויזענטער ביי דעם מסחר האָב איך עס פונדעסטוועגען קיין מאָל ניט באַדויערט.

ביים יעהרליכען מיטינג אין שער השמים שוהל האָט לייאָן קאָהען דערמאָנט די ערשיינונג פון דעם תלמוד אַלס וויכטיגסטע געשעהעניש פון יענעם יאָהר אין דעם לעבען פון די אידען אין קאַנאַדע. ער האָט אויך געלויבט דעם פאַקט, וואָס קאַנאַדע האָט איצט דעם כבוד צו פאַרשפּרייטען דעם תלמוד איבער דער גאַנצער אידישער וועלט אַלס „מאָנטרעאַלער ש״ס״.

ווען איך האָב קירצליך נאָך דער מלחמה געמאַכט מיין רייזע איבער אייראָפּאַ און ארץ ישראל בין איך אומעטום באַגריסט געוואָרען אַלס דער אַרויסגעבער פון דעם קאַנאַדער ש״ס. עס איז געווען טאַקע ווי איך האָב אַמאָל זיך שוין אויס־געדריקט, ווי איינער וואָס לאָזט זיך געהן איבער אַ טייך ניט וויסענדיג ווי טיף דאָס וואַסער איז. וואָלט ער געוואוסט וואָלט ער זיך ניט געלאָזט געהן, אָבער ער האָט ניט געוואוסט, איז ער געקראָכען, שיער דערטרונקען געוואָרען און איז דאָך ניצול געוואָרען. אַט פונקט אַזוי האָב איך געפיהלט נאָך דעם ווי איך בין דורכגעקראָכען די זעהר ריזיקאַלישע אונטערנעהמונג. ווען איך האָב זיך צו דעם גענומען האָב איך ניט געוואוסט וואָס עס שטעהט מיר פאַר מיט די רבנים און מיט׳ן פינאַנסירען אַזאַ ריזיגע סומע געלט, אָבער איך האָב זיך געמאַטערט מיט אַלע כוחות און בין דאָך אַדורכגעקראָכען מעהר־וועניגער בשלום. איך בין געווען דער פּיגפּטער אין דער אידישער געשיכטע אַרויסצוגעבען דעם תלמוד. מ׳האָט אין פילע לענדער דאָס פּרובירט: אין ענגלאַנד און אפילו אין אַמעריקע און קיינעם פון זיי איז דאָס ניט געלונגען און דוקא מיר האָט זיך דאָך די זאַך איינגעגעבען, אמת, מיט זעהר גרויסער מיה. קיין פּראָפיט איז דערביי ניט געווען. פאַרקערט, עס איז געווען אַ פאַרלוסט, אָבער עס איז ווערט געווען די מיה, ווייל אונזער פירמע האָט דורך דעם באַקומען אַ סך פּרעסטיזש. מיר האָבען באַוויזען צו פינאַנסירען אַזאַ ריזיגע אונטערנעהמונג מעהרסטענס מיט פרעמדע געלט און קיינער האָט דערביי גאָרניט פאַרלוירען אויסער דער אַרויסגעבער אַליין.

דאָס איז, גלויב איך, אַ זעהר חשוב קאַפּיטעל פון קאַנאַדער אידישער געשיכטע.

אכצענטער קאפיטעל

פארשיידענע פארצייכנונגען

די אידען אין מאנטרעאל, ווי אין דער גאנצער פראווינץ קוויבעק, קומט אויס צו לעבען צווישען א באפעלקערונג, וואס איז פרום־קאטויליש און האט א היבש־לאך־מיטעלאלטערליכע באציהונג צו אידען. איך וויל דא איבערגעבען אן אינ־צידענט, וואס איז, גלויב איך, זעהר כאראקטעריסטיש:

אין 1910 איז א איד מיט׳ן נאמען ערנעסטא נאטאן אויסגעקליבען געווארען אלס מעיאר פון רוים, און ווען די נייעס איז באקאנט געווארען אין מאנטרעאל, האט עס ניט געשמעקט געוויסע קאטוילישע קלעריקאלען אין אונזער שטאט. נאך אן אגיטאציע צווישען די אלדערמען, איז אריינגעטראגען געווארען אין היגען שטאט־ראט א פראטעסט רעזאלוציע געגען ערוועהלען א אידען אלס מעיאר אין א שטאט וואו דער הייליגער פאבסט געפינט זיך אין שכנות. זיי, די מיטגלידער פון מאנטרעאלער שטאט־פארוואלטונג, האבען עס געפונען פאר א גוואלדיגען פחיתת הכבוד ניט נאר פאר׳ן פאבסט, נאר פאר אלע קאטוליקען. דער פראטעסט איז איינשטימיג אנגענומען געווארען און א קאפיע איז אפגעשיקט געווארען קיין רוים צום שטאט־ראט, וואו נאטאן איז שוין געווען דער מעיאר.

דעם 9־טען נאוועמבער 1910 איז אנגעקומען צום סיטי האל אין מאנטרעאל אן ענטפער פון דעם אידישען מעיאר פון רוים, וואס האט זיך געלייענט ווי פאלגט:

„צום מעיאר און אלדערמען פון דער שטאט מאנטרעאל. דער ערצ־בישאפ און אנדערע קלעריקאלען פון אייער קאטוילישער קירכע האבען מיך פארדאמט און באשולדיגט אין גאטס־לעסטערונג און דאס האט געבראכט אייער פראטעסט. איך וויל דאריבער אייך שיקען א קאפיע פון מיין רעדע, וואס איך האב געהאלטען.

„אין מיין רעדע האב איך בלויז באהאנדעלט דעם געדאנק וועגען א פאר־ליטישער ארגאניזאציע, וואס העצט צו מלחמה אין מיין לאנד און זוכט צו פארניכטען די אייניגקייט פונ׳ם איטאליענישען פאלק. מענשען וואס פאר־נעהמען געזעלשאפטליכע אמטען האבען א רעכט צו קריטיקירען פיינדליכע באציהונגען און צו באווייזען ווי אנדערש עס איז געווען די פריהערדיגע הערשאפט פון פאבסט ביז דער איצטיגער שטאט רעגירונג. אט דאס איז אלעס וואס איך האב געזאגט וועגען דער פראגע אין מיין רעדע וואו איך

האָב דערמאָנט דאָס וואָרט פּאָבסט. ביילינענד האָט איהר אַ גענויע קאָפּיע פון דער גאַנצער רעדע.

„אייער ערגעבענסטער, ערנעסטאָ נאַטאַן,

„מעיאָר פון רוים״.

דער בריוו איז פאַרגעלייענט געוואָרען אין סיטי האָל, אָבער די גאַנצע קאָפּיע פון דער רעדע וואָס מעיאָר נאַטאַן האָט צוגעשיקט איז ניט פאַרגעלייענט געוואָרען און קיין ציימונג האָט עס ניט איבערגעדרוקט. ווי עס האָט זיך אָבער דאַן אַרויסגעוויזען זענען די קלעריקאַלען נאָך אַלץ געווען ברוגז, כאָטש אַן ענגלישע ציימונג האָט דאַן אין אַ קליינעם נאָטיץ באַמערקט, אַז אונזערע אַלדערמען דאַרפען בעסער אַכטונג געבען אויף די אינטערעסען פון אונזער שטאָט אַנשטאָט זיך מישען אין די אינטערעסען פון רוים. דערמיט האָט זיך דער אינצידענט געשלאָסען.

דאָס איז אָבער נאָר איינער פון אַזעלכע אינצידענטען. ווי שוין געזאָגט אין אַ פריהערדיגען קאַפּיטעל, האָבען מיר שוין אין דער פּראָווינץ אפילו אַמאָל געהאַט אַ „תלמוד פּראָצעס״, וואָס האָט דערמאָנט אין מיטעלאַלטער און פאַר־שיידענע אַנדערע מאַניפעסטאַציעס פון דעם סאָרט, אָבער מען מוז זאָגען, אַז דוקא די קאַטוילישע קוויבעק האָט אַרויסגעגעבען אַ פּאָר אמת ליבעראַלע שטאַטס־לייט, וואָס האָבען געהאַט די פיינסטע באַציהונג צו אידען. דער וויכטיגסטער פון זיי איז געווען סיר ווילפריד לאָריע, דער גרויסער ליבעראַלער פּרעמיער פון קאַנאַדע.

לאָריער איז געווען פּרעמיער ביז׳ן יאָהר 1911 און אין יענע וואַהלען איז ער דורכגעוואָרפען געוואָרען איבער דער פראַגע פון „רעסיפּראָסיטי״ — אַ פּאָליסי פון פריען האַנדעל מיט די פאַראייניגטע שטאַטען, וואָס די לאָריע־רעגירונג איז פאַר איהר געשטאַנען שטאַל און אייזען. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז דעמאָלט האָבען אַנטקעגען דעם גרעסטען שטאַטסמאַן וואָס די פראַנצויזישע קאַנאַדער האָבען אַרויסגעגעבען, זיך פאַראייניגט אַלע קלעריקאַלע און רעאַקציאָנערע עלעמענטען פון דער פראַנצויזישער קאַנאַדע. דער אויסרייד איז געווען, אַז „רעסיפּראָסיטי״ וועט מוזען פיהרען צו דעם, אַז קאַנאַדע זאָל אַנעקסירט ווערען פון די שטאַטען און דעמאָלט וועלען די קאַנאַדער פראַנצויזען פאַרלירען זייער נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע, זייער שפּראַך און אפילו זייער רעליגיע . . . די דאָזיגע שרעק האָט דעמאָלט צוזאַמענגעבראַכט אַ מאָדנעם שדוך: די נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטען פון קוויבעק, וואָס זענען גוואַלדיג אַנטי־אימפּעריאַליסטיש, האָבען געפונען פאַר נויטיג זיך צו פאַראייניגען מיט דער פּאַרטיי פון די אולטראַ־אימפּעריאַליסטישע טאָריס (קאָנסערוואַטיווען) קעגען זייער אייגענעם לאָריע. דער הויפּט אַנפיהרער פון די קוויבעקער נאַציאָנאַליסטען איז געווען אָנרי בוראַסאַ — צו יענער צייט אַ ביטערער אַנטיסעמיט.

אין יענע שטורמדיגע וואַלען פון 1911 איז דער „קענעדער אדלער״ געשטאַ־

נען מיט לאריע׳ן. איך געדענק נאך קלאר, און געוויס געדענקען עס אויך פיל פון די עלטערע תושבים, אז עטליכע טעג פאר די וואלען איז סיר ווילפריד לאריע צוגעפארען צו דער „קענעדער אדלער״ רעדאקציע, וואס האט זיך דעמאלט געפונען אין איגל בילדינג, מעין לעבען אנטריא, און געהאלטען א רעדע אין פראנט פון דער רעדאקציע, ספעציעל פאר די אידישע וועהלער.

אין דער זעלבער צייט האט סיר ראבערט בארדען אפגעהאלטען א מאס־מיטינג אין מאנומענט נאשיאנאל טעאטער, אויך אין אידישען דיסטריקט און געהאט טענות צום „קענעדער אדלער״ הלמאי די צייטונג האט געשריבען, אז בוראסא׳ס אן אנטיסעמיטישע רעדע אין פארלאמענט איז געווען געשטיצט פון איהם. ס׳איז אמת, אז בוראסא׳ס נאציאנאליסטישע פארטיי איז דאמאלט געשטאנען פאראיי־ניגט מיט די קאנסערוואטיווע געגען רעסיפראסיטי און במילא קעגען דעם לאריע רעזשים, אבער מיט בוראסא׳ס אנטיסעמיטיזם האבען די קאנסערוואטיווע קיין שום שייכות ניט געהאט, האט פארזיכערט מר. בארדען. ער האט אפילו ביים מיטינג זיך אויסגעדריקט, אז נאך די וואהלען וועט ער פארקלאגען געריכטליך יענע צייטונגען, וואס מאכען אויף איהם אזא בלבול.

די „רעסיפראסיטי״־פראגע האט דאן פארלוירען און די קאנסערוואטיווע פארטיי איז אריין אין דער מאכט. קיין געריכטליכע שריט האט סיר ראבערט בארדען קיינמאל ניט גענומען געגען דער צייטונג. נאר אדרבא, ער האט זיך ארויסגעוויזען צו זיין זעהר פריינדליך צו אידען און אפילו צו דער צייטונג.

דער אפקלאנג פון דעם ביילים פראצעס אין מאנטרעאל

איך געה דא ניט דערצעהלען די געשיכטע פון ביילים פראצעס. וואס איך וויל דא יא דערצעהלען איז אן אינצידענט אין מאנטרעאל, וואס האט זיך ענט־וויקעלט אלס רעזולטאט פון דעם היסטארישען פראצעס.

דאס איז געווען אין אקטאבער 1913, דעם טאג וואס מ׳האט ערווארטעט, אז די דזשורי זאל ארויסברענגען איהר אורטייל: שולדיג אדער ניט שולדיג.

דעם טאג האט זיך א גרויסער עולם פארזאמעלט אין פראנט פון „קענעדער אדלער״ ווארטענדיג אויף די נייעס. דער „קענעדער אדלער״ האט זיך דאן געפונען אין איגל בילדינג. דער אריינגאנג האט געפיהרט פון איין זייט צו דער צייטונג, און קעגענאיבער צו א ברענטש פון דער באנק און טאראנטא. ווען מיר האבען געקראגען די טעלעגראמע „ביילים פריי״ און ארויסגעשטעלט א בולעטין, איז געווארען א גרויסער שמחה צווישען עולם. מ׳האט זיך געקושט, מ׳האט געפאטשט בראוואָ, און אלע האבען זיך געשטופט אריינצוקומען אין דער רעדאקציע.

דער מענעדזשער פון דער באנק האט ניט געוואוסט וואס דא טוט זיך, פרעגט ער א אידען: „וואס איז דא די שמחה״? דערצעהלט איהם דער איד, אז א איד מיט׳ן נאמען ביילים איז געווען אנגעקלאגט אין א בלוט־בלבול, וואס ווען ער זאל

געפונען ווערען שולדיג, וואָלט עס באַשטעטיגט, אַז אידען נוצען קריסטליך בלוט פאַר רעליגיעזע צוועקען.

דער מענעדזשער, אַ גראָבער קערל, האָט דאַן געגעבען אַ פרעג: „הייסט עס, אַז אידען נוצען ניט קיין קריסטליך בלוט? אַבי איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז אין דער אידישער רעליגיע".

אַט דאָס האָבען דערהערט עטליכע אידען און גלייך איז פאַרשפּרייט געוואָרען דער קלאַנג איבער דער שטאָט. אויף מאָרגען פריה קומט צו מיר אַריין דער מענעדזשער בלייך ווי קאַלך און זאָגט מיר: „איך בעט אייך, וואָס איז דער מעהר, וואָס דער זעקסטער אידישער דעפּאָזיטאָר האָט שוין היינט אַרויסגענומען זיין אַקאַונט פון אונזער באַנק און עס שטעהען שוין אַנדערע און וואַרטען פאַר דעם זעלבען? איך האָב, זאָגט ער, געפרעגט איין דעפּאָזיטאָר וואָס די אורזאַכע איז, האָט ער מיר געענטפערט, אַז דאָס איז, ווייל איך בין אַן אַנטיסעמיט און האָב געזאָגט, אַז אידען געברויכען בלוט פאַר רעליגיעזע צוועקען".

פרעג איך איהם: „האָט איהר דאָס טאַקע געזאָגט?"

„יאָ, זאָגט ער, ווייל איך האָב דאָס געהערט און האָב באמת געגלויבט אין דעם, אָבער ווען איהר זאָגט מיר, אַז דאָס איז ניט אמת, גלויב איך, אַז מסתמא איז עס ניט אמת. אָבער די מענשען וועלען דאָך מיך מאַכען פאַרלירען מיין דזשאָב, אויב מ'וועט עס אויסגעפינען אין הויפּט אָפּיס".

איך האָב איהם געגעבען צו פאַרשטעהן וויפיל מיר האָבען שוין געליטען צוליב דעם ליגען. איך בין אַריין צו איהם אין באַנק און איינגעשטילט די אידען, און געזאָגט, אַז דער קריסט האָט פּשוט ניט געוואוסט און ניט געטראַכט דעריבער. עס האָט געדויערט עטליכע טעג ביז דער שטורם איז איינגעשטילט געוואָרען.

ראובן בריינין אין מאָנטרעאָל

דער „קענעדער אדלער" האָט פאַרשאַפט כבוד די מאָנטרעאָלער אידען מיט ברענגען אַהער דעם העבראַאישען שרייבער ראובן בריינין, וועלכער איז אין 1912 געוואָרען רעדאַקטאָר פון דער צייטונג פאַר וועלכע 3 יאָהר און געהאָלפען בויען דאָס היגע אידישע געמיינדע לעבען. ער האָט אַריינגעבראַכט אין דער צייטונג אַ פיינעם ליטעראַרישען טאָן און עס איז בכלל פאָרגעקומען אַ קולטורעלע אויפ־לעבונג אויף דער אידישער גאַס אַ דאַנק זיין ווירקונג. געגנוג צו דערמאָנען, אַז ער איז געווען דער פאַקטישער גרינדער פון דער אידישער פאָלקס ביבליאָטעק, וואָס האָט איצט אַ נאָמען אין דער גאַנצער אידישער וועלט.

געוויסע ערנסטע מיינונגס פאַרשיידענהייטען צווישען ראובן בריינין און די אַרויסגעבער פון דער צייטונג וועגען דער פראַגע פון דער צייטונג'ס פּאָליסי זענען געקומען מיט'ן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און מיט די נייע גרויסע פאַראַנטוואָרטליכקייטען וואָס זיינען געשטאַנען פאַר די קאַנאַדער אידען. עס

האבען זיך אויך אַנטוויקעלט אַנדערע צוויסטיגקייטען און לסוף האט ברייניז פאַר־לאָזען די צייטונג און געשאַפען אַ טאָג־צייטונג פאַר זיך מיט׳ן נאָמען „דער וועג״, וואס האט עקזיסטירט בלויז 9 חדשים. נאָכדעם איז ער אַוועק קיין ניו יאָרק, אָבער די משפחה ברייניז איז געבליבען צוגעבונדען צו אונזער שטאָט. אויך ער פלעגט פון צייט צו צייט אַהער קומען פאַרברענגען זיינע וואַקאַציעס און ווען ער איז גע־שטאָרבען אין ניו יאָרק, איז זיין קערפּער, לויט זיין צוואה, אַריבערגעבראַכט גע־וואָרען אַהער, וואו ער איז געבראַכט געוואָרען צו אייביגער רוה און האט געהאט איינע פון די גרעסטע לויות וואס מ׳האט דאָ ווען־עס־איז געזעהן. ער איז באַ־ערדיגט געוואָרען נעבען זיין פרוי און פריהצייטיג פאַרשטאָרבענער טאָכטער, מרים ברייניז־אָרטענבערג, אויף דער שער השמים סעמעטערי.

ברייניז׳ס גאַנצער אַרכיוו איז געבראַכט געוואָרען קיין מאָנטרעאָל און ווערט איצט מיט גרויס כבוד אָפּגעהיט אין דער אידישער פאָלקס ביבליאָטעק.

די אידישע פאָלקס ביבליאָטעק

אין 1913 האט ראובן ברייניז ע״ה, זייענדיג דאַמאָלט דער רעדאַקטאָר פון „קענעדער אדלער״, געגרינדעט די ביבליאָטעק אונטער׳ן נאָמען „אידישע פאָלקס ביבליאָטעק און פאָלק׳ס אוניווערזיטעט״. דער נאָמען איז דאָן אפילו געווען צו קלינגענד, אָבער היינט צו טאָג האט דער נאָמען „פאָלקס אוניווערזיטעט״ שוין אַ שטיקעל באַרעכטיגונג. זייט דער באַקאַנטער דיכטער און זשורנאַליסט מלך ראַוויטש האט איינגעפיהרט די לעקציעס יעדען אָוונט איבער פאַרשידענע אידישע געגענשטאַנדען און אַנגעשטעלט געלעהרטע, יעדערער אין זיין פאַך, צו האַלטען די לעקציעס. די ביבליאָטעק האט זיך אויך היבשלאַך אַנטוויקעלט מיט אַ גרויסען אויסוואַהל פון ביכער אין פאַרשידענע שפּראַכען. עד היום געדענקט די ביבליאָטעק דעם נאָמען פון איהר באַריהמטען גרינדער, ראובן ברייניז און שעצט זיין אָנדענק מיט גרויסען רעספּעקט.

ביי דער גרינדונג האט די ביבליאָטעק זיך געפונען אין מיין סטריט, צווישען סט. קעטהרין און דעמאַנטיני, אָבער מיט 2 יאָהר שפּעטער איז דער לאָקאַל שוין ניט געווען פּאַסיג און ניט גרויס גענוג און דער קאָמיטעט האט געזוכט צו קויפען אַן אייגען הויז אין אַ בעסערען געגענד. שפּעטער איז די ביבליאָטעק איבערגעפירט געוואָרען אויף סט. אורביין לעבען קאַטבערט און שפּעטער אויף סט. אורביין צווישען דולוטה און רייטשעל. אין 1929 האָב איך דעם קאָמיטעט געהאָלפען קריגען דעם איצטיגען בנין, וואו עס איז פריהער געווען דער „מיימאָנידעס״ קלוב.

פאַר דעם האט מען מיר געגעבען דעם כבוד צו עפענען דעם בילדינג ביי דער אָפיציעלער ערעפענונג. ביי היינטיגען טאָג איז די אינסטיטוציע אַזוי ווייט געוואַקסען, אַז דער איצטיגער בנין איז שוין אויך ניט גענוג גרויס פאַר די אַלע טעטיגקייטען וואס דער אינסטיטוט נעהמט אונטער.

אידישע רעקרוטינג אין דער ערשטער וועלט-מלחמה

דעם 6־טען יוני 1916 איז אין באראָן דע הירש אינסטיטוט פאַרגעקומען דער ערשטער מיטינג וועגען שאַפען וואס מעהר אידישע רעקרוטען פאַר דער אַרמיי. מר. לואיס לואיס, דאַמאַלסדיגער פּרעזידענט פון באראָן דע הירש, איז געווען פאָרזיצער. עס איז אַרויפגעשוואומען די פראַגע וועגען שאַפען אַ אידישע קאָמ־פּאַני אין 206־טען באַטאַליאָן.

רעדנער ביים מיטינג זענען געווען לייאָן קאָהען ע״ה, וועמעס זוהן האַרעיס איז דאַן שוין געווען אַן אָפיצער. עס האָבען אויך גערעדט קעפּטען פרידמאַן, פּיטער בערקאָוויטש, אַלדערמאַן בלומענטאַל און בערנאַרד ראָוז. אַ היבשע צאָל יונגעלייט האָבען זיך צומארגענס אַנגעשלאָסען אין רעקרוטינג אָפיס אויף סט. דזשוסטין און סט. קעטרין סט. און אין אַ קורצער צייט ארום זיינען די רעקרוטען אָפּגעשיקט געוואָרען צו אַ שטעטעל ניט ווייט פון קוויבעק. לייאָן קאָהען, ס. וו. דזשייקאָבס און דער שרייבער פון די שורות זענען צו זיי אַרויסגעקומען מיט אַ באַזוך און געהאַלטען פאַר זיי רעדעס.

די „אידישע קאָמפּאַני״ איז שפּעטער צוזאַמענגעגאָסען געוואָרען מיט אַן אַנדער קאָמפּאַני צוליב דעם, וואס די אידען האָבען זיך דאַן מעהרסטענס אַנגע־שלאָסען אַן די „ראָיאַל פיוזיליעירס״, וואס איז געווען אַ ספּעציעלער באַטאַליאָן פאַר ארץ ישראל.

אַ צווייטער מיטינג וועגען דעם ענין איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין מאָנט־רעאַל און פאָרזיצענדער איז געווען סער מאָרטימער ב דייוויס, דער דאַמאַלסדיגער יוסטיץ מיניסטער, מר. דאָהערטי, האָט אַדרעסירט דעם מיטינג און ער איז פּרע־זענטירט געוואָרען מיט אַ גאָלדען זייגערל אויף וועלכען עס איז געווען אויסגעקריצט אַ מגן דוד. נאָכדעם ווי מיין זוהן פיליפ האָט זיך אַנגעשלאָסען אין אידישען לעגיאָן, האָב איך ערהאַלטען אַ בריוו פון מר. דאָהערטי, אין וועלכען ער האָט מיר געדאַנקט פאַר דער מתנה און ערקלערט, אַז ער טראָגט דאָס זייגערל כסדר מיט זיך, ווייל דער מגן דוד איז איהם זעהר ליב און עס איז איהם אויך אַנגענעהם צו טראַכטען פון די מענשען, וואס האָבען איהם די מתנה געגעבען.

דער ערשטער אידישער פּאַרטרעטער אין לעדזשיסלייטשור

דעם 23־טען מאַי 1916 ווערט פּיטער בערקאָוויטש ערוועהלט צום ערשטען מאָל אַלס אידישער פאַרטרעטער פאַר סט. לואיס דיוויזיע אין קוויבעקער לעדזשיס־לייטשור. זיינע „פּאַטריאָטען״ האָבען איהם געטראָגען אויף די הענט ביז צו דער רעדאַקציע פון „קענעדער אַדלער״. בערקאָוויטש האָט דאָרטען געהאַלטען אַ רעדע פאַר דעם גרויסען עולם וואס איז געשטאַנען אין דרויסען. ער האָט געלויבט דעם „קענעדער אַדלער״ און דערקלערט, אַז די צייטונג האָט ביי איהם ניט גענומען קיין איין סענט פאַר דער גאַנצער אַרבייט, איינשליסענדיג אַפילו די דרוקעריי אַרבייט פאַר׳ן קאַמפּיין.

מר. בערקאָוויטש׳עס זיג איז דאַמאַלט געווען אַזוי גרויס, אַז זיין געגנ־קאַנדידאַט, מר. פּידזשאָן, האָט פאַרלוירען דעם דעפּאָזיט און האָט נאָכדעם אין זיין בלעטעל „לע בולעטען״ געריצט די נאַציאָנאַלע געפיהלען פון די פראַנצויזען און זיי געטאַדעלט פאַרוואָס זיי האָבען ניט איבערגעשטימט די אידישע וואָוטס.

אַן אינצידענט ביי דערעפענונג פון נייער שוהל

אין יענער צייט פלעגט אויסברעכען אַ „קלאַסען קאַמף״ אויף דער אידישער גאַס, וואָס פלעגט אויף אַ שטיקעל צייט דראָהען די אייניגקייט אינ׳ם אידישען געמיינדע לעבען. איינער אַזאַ אינצידענט געפינט זיך פאַרצייכענט אין אַ באַריכט וואָס איז געווען געדרוקט אין דער צייטונג דעם 15־טען יאַנואַר, 1917:

„נעכטען איז פאָרגעקומען דער חנוכת הבית פון דער ערשטער גרויסער שוהל אַפּטאַון, די עדת ישורון, קאָרנער סט. אורביין און מאַונט ראָיאַל עוו. חזן פלאַטקין מיט י. ראַזמאַרין פיהרען דורך דעם געזאַנגס־פּראָגראַם, רבי כהן אַדרעסירט אין אידיש, ראַביי אַבראַמאָוויטש אין ענגליש, פּרעזידענט פון שוהל, מר. פּראַמסאַן, שטעלט פאָר מר. לייאָן קאָהען און באַמערקט וויפיל ענערגיע און הילף מר. קאָהען האָט געלייסטעט פאַר דעם אויפבוי פון דער שוהל.

„אָבער מר. קאָהען קען ניט האַלטען זיין רעדע צוליב די אַנוועזענדע סטרייקער, וועלכע קענען ניט איינגעשטילט ווערען (עס איז דאַמאַלט אָנגעגאַנגען אַ סטרייק אין דער שניידער טרעיד, און אַזוי ווי לייאָן קאָהען איז געווען דער טשערמאַן פון דער מאַנופעקטשורער׳ס אַסס׳ן, איז דאַריבער דער גאַנצער כעס פון די אַרבייטער אויסגעלאָזט געוואָרען צו איהם ווען זיי האָבען אָנגעפילט די שוהל צום חנוכת הבית. — ה. וו.)

„מר. וואָלאָפסקי איז דאַן אויפגעפאָדערט געוואָרען צו באַרוהיגען די סטרייקער נאָכדעם ווי זיי, די סטרייקער, האָבען קיינעם ניט געלאָזט ריידען צו זיי. מר. ה. וואָלאָפסקי, וועלכער איז געשטאַנען הונדערט פּראָצענט מיט די סטרייקער, האָט ביים ארויפגעהן אויף דער בימה גלייך געשאַפען אַ שטיל־קייט. ער האָט דאַן געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז עס פּאַסט ניט פאַר אָרענט־ליכע אידישע אַרבייטער דאָס זיי זאָלען שטערען די רעליגיעזע צערעמאָניע און זיי געבעטען גלייך צו פאַרלאָזען די שוהל. די סטרייקער האָבען געפאָלגט און רוהיג ארויסמאַרשירט, בעת די צערעמאָניע איז פאָרטגעזעצט געוואָרען אָהן שטערונגען״.

דער סטרייק איז דאַן געוואונען געוואָרען טאַקע מיט דער אריינמישונג פון דעם שרייבער פון די שורות.

צו דער געשיכטע פון דער רעליף־אַקציע

ווי אַזוי עס זענען צוגעגאַנגען די געלט־זאַמלונגען פאַר די מלחמה־קרבנות אין דער ערשטער וועלט־מלחמה ווערט געשילדערט דורך אַ באַריכט, וואָס איז געווען געדרוקט אין ,,קענעדער אדלער'' דעם 23־טען דעצעמבער 1916. דאָרטען לייענען מיר, אַז די ,,סענטראַל רעליף קאָמיטע'' האָט פּאַררופען אַ מאַס־מיטינג אין מאָנומענט נאַשיאָנאַל טעאַטער וועגען הילף פאַר די מלחמה קרבנות. דער באַ־וואוסטער מטיף רעוו. צבי מאַסליאַנסקי איז געווען דער הויפּט־רעדנער. פאָר־זיצער איז געווען נ. סלאָוועס, טרעזשורער פון דער סענטראַל רעליף. עס האָבען אויך גערעדט הרב צבי הכהן, ראַביי אַבּראַמאָוויטש, ס. וו. דזשייקאָבס, לייאָן קאָהען אַלס טשערמאַן פון די פּאַראייניגטע רעליף קאָמיטעטען, לואי פיטש און ה. וואָלאָפּ־סקי. דער לעצטער האָט ערקלערט די סיבות וואָס האָבען געבראַכט צו דער עקזיס־טענץ פון דער סענטראַל רעליף קאָמיטע. ער האָט אויך געגעבען אַ צייטליכע ערקלערונג וועגען די סערטיפיקאַטען מיט די סטעמפּס, וואָס זענען איינגעפיהרט געוואָרען צו שאַפען גרויסע סומען געלט פון קליינע דאָנאַציעס. וואָלונטירן האָבען זיך גלייך אָפּגערופען צו פאַרקויפען סטעמפּס.

עס האָט זיך דאָן כמעט ניט געפונען אַ אידיש הויז וואו אַזאַ סערטיפיקאַט איז ניט געהאַנגען אויפ'ן וואַנט.

מיט אַ מאָנאַט שפּעטער איז געקעיבעלט געוואָרען הונדערט טויזענט דאָלאַר צו לאָרד ראָטשילד קיין לאָנדאָן, וועלכער איז געווען דער טרעזשורער פאַר'ן אידי־שען רעליף, און יעדען מאָנאַט איז געקייבעלט געוואָרען אַרום צעהן טויזענט דאָלאַר.

לאָרד באַלפור אין מאָנטרעאל

מאַי דעם 30־טען 1917 איז קיין מאָנטרעאַל אָנגעקומען לאָרד באַלפור, דער באַשאַפער פון דער באַרימטער באַלפור־דעקלאַראַציע. מיט איהם איז אויך געקו־מען סעסיל ספּרינג, דער ענגלישער אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן.

דער דאַמאַלסדיגער מעיאָר, מעדעריק מאַרטען, האָט דעם טאָג פּראָקלאַמירט אַ ספּעציעלען יום טוב און אַ לאַנטשעאָן איז לכבוד באַלפור'ן געגעבען געוואָרען אין קענעדיען קלוב און מעקגיל האָט איהם באַעהרט מיט'ן עהרען טיטול פון ל.ל.ד.

קלאַרענס דע סאָלאַ, דער דאַמאַלסדיגער פּרעזידענט פון דער קאַנאַדער ציו־ניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָט געהאַט אַן אינטערוויו מיט איהם און איז צוריק־געקומען זעהר צופרידען, און כאָטש עס האָט נאָך געזאָלט זיין אַ סוד, האָב איך אָבער פון מר. דע סאָלא דעם סוד אויסגעפונען, אַז באַלפור גרייט צו זיין דעקלאַ־ראַציע וועגען שאַפען אַ היימלאַנד פאַר אידען אין ארץ ישראל אונטער דער פּראָ־טעקציע פון ענגלאַנד און גוטגעהייסען פון די אַלעאירטע פעלקער. לאָרד באַלפור האָט די נייעס געבראַכט קיין קאַנאַדע און קיינעם ניט געזאָגט וועגען דעם אין די שטאַטען, ווייל, ווי ער האָט ערקלערט צו מר. דע סאָלאַ, האָט ער אַזאַ וויכטיגען סוד געקענט אויפדעקען נאָר צו די אידען, וואָס זענען אונטער דער בריטישער פאָן.

אַפּקלאַנג אין פּאַרלאַמענט װעגען פּאָגראָמען אין פּױלען

קירצליך נאָך דער ערשטער װעלט־מלחמה האָבען זיך אָנגעהױבען נײע אידישע צרות אין ,,באַפרײטען" פּױלען. דאָס האָט געקראָגען אַן אָפּקלאַנג אין קאַנאַדער פּאַרלאַמענט.

אין סעפּטעמבער 1919 איז אין קאַנאַדער פּאַרלאַמענט פאָרגעלעגט געװאָרען אַ ביל װעגען שליסען אַ האַנדעלס־אָפּמאַך מיט דײטשלאַנד און פּױלען. מר. דאָ־הערטי, דער יוסטיץ־מיניסטער האָט פאָרגעשלאָגען מ'זאָל גוטהײסען דעם ביל. דאַן האָט מר. דזשײקאָבס זיך אױפגעשטעלט און געפרעגט צי דעם פּאַרלאַמענט זענען באַקאַנט די פּאָגראָמען װאָס װערען געמאַכט אױף אידען אין פּױלען. ער האָט פאָרגעלײענט אַן אַרטיקעל געדרוקט אין דער ,,ניישאַן" װעגען די אידישע לײדען אין פּױלען, און פרעגט: ,,מיט אַזאַ פאָלק װעט קאַנאַדע שליסען אַ האַנדעלס אָפּמאַך און דערמיט אינדירעקט גוטהײסען די פּאָגראָמען אױף אידען?"

האָנ. ד. ד. מעקענזי האָט דאַן געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז מ'זאָל באָיקאָטירען פּױלען.

אױף דעם האָט געענטפערט דער יוסטיץ מיניסטער, אַז פאַרקערט, אױב מיר װעלען האָבען אַ האַנדעלס־אָפּמאַך מיט פּױלען, װעלען מיר דאַן קענען אַ דעה זאָגען און זיך אַרײנמישען אין דער פראַגע װעגען די אידישע לײדען, אָבער װען מיר האָבען מיט איר קײן טריטי ניט, קענען מיר דאָך אַפילו קײן פּראָטעסט צו זײ ניט שיקען. מר. דאָהערטי האָט פאַרשפּראָכען, אַז קאַנאַדע װעט זעהן דערצו, אַז די פעלקער־ליג זאָל אָפּשטעלען די פּאָגראָמען און עהנליכע לײדען פון מינאָ־ריטעטען.

דער האַנדעלס־אָפּמאַך איז דאַן גוטגעהײסען געװאָרען מיט אַ באַשטעטיגונג פון די פאַרפּליכטונגען װאָס פּױלען האָט אױף זיך גענומען לױט דער שלום־טריטי:

1) פּױלען אָנערקענט די פליכטען װאָס װערען געפאָדערט פון איהר לױט די פאָראָרדנונגען פון דער שלום־טריטי.

2) פּױלען אָנערקענט די פרײהײט און בירגער־רעכט פון יעדער נאַציאָנאַלי־טעט און גלױבען, סײדען װען דער גלױבען איז אין װידערשפּרוך מיט דער עפענט־ליכער מאָראַל און עטיק.

3) פּױלען אָנערקענט די בירגערשאַפט פון אַלע נאַציאָנאַליטעטען פון די אײנװאױנער אין פּױלען אין עלטער פון 18 יאָהר און העכער.

4) פּױלישע בירגער זאָלען האָבען די פרײהײט זיך צו באַשעפטיגען מיט סײ װעלכער פּראָפעסיע אָדער אַרבײט און זײן פרײ צו באַנוצען זיך מיט סײ װעלכער שפּראַך.

5) פּױלישע בירגער זאָלען אונגעשטערט האָבען דאָס רעכט צו באַנוצען זיך מיט זײערע רעליגיעזע אַנשטאַלטען. דאָס זעלבע רעכט באַציהט זיך אױך אױף

האַנדעל, בילדונג א. אַז. וו., פאַר די פּוילישע בירגער וועלכע ריידען אַנדערע שפּראַכען אַ חוץ פּויליש.

אויף די דערמאַנטע תנאים האָט דער פּאַרלאַמענט גוטגעהייסען אַ האַנדעלס־אָפּמאַך מיט פּוילען.

טרויער דעמאָנסטראַציע געגען פּאָגראָמען אין אוקראַינע

די ידיעות פון די שוידערליכע פּאָגראָמען אין אוקראַינע קירצליך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבען אויפגערודערט די אידישע וועלט און מאָנטרעאַלער אידען האָבען אויך געפונען פאַר נויטיג עפּעס צו טאָן אום צו אָפּשטעלען די אוקראַינער פּאָגראָמשטשיקעס אין זייערע מערדערליכע אַטאַקעס אויף די אונ־באַשיצטע אידען.

עס זענען אָפּגעהאַלטען געוואָרען מיטינגען און עס איז באַשטימט געוואָרען, אַז אַ טרויער און פּראָטעסט דעמאָנסטראַציע זאָל אָפּגעהאַלטען ווערען נאָוועמבער דעם 25־טען, 1919.

עס איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז אין דעם טאָג פון טרויער זאָלען אַלע אידישע געשעפטען זיין געשלאָסען, די אַרבייטער זאָלען אָוועקלעגען זייער אַרבייט און יונג און אַלט זאָלען זיך באַטייליגען אין אַ גרויסער לויה־דעמאָנסטראַציע. מיט געבויגענע קעפּ זאָל אַ שטומע מחנה מאַרשירען איבער די גאַסען פון מאָנטרעאַל.

אַ גרויסע מחנה האָט זיך דעם טאָג געצויגען איבער די גאַסען אויף מיין סטריט צו סט. דזשיימס סטריט און צו ביוּוער האָל היל דורך סט. קעטהרין צום מאָנומענט נאַשיאָנאַל טעאַטער, וואו דער ריזיגער פּראָטעסט־מיטינג איז אָפּגעהאַלטען גע־וואָרען.

עס האָבען אַנטיילגענומען דער פּוילישער פאַרבאַנד, רומענישער פאַרבאַנד, אַלע סיק בענעפיט סאָסייעטיס, די שניידער יוניאָנס און סאָלדאַטען, נאָר וואָס צוריקגעקומענע פון דער מלחמה. די אוקראַינער קריסטען האָבען אויך צוגעשיקט פּראָטעסט־רעזאָלוציעס. איבער 20 טויזענט אידען האָבען אַנטיילגענומען אין דער גאַסען־דעמאָנסטראַציע.

פאַראויס האָט מאַרשירט אַ בענד מוזיק. נאָכדעם די פאַרטרעטער פון אידי־שען קאָנגרעס; לייאָן קאָהען, ס. וו. דזשייקאָבס, ה. וואָלאָפּסקי, ה. מ. קייזערמאַן, אַלדערמאַן לייאָן וו. דזשייקאָבס, אַלדערמאַן רובינשטיין, רבי כהן מיט אַנדערע רבנים און אויך קינדער פון פאַרשיידענע שולען און ת״ת. אונטער דעם פאָרזיץ פון לייאָן קאָהען האָט זיך, געעפענט דער ריזען מיטינג אין מאָנומענט נאַשיאָנאַל. מר. קאָהען האָט ערקלערט דעם איינדרוק פון דער פּראָצעסיע און רבי כהן האָט אויסגעדריקט זיין צופרידענהייט וואָס 20 טויזענט אידען האָבען זיך ניט געשעמט צו מאַרשירען איבער די גאַסען צו אויסדריקען זייער צער און צאָרן איבער די אידישע ליידען דורך פּאָגראָמשטשיקעס. אַ מעסעדזש פון סיטי מעיאָר איז פאַר־

געלייענט געווארען. עס האבען אויך געהאלטען פראטעסט רעדעס ס. וו. דזשייקאבס און לואי פיטש. דער לעצטער האט פארגעלייענט די פראטעסט-רעזאלוציע, וואס איז אפגעשיקט געווארען צו אונזער רעגירונג און אויך צו דער אמעריקאנער און ענגלישער רעגירונג.

באראן ראטשילד א גאסט אין מאנטרעאל

דעם 31־טען יאנואר 1921 איז אין מאנטרעאל פארגעקומען א ציון קאנווענשאן. די קאנווענשאן האט געהאט אלס גאסט באראן דזשיימס דע ראטשילד, דעם זוהן פון דעם נדיב הידוע, וועלכער האט געבראכט א באגריסונג אין נאמען פון זיין פאטער. עס זיינען אויך געווען אלס געסט ריכטער מעק פון ניו יארק, פרעזידענט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין אמעריקא און דר. שמריהו לעווין. לארד ראטשילד האט ערקלעהרט דאס די מיינונגס-פארשידענהייטען צווישען די אמעריקאנער ציוניסטען און די איירָאפּעאישע ציוניסטען איז בלויז א פראגע פון מעטאדען. דאס האט זיך באצויגען צו ריכטער בראנדייס, וועלכער איז געווען געגען דעם נייעם איינפיהר פון קרן היסוד, ווייל בראנדייס האט מעהר געגלויבט אין פריוואטער איניציאטיווע פאר דעם אויפבוי פון ארץ ישראל, ווערענד די אייראפייאישע ציוניסטען זענען באשטאנען אז דאס זאל אויפגעבויט ווערען פון פאנד וואס זאל באלאנגען צום גאנצען פאלק.

רבי אבראמאוויטש האט געעפענט די קאנווענשאן, דעם פריהערדיגען יאהר איז די ארגאניזאציע געפירט געווארען פון א פרעזידיום.

רבי אבראמאוויטש ערקלעהרט איינצלהייטען פון דער סאן רעמא טריטי וועגען ארץ ישראל און וועגען סער הוירבערט סעמיועל אלס היי קאמישיאנער פאר ארץ ישראל.

לארד ראטשילד האט געלויבט די גרויסע ציוניסטישע פיהרער און גערעדט מיט באגייסטערונג וועגען די חלוצים. עס האט אויך גערעדט ריכטער מעק, פאדערענדיג פאראייניגונג פאר די ארץ ישראל פראבלעמען. דר. שמריהו לעווין האט דאן געמאכט אן אפיל פאר׳ן קרן היסוד. מאנטרעאל איז אזוי ארום געווען די ערשטע שטאט, אדער בעסער געזאגט קאנאדע איז געווען דאס ערשטע לאנד אנצונעהמען דעם סיסטעם פון קרן היסוד. א מיליאן דאלער איז צוגעזאגט געווארען אלס קאנאדע׳ס ביישטייערונג. מר. א. דזש. פרימאן איז דאן אויסגעוועהלט געווארען פרעזידענט פון דער קאנאדער ציוניסטישער ארגאניזאציע און זיין ערשטע ביישטייערונג פאר׳ן קרן היסוד איז געווען $25,000. מר. מארטימער ב. דייוויס איז אויסגעקליבען געווארען עהרן-פרעזידענט און לייאן קאהען עהרן וויס-פרעזידענט. דער פונדאמענט פאר׳ן אויפבוי פון ארץ ישראל דורכ׳ן קרן היסוד איז דעמאלט געלייגט געווארען פון קאנאדער אידען.

דעם 3־טען פעברואר האט זיך געעפענט די הדסה קאנווענשאן וואו עס איז

באַשלאָסען געוואָרען צו גרינדען אַ ווירטשאַפטליכע שולע פאַר פרויען אין ארץ־ישראל, וואו מיידלאַך זאָלען לערנען אַגריקולטור און ווירטשאַפט. דר. שמריהו לעווין האָט אַדרעסירט די זיצונג און מרס. ליליען פרימאַן איז געווען פאָרזיצערין.

פון אָט דער הדסה קאָנווענשאָן איז געשאַפען געוואָרען די שולע אין נהלל, וועלכע האָט שוין אַרויסגעגעבען פילע הונדערטער פרויען עקספּערטען אין אַגרי־קולטור און אין הויז־ווירטשאַפט און די שולע ווערט נאָך היינט אויסגעהאַלטען מיט דעם געלט פון דער קאַנאַדער הדסה.

ביי מיין באַזוך אין ארץ ישראל האָב איך באַזוכט די שולע און בין ווירקליך געווען שטאָלץ צו זעהן די מיידלאַך ביי דער אַרבייט און דעם גרויסען אויפשריפט אויפ׳ן פראָנט פון גרויסען בנין: „געגרינדעט פון קאַנאַדער הדסה אויף דעם נאָמען פון ליליען פרימאַן״.

זיבעצענטער קאפיטעל

די גרינדונג פון ועד העיר

פאר א צייט האט דער שרייבער פון די זכרונות אנגעפיהרט אן אגיטאציע פאר גרינדען אין אונזער שטאט א ועד העיר. דעם נאמען האב איך געבראכט צוריקקומענדיג פון מיין ערשטער רייזע קיין ארץ ישראל.

עס האט דאן געהערשט א שרעקליכער כאאס צווישען די שוחטים, רבנים און אנדערע כלי קודש.

יעדער רב אדער שוחט האט זיך געהאט א קאנטראקט מיט א געוויסען האלסייל בוטשער און דער בוטשער האט זיך געשאפט מיט'ן שוחט ווי מיט אן אנגעשטעלטען וואס האט געדארפט אויספאלגען דעם בוטשער'ס ארדערס און ממילא זענען די פרייזען פאר שחיטה־געלט געווען אזוי קליין, אז שוחטים האבען קוים געקענט מאכען א לעבען און אנדערע האבען גארניט געהאט פון וואנען צו לעבען. דאס זעלבע האט אויך פאסירט צווישען די רבנים און עס האט אויך געהערשט א זעהר שוואכער שלום צווישען די כלי קודש. איינציגע רבנים האבען פשוט נישט געהאט פון וואנען צו לעבען, און איך האב געדענקט, אז דער איינ־ציגער מיטעל אום עס זאל הערשען שלום אין שטאט און די כלי קודש זאלען האבען פרנסה בכבוד איז צו גרינדען א ועד העיר, וועלכער זאל ערוועהלט ווע־רען דורך א דעמאקראטישער אפשטימונג פון אלע אידען אין מאנטרעאל אהן אונטערשייד צו וועלכער פארטיי אדער ריכטונג זיי זאלען באלאנגען און די ער־וועהלטע זאלען גלייך נעהמען אין האנט די גאנצע אויפפאסונג איבער שחיטה, רעכענען פאר שחיטה־געלט אזא פרייז וואס זאל געבען פרנסה די שוחטים, רבנים און משגיחים און א טייל פון דער איינגאהמע זאל גענוצט ווערען צו העלפען די בתי תלמוד תורה און פאלקס שולען.

איך האב געהאלטען אין איין אגיטירען סיי אין דער צייטונג און סיי אין א גרויסען פאמפלעט וואס איך האב אפגעדרוקט, ביז עס איז געשאפען געווארען דער ערשטער מיטינג אין באראן דע הירש פון פארטרעטער פון אלע שוהלען, אר־גאניזאציעס, יוניאנס און עס איז באשלאסען געווארען, אז דער ועד העיר זאל געגרינדעט ווערען; אז די מיטגלידער זאלען ערוועהלט ווערען דורך א פאפולערען וואוט איינגעטיילט אין דריי קאטעגאריעס: איין דריטעל פארטרעטער פאר די שוהל־אידען; א צווייטע דריטעל פאר בענעפיט סאסייעטיס און ארגאניזאציעס אדער סתם בעלי בתים און נאך א דריטעל פאר די ארבייטער־פארטייען.

מ'האט דאן גערופען נאכאמאל אן אלגעמיינע פארזאמלונג פאר נאמינאציעס

צו עלף פון יעדער פון די 3 קאַטעגאָריעס און נאָך די נאָמינאַציעס האָט מען אויס־געפונען, אַז יעדע פּאַרטיי האָט כמעט נאָמינירט איבער 25 פּאַרשטעהער. האָט מען דאַן אָפּגעדרוקט צו דריי ליסטען מיט די נאָמינירטע און צו די וואָהלען האָט יעדער געקראָגען דריי ליסטען און ער, אָדער זי, האָט געהאַט אַ רעכט צו וועהלען פּאַר 11 פון יעדען ליסט. די 13 וואָס האָבען געהאַט די מעהרסטע שטימען אויף זייער ליסט זענען אויסגעוויילט געוואָרען; דער וואָס האָט געהאַט די מעהרסטע שטימען אויף זיין ליסט איז אויטאָמאַטיש געוואָרען איינער פון פּרעזידיום. 33 מיטגלידער זענען אויסגעקליבען געוואָרען. שטימרעכט האָט געהאַט יעדער מאַן אָדער פרוי אין עלטער פון 20 יאָהר און העכער.

די שטים־פּלעצער זענען געווען אין אַלע היגע שוהלען איבער דער גאַנצער שטאָט און אין די אידישע לערן־אַנשטאַלטען און יעדע פון די דריי פּאַרטייען האָט געהאַט איהרען אַ פּאַרשטעהער אין יעדען שטימפּלאַץ. עס איז געווען אַן אמת'ער „עלעקשאַן" דעם טאָג פון 17־טען דעצעמבער 1922. איבער 10 טויזענט שטימען זענען אָפּגעגעבען געוואָרען.

די צעהלונג פון די שטימען איז פאָרגעקומען אין אָפיס פון „קענעדער אדלער" מיט פאָרטרעטער פון אַלע דריי פּאַרטייען.

אין פראָנט פון „קענעדער אדלער" האָט זיך פאַרזאַמעלט אַן עולם, פיליכט אַזוי גרויס און אפשר נאָך גרעסער ווי ביי אַלגעמיינע לאַנד־וואָהלען און די ערשטע דריי, איינער פון יעדען ליסט זענען געווען: לייאָן קאָהען, פון די רעליגיעזע אידען; ה. וואָלאָפּסקי, פון די אָרגאַניזאַציעס און בעלי בתים, און יוסף שובערט פון די אַרבייטער.

דער עולם אין פראָנט פון „קענעדער אדלער" האָט שטאַרק אַפּלאָדירט די רעזולטאַטען פון די וואָהלען און מיר האָבען געמוזט דעם אָוענט אַרויסלאָזען אַן עקסטרא צייטונג.

דאַן האָט זיך אָנגעהויבען די אָרגאַניזירונג פון די שוחטים און מיט זיי האָב איך געהאַט זעהר ווייניג אַרבייט. מיר האָבען גערופען די שוחטים פאַר אַ מיטינג אין עדת ישורון שוהל און ווען איך האָב זיי ערקלערט וואָס מיר שאַפען איצט, האָבען אַלע בפה אחד געזאָגט: „מיר פאַרלאָזען זיך אויף אייך, עס הייסט אויפ'ן ועד העיר און וואָס איהר וועט אונז געבען וועלען מיר זיין צופרידען, אַבי נעמט אונז אַרויס פון די בוטשער בעלי בתים".

איך האָב דאַן פאַררופען די רבנים אין חברה ש"ס שוהל און פאַר זיי אויך געמאַכט אַן עהנליכע ערקלערונג. צום מיטינג זענען געקומען אַלע רבנים און הרב צבי הכהן איז פון די רבנים גלייך אויסגעוועהלט געוואָרען אַלס דער יושב ראש פון ועד הרבנים, וואָס איז ביי דעם מיטינג געגרינדעט געוואָרען, ביז אַלע האָבען זיך געגעבען די הענט און עס איז געוואָרען שלום על ישראל.

די שווערסטע אַרבייט איז אָנגעקומען מיט די האָלסייל בוטשערס, אַבער ס'איז

געבליבען, אז מען רעכענט פון 1 ביז 2 דאלאר שחיטה־געלט אויף א בהמה און צו 2 סענט פאר א פונט פון אלע כשר געקוילעטע. נאטירליך, נאר פון דער כשר׳ער זייט פון דער בהמה, און וואס ווערט פארקויפט אלס כשר.

בלויז איין שוחט האט זיך איינגעשפארט און ניט געוואלט צוריקגעבען זיינע קאנטראקטען. ער איז אבער געגויט געווארען סיי פון די שוחטים און סיי פון די קצבים און ער האט די קאנטראקטען נאך שווערער מיה געמוזט צוריקגעבען. אזוי איז אויך ניט זעהר לייכט אנגעקומען צו קריגען די קאנטראקטען פון הרב צבי הכהן, וועלכער האט געהאט דעם גרעסטען קאנטראקט און מורא געהאט, אז דער ועד וועט ניט קענען אויסהאלטען און ער קען דערביי פארלירען די השגחה איבער כשרות, פאר וועלכער ער האט געארבייט פאר יאהרען. אבער נאך עטליכע ארטיקלען אין דער צייטונג האט ער אליין געבראכט די קאנטראקטען אין אפיס פון „קענעדער אדלער״ און בלויז געזאגט: „הלואי זאלט איהר זיין ערפאלגרייך, אנדערש צוברעכט איהר מיין פיל יאהריגע ארבייט פון כשרות און מיין פרנסה.

נאך דעם קאנטראקט מיט אלע האלסיילער און ריטיילערס האבען אלע שוח־טים און רבנים אין שטאדט, באשעפטיגטע און ניט באשעפטיגטע, צוזאמען מיט א נייעם סטעף משגיחים אנגעהויבען צו שעכטען פאר׳ן ועד העיר. גלייך נאך דער ערשטער וואד הכנסה זיינען אויסגעטיילט געווארען די שכירות פאר די רבנים, יעדען נאך זיין שטאנד, און די שוחטים האבען געקראגען צו 40 דאלער פאר דער וואך. אלע זיינען פאר א צייט געווען צופרידען. יעדער בוטשער האט געקראגען א „סיין״ אלס אזעלכער וואס באלאנגט צום ועד העיר, נאכדעם ווי ער האט אונטערגעשריבען א קאנטראקט, אז ער וועט אריינלאזען א משגיח אין זיין סטאר און ער וועט ניט מחלל שבת זיין, אנדערש מוז ער דעם שילד צוריקגעבען און דער ועד וועט האבען דאס רעכט איהם עפענטליך צו פובליצירען אלס ניט כשר׳ער בוטשער.

עטליכע וואכען שפעטער האבען די בוטשערס זיך צעבונטעוועט און זיינען ארויס אין א סטרייק. מאנטרעאלער אידען האבען עטליכע טעג ניט געהאט קיין פלייש. עס איז דאן ביי א מיטינג פון אלע מיטגלידער פונם ועד באשלאסען געווארען צו עפענען עטליכע אייגענע בוטשער־שעפער, גלייך זיינען געעפענט גע־ווארען עטליכע סטארס. דעם שבת אווענט, ווען די סטארס זיינען געעפענט גע־ווארען, האט מען געדארפט האבען פאליציי צו האלטען ארדנונג אויף דער גאס— אזא עולם איז געקומען קויפען פלייש, בעלי בתים האבען געהאלפען האקען פלייש און פארפאקען. די רבנים און דער גאנצער ועד העיר זיינען געווען אין די בוטשער שעפער, בעת אלע בוטשער־סטרייקער ווען זיי האבען אויפגעמאכט זייערע סטארס, זיינען זיי געשטאנען ליידיג. מ׳האט ביי זיי קיין לעבעדיגען מענש ניט געזעהן, דאס האט געדויערט עטליכע טעג, מ׳האט מיך דעמאלט אפילו געסטרא־שעט מיט אונטערלייגען דינאמיט אונטער מיין הויז און אין דעם „קענעדער אד־

לער׳׳, אָבער עס האָט גאָרניט געהאָלפן. די בוטשערס האָבן זיך געמוזט אונ־טערגעבן צו די רעגולאַציעס פון ועד העיר און ועד הרבנים און מ׳האָט צוריק פאַרמאַכט די ועד העיר סטאָרס.

שפּעטער צו האָבן די שוחטים אַרויסגערופן אַ סטרייק פאַר העכערע שכירות און זיי האָבן אויך שפּעטער זיך געמוזט אונטערגעבן, ווייל מ׳האָט דערווייל געבראַכט עטליכע שוחטים וואָס זיינען שוין פאַרבליבן אין ועד העיר. עס איז שוין געווען אַ צייט וואָס די רבנים האָבן גערופן אַ סטרייק און אויך זיי האָבן זיך געמוזט אונטערגעבן צו דעם ווילן פון די שטאָט־פּאַרטרעטער אין ועד העיר.

היינט צו טאָג שטעהען אָרגאַניזירטע קהלות שטאַרק אין פיעלע שטעדט און אפילו אַנדערע לענדער, ווי אַרגענטינע, למשל, האָבן שוין נאָכגעפאָלגט אונזער סיסטעם, אָבער ניט אומעטום איז עס אַזוי געלונגען ווי דאָ.

די לעצטע יאָהרען האָט דער ועד אויסגעצאָלט היבשע טויזענטער דאָלאַר צו תלמוד תורה׳ס און פאָלקס שולען און סובסידירט אפילו אַ מקוה פאַר רעלי־גיעזע אידען פון די איינקונפטען פון שחיטה. אַלע רבנים און אַלע שוחטים שטעהען צוזאַמען מיט׳ן ועד העיר.

דעם 14־טן יאַנ. 1923 איז געווען די אָפיציעלע ערעפנונג פון ועד העיר מיט אַ ספּעציעלען חזנים־קאָנצערט און רעדעס. דעם 15־טען יאַנואַר איז פאָרגעקומען די ערשטע אָפיציעלע זיצונג פונם ועד העיר און דער מיטינג איז געווען זעהר אַ באַגייסטערטער. רעדעס זיינען געהאַלטען געוואָרען פון די מיטגלידער פון פּרע־זידיום. ה. וואָלאָפּסקי האָט אין זיין רעדע אויסגעדריקט דעם צוטרוי, אַז מיט דער סאָלידאַריטעט פון דער שטאָדט צום ועד העיר איז ער זיכער, אַז די פאַרפּלאָנטער־טע טרויעריגע סקוהל־פראַגע וואָס איז דאָן געווען אַקטועל, וועט געשליכטעט ווערען מיט כבוד פאַר די מאָנטרעאַלער אידען. עס האָבן דאָן גערעדט מר. לייאָן קאָהען, יוסף שובערט, רבי כהן, רבי אַבראַמאָוויטש און פּיטער בערקאָוויטש. אַלע האָבן אויסגעדריקט דעם וואונש, אַז דער ועד העיר זאָל אומשטאַנד זיין צו העלפען אידישע ערציאונג און פאַרענטפערען דאָס פּראָבלעם פון דער סקוהל פראַגע.

אכצענטער קאפיטעל

מיין ערשטע רייזע קיין איירָאפּע און ארץ־ישראל

איך לאז איצט איבער מאנטרעאלער זכרונות און געה צוריק צום יאהר 1921.

אין יאהר 1921 בין איך געווען זעהר אויסגעמאטערט, ערשטענס פון נאך דער ערשטער מלחמה ווען די ארבייט איז געווען אונגעהויער גרויס און צוויי־טענס נאכ'ן ענדיגען דרוקען דעם תלמוד, וואס האט ביי מיר צוגענומען א סך כחות. איז מיר איינגעפאלען, אז איצט איז די צייט צו מאכען א רייזע און זעהן איירָאפּע נאך דער מלחמה און טאקע אויך זיין ביים ערשטען ציוניסטישען קאנ־גרעס נאך דער מלחמה וואס האט באדארפט זיין אין קארלסבאד, דאן שוין טשע־כאסלאוואקיע, און גלייכצייטיג באזוכען ארץ ישראל. איך האב אויך גערעכענט, אז פיליכט וועל איך קאנען איבערלאזען א טייל פון תלמוד ערגעץ אין איירָאפּע אדער אין ארץ ישראל. איך האב זיך דאן בעראטען מיט מיין פריינד, דעם זקן הרבנים, הרב צבי הכהן.

„וואס איז אייך פלוצים איינגעפאלען צו מאכען אזא גרויסע רייזע און־טערנעמונג"? פרעגט ער מיך.

און איך ענטפער איהם: „איך וועל דארט פיליכט קאנען פארקויפען א טייל פונ'ם ש"ס וועלכען איך האב נאך און אפשר טאקע פארקויפען די פלאטען פאר נאכאמאל דרוקען א ש"ס".

זאגט רבי כהן: „אויב אזוי, אזוי איז דאך דער ענין אן עניו". און ער דער־ציילט מיר דערביי א מעשה'לע: אין א שטאדט וואו עס איז געווען א ישיבה האט אן ארים פאר פאלק געגעבען א טאג צו אן ארימען ישיבה בחור און זיי האבען געהאט א שעהנע טאכטער און א געראטענע, אבער זיי האבען פאר איהר קיין נדן ניט געהאט.

האט זיך געמאכט, אז דער גביר פון דעם שטעטעל איז געבליבען אן אלמן און דעם גביר, שוין כמעט א זקן, פארגלוסט זיך צו נעמען דעם ארימאנ'ס טאכ־טער פאר א ווייב. און דא שטעלט זיך א פראגע ביי די עלטערען: דער נגיד וויל זי נעמען אהן א סענט געלט און וועט נאך זיי, די עלטערען, ארויסהעלפען מיט געלט און די טאכטער וועט קאנען לעבען א רייך לעבען.

אבער פון דער אנדערער זייט, ווי נעמט מען אזא יונג קינד און מ'פאר־קויפט זי פשוט צו אן עלטערען מאן צוליב געלט? די עלטערען קאנען זיך קיין עצה ניט געבען. ניט חתונה מאכען מיט דעם גביר, טא וואס וועט זיין דער סוף, קיין נדן איז ניטא. זי קען דאך אזוי פארזיצען. בלייבט ביי די עלטערן, היות ביי

זיי עסט דאָך דער ישיבה בחור א געוויסען טאָג, און א ישיבה בחור איז דאָך אַ בן תורה, וועלען זיי זיך מיט איהם האַלטען אַן עצה. ווען דער ישיבה בחור איז געקומען האָבען זיך די עלטערען מיט איהם אָוועקגעזעצט און זאָגען איהם, אַז זיי ווילען זיך מיט איהם אַן עצה האַלטען וועגען זייער טאָכטער. היות מ'רעדט איהר דעם שידוך מיט דעם גביר און אַזוי ווי קיין נדן האָבען זיי איהר ניט צו געבען, וואָלטען זיי געוואָלט פרעגען צו דאָס איז אַ קלוגע זאַך.

ענטפערט דער ישיבה בחור: „מילא די זאַך איז דאָך אַ זאַך, איז ממילא דער ענין אַן ענין". וואָס האָט געמיינט, אַז ער איז מסכים. רופט זיך אָפּ די מוטער: „אָבער ווי נעמט מען אַזאַ יונג קינד און מ'פאַרקויפט זי צוליב געלט צו אַן אַלטען מאַן?" ענטפערט דער ישיבה בחור: „מילא, אַז די זאַך איז ניט קיין זאַך, איז דער ענין ניט קיין ענין".

„אָבער, רופט זיך אָן דער פאָטער, וואָס וועט זיין דער תכלית אָהן נדן? זי קען דאָך נאָך פאַרזיצען". „נו", זאָגט דער ישיבה בחור, „איז דאָך די זאַך אַ זאַך, און ממילא איז דער ענין אַן ענין". אַזוי האָט דער ישיבה בחור יעדעס מאָל געענטפערט „אַז די זאַך איז אַ זאַך איז דער ענין אַן ענין" און אַז דער צווייטער צד האָט געהאַט אַן אַנדער טענה, האָט ער שוין ווייטער געזאָגט: „אַז די זאַך איז קיין זאַך ניט איז דער ענין קיין ענין ניט".

ווען איך האָב אַרומגערייזט אַ צייט אין איירעפּע און אין ארץ ישראל און האָב אַפילו ניט אין זינען געהאַט דעם ש"ס, ווייל יעדע מינוט פון די פיער חדשים איז ביי מיר געווען פאַרנומען מיט אַנדערע זעהר און זעהר אינטערעסאַנטע זאַכען. האָב איך דאָן געשריבען אַ בריוועל צו הרב כהן, און איהם געמאַלדען, אַז „די זאַך איז טאַקע קיין זאַך ניט, אָבער דער ענין איז יאָ אַן ענין"... מיין רייזע איז באמת געווען אַ גוואַלדיגער ענין פאַר מיר פון דער מינוט וואָס איך האָב פאַרלאָזען קוויבעק, וואו איך האָב אויפגעשטיגען אויף דער שיף ביז דער מינוט וואָס איך בין אין קוויבעק, אַרונטער פון שיף. איך האָב דאַמאַלט אויך געפונען פאַר וויכטיג אָפּצודרוקען אַ בוך איבער מיין רייזע אונטער'ן נאָמען: „איירעפּע און ארץ ישראל נאָך דער מלחמה".

אויף דער שיף האָב איך זיך באַגעגענט מיט אַ קאָמפּאַניע יעזואיטען, וואָס זיינען געפאָרען קיין איירעפּע און האָב צווישען זיי ענטדעקט אַ געוועזענעם איד. דאָס מאַכען די ענטדעקונג האָט מיך געהאַלטען פאַרנומען כמעט די גאַנצע 6 טעג אויפ'ן שיף ביז ענגלאַנד און איך האָב יעדען טאָג געשריבען אַ בריוו פאַר דער צייטונג פון מיינע ענטדעקונגען פון טאָג צו טאָג איבער דעם גלח.

איך האָב אויך דאָרט געטראָפען פיער אידישע בחורים, וואָס זיינען צוריקגעשיקט געוואָרען פון קאַנאַדע אַלס ניט געווינשטע בירגער און איך האָב זיי אַרויסגענומען פון דער שווערער אַרבייט ביי קוילען און זיי זענען געוואָרען דריטע קלאַס פּאַסאַזשירען, ווייל איך האָב אויפגעוויזען דעם קאַפּיטאַן, אַז זיי זיינען

געווען קרבנות פון א שווינדלער־באנדע. זיי האבען געהאט געלט פאר שיפסקאר־טען און יענע האבען פון זיי דאס געלט ארויסגענארט און זיי אוועקגעשיקט מיט דער שיף אלס „בלינדע פאסאזשירען“, איינער פון זיי, וועלכער האט געהאט א שיפס־קארטע און דערצו א דראפט פאר עטליכע הונדערט דאלער, איז צוריקגעשיקט גע־ווארען אלס „אידיאט“ און איך האב אויסגעפונען, אז דער בחור האט עלטערען און א משפחה אין אמעריקע, נאר זיי האבען איהם ניט געקענט אהיננעמען. ער איז שוין איינמאל פון דארט ארויסגעשיקט געווארען, האבען זיי פרובירט זייער מזל דורך קאנאדע. דא האבען די אימיגראציע־באאמטע איהם געהייסען צעהלען פון 1 ביז 10 און צוריקוועגס און ער האט עס ניט געקענט באווייזען. איך האב איהם דאן געפרעגט אייניגע פראגען, און ער האט ניט געקענט ענטפערען ווי א בחור אין זיינע יאהרען. האט ער פאר מיר אויסגעבראכען אין א געוויין און דער־ציילט זיין טרויעריגע געשיכטע: זיין פאטער איז אפגעפאהרען קיין אמעריקע פאר דער מלחמה. דאן האט ער ארויסגענומען זיין מוטער מיט איהם, אבער איהם האט מען צוריקגעשיקט, האב איך, זאגט דער בחור, זיך ארומגעוואלגערט איבער דער מלחמה אין פוילען. איך בין ארומגעגאנגען מיט שנארערס, קיינמאל ניט גע־לערענט אין קיין חדר, וואו געטאגט דארט ניט גענעכטיגט, טא פון וואנען זאל איך עפעס קאנען ? ער האט אפילו ניט געוואוסט, אז דאס פאפיר וואס ער האט איינגענייט אין זיין רעקעל איז א דרעפט פאר דריי הונדערט דאלער. וואס פאר א געלט, זאגט ער מיר, איז דאס עפעס ? עס איז דאך בלויז א פאפירעל, נאר דער טאטע האט געשריבען ער זאל דאס האלטען איינגענייט ביז קאנאדע, האלט ער דאס. ער האט דאס אפילו מורא געהאט צו ווייזען די „פאליציסטען“, מיינענדיג די אימיגראציאנס־באאמטע. און אז איך האב אים ערקלעהרט אז דאס איז ווערטה אפשר הונדערט טויזענט פוילישע זלאטעס, האט ער זיך ערשט אויפסנייי צעוויינט. „מ'וועט דאך דאס ביי מיר אוועקגנב'ענען“, זאגט ער.

איך האב פארשפראכען די בחורים, אז איך וועל פאר זיי רעדען מיט'ן קא־פיטאן און זעהן וואס ער קען פאר זיי טאן און האב זיי געגעבען א בריוו צום אנטווערפענער רב זיי זאלען דאס איהם איבערגעבען ווען זייער שיף וועט אנקומען קיין אנטווערפען. איך האב דערציילט דעם רב די גאנצע געשיכטע פון זייער צוריק־שיקען און איהם געבעטען ער זאל דארט אויסגעפינען די באנדע שווינדלער וואס האבען ביי זיי צוגענומען דאס געלט און זיי אויפגעזעצט אויפ'ן שיף אלס בלינדע פאסאזשירען.

אזוי ווי איהר זעהט, דער אידישער גלח פון איין זייט, די פיר בחורים פון דער אנדערער זייט און דאס שרייבען יעדען טאג א בריוו מיט אן ארטיקעל פאר דער צייטונג, האט מיך געהאלטען בשקשה'דיג פארנומען גלייך ביי מיין פארלאזען מאנטרעאל. דעם 14־טען אויגוסט 1921 איז אונזער שיף „עמפרעס אוו בריטען“ אנגעקומען קיין ענגלאנד און איך האב באזוכט לאנדאן. דארטען האב איך באזוכט

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, געהאַט אַ געשפּרעך מיט דר. ווייצמאַן און מיט אַנדערע פירערס, אָבער עס האָט אויף מיר געמאַכט אַ פאַרדריסליכען איינדרוק, ווען איך בין אַריינגעקומען צו דעם פאַרשטאָרבענעם פירער, דר. מאַקס נאָרדאַו, אין זיין קליינעם צימערל מיט אַ פענסטערל ביי דער סטעליע און איך האָב אַ טראַכט געטאָן: שוין זשע איז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע ניט אומשטאַנד צו באַזאָרגען דר. נאָרדאַו מיט אַ בעסער צימער ווי דאָס קעמערל? אָט דאָס בילד קען איך נאָך ניט פאַרגעסען, ווייל אפילו צום קאָנגרעס איז דעמאָלסט דר. נאָרדאַו ניט געקומען, אָדער איז ניט מיטגעבראַכט געוואָרען.

די פּאָליטישע לאַגע דאַמאָלס אין ענגלאַנד, ווי איך האָב עס דאַמאָלס באַשריבען אין מיין בוך, איז געווען אַן אָנגעשטרענגטע. איך האָב דאַמאָלט אין אַן אַרטיקעל געהאַט אַרויסגעבראַכט די מיינונג, אַז אין ענגלאַנד וועט אין גיכען זיין אַן אַרבייטער רעגירונג. מ׳האָט דאָס געקענט זעהן פון די צייטונגען, וועלכע זיינען פריער געוואָרינט געווען אָנצופיל די זייטען מיט לאָרדען און סערס, האָבען שוין דאַמאָלס געגעבען פיל פּראָמינענץ דעם אַרבייטער-פירער און יענעם, עפּעס ווי זיי וואָלטען זיך שוין געהאַט געריכט, אַז די נעקסטע רעגירונג וועט באַלאַנגען צו די אַרבייטער.

און אַזוי האָט עס טאַקע פּאַסירט מיט עטליכע יאָהר שפּעטער.

פאַרענדיג פון לאָנדאָן נאָך פּאַריז צוזאַמען מיט ה. מ. קייזערמאַן, האָבען מיר געטראָפען אין אונזער קאַיוטע צוויי אינדישע יונגעלייט, וועלכע האָבען געענדיגט קאָלעדזש אין ענגלאַנד און זיינען צוריקגעפאָהרען קיין אינדיע, און פון זייער רעדען האָט מען געקענט זעהן אַז עפּעס ערוואַרטעט דאָרט צרות פאַר ענגלאַנד, ווייל אָט די וואָס ענגלאַנד האָט געגעבען די געלעגענהייט צו שטודירען, זיינען צוריקגעפאָהרען דוקא מיט דעם וואונש זיך אָפּצוטרייסלען פון ענגלאַנד.

פון לאָנדאָן בין איך אָפּגעפאָרען קיין פּאַריז.

קומענדיג קיין פּאַריז, איז מיין ערשטער וויזיט געווען ביי דר. מאַצקין ע״ה. מיר האָבען גערעדט וועגען דעם קומענדען קאָנגרעס און דר. מאַצקין האָט זיך שטאַרק באַקלאָגט, וואָס די קאָמיטע פאַר אידישע רעכט, פון וועלכער ער איז געווען פאָרזיצער, האָט כמעט ניט געקראָגען קיין פינאַנציעלע שטיצע, ניט פון די אידען אין די שטאַאַטען און ניט פון קאַנאַדער אידען, כאָטש די לעצטע האָבען שוין דעמאָלט איבערגעשיקט צו די רעליף פאָנדס די סומע פון צעהן טויזענד דאָלער.

איך האָב אויך באַזוכט דעם הויפּט אָפיס פון דער איק״א און געהאַט אַ געשפּרעך מיט מר. אונגאַר, מיט וועלכען איך בין שוין געווען באַקאַנט פון זיינעם אַ באַזוך אין קאַנאַדע. ווען איך האָב איהם פירגעהאַלטען פאַר וואָס די איק״א טהוט אַזוי ווייניג אַרבייט פאַר דעם אויפבוי פון ארץ ישראל, האָט ער מיר באַוויזען דאָקומענטען און בריוו פון דער אַרבייט וואָס זיי טוען דוקא יאָ אין ארץ ישראל, נאָר זיי מאַכען דערפון ניט קיין פּובליסיטי אין די צייטונגען, ווי אַנדערע אָר-

גאניזאציעס טועס עס. ער האט מיר בארוהיגט אז די איק״א וועט נאך אינוועס־טירען גרויסע קאפיטאלען אין ארץ ישראל.

כאטש יעדער פליכטלינג, וואס זיי שיקען קיין ארץ ישראל, קאסט זיי דריי מאל אזוי פיעל ווי צו איינארדנען דעם פליכטלינג אין אנדערע לענדער, איז די איק״א פונדעסטוועגען צופרידען צו העלפען דעם היימלאנד אין ארץ ישראל מיט וויפיעל אידען עס איז נאך מעגליך, האט מיר מר. אונגאר געזאגט.

מ׳האט געקענט דייטליך באמערקען, אז פאריז איז ניט דאס זעלבע פון פאר דער מלחמה. מ׳האט דארטען געזעהן כמעט אלע, אדער דעם גרעסטען טייל פרויען געקליידעט אין שווארצען. יעדער איינער אדער איינע, האט אימיצען פארלוירען אין דער מלחמה, וועלכען ער אדער זי באוויינט. אין דייטשלאנד האב איך עס ניט באמערקט, איך האב אבער אויסגעפונען, אז דייטשלאנד האט פארבאטען אירגענד וועלכען טרויער און די שווארצע כוחות האבען דארט שוין מסתמא געטראכט וועגען א נייער מלחמה מיט נקמה געגען די פריהערדיגע זיגער.

די אידען אין פראנקרייך האבען אפילו געלעבט, ווי מ׳זאגט, „ווי גאט אין פראנקרייך״, אבער פון גאט האבען זיי ווייניג געטראכט, איינער דעם צווייטען האט זיך דארט זעהר ווייניג אנגעקערט. רבי אייזענשטאט, וועלכען איך האב שוין געקענט פון פריהער, האט מיר געהאט צו דערציילען אינטערעסאנטע זאכען פון דער פאריזער אידישקייט.

איין טרויעריגער אנעקדאט איז ווערט צו דערמאנען. איך בין אריינגעקומען צו א בוך־הענדלער אין פאריז מיט דעם געדאנק אפשר וועל איך איהם פארקויפען עטליכע סעטס פון תלמוד. האט ער מיט א שמייכעל מיר געזאגט: „איהר מיינט עס טאקע באמת צו פארקויפען ש״ס׳ן אין פראנקרייך? אויב יא, שלאגט זיך עס ארויס פון זינען. איך וועל אייך אלס ביישפיל דערציילען וועגען פאריזער אידען. ביי אייך וועט דאס אפשר אויסזעהן ווי א וויץ, אבער דאס כאראקטע־ריזירט דאס פאריזער אידענטום״. און ער דעציילט:

די היגע אידען קויפען פלייש מעהרסטענס ביי קריסטען, נאר פאר ראש השנה קויפען זיי פלייש ביי א אידען. לעצטענס איז צו מיר אריינגעקומען א פאריזער איד מיט זיינעם א אינגעל קויפען א מחזור. דערציילט מיר דער איד, אז דאס אינגעל זיינס האט שוין אזוי פיל שכל, אז ער האט איהם געפרעגט פארוואס אין די טעג קויפט ער דוקא פלייש ביי א אידען״.

— וואס האט איהר איהם געענטפערט? — פרעגט דעם ספרים סוחר ביים איד, און דער ענטפער איז געווען: „איך האב איהם דערצעהלט, אז אידן זיינען מל דאס פלייש, דעריבער קויף איך דאס פלייש פאר ניי יאהר . . . עס איז א וויץ, זאגט איהר? נו, די מעהרסטע דא ווייסען אזוי פון אידישקייט ווי אט דער וואס איז געקומען קויפען דעם מחזור״.

אין נאציאנאלען זין, זאגט מיר ווייטער דער איד, איז מען דא אויך קראנק,

און דאָס האָט שוין צוויי אורזאַכען: ערשטענס די רעליגיעזע שוואַכקייט, און צווייטענס, צוליב דר. נאָרדאו׳ס און מאַרמאָרעק׳ס געדעכטע טענות צו דער ציוניס־טישער ליטונג און טאַקע דערפאַר האָבען זיך די פראַנצויזישע אידען ניט געוויזען צום אַכטען קאָנגרעס. ביי יענעם קאָנגרעס האָט זיך טאַקע שטאַרק אָנגעזעהן די אָב־וועזענהייט פון די פראַנצויזישע אידען.

מיין רייזע קיין דייטשלאַנד

אַרויספאָהרענדיג בלויז אַ האַלבע שטונדע פון פּאַריז, האָט מען שוין דערקאַנט דעם חורבן וואָס די דייטשען האָבען אָנגעמאַכט אין פראַנקרייך אין דער ערשטער מלחמה. איהר האָט באַמערקט אויפ׳ן וועג בלויז חורבות מיט חורבות. גאַנצע שטעט פאַרוואַנדעלט אין שטיינער און ציגעל. די ערד צעגראָבען אין טראַנשייען. די איבערגעבליבענע הייזער דורכגעלעכערט פון אַלע זייטען פון דייטשע קוילען. אַט דאָס זיינען די דייטשען און דאָס האָבען זיי געטאָן צו פראַנקרייך נאָך אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, שוין ניט צו רעדען פון דער צווייטער.

אויפ׳ן באַהן, אין אינטערנאַציאָנאַלער צוג דאָ, האָב איך באַמערקט אַז ווען אַ פראַנצויז קוקט אַרויס דורכ׳ן פענסטער און זעהט די חורבות פון זיין לאַנד, פאַרקרימט ער אַזש זיין געזיכט, אָבער אַ דייטש וואַגט ניט אַרויסצוקוקען פון פענסטער, כדי מען זאָל אין איהם ניט דערקענען וואָס ער דענקט דעריבער. איי־נער פון די דייטשע פּאַסאַזשירען, וועלכער האָט זיין קופּיי געהאַט לעבען מיינעם, האָט מיר געזאָגט: ווען איהר, אַמעריקאַנער, אָדער ענגלענדער, וואָלט פון צייט צו צייט באַזוכט דייטשלאַנד און מיט אונז זיך באַקענט, וואָלט איהר אויסגעפינען, אַז ניט נאָר זיינען מיר ניט אַזוי שלעכט ווי פראַנקרייך וויל אויף אונז אויס־טראַכטען, נאָר איהר וואָלט אַלע געוואָרען אונזערע פריינט.

„אמת, זאָגט דער דייטש, מיר זיינען אין קריג געווען אַ צושטערונגס־קראַפט, אָבער מיר זיינען דאָך דעריבער געווען די ערשטע זיגער. אַ זיגער מוז זיך באַ־זאָרגען און דער באַזיגטער מוז דאָך זיין דער ליידענדער. אָבער איצט איז דאָך שוין נאָך דער מלחמה און מיר זיינען די באַזיגטע און עס איז דאָך שוין מעהר ניט נויטיג פאַר׳ן זיג מען זאָל אונז רודפ׳ן . . . מ׳פאַרשוואַרצט אונז דאָס פּנים, מ׳שטעלט אונז פאַר אַלס די ערגסטע. אדרבא, איהר פאָהרט איצט קיין דייטש־לאַנד, זעהט אויב עס איז אמת וואָס די וועלט־פּרעסע שרייבט וועגען אונז״. . .

און איך האָב טאַקע באַמערקט ביי מיין ערשטען באַזוך אין דייטשלאַנד נאָך דער מלחמה, אַז דאָס זיינען גאַרנישט די זעלבע דייטשען. זיי האָבען אַרויסגע־וויזען העפליכקייט צו פרעמדע, אפילו צו אידען, ווי גאָר ניט זייער געוואוינהייט. אָבער ווי קענט איהר באַמערקען אַז דאָס איז אַ העפליכקייט וואָס באַהאַלט דעם באַרבאַרישען צאָרן? איך האָב דאָן אין מיין בוך איבער מיין רייזע געזאָגט די שוואַרצע נביאות, אַז מיט אַלע זייערע העפליכקייטען האָב איך מורא, אַז די

ערגסטע פאַגראָמען אויף אידען און אויף ליבעראַלען וועלען נאָך קומען פון דעם איצטיגען „העפליכען״ דייטשלאַנד. (מעהר פאַקטען וועגען דער דאַמאַלסטדיגער העפליכקייט וועט דער לעזער געפינען אין צווייטען קאַפּיטעל פון מיין דערמאָנטען בוך, וואו איך גיב איבער איינדרוקען פון דעם וואס איך האָב געזעהן, ווען איך בין צוריקגעקומען קיין בערלין נאָך מיין באַזוך אין פּוילען).

עס איז מיר זעהר שווער געווען צו קריגען אַ האָטעל אין בערלין, דאָך האָב איך מיט ה. מ. קייזערמאַנען געדונגען אַ צימער און ווען איך האָב געזאָלט אָפּ־פאָהרען קיין פּוילען איז ביי אונז באַשטימט געוואָרען, אַז קייזערמאַן זאָל אָנהאַל־טען דעם צימער ביז איך וועל צוריקקומען פון פּוילען. אָבער די שוועריגקייטען צו קריגען אַקאָמאָדאַציע אויף אַ באַהן זענען אויך געווען גענוג גרויס. איך האָב אָבער געקראָגען . אַ באַהןבילעט מיט אַ שלאָף־פּלאַץ דורך „כּאָבאָר״ וואס איז דאָן געווען זעהר גאַנגבאַר ניט נאָר אין דייטשלאַנד, נאָר איבער גאַנץ אייראָפּע.

מיין באַזוך אין פּוילען

צוליב אַן אינצידענט אין מאָנטרעאָל מיט דעם דאַמאַלסדיגען פּוילישען קאָנסול, האָב איך ניט געבעטענערהייד געקראָגען פון איהם צוויי רעקאָמענדאַציע־בריוו צו פּוילישע מיניסטאָרען, וואס כאָטש איך האָב די בריוו דאָרט ניט באַנוצט, ווייל איך האָב די מיניסטאָרען ניט געזוכט צו באַגעגענען, זענען אָבער די בריוו מיר צונוץ געקומען ביי צוויי באַזונדערע פאַלען.

דער אינצידענט וואס האָט געפיהרט צו די צוויי רעקאָמענדאַציע־בריוו איז געווען פאָלגענדער:

גלייך נאָך דער מלחמה זענען אָנגעקומען קיין מאָנטרעאָל פילע יונגע אימיג־ראַנטען מיט דעם ציל איבערצופאָהרען פון דאָנען אין די שטאַטען. דאָרטען איז נאָך ניט געווען איינגעפיהרט דער קוואָטע־סיסטעם, אָבער עס איז שווער געווען צו קריגען וויזעס צו די שטאַטען. אָבער ווען די אימיגראַנטען האָבען אין מאָנט־רעאָל וויזירט זייערע פּאַספּאָרטען ביים פּוילישען קאָנסול האָבען זיי גלייך געקענט פאָרען נאָך די שטאַטען אָהן שום שוועריגקייטען.

מיט אַמאָל האָבען זיך דאָ געפונען וועלכע 500 אַזעלכע אימיגראַנטען, וואס האָבען זיך איבערגעשמוגעלט די פּוילישע גרעניץ און דער פּוילישער קאָנסול האָט מעהר ניט געוואָלט וויזירען זייערע פּאַספּאָרטען. די יונגעלייט האָבען זיך דאָ אַרומגעוואָלגערט ניט קענענדיג אָנקומען צו זייערע קרובים און פריינד אין די שטאַטען.

קומט צו מיר אַמאָל רבי זלאָטניק און דערציילט מיר, אַז ער איז געווען ביים פּוילישען קאָנסול, האָט איהם יענער געזאָגט, אַז ער וואָלט זעהר געוואָלט זיך באַקענען מיט מיר, ערשטענס, ווייל איך בין אַ פּויליש־געבוירענער, צווייטענס אַן אַרויסגעבער פון צוויי צייטונגען און דריטענס דער פּרעזידענט פון דעם

דאַמאָלסדיגען פוילישען פאַרבאַנד. האָט ער זעהר חשק מיט מיר זיך צו באַקענען. און אַזוי ווי מיר האָבען געהאַט דעם פּראָבלעם מיט די פינף הונדערט פוילישע יונגעלייט, האָב איך אויסגענוצט די געלעגענהייט צו געהן זיך באַקענען מיט'ן פוילישען פאַרשטעהער.

דער קאָנסול האָט מיך אויפגענומען זעהר פריינדליך. זיין וויצע־קאָנסול, אַן אַסימילירטער קראָקאָווער איד, האָט זיך געדרעהט אַרום מיר כעבד לפני רבו. מיר האָבען גערעדט איבער פאַרשיידענע פּראָבלעמען ביז איך בין געקומען צו דער פראַגע פון די פינף הונדערט פליטים.

בעת דעם געשפּרעך האָב איך געפרעגט:

— וואָס טוט מען אין פּוילען מיט אַ מאַן וואָס שמוגעלט זיך אַריבער די גרעניץ און מ'כאַפּט איהם, פאַר'משפּט מען איהם צום טויט?

— חלילה — זאָגט ער — מ'באַשטראָפט איהם מיט הונדערט זלאָטעס, וואָס באַטרעפט היינט 5 דאָלאַר.

— אויב אַזוי — זאָג איך — פאַרוואָס זשע פאַר'משפּט איהר די 500 אידען כמעט ווי צום טויט, וואָס זיי דאַרפען זיך דאָ אַרומוואַלגערען און הונגערען? איהר קענט דאָך זיי הייסען באַצאָלען צו 5 דאָלאַר שטראָף און זיי לאָזען פאָהרען. ערשטענס וועט איהר ראַטעווען דאָס לעבען פון די 500 יונגעלייט און צווייטענס וועט איהר האָבען עטליכע טויזענט דאָלאַר אין דער קאַסע פאַר אייערע אויסגאַבען.

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער אַסימילירטער אידישער וויצע־קאָנסול און געזאָגט: — יאָ, נאָכדעם וועט איהר שרייבען, אַז דער פוילישער קאָנסול ראַבירט די אידישע אימיגראַנטען און הייסט זיי באַצאָלען 5 דאָלאַר פון אַ וויזע.

— און אַז איך וועל זאָגען דאָס דער פוילישער קאָנסול מאַכט אומגליקליך די פליטים וואָס ער לאָזט זיי ניט פאָהרען צו זייערע קרובים, וועט עס אייך זיין ליבער? — האָט איך געפרעגט.

— מילא — זאָגט דער „איד" — ווען עס זאָל כאָטש זיין אַ טויזענט דאָלאַר אַ שטיק, איז עפּעס אַנדערש.

דאָס האָט מיך שטאַרק אויפגעבראַכט. איך האָב געזאָגט, אַז אויב דאָס איז דער צוועק צוליב וואָס דער פאַן קאָנסול האָט אויסגעדריקט אַ פאַרלאַנג זיך צו באַקענען מיט מיר, וועל איך שוין וויסען וואָס צו טאָן . . . איך האָב זיך אויפגעהויבען אַוועקצוגעהן.

דער פוילישער קאָנסול האָט מיך אַנגענומען פאַר'ן האַנט און ניט געלאָזט אַוועקגעהן.

— זייט ניט אויפגערעגט, דער וויים־קאָנסול האָט דאָס ניט געמיינט — האָט ער מיך פאַרזיכערט — אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך האָב געקראָגען דעם באַפעל פון פּוילען מעהר ניט צו געבען קיין וויזעס צו די, וואָס האָבען גע־שמוגעלט די פוילישע גרעניץ?

— איהר דארפט — זאג איך — לאזען ויסען ווארשע, אז דער צארן איז דא זעהר גרויס פאר ניט געבען די וויזעס צו די פינף הונדערט יונגעלייט, אבער ווען מען וועט אייך ערלויבען צו וויזירען די 500 וועט איהר לאזען ויסען אלע שיפס־קאמפאניעס, אז מעהר וועט מען דא קיין וויזעס ניט געבען. זאל דאס די פוילישע רעגירונג לאזען ויסען דורך די צייטונגען וועלען זיי אויפהערען צו קומען דורך קאנאדע.

איך האב ווייטער פארגעשלאגען צו באצאלען פאר דעם קייבעל, אבער דער קאנסול האט זיך ענטזאגט צו נעמען געלט פון מיר און האט מיך ארויסבאגלייט און געבעטען ניט ברוגז זיין, נאר זיך מיט איהם זעהן נאכאמאל.

דעם צווייטען טאג האט מיר דער קאנסול טעלעפאנירט, אז ער וויל איך זאל אנאנסירען אין דער צייטונג, אז ער וועט די 500 וויזירען זייערע פאס־פארטען, אבער א ווארנונג דארף געגעבען ווערען צו די, וואס זענען נאך ניט אריבערגעקומען אז מעהר וועט דאס ניט פראקטיצירט ווערען. איך האב איהם באדאנקט און ער האט מיך געבעטען איהם נאכאמאל באזוכען ווען ער וועט זיין אין א בעסערער שטימונג.

די 500 פליטים האבען אלע געקראגען פרייע וויזעס און איך האב אין צייטונג אויסגעדריקט א דאנק דעם קאנסול און ער האט נאך דעם זעלבען טאג זיך דער־וואוסט דערפון און דאס אנערקענט דורכ'ן טעלעפאן.

מיט עטליכע וואכען שפעטער, ווען איך האב באשטימט צו מאכען די רייזע קיין אייראפא, האב איך טעלעפאנירט צום קאנסול וועגען מיין וויזע, האט ער זיך פשוט דערפרעהט וואס איך געה אפשטאטען א וויזיט אין פוילען, און ער האט פארלאנגט איך זאל צו איהם קומען פערזענליך מיט'ן פאספארט צו וויזירען וועט ער מיט מיר איבעררייד[ען] וועגען געוויסע זאכען וואס וועלען מיר נוצליך זיין צו וויסען.

ווען איך בין געקומען מיט מיין פאספארט צום קאנסול האבען מיר אנגע־הויבען צו רעדען וועגען די נייעס וואס איז געקומען פון פוילען איבער דער שלעכטער באהאנדלונג פון אידען און ער האט פרובירט עס אפלייקענען און מיר דערציילט, אז אין פוילישען סיים האט מען דורכגעפיהרט א געזעץ, אז די אידען וואס זענען אפגעפארען קייץ פאלעסטינע און זיך אויסגעשטראכען אלס פוילישע בירגער אבער ווילען איצט קומען צוריק, ווייל עס געהט זיי שלעכט אין פאלעס־טינע, זאל מען צוריק אויפנעהמען און זיי צוריקגעבען די בירגערשאפט.

איך האב דערביי א שמייכעל געטאן. דער קאנסול האט פארשטאנען מיין שמייכעל, רופט ער זיך אפ:

„איך זעה אז איהר גלויבט עס ניט, נו אז איהר וועט זיין אין פוילען וועט איהר זיך איבערצייגען. אט האב איך פאר אייך צוויי רעקאמענדאציע־בריוו, איינעם צום מיניסטער וואס האט צו טאן מיט אימיגראציע וואו איך בעט איהם

אייך צו ווייזען די באַשלוסען פון דעם סיים וועגען די פּאַלעסטינער אידען, און אַ צווייטען בריוו צום אינערן מיניסטער מ׳זאל אייך באַהאַנדלען אַלס אַן אויס־לענדישען צייטונגס רעדאַקטאָר און אייך געבען די פּריווילעגיעס פון פרייע באַהן און אַנדערע פּריווילעגיעס. און ער דערלאַנגט מיר די צוויי פּאַרטיגע בריוו. איך האָב איהם נאַטירליך שטאַרק באַדאַנקט. כאָטש איך האָב ניט באַזוכט די מיניס־טאַרען, האָבען אָבער די צוויי בריוו מיר געטאָן היבשע טובות, ווי שוין איינמאָל געזאָגט.

אויף דער באַהן צווישען בערלין און וואַרשע האָב איך אַנגעטראָפען אַ פּאָליאַק, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר אַ היבשען אַנטיסעמיט. שטעהענדיג מיט איהם ביים פענסטער, האָב איך אַרויסגענומען אַן אַמעריקאַנער פּעקעל סיגאַרע־טען צו פאַררויכערען. האָט דער חברה־מאַן אַ בליק געגעבען און געזאָגט אויף פּויליש: „דו מוזט זיין אַן אַמעריקאַנער״. איך ענטפער איהם, אַז איך בין אַ קאַנאַדער און ביז איהם מכבד מיט אַ סיגאַרעט און מיר הויבען שוין אָן צו ריידען וועגען דער לאַגע אין פּוילען.

„עס קומען ניט גענוג קיין טוריסטען״, זאָגט ער מיר.

„עס קומען ניט, זאָג איך, קיין טוריסטען, ווייל פּוילען מאַכט זיך ניט קיין גוטען נאָמען מיט דעם אופן ווי זי באַהאַנדעלט די אידען״.

„אַהאַ, זאָגט ער מיר מיט שפּאַס, די אידען זיינען שולדיג אין אַלע צרות; די אידען אין פּוילען זענען אַלע קאָמוניסטען״.

„ווען דאָס וואָלט אפילו געווען אמת, זאָג איך, וואָלט איך געקענט אייך זאָגען, אַז איהר מאַכט זיי פאַר קאָמוניסטען מיט אייער באַהאַנדלונג. דאָס שאַדט פּוילען, ווייל עס קלינגט אָפּ אפילו ביי אונז אין קאַנאַדע״.

„מיט וואָס שאַדט עס?״ פרעגט ער מיט רציחה.

און איך זאָג איהם, אַז ווען פּוילען האָט געזוכט צו מאַכען אַן הלואה און דער פּוילישער קאָנסול האָט מיך געבעטען איך זאָל איהם העלפען פאַרקויפען פּוילישע באָנדס, האָב איך איהם געענטפערט, אַז ניט נאָר וועלען אידען ניט וועלען קויפען, נאָר אפילו קריסטען וועלען אויך ניט קויפען צוליב דעם שלעכטען נאָמען וואָס זי מאַכט זיך.

ער האָט מיר געזאָגט אַז ער גלויבט ניט, אַז דער קאָנסול האָט זיך צו מיר געווענדעט. נעהם איך אַרויס די צוויי בריוו פון מיין קעשענע און ווייז איהם, אַז דער פּוילישער קאָנסול איז מיט מיר באַפריינדעט. ער האָט אויפגעעפענט די בריוו און איז געבליבען שטעהן גאָר מיט אַן אַנדער צורה. עפּעס האָט ער גלייך געקראַגען דרך ארץ פאַר מיר.

גלייך ביי דעם איז די באַהן אַנגעקומען צו דער דייטש־פּוילישער גרעניץ. דאַ דאַרף מען אַרונטערגעהן מיט׳ן באַגאַזש צו רעווידירען אויב מ׳פיהרט ניט עפּעס אַרויס פון דייטשלאַנד. מיר געהען אַרונטער מיט דעם באַגאַזש און קומען

גלייך צוריק און ערוואַרטעו אין אַ האַלבע שטונדע די זעלבע פּראָצעדורע אויף דער פּוילישער זייט גרעניץ.

אָבער ווי מ'האָט נאָר דערגרייכט די פּוילישע זייט, איז דער פּאַליאַק נעלם געוואָרען. איך טראָג אַרונטער מיין קליינעם באַגאַזש וואָס איך האָב מיט מיר געהאַט, ווייל איך האָב אין בערלין איבערגעלאָזט דעם הויפּט באַגאַזש און קום צום ערשטען צו אַ פענסטערל, וואו עס זיצט אַ פּוילישער באַאַמטער מיט אַ רויטען פּאַס אויפ'ן היטעל און אַ פּאַר געדרעהטע וואָנצעס, און איך לעג איהם אַוועק מיין פּאַספּאָרט. איך זעה ווי דער גוי קריגט גאָר אַן אַנדער פּנים. ער רעדט מיט מיר נאָר מיט'ן לשון „פּראָשע פּאַניע" (ביטע מיין הער). ער שטעמפּעלט מיר דעם פּאַספּאָרט אָהן וועלכע פּראַגען. גלייך רופט ער אַ פּאָליציאַנט ער זאָל מיר צוטראָגען מיין רענצעל צו דער קאַסטאָם־אָפּטיילונג און ציהט דעם הוט פאַר מיר ביים אַוועקגעהן. דער פּאָליציאַנט ברענגט מיך צום קאַסטאָמס אָפּיס און דער באַאַמטער פרעגט מיך מיט אַן העפליך געמאַכט פּנים: „וויפיל געלט האָט איהר," וויל איך איהם וויזען. „ניע טשעבאַ, ניע טשעבאַ, פּראָשיע פּאַניע" (מ'דאַרף ניט, מ'דאַרף ניט, מיין הער, מיר גלויבען אייך). דאַן פרעגט ער מיך: „האָט איהר עפּעס צו דערקלערען?" וויל איך עפענען דעם וואַליז, זאָגט ער ווייטער מיט דער זעלבער העפליכקייט: „ניע טשעבאַ" און „פּראָשע פּאַניע" און הייסט דעם פּאָלי־ציאַנט אַז ער זאָל אַרויפטראָגען מיין וואַליז צו מיר אין וואַגאָן אַריין.

פרעג איך דעם באַאַמטען: „צו וואָס האָט איהר מיך אַריינגענומען אין אַ זייט, אַז איך האָב איהם דאָרטען געזעהן דורך אַ פענסטער.

נו יאָ, זאָגט ער, אַזעלכע מענשען ווי איהר פרעגט מען ניט אויס אין דרויסען, ווייל טאָמער איז דאָרט פאַראַן אַ גנב, זאָל ער ניט זעהן וואו איהר האַלט אייער געלט, און דאַריבער שיק איך מיט אייך דעם פּאָליציאַנט ער זאָל אייך צוריק ברענגען אויף דער באַהן".

איך געה צוריק פאַרוואונדערט פון דער גוטער באַהאַנדלונג. אָבער געהענ־דיג פאַרביי אַ פענסטער פון די אָפּיסעס, האָב איך באַמערקט אינוועניג דעם פּאַליאַק, וואָס איז מיט מיר צוזאַמען געפאָרען. האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז די גוטע באַהאַנדלונג האָט ער מיר דאָרט געשאַפען. און אַזוי איז עס טאַקע געווען, ווייל ווען ער איז צוריקגעקומען אין מיין וואַגאָן, האָט ער מיך גלייך גע־פרעגט: „איז דער טייוועל אַזוי שוואַרץ ווי מען מאָלט איהם ביי אייך?"

איך האָב צוגעגעבען, אַז מ'האָט מיך זעהר גוט באַהאַנדעלט און איהם גע־זאָגט, אַז איך האָב איהם דאָרטען געזעהן דורך אַ פענסטער.

„נו יאָ", זאָגט ער, „איך האָב דאָרט אַ שטיקעל צד און איך האָב בלויז געזאָגט, אַז מען זאָל אייך ניט באַלעסטיגען".

אָט דאָס איז געווען מיין ערשטע טובה פון די צוויי בריות. מ'האָט מיך ממש באַדינט ביי דער גרעניץ. ווער דער פּאַליאַק איז געווען, האָב איך ניט אויסגע־

פונעם ביז היינט, אָבער איך בין זיכער, אַז ער איז געווען פאַרבונדען מיט דער רעגירונג.

לאָדז און וואַרשע

גאַנץ פריה בין איך אָרונטערגעשטיגען אין לאָדז, און טאַמער האָב איך אייך פריהער געזאָגט, אַז אין דייטשלאַנד פאַרשטעלט מען זיך מיט העפליכ־קייט, קען עס אויף פּוילען געזאָגט ווערען „וחלופיהן בגולם״, אַז אין פּוילען איז געווען פּונקט פאַרקערט: מ׳האָט אַנגעזעהן דאָס רשעות אין יעדען ווינקעלע, ווי אין דעם עפענטליכען לעבען אַזוי אין דער פּוילישער פּרעסע און איבעראַל וואו מ׳האָט זיך נאָר געווענדעט.

עס איז מיר שווער געווען צו קריגען אַ האָטעל אין לאָדז ביז דר. ראָזענבלאַט, אַ מיטגליד פון סיים, וועלכער האָט מיך גוט געקענט פון זיין וויזיט אין מאָנט־רעאַל גלייך נאָך דער מלחמה, ווען איך האָב איהם געהאָלפען קריגען פאַר די פּויליש־אידישע לעהר־אַנשטאַלטען צעהן טויזענט דאָלאַר פון אונזער צענטראַלען רעליף קאָמיטעט — אַט דער דר. ראָזענבלאַט האָט מיר געהאָלפען קריגען אַ צימער אין אַ האָטעל און האָט פאַר מיר אויך געקראָגען אַ באַהן־בילעט פאַר מיין רייזע קיין וואַרשע וואָס איז געווען זעהר שווער צו קריגען.

איך האָב מיין ערשטען וויזיט אין לאָדז געמאַכט ביי מר. עטינגער, פון וועל־כען איך האָב שוין געשריבען אין מיינע זכרונות. דאָס איז דער, וואָס צוליב אַן אינצידענט מיט איהם אין געריכט האָב איך אָפּגעמאַכט ביי מיר צו פאַרלאָזען פּוילען.

איך האָב אויך פאַרבראַכט אַ צייט ביי דר. ראָזענבלאַט אין זיין דאָקטאָר׳ס אָפיס און צוגעזעהן סצענעס פון אַ סך מענשליכע ליידען; האָב אויך באַזוכט די אידישע צייטונג, פאַרשידענע אינסטיטוציעס און מעהר ווי צרות האָב איך אין ערגעץ ניט געטראָפען.

מילא, די אַלע זאַכען ווייסען די לעזער. פילע פון די דאַמאָלסדיגע אידען אין פּוילען געפינען זיך איצט אין אַמעריקע און זענען נצול געוואָרען פון דער איצטיגער קאַטאַסטראָפע, דערמאַנען זיי זיך מסתמא און דערציילען די דאַמאָלס־דיגע צרות אין פריידען. איך האָב אַ טייל דערפון באַשריבען אין מיין בוך צוריק־קומענדיג פון דער רייזע. אָבער עטליכע אינצידענטען זענען דאָך ווערט צו דער־מאָנען, ווייל זיי קענען געבען אין קורצען אַ כאַראַקטעריסטישע אָפּשפּיגלונג פון דעם פּוילען נאָך דער ערשטער מלחמה ווען דאָס פּוילישע פאָלק האָט געקראָגען די פרייהייט אַלס אַ זעלבסטשטענדיגע נאַציע.

ווי געזאָגט, האָט דר. ראָזענבלאַט פאַר מיר געקראָגען אַ בילעט ערשטע קלאַס קיין וואַרשע, אָבער קיין באַזונדערע בילעטען פאַר ערשטע קלאַס האָט נאָך דאַן פּוילען ניט געהאַט, נאָר פאַר דריטע קלאַס האָט מען געקויפט איין בילעט, פאַר

צווייטע קלאס צוויי בילעטען, און פאר ערשטע קלאס האט מען געקויפט דריי בילעטען.

בין איך מיט די דריי בילעטען צוגעקומען צו דער ערשטער קלאס, איז אבער דער וואגאן געווען געפאקט אז מ'האט אפילו ניט געהאט וואו אפצולעגען דעם וואליז פון דער האנט, שוין אפגערעדט פון א פלאץ צו זיצען. בין איך דאן אריין אין צווייטען קלאס — דאס זעלבע. געה איך שוין אריין אין דריטען קלאס און געפין דארטען די זעלבע ענגשאפט, נאר אזוי ווי איך האב דארטען געטראפען סאמע אידען, בין איך שוין דארט געבליבען שטעהן. ווען דער קאנדוקטאר איז אריינגעקומען קאנטראלירען די בילעטען, האב איך איהם געוויזען אלע דריי. זאגט ער צו מיר: „איהר האט דאך בילעטען פאר'ן ערשטען קלאס".

„יא, זאג איך, אבער דארט איז קיין פלאץ ניט געווען".

„אויב אזוי, זאגט ער, דארפט איהר באצאלען פאר א דריטען קלאס בילעט".

„וואס זאגט איהר? — וואונדער איך זיך — ווען איך זאל אייך ווייזען איין בילעט וואלט איהר פון מיר ניט געמאנט מעהר, נאר אז איך ווייז אייך אז איך האב באצאלט פאר דריי בילעטען, ווילט איהר איך זאל באצאלען א פערטען פאר פארען אין דריטע קלאס?"

„יא, זאגט ער, איהר האט געקויפט דריי בילעטען פאר ערשטע קלאס, האט איהר קיין רעכט ניט צו פארנעמען א פלאץ אין דריטען קלאס, סיידען איהר באצאלט א דריטע קלאס בילעט".

איך האב זיך געשפארט מיט איהם, אבער די אידען אין וואגאן האבען זיך געבעטען: „ר' איד וואס שפילט ביי אייך א ראלע נאך א בילעט? מיר האבען דאך מורא עס זאל ניט זיין קיין צרות פאר אונז אלעמען" . . . (אין יענער צייט פלעגט מען אידען ארונטערוואַרפען פון באנען אהן א שום אורזאכע).

איך האב באצאלט פאר א פערטען בילעט און ביים ארויסשטייגען פון באן בין איך אריין צום נאטשאלניק פאר איהם זיך באקלאגען, ווייל מיר איז געווען אינטערעסאנט צו וויסען וואס די הויכע אנגעשטעלטע וועלען זאגען וועגען דעם.

אבער איך האב געקראגען אלץ דעם זעלבען ענטפער: „יא, איהר דארפט באצאלען". און אז איך האב איהם ערקלערט, אז מיר געהט ניט אין דעם געלט, ווייל 180 מארק מיינט בלויז א סיגארעט אין אמעריקאנער געלט, האט דער חכם מיר אידען שוין אוועקפארען קיין אמעריקע, אבי מיר זאלען פון זיי פטור ווערען" . . .

איך האב דאן געמאכט א באזוך אין מיין געבורט־שטעטעל, שידלאוויצע, זיך געזעהן מיט אלטע באקאנטע, וועלכע איך האב קוים דערקענט נאך וועלכע 35 יאהר אפוועזענהייט; געטאן מיין פליכט צו געוויסע אינסטיטוציעס און קרובים און זיך קוים ארויסגעכאפט א לעבעדיגער פון שטעטעל. פאר מיין אפפארען האב איך באזוכט דאס הויז וואו איך האב געוואוינט מיט מיינע עלטערען און פארבראכט מיינע יונגע יאהרען און בין אוועקגעפארען מיט דעם איינדרוק אנדערש ווי אנדערע

שרייבער, וואָס לעכצען אַזוי נאָך זייער שטעטעל און באַשרייבען מיט אַזאַ ליבּ־שאַפט דאָס טייכעלע מיט די בוימער מיט אַלץ וואָס זיי האָבען דאָרט איבערגע־לאָזט. איך אָבער, בין געקומען צום באַשלוס, אַז עס איז ווערט צו קומען צוריק אינ׳ם געבורט שטעטעל, כדי צו ווערען אַביסעל אויס יחסן, ווייל דאָ זעהט מען דעם „מאין באת״ — זעה פון וואַנען דו קומסט אַרויס, ווי אַזוי דו האָסט דאָ געלעבּט, און זיי בּיי זיך ניט קיין יחסן . . . אַט איז דעם הויז פון צוויי צימערען האָבען מיר געלעבט, אַ פאַמיליע פון אַרום 6 פּערזאָן, און דערצו פאַרדונגען אַ ווינקעל אין איין צימער פאַר אַ שכן פון דריי מענשען.

מיין צוריקפאָרען איז אויך ניט געווען זעהר קיין אַנגענעהמער, ווייל עס האָט פונקט אויסגעבראָכען אַ סטרייק אויף די באַנען און איך האָב געדאַרפט זיין אויפ׳ן קאָנגרעס אין קאַרלסבאַד און עס האָט מיר גענומען פיר טעג צו קומען פון וואַרשע קיין בערלין. אַט די רייזע האָב איך אָפּגעגעבען וועלכע צעהן זייטלאַך אין מיין בוך „איראָפּא און ארץ ישראל נאָך דער מלחמה״. אַזוי אינטערעסאַנט איז עס געווען פאַר מיר ניט אַכטענדיג אַלע צרות וואָס איך האָב געדאַרפט דורכ־מאַכען.

צוריק קומענדיג קיין בערלין האָט שוין קייזערמאַן געהאַט אָפּגעפאָרען קיין קאַלסבאַד און מיר איז ווייטער שווער געווען צו באַקומען אַ האָטעל, אָבער פאָרענ־דיג צוזאַמען מיט אַן איטאַליענער, וועלכער איז געווען אַ דעלעגאַט צו דער פעל־קער ליג און ווערענדיג זעהר באַפריינדעט מיט איהם, האָט ער מיר געשאַפען אַ האָטעל דורך זיינע לאַנדסלייט, די איטאַליענער אין בערלין.

אין אַט דעם האָטעל האָב איך אַנגעטראָפען די טאָכטער פונ׳ם אייגענטימער, וועלכע איז געווען אַ מיטאַרבייטערין אין „בערלינער טאַגעבלאַט״. אַזוי ווי זי האָט באַמערקט אין מיין פּאַספּאָרט, אַז איך בין אַ צייטונגסמאַן, האָט זי מיר אונטערגעשיקט צייטונגסלייט פאַר אינטערוויוס. און ניט אַכטענדיג זייער פריינד־ליכקייט און זייער ווילען אויפצווייזען וואָס פאַר אַ פיינע לייט די דייטשען זענען, האָב איך דאָך בּיי זיך אָפּגעמאַכט, אַז עס וועט ניט דויערען לאַנג ווי אַ נייע מלחמה וועט אויסברעכען און אַז פּאָגראָמען אויף אידען זיינען אומפאַרמיידליך.

פון בערלין בין איך אָפּגעפאָרען קיין קאַרלסבאַד צום קאָנגרעס. קומענדיג קיין קעלן איז אויף דער באַן אַרויפגעקומען, טאַקע אין דעם זעלבען וואַגאָן, וואו איך האָב געהאַט מיין קאַבינע, פּרופ׳ וויצמאַן, נחום סאָקאָלאָוו, לואיס ליפּסקי און אַנדערע, מיט וועלכע איך בין געווען באַקאַנט און מ׳האָט אַנגעהויבען צו פּיהלען דעם קאָנגרעס שוין אויף דער באַן.

מיר האָבען דאָן פאַרבראַכט צוזאַמען ביז אונזער אַנקומען קיין קאַרלסבאַד צום 12 טען ציוניסטישען קאָנגרעס — דער ערשטער קאָנגרעס נאָך דער מלחמה.

אויפ׳ן וועג האָט איינער פון די דעלעגאַטען ערקלערט אַז מ׳ריכט זיך אויף 50 דעלעגאַטען פון סאָוועט־רוסלאַנד.

„סטייטש — פרעג איך — ווי אזוי וועלען זיי איצט ארויסקומען פון רוס־לאנד?" אויף דעם האט סאקאלאוו זיך אנגערופען: „גוט, גוט, א מאדנע, געהט, איהר זייט צו נאאיוו. פרעגענדיג אזא פראגע. מיך וואונדערט נאר ווי אזוי אידען קענען זיך איינ־האלטען אין א פלאץ, אבער ווי אזוי זיי וועלען זיך ארויסכאפען, דאס וואונדערט מיך קיינמאל ניט" . . .

און אין דער אמת'ן זענען געקומען צום קאנגרעס 52 דעלעגאטען פון רוסלאנד. ווי אזוי זיי זענען פון דארט ארויסגעפארען צו א ציוניסטישען קאנ־גרעס, דאס איז איצט ניט די צייט צו באשרייבען.

איך האב אין קארלסבאד פארבראכט מעהרסטענס מיט די דעלעגאטען פון רוסלאנד, און כאטש איך האב אין מיין בוך אויס פארשטענדליכע אורזאכען ניט געקענט באשרייבען מיינע ערפארונגען פון דאמאלסדיגען רוסלאנד, בין איך אבער גוט אינפארמירט געווארען. זעהר ווייניג פון די 52 דעלעגאטען זענען דאן צוריק־געפארען קיין רוסלאנד.

דאס אינטערעסאנטסטע ביים קאנגרעס איז געווען צו באמערקען ווי דעלע־גאטען פון פארשידענע לענדער טרעפען זיך און אפילו דעלעגאטען פונ'ם זעלבען לאנד, וועלכע האבען צוליב דער מלחמה זיך ניט געזעהן, האבען דארט איינער מיט'ן אנדערען זיך ארומגעכאפט, זיך צעקושט און מיט טרערען פון שמחה זיך גע־פרעהט וואס מ'האט דערלעבט זיך ווידער צו זעהן.

ביים צוועלפטען קאנגרעס זענען די מעהרסטע דעלעגאטען געווען איינגע־טיילט אין בראנדייס'יסטען און ווייצמאנ'יסטען. די בראנדייס'יסטען האבען גע־האלטען, אז ארץ ישראל דארף געבויט ווערען מעהרסטענס מיט פריוואטע אינ־וועסטמענטס, וואס דארפען דערמוטיגט ווערען, בעת די ווייצמאנ'יסטען האבען געהאלטען, אז דער קרן היסוד דארף אויפבויען ארץ ישראל. דעם אמת געזאגט, בין איך אויך שוין געווען געניגט צו די בראנדייס'יסטען, אבער איך האב געזוכט צו קריגען אנהענגער פאר א קאמפראמיס צווישען ביידע שטאנדפונקטען, עס מיינט טאקע קרן היסוד, אבער צו דער זעלבער צייט אויך דערמוטיגען פריוואטע איני־ציאטיווע. אבער ביידע צדדים זענען געווען ניט פון די נאכגעבער, און דאן האב איך ביי זיך באשטימט, אז די ציוניסטישע טוער, ווי גערעכט זיי זענען מיט זייער ארבייט און ווי ווינשענסווערט די ארבייט איז פאר'ן אונגליקליכען נע ונד פאלק, זענען זיי דאך פון דעם טיפ וואס באזיצט א „סינגעל טרעק מיינד". זיי געהען אויף איין „טרעק" און קיין אנדער געדאנק האט דעריבער ניט קיין פלאץ אין זייערע מוחות. און אט די „סינגעל טרעק" אידייע ארבייט איז אלע ריכטונגען, אויך אין דער שפראכען־פראגע, וואס פיהרט צו דעם, אז אין ארץ ישראל ווערט ניט דערלאזען א שריפט אין אידיש, כאטש א סך מענשען דארטען לעכצען נאך א געשריבען ווארט אין דער שפראך וואס זיי קענען אמבעסטען.

איך האב אין קארלסבאד אויך בייגעוואוינט די מזרחי קאנווענשאן איידער

דער קאָנגרעס האָט זיך אָנגעהויבן. איך האָב אויך גענומען אָנטייל אין די פאַרשיידענע קאָמיטעס ביים קאָנגרעס, אַזוי אַז איך בין דאָרט אויך געווען היבשלאַך פאַרנומען מיט אַרבייט. דערצו איז געווען די אויפגאַבע יעדן טאָג צו שרייבן אַרטיקלען פאַר דער צייטונג.

אָבער דער 14־טער קאָנגרעס איז פאַר מיר געווען זייער אינטערעסאַנט, און איך האָב באַשלאָסן פון קאַרלסבאַד גלייך אָפּצופאָרן קיין ארץ ישראל. איך האָב גלייך באַזאָרגט מיין שיפסקאַרטע, וואָס איז דאַן געווען זייער שווער צו קריגן, ווייל אַ שיף איז נאָר אָפּגעגאַנגען איינמאָל אַ וואָך פון טריעסט — יעדן פרייטאָג. און אַזוי ווי איך האָב געוואָלט אָנקומען קיין ארץ ישראל אַ צוויי וואָכן פאַר ראש השנה, בין איך געווען דער ערשטער דעלעגאַט, וואָס איז אָנגעקומען קיין ארץ ישראל נאָכ׳ן קאָנגרעס.

אויפ׳ן וועג קיין ארץ ישראל

ווען איך בין אין טריעסט אַרויף אויפ׳ן שיף, האָב איך דאָרט אויך געטראָפן אַן אינטערעסאַנטע געזעלשאַפט. אין עס־זאַל האָט גענעראַל סטאָרס, גאָווערנאָר פון ירושלים, איינגעאָרדנט, אַז בן יהודה, דער באַוואוסטער העברייאישער פילאָ־לאָג מיט זיין פרוי, רבי פישמאַן, מזרחי־פיהרער אין ירושלים און איך זאָלן עסן צוזאַמען ביי איין טיש. איהר פאַרשטעהט דאָך מסתמא, אַז די חברותא איז מיר געווען זייער ליב און אינטערעסאַנט.

בן יהודה ע״ה האָט געהאַלטען אין איין ריידן צו מיר דוקא אין העברעאיש און ווען ער איז איינמאָל צוגעקומען אויפ׳ן דעק, וואו איך מיט רבי פישמאַן האָבען גערעדט אין אידיש, האָט ער זיך שטאַרק אָנגע׳ברוגז׳ט אויף רבי פישמאַן, און אויסגערופען: „בושה, חרפה לדבר באידיש בדרך לארץ ישראל״ (אַ שאַנדע, אַ חרפה, אַז אויפ׳ן וועג קיין ארץ ישראל זאָל מען ריידען אידיש). און אַז רבי פישמאַן האָט איהם געזאָגט, אַז מר. וואָלאָפּסקי רעדט ניט קיין העברעאיש, האָט ער אויסגעשריען: „שקר, איך פאַרברענג מיט איהם די גאַנצע צייט אין העברע־איש״.

גענעראַל סטאָרס האָט אויך שוין גערעדט אַ היבש ביסעל העברעאיש. מיר זענעןביידע געשטאַנען אויפ׳ן דעק און דער ים איז געווען זייער שטיל. רופט ער זיך אָפּ צו מיר „מה תאמר לים שלנו?״ (וואָס זאָגסטו עפּעס צו אונזער ים?) ער האָט מיט דער האַנט געוויזען אויף אונז ביידען ווען ער האָט געזאָגט „ים שלנו״ — אונזער ים. עס הייסט מיר זענען שותפים ביידע צו דעם ים.

דער וועג איז געווען זייער אַ פאַרגעניגענדער. אויסער וואָס ביים טיש איז רבי פישמאַן געווען דער, וואָס האָט ניט נאָר זיך אַליין באַזאָרגט מיט „ספּעציעלע מאכלים״, נאָר האָט אויך פאַר מיר באַשטעלט די געבראָטענע קאַרטאָפעל מיט הערינג און טיי. און ווען גאָווערנאָר סטאָרס און בן יהודה האָבען איהם געפרעגט

פארוואס ער באשטעלט אלץ פאר מיר און לאזט עס ניט איבער צו מיין אויסוואל, האט רבי פישמאן געענטפערט: נישקשה, נישקשה, זאל ער עסען אמת'ע כשרות און זאל דאס זיין אן אפקומעניש אויך פאר אייך". נו מילא, האט מען געלעבט מיט געבראטענע קארטאפעל, אבער מ'איז געפארען קיין ארץ ישראל צו וואס איך האב געשטרעבט מיין גאנץ לעבען.

ווען מיר זענען דורכגעפארען דעם נילוס טייך און איך האב ארונטערגעקוקט אין טייך, פרעגט מיר גאווערנאר סטארס וואס איך האב זיך אזוי פארקוקט אויפ'ן טייך, האב איך איהם אויפ'ן ארט געענטפערט:

„איך זוך דא אפשר וועלען מיר געפינען נאך א משה אלס פיהרער, וואס איז אונז אזוי נויטיג היינט". און סטארס האט דאס אנגענומען אלס א סימן, אז איך בין ניט זעהר צופרידען מיט דר. וויצמאן אלס פיהרער. איך האב איהם געמוזט זאגען, אז דר. וויצמאן איז זעהר א גוטער פיהרער, אבער קומט אלץ ניט צו דעם, וואס איז דא אלס קינד ארומגעשוואומען אין דעם טייך, לויט ווי די ביבעל דערצעהלט אונז. סטארס האט דערנאך איבערדערצעהלט צו בן יהודה און רבי פישמאן מיין „גוואלדיגע תורה".

עס איז ווינשענסווערט צו דערמאנענ די ניט־אידישע השגה איבער א גרויסען אידען. ווען גאווערנאר סטארס און איך זענען געזעסען צוזאמען אין דייניגג רום פון דער באהן, וואס פיהרט פון אלעקסאנדריע ביז ירושלים, האט דער גאווערנאר מיר דערצעהלט, אז סער הערבערט סעמיועל איז זעהר א גרויסער מענש, און ער גיט מיר א ביישפיל פון זיין גרויסקייט.

„ראש השנה, יום כפורים קומט סער הערבערט דאווענען אין דער שוהל חורבת ר' יהודה החסיד. ראש השנה געהט ער צופוס אויפ'ן הר הצופים, אבער יום כפור נאכט שלאפט ער ביי מיר. ווען איהר, זאגט ער, גלויבען, אז א גאנצען מעת לעת נעהמט ער ניט קיין זאך אין מויל? האט איהר אמאל געהערט אזא זאך, אז 24 שטונדען זאל א מענש ניט נעהמען אין מויל קיין זאך?"

אט אין דעם איז געלעגען די גרויסקייט פון סער הערבערט סעמיועל אין די אויגען פון א ניט־איד.

אין ירושלים בין איך אנגעקומען פונקט אין מיין געבורטס־טאג, און פריינד וואס האבען מיך ערווארט ביים באהן אין ירושלים, זענען מיט מיר אפגעפארען צום האטעל. עס איז געווען ארום 2 אזייגער נאכמיטאג און גלייך זענען מיר ארונטערגעגאנגען צום כותל המערבי דאווענען מנחה און דאן אלע צוזאמען געהאט מיטאג.

איך וועל אבער קיינמאל אין מיין לעבען ניט פארגעסען מיין אנקומען קיין ירושלים און דערזעהענדיג אויף דער באהן־סטאנציע דעם גרויסען שילד מיט'ן ווארט „ירושלים". איך בין דאן אזוי צומישט געווארען פאר שמחה, אז איך האב אפילו ניט געקענט ענטפערען קיין גלייך ווארט צו די פריינד, וואס האבען

מיך ערוואַרטעט ביי דער סטאַנציע. און דעם גאַנצען וועג וואָס מיר זענען געפאָרען ביז צום האָטעל, האָב איך מיך געפונען עפּעס ווי אין עולם העליון און האָב כמעט ניט געוואוסט וואָס מ׳רעדט צו מיר.

דעם ערשטען טאָג ראש השנה, דאַוונענדיג אין חורבה שוהל, האָב איך זיך באַקענט מיט סער הערבערט סעמיועל. נאָכ׳ן דאַוונען איז ער געווען פאַר קידוש אינ׳ם האָטעל אַמדורסקי, וואו איך בין געשטאַנען, און ביים טיש האָט הרב קוק ז״ל געהאַלטען אַ רעדע, און דאַן עפּעס ספּאָנטאַן האָבען אַלע אויסגערופען מיין נאָמען צו ריידען.

איך האָב גערעדט אין ענגליש און דער אינטערפּרעטער פון סער הערבערט סעמיועל האָט יעדען זאַץ גלייך איבערגעזעצט אין העברעאיש. אַזוי האָט ער אויך געטאָן מיט רבי קוק, וועמעס רייד אין העברעאיש ער האָט איבערזעצט אין ענגליש.

אין מיין רעדע האָב איך דערמאָנט סער הערבערט׳ן, דאָס אין 1911 ווען ער איז געווען דער פּאָסטמאַסטער דזשענעראַל אין ענגלאַנד, איז ער דאַן געווען אויף באַזוך אין מאָנטרעאַל. מיר האָבען פאַר איהם געמאַכט אַן אויפנאַמע אין באַראָן דע הירש אינסטיטוט און אַ תלמידה פון תלמוד תורה האָט איהם דערלאַנגט בלומען מיט דער ברכה, אַז אין קורצען זאָלען מיר האָבען דעם זכות, דאָס ער זאָל זיין אַ מיניסטער אין ארץ ישראל.

„ווי איהר זעהט, האָב איך געזאָגט, האָט די ברכה פון די קאַנאַדער אידען נאָך איבערשטיגען די ערוואַרטונגען, ווייל ניט נאָר אַ מיניסטער זייט איהר אין ארץ ישראל, נאָר דער נציב העליון און האָב אויסגעלאָזט די רעדע, אַז איצט איז אויך דער וואונש פון די קאַנאַדער אידען ווי דער וואונש פון די אידען איבער דער גאַנצער וועלט, אַז די טויערען פון ארץ ישראל זאָלען ברייטער געעפענט ווערען און מ׳זאָל קענען געניסען פון דער דעקלאַראַציע וואָס עטליכע און פופציג לענדער האָבען אין סאַן רעמאָ באַשטעטיגט״.

סער הערבערט האָט געענטפערט און אָנגעוויזען אויף די שוועריגקייטען פון עפענען ברייט די טויערען, און דערביי האָט ער דערציילט ווי איין טאָג איז ער געווען זעהר באַזאָרגט איבער דער לאַגע (דאַן איז גראַדע געווען די אונרוהען אין ארץ ישראל) און זיין פרוי איז אריינגעקומען צו איהם אין קאַבינעט און איהם דערציילט, אַז זי האָט געעפענט אַ תנ״ך איז זי פּונקט געקומען אויף דער זייט פון „אַל תירא ואל תחפז מפניהם״, האָט זי דעם תנ״ך פאַרמאַכט און ווידער געעפענט, איז זי ווייטער געקומען אויפ׳ן זעלבען פּסוק, און אַזוי עטליכע מאָל. „און זי גיט מיר איבער דעם תנ״ד, דערצעהלט ווייטער סיר הערבערט, „און איך עפען איהם אליין און פאַר מיר ערשיינט טאַקע דער זעלבער פּסוק „אַל תירא״.

דאָס האָט ער דערציילט אַלס אַ באַווייז, אַז זיין „דזשאָב״ איז ניט זעהר קיין לייכטער און איז נאָך אפילו שווערער פון משה מיט אהרנ׳ס דזשאָב, ווייל זיי, משה מיט אהרנ׳ען, ווען זיי האָבען געפיהרט די אידען קיין ארץ ישראל, האָבען

זיי געהאט אלע אידען אונטער זיך און מיט זיך, אבער היינט? היינט זענען די אידען צעשפרייט אין דער גאנצער וועלט און א סך פון זיי זענען געגנער פון ציוניזם. ער האט פארזיכערט, אז ער טוט פונדעסטוועגען דאס בעסטע אונטער די אומשטענדען צו זעהן די באלפור־דעקלאראציע דורכגעפיהרט.

איך בין אויסגעפארען גאנץ ארץ ישראל, און די 50 טעג וואס איך האב דארט דאס ערשטע מאל פארבראכט זענען מיר געבליבען אין זכרון אלס די בעסטע פופציג טעג אין מיין לעבען. איך בין דאך אין 1929 און אין 1936 אויך דארט געווען און דארט געוויילט קנאפע 2 חדשים, אבער עס קומט גאר ניט צו מיין ערשטען באזוך.

א פיינעם אנעקדאט האב איך געהערט אין ירושלים וועגען דער גרויסער „חורבה שוהל". די שוהל האט זיך געבויט יאהרען לאנג און מ'האט שוין דארט געדאווענט ווען די שוהל האט נאך קיין דאך ניט געהאט. ווען דער עסטרייכישער קעניג פראנץ יאזעף איז געווען אויף א באזוך אין ירושלים, האט זיין קאנסול, מר. פרידמאן, דער פאטער פון די היינטיגע פרידמאנס פון די וויין־קעלערען אין ראשון לציון, געפיהרט דעם קייזער באזוכען דאס אלטע ירושלים און דארט איהם אויך געוויזען די „חורבה" שוהל. דער קייזער האט געפרעגט מר. פרידמאנ'ען פארוואס די שוהל האט ניט קיין דאך, האט מר. פרידמאן געענטפערט בדרך הלצה: „די סינאגאגע האט איהר הוט געצויגען פאר אייער האהייט". דער קייזער האט דאן א שמייכעל געטאן און געהייסען מאכען דעם דאך אויף זיין רע־כענונג.

מ'האט דארט אויך דערציילט, אז ווען קייזער ווילהעלם איז געווען צו באזוך אין ארץ ישראל, און ער איז ארויפגעקומען אויפ'ן הר הכרמל און פון דארט געזעהן די הערליכע לאנדשאפט, האט ער זיך אויסגעדריקט: „איך טאר דא לאנג ניט שטעהן, ווייל אלס קייזער פון דייטשלאנד האב איך מורא דא לאנג צו פאר־ברענגען, ווארים מיין חשק קען זיך נאך פארגרעסערען צו ערווערבען דאס לאנד פאר דייטשלאנד". אזוי ענטציקט איז ער געווען פאר די לאנדשאפטען קוקענדיג פון הר הכרמל.

איך האב אויך אויפ'ן הר הכרמל פארבראכט א היבשע צייט, און מיינע פריינד האבען מיר דארט געוויזען די מערות אליהו און דאס פלאץ וואו אליהו האט באוויזען זיין נס, ווען א פייער האט פארברענט זיין קרבן און דערמיט בא־וויזען, אז די נביאי השקר נארען דעם עולם מיט זייער עבודה זרה פון „בעל".

איך האב אויך באזוכט אלע היסטארישע פלעצער אין ארץ ישראל אזוי וויט, אז די איינגעבוירענע אין ארץ ישראל האבען מיר פארזיכערט, דאס א גרויסער טייל פון זיי האבען די פילע פלעצער נאך ניט געזעהן. איך האב באזוכט דאס נייע ארץ ישראל מיט אלע קאלאניעס, אזוי גוט ווי דאס אלטע ארץ ישראל פון די צייטען פון דער ביבעל. איך האב אויך באזוכט אלע אינסטיטוציעס. איך שרייב ניט וועגען די אלע באזוכען, ווייל איך האב אין מיין בוך וועגען מיין באזוך געגעבען

אַלע איינצעלהייטען פון יעדען פּלאַץ וואָס איך האָב באַזוכט צוזאַמען מיט דער געשיכטע פון דעם פּלאַץ.

אָבער צוויי פון מיינע באַזוכען וויל איך דאָ דערמאָנען, ווייל זיי האָבען אויף מיר געמאַכט אַ באַזונדערען איינדרוק, ווי למשל דר. וואָלאַד'ס האָספּיטאַל אין ירושלים. איך בין דאָרט אָנגעקומען פרייטאָג נאָכמיטאָג און דר. וואָלאַד איז גראָדע געווען פאַרנומען מיט אַן אָפּעראַציע, און זיין אַסיסטאַנט האָט מיך געבעטען צו וואַרטען.

מיט אַ האַלבע שעה שפּעטער קומט אַריין אין צימער וואו איך האָב געוואַרט אַ איד מיט אַ היבשער באָרד און אַ לאַנגען טלית קטן ביז איבער די קניה, מיט אַ יאַרמולקע אויפ'ן אַלטען גרייז־גרויען קאָפּ און היבשע פאות. ער שטעלט זיך פאָר: „איך בין דר. וואָלאַד". איך בין פּשוט געבליבען פאַרגאַפט, ווייל איך האָב שוין געהערט, אַז ער איז אַ זעלטענער כירורג און טאַקע געוואוסט, אַז ער באַלאַנגט צו דער אגודת ישראל, דאָך האָב איך מיר איהם ניט פאָרגעשטעלט אין אַזאַ הלבשה. מיר האָבען זיך צורעדט און ער דערצעהלט אונז (עס זענען דאָרט מיט מיר מיטגעגאַנגען רעפּאָרטערס פון אַלע צייטונגען), אַז די אָפּעראַציע וואָס ער האָט איצט געמאַכט איז איהם ב"ה געלונגען, אָבער ער האָט פיל נאָכגעטראַכט איידער ער האָט אונטערגענומען די אָפּעראַציע ביז השי"ת האָט איהם איינגעגעבען אין זיין מחשבה, אַז ער זאָל די אָפּעראַציע יאָ מאַכען. דאָס איז געווען אַ פאַל פון אַ טיומאָר אין מוח פון אַ מיטעליעהריגער פרוי. און ער דאַנקט השי"ת וואָס די אָפּעראַציע איז געלונגען און די פרוי וועט בעזרת השם יתברך געזונט ווערען.

דער דאָקטאָר ווייזט אונז דאַן (עס איז געווען פרייטאָג נאָכמיטאָג) ווי מ'רוקט די טעפּ טשאָלענט אין אויווען אַריין פאַר די קראַנקע אויף שבת. „מ'זאָגט, דערקלערט ער, „אַז טשאָלענט איז אַ צו שטאַרקער מאכל פאַר קראַנקע, און איך האַלט, אַז מאכלים לכבוד שבת זענען אַ רפואה, אַ סימן, עס האָט נאָך דאָ חלילה קיינעם פון די חולאים ניט געשאַדט דער טשאָלענט פון שבת קודש, און פילע וואָס זענען שוין אַרויס פון האָספּיטאַל קומען אָפּטמאָל שבת אַהער ספּעציעל עסען אונזער טשאָלענט".

אַט דער מאָדנער דאָקטאָר האָט אויף מיר געמאַכט אַ געוואַלדיגען איינדרוק.

איך האָב אויך באַזוכט דיסקינ'ס בית יתומים און מיט די קינדער פאַרבראַכט אַ צייט. איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך וויל זיי פרעגען אַ פראַגע און דער פון זיי וואָס וועט געבען דעם בעסטען ענטפער וועט באַקומען אַ פונט שטערלינג.

„הערט", זאָג איך צו די קינדער, „איך האָב אַ רעכט צו ברענגען אַהער פופציג יתומים, ווייס איך ניט צי זאָל איך די קינדער ברענגען פון אַמעריקע אָדער איך זאָל זיי ברענגען פון פּוילען?" אַלע האָבען אויסגעשטרעקט די הענטלאַך אַלס צייכען, אַז זיי ווילען ענטפערען. און איך פרעג דעם ערשטען: „וואָס זאָגסטו?"

„מאַמריקה״, רופט ער אויס.

„פאַרוואָס״, פרעג איך איהם, „מאַמריקה? און ער ענטפערט אין אַ פייַנעם העברעאיש: „ווייל די אַמעריקאַנער קינדער קענען זיך גוט שלאָגען (און ער אילוסטרירט עס מיט זיינע פויסטען) און אַז די אַראַבער וועלען אונז באַפאַלען, וועלען זיי כאַפּען אַ מפלה פון די אַמעריקאַנער״.

און אַלע קינדער ברעכען אויס אין אַ געלעכטער — אַ געלעכטער פון פּראָטעסט.

„אָנו״, פרעג איך אַ צווייטען קינד, „וואָס זאָגסטו״ „מפולוניה״, זאָגט ער מיט אַ טריאומף שטימע.

„פאַרוואָס פון פוילען?״ פרעג איך.

„ווייל, זאָגט ער, מיר דאַרפען ניט קיין אַמעריקאַנער זאָלען אונז העלפען. מיר וועלען אליין קאָנען שלאָגען די אַראַבער (און ווייזט אויף זיינע קליינע פויסטען) און דאַן, זאָגט ער, די אַמעריקאַנער אידען קענען אליין אויסהאַלטען זייערע יתומים, ווערענד די פוילישע אידען זענען אָרעם, דאַריבער ברענגט די פוילישע יתומים אהער.

און אַלע קינדער האָבען אַפּלאָדירט.

„וואָס וועט איהר טאָן״, פרעג איך ווייטער, „אַז דאָ ביי אייך איז דאָך ניטאָ מעהר קיין פּלאַץ פאַר קינדער?״ און אַלע שרייען אויס: „מיר וועלען זיך צוטיילען מיט אונזערע בעטען, מיט אונזערע מאַלצייטען, עס וועט זיין גענוג פאַר אַלעמען״.

און דאָ האָב איך געזעהן דעם גייסט פון ארץ ישראל: שיקט אהער וואָס מעהר, נישקשה, מיר וועלען זיך טיילען מיט זיי מיט׳ן ביסען וואָס מיר האָבען. אַזוי פיהלען די דערוואַקסענע און דאָס זעלבע אפילו די קינדערלאַך.

אָבער אינטערעסאַנט איז, אַז איך האָב גלייך אויסגעפונען, אַז דאָס אינגעל וואָס האָט געהייסען ברענגען די קינדער פון פוילען איז אַן אַמעריקאַנער יתום, בעת דאָס קינד וואָס האָט געהייסען ברענגען די קינדער פון אַמעריקע איז אַ יתום פון פוילען.

איך האָב זיך אויך אינטערעסירט צו האָבען אַ שמועס מיט די אַלטיטשקע פון מושב זקנים אין ירושלים. איך בין אריין אין דער באַזונדערער אַפּטיילונג וואו עס האָבען זיך געפונען זקנים פון איבער הונדערט יאָהר אַלט. איך האָב מיט זיי פאַרפיהרט אַ שמועס און האָב זיי געשטעלט די פראַגע, וואָס דענקט אַ מענש פון איבער הונדערט יאָהר ווען ער טראַכט פון טויט.

איין זקן פון 110 יאָהר ענטפערט מיר: „וואָס זאָל מען טראַכטען? מיר טראַכטען, אַז דער מלאך המות האָט דאָרט פאַרמישט אַ בלעטעל אין זיין בוך, און אונז דערווייל פאַרגעסען, אָבער מיר ריכטען זיך יעדע מינוט אַז אָט־אָט קומט ער, און מיר זענען פאַרטיג צו געהן״.

אַז אַלטיטשקע וואָס זעהט אויס ווי מ׳וואָלט זי אַרויסגענומען פון קבר, ברענגט מיר אַריין אַ פּעקעל תכריכים צו ווייזען. אַז זי איז שוין גרייט מיט איהר „גאַרדעראָבע״ זייט 25 יאָהר, און האָט עס שוין אויסגעבאָרגט צו איהרע שכנות, און באַלד געמאַכט אַנדערע.

אַ דריטער זקן זאָגט מיר: „איהר ווילט וויסען ווי מ׳פּיהלט? אָט וועל איך אייך זאָגען: מ׳פּיהלט פּונקט ווי אַן אַרבייטער, וואָס האָט אָפּגעטאָן אַ שווערען טאָג אַרבייט און ער איז אַזוי מיד, אַז ער וויל אַפילו ניט עסען, אַבי זיך צולייגען. מ׳שטיינס געזאָגט, זאָגט ער ווייטער, עסען קען מען שוין ניט און שלאָפען אודאי ניט; ניט מ׳רוהט, ניט מ׳פּיהלט גוט. מיר וואַרטען שוין זיך אָוועקצולעגען רוהען״.

דאָן האָב איך געטראַכט: איז עס כדאי אַזוי לאַנג צו לעבען בלויז צוליב דעם אַז מ׳זאָל קענען לאַכען דעם מלאך המות אין פּנים אַריין? אָבער ביז היינט האָב איך נאָך די פראַגע ניט פאַרענטפערט, ווייל איך האָב באַמערקט, אַז אַנדערע זקנים וואָלטען דאָך נאָך געוואָלט לעבען.

איך האָב מיט מיינע באַגלייטער באַזוכט דעם אַלטען בית עלמין אויפ׳ן הר הזיתים פּונקט אין דער צייט ווען דער שמש האָט געגראָבען אַ קבר. אָט זעה איך די קברים פון גאָר אַלטע רבנים און צדיקים, דעם „יד אבשלום״, וואו דוד המלך׳ס זוהן איז נקבר געוואָרען. דער שטיינערנער מאָנומענט זעהט אויפ׳ן שפּיץ אויס ווי אַ האַנט, און דעריבער ווערט דאָס אָנגערופען „יד אבשלום״. אַנטקעגען זעהט איהר דעם הר הצופים. די זון שיינט און דער שמש גראָבט דעם קבר. מ׳זעהט בלויז ווייסען זאַמד, וואו קיין וואָרים קען זיך ניט געפינען. גלייך האָב איך זיך דערמאָנט, אַז ווען איך בין דאָ אין מאָנטרעאָל געווען ביי דער לויה פון אַ פּראָמינענטען איד, האָט מען געדאַרפט אַריינלעגען אַ „פּייפּ״ מיט אַזאַ מאַשין אויסצופּאָמפּען דאָס וואַסער, וואָס איז כסדר אַנגעקומען אין דעם קבר, דאָך ווען מ׳האָט דעם מת אַרונטערגעלאָזט האָט דאָס וואַסער אַ פּלוסקע געגעבען, אַזוי, אַז דער אָרון איז פּשוט גלייך פאַרפלייצט געוואָרען מיט וואַסער. אָבער זעהענדיג דאָ די ליכטיגע זון און דאָס גלאַנציגע זאַמד, האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט מיט דער הלצה: „דאָ איז דאָך אַ מחיה צו שטאַרבען!״ דער עולם האָט זיך נאַטירליך צעלאַכט.

מ׳האָט מיר געוויזען דעם ספר הזכרונות פון דעם בית עלמין, וואָס איז שוין אַלט הונדערטער יאָהרען און דאָרט זענען פאַרשריבען פאַרשידענע ניסים און היסטאָרישע פּאַסירונגען, און איך בין געקומען צו איין פּאַסירונג וואָס האָט מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט. איך מוז אייך אָבער פריהער ערקלערען דעם מנהג אָדער דין פון קבורה אין ירושלים.

אין דער הייליגער שטאָט מוז די לויה פאָרקומען כמעט גלייך ווי דער מענש שטאַרבט און דער שמש זיצט כסדר אויפ׳ן בית עולם און שלאָפט דאָרט אַפילו אַלע נעכט אויסער שבת. גלייך ווי אימיצער שטאַרבט לאָזט מען וויסען דעם

שמש, אדער קברן, ער זאל גראבען א קבר, מעג עס זיין אפילו אין מיטען נאכט און איידער ער ווערט נאך פארטיג מיט'ן קבר ברענגט מען שוין ארויס דעם מת.

תכריכים זענען פאראן פארטיגע ביי חברה קדישא, און אויב עס פעהלט אויס ווערט דאס געבארגט ביי די אלטע לייט, וואס זענען שטענדיג פארבערייטעט מיט זייער „הלבשה" אויף נאכ'ן טויט.

אין דעם ספר הזכרונות איז פארצייכענט אזא געשיכטע:

איינמאל ווען דער קברן איז שבת צו נאכט) ארויסגעקומען אויפ'ן בית הקברות און האט זיך גענומען רויכערען זיין ליולקע, דערזעהט ער, אז מ'ברענגט א לויה. „סטייטש, טראכט ער, פאר וואס האט מען מיר פריהער ניט אנגעזאגט?" אבער ער זעהט די מענשען וואס טראגען דעם ארון און קיינער פון זיי איז איהם ניט באקאנט. דערשרעקט זיך דער קברן און פאלט חלשות. ער הערט אבער ווי איינער רופט אויס: „אט דא וועט דער ווילנער גאון רוהען", און ער זעהט ווי מ'גראבט אויס א קבר און מ'לעגט אריין דעם מת.

דערווייל איז אין שטאט אימיצער געשטארבען, און מ'איז געקומען זאגען דעם קברן ער זאל גראבען א קבר און זיי האבען געפונען דעם קברן פאר'חלש'ט. ווען מ'האט איהם אפגעמינטערט האט ער זיי דערצעהלט וואס ער האט געזעהן און געהערט. מען איז מיט איהם אוועק צום רב און דעם לעצטען דערצעהלט די געשיכטע. אויף וויפיל מ'האט דארטען געוואוסט האט דער ווילנער גאון נאך דאן געלעבט. אז עולם איז ארויסגעקומען אויפ'ן בית עלמין, מ'האט געזוכט און ניט געפונען קיין פרישען קבר, אבער מיט עטליכע טעג שפעטער האט ירושלים זיך דערוואוסט, אז טאקע יענעם שבת־צונאכט איז דער ווילנער גאון נפטר געווארען.

אט האט איהר א נס, אין וועלכען די רעליגיעזע אידען גלויבען באמונה שלמה; זיי גלויבען, אז מלאכים ברענגען קיין ארץ ישראל נאכ'ן טויט די צדיקים און נעהמען פון דארטען אוועק די וואס האבען ניט דעם זכות נקבר צו ווערען אין ירושלים. מ'דארף נאכפרעגען ביי פסיכאלאגען, אדער ספיריטואליסטען, ווי אזוי דער קברן האט געקענט דורך „מענטעל טעלעפאטי" געוואר ווערען פון דעם טויט פון ווילנער גאון. די וואס גלויבען ניט אין געהיימנישען וועלען מסתמא זאגען, אז ביים נפטר ווערען פון ווילנער גאון איז מסתמא דארט געזאגט געווארען, אז דער גאון האט געדארפט געבראכט ווערען קיין ירושלים פאר קבורה, אדער דער גאון האט דאס אליין אין זינען געהאט בשעת פטירה, און דאס האט אנגעבליצט אין די געדאנקען פון דעם קברן אויפ'ן בית עלמין אין ירושלים.

אזוי צי אזוי, מיך האט די געשיכטע זעהר פאראינטערעסרט און איך האב נאכגעשריבען דאס גאנצע בלאט, נאר עס איז ליידער ערגעץ פארלוירען גע־גאנגען, אבער אין מיין זכרון איז עס פארבליבען.

זייענדיג אין חברון, האבען מיר מיטגענומען א אינגעל פון דעם דארטיגען אשל אברהם האטעל, וואס האט באלאנגט צו דער פאמיליע שניאורסאן, ער זאל אונז פיהרען ווייזען די אינטערעסאנטע פלעצער אין חברון. דאס אינגעל,

אברהמ׳עלע, איז געווען 12 יאָהר אַלט, אָבער זיין שכל האָט ניט געשטימט מיט די יאָהרען. עס וואָלט איהם געפּאַסט צו זיין אַ איד אין די מיטעלע יאָהרען, מיט זיין ערפאַרונג.

ער האָט אונז אָנגעוויזען אויף אַ ברונים, וואָס רופט זיך „מקוה שרה״, ער זאָל הייסען, אַז אונזער מוטער שרה האָט דעם ברונים גענוצט פאַר איהר מקוה. אָבער היינט זיצען דאָ אַלע פרייטאָג די עלטסטע פון חברון, דער שעיך מיט זיינע עלטסטע און שאַצען אָפּ די מיידלאַך ווען זיי קומען שעפּען וואַסער. די אָפּשאַצונג דרעהט זיך אַרום דער פראַגע וויפיל זיי זענען ווערט נדן, וואָס דער מאַן דאַרף פאַר איהר באַצאָלען צו איהרע עלטערען, און דער פרייז ווערט איהם געשטעלט לויט דער אָפּשאַצונג.

מיר האָבען באַזוכט די מערת המכפלה, און אברהמ׳עלע דערציילט אונז, אַז ווען די ענגלענדער זענען אריין אין ארץ ישראל, האָבען זיך די אַראַבער מעהרסטענס אויסבאַהאַלטען, און אַזוי זענען די שומרים פון דער מערת המכפלה אויך אַנטלאָפען. האָב איך, זאָגט ער, זיך אריינגעכאַפּט אינווענינג אין דער מערה און דאָרט אַלץ געזעהן.

„וואָס האָסטו געזעהן?״ פרעג איך איהם.

„הערט״, זאָגט ער, „איהר האָט מסתמא געלייענט די געשיכטע וועגען דער מערת המכפלה, אַז ווער עס איז אַהער אריינגעקומען איז אַחוץ נאָר על פי נס, ווייל דער דומף איז דאָרט זעהר שטאַרק. ווייטער האָב איך דאָרט גאָרניט געזעהן, וואָס זאָל ציהען מיין אויפמערקזאַמקייט״.

ער פיהרט אונז צו אַן אַלטען בוים, וואָס רופט זיך „אשל אברהם״, וואָס זאָל הייסען, אַז אברהם אבינו אַליין האָט דעם דאָזיגען בוים פאַרפלאַנצט.

דער בוים איז טאַקע אַ זקן און שטעהט אונטערגעשפּאַרט און אונטערגעמויערט ווי אַן אמת׳ער זקן. פונדעסטוועגען פרעג איך אברהמ׳עלען: „עס שטעהט דאָך אין דער תורה: „ויטע אשל בבאר שבע״, אַז אברהם האָט געפלאַנצט אַ בוים אין באר שבע, טאָ ווי אַזוי קומט דער בוים אַהער קיין חברון?״

„פרעגט ניט קיין קשיות״, ענטפערט אברהמ׳עלע, „ווען מ׳זאָל אייך אפילו זאָגען, אַז דעם בוים האָט געפלאַנצט משה רבנו, וואָס איז אין ארץ ישראל גאָר ניט געווען, דאַרפט איהר אויך גלויבען, ווייל ארץ ישראל האַלט זיך אויף אמונה — גלויבען און גלויבען״.

ער פיהרט אונז דאַן אַרויף אין אידישען געסעל אויף אַ הויכען פּלאַץ אויפ׳ן דאַך פון אַ הויז, כדי מיר זאָלען קאָנען זעהן גאַנץ חברון פון דער הויך. ער ווייזט אונז פון ווייטענס אַן אַלטען פּרדס, וואו עס וואַקסען אויך ווייִנטרויבען. „אויב איהר ווילט גלויבען״, זאָגט ער, „האָבען די מרגלים גענומען זייערע פּרות און טרויבען אַזש פון דעם פּרדס״.

אַרונטערגעהענדיג דורך די הויז שטיגען פונ׳ם דאַך, קומט אַרויס אַ יונגע

שעהנע פרוי פון צווייטען שטאָק און זאָגט אונז: „שלום", אבער אַזוי ווי די טיהר פון איהר וואוינונג איז געווען אָפען האָב איך אַ בליק געטאָן און געזעהן, אַז די שטוב איז אינגאַנצען לעדיג. פרעג איך דער פרוי: „אָט דאָ וואוינט איהר?" זאָגט זי „יאָ" און בעט אונז אַריין.

דאָס צימער איז היבשלאַך גרויס, אָבער אינגאַנצען לעדיג. נור ערגעץ אין אַ ווינקעל ליגט אַ שטרויענער מאַטראַץ, און ווייטער זעהט איהר גאָר ניט. נור זעהר אַ גרויס, ריין צימער.

„וואו איז אייער מעבעל" פרעג איך. ווייזט זי אונז דעם מאַטראַץ אין דעם ווינקעל.

„האָט איהר גאָר קיין געפעס ניט?" פרעג איך.

„יאָ", זאָגט זי, „איך האָב" און פון הינטער דעם פענסטער נעמט זי אַוועק אַ ברעטעל און ווייזט אונז, אַז דאָרט שטעהט אַ מילכיגער טאָפּ, אַ פליישיקער טאָפּ, עטליכע שיסלען מיט עטליכע הילצערנע לעפעל און אויסווענדיג פון פענסטער, אויף אַ דעכעל, שטעהט אַזאַ אייזערנער אויוון אויף דריי פיס אויף וועלכען זי קאָכט איהרע מאָלצייטען.

„ווי גרויס איז אייער פאַמיליע?" — פרעג איך.

„בלויז מיין מאַן מיט דעם מיידעלע, וואָס שפּילט זיך דאָרט אויפ'ן דעכעל, וואָס איז מיין קינד.

„וואָס טהוט אייער מאַן? פרעג איך.

ער איז, זאָגט זי, אַ „גמלן" דאָס הייסט אַ פיהרער פון קעמלען, אויף וועלכע ער פירט פאַר זיין בעל הבית סחורה פון איין שטאָדט אין דער אַנדערער און אַלע פרייטאָג קומט ער אַהיים אויף שבת.

„קענט איהר ניט קויפען אַביסעל מעבעל?" פרעג איך ווייטער" — און זי פרעגט מיך צוריק: „צו וואָס דאַרף מען עס? מיין מאַמע אויך ניט בעסער געהאַט. מיר זיינען ספרדים. אַראַבער אויך ניט בעסער לעבען".

אַט אַזאַ אידיש האָט זי גערעדט. זי איז גראַדע געווען זעהר שעהן אנגעטאָן, ביליג אָבער שעהן, און אַפילו די שטיגען אַרויפצוגעהן זענען געווען געקאַלירט פון ביידע זייטען און אינמיטען האָט עס אויסגעזעהן אַזוי ווי עס וואָלט געלעגען אַ קאַרפּעט. אַט אַזוי האָבען די ספרדישע אידען דאָרט געלעבט אין יענער צייט. היינט האָבען זיי זיך אויסגעלערענט פון די אשכנזים ווי אַזוי צו פיהרען אַ בעסער לעבען, ווייל דער סטאַנדאַרד פון לעבען האָט זיך דאָרט פיעל געהעכערט זייט די אידען האָבען זיך דאָרט פאַרמעהרט.

נאָך אַן אינטערעסאַנטער פאַקט פון ספרדישען לעבען, וואָס ווייזט ווייטער זייער אַרט לעבען און דענקען.

איך געה פאַרביי אין ירושלים פאַר'ן פּאָסט־אָפיס מיט מיינעם אַ פריינט, אַ ציי־טונגס מאַן און זעה אַ פרוי שטעהט מיט צייטונגען. קויף איך ביי איהר אַ ציי־

טונג וואָס קאָסט אַ האַלבען פּיאַסטער, היגע $2\frac{1}{2}$ סענט, און גיב איהר אַ פּיאַסטער און שענק איהר דאָס רעשט.

זאָגט צו מיר מיין באַגלייטער: „איהר מיינט אַז איהר טוט אַ מצוה אין דער פּרוי? אַט די פרוי איז גראָדע אַ רייכע. זי איז אַן אַלמנה און האָט פינף קליינע קינדער. דאָס עלטסטע קינד איז אַ אינגעל פון 11 יאָהר, האָט זי געוואָלט אַז דאָס אינגעל זאָל בלייבען אין דער היים היטען די אַנדערע קינדער. זי האָט איהם אָבער ניט געקענט איינהאַלטען אין הויז, האָט זי זיך מישב געווען און איהם געקויפט אַ ווייב. זי האָט באַצאָלט פופציג פונט פאַר דער כלה, וועלכע איז זעהר אַ שעהן מיידעל, און חתונה געמאַכט איהר אינגעל, כדי ער זאָל האָבען מיט וועמען זיך צו שפּילען אין הויז און היטען די אַנדערע קינדער.

נאַטירליך האָט דאָס ביי מיר אויסגעזעהן זעהר ווילד, האָב איך אָבער מיט עטליכע טעג שפּעטער געזעהן אַזאַ עהנליכע געשיכטע ביי אַראַבער.

איך בין געווען אין חיפה ביי די פרידמאַנס אין ווין געשעפט, איז אַריינגעקומען אַן אַראַבער און געבראַכט אַ פונט שטערלינג צו מר. פרידמאַן.

„וואַרט", זאָגט צו מיר מר. פרידמאַן, „דאָס וועט זיין אינטערעסאַנט פאַר אייך". ער רעדט נאָך אַביסעל מיט דעם אַראַבער, און דאַן גיט ער מיר איבער וועגען וואָס ער האָט גערעדט:

„מיט עטליכע חדשים צוריק", דערצעהלט מר. פרידמאַן, איז דער אַראַבער צו מיר אַריינגעקומען מיט אַ בקשה איך זאָל איהם באָרגען פינף פונט. ער האָט צו קויפען אַ ווייב, אַ מציאה, זי איז בלויז 12 יאָהר אַלט, אָבער איז אַ שעהנהייט און אַ בריה.

„פרעג איך איהם, דעם אַראַבער: „צו וואָס טויג דיר נאָך אַ ווייב? דו האָסט דאָך דריי ווייבער". ענטפערט מיר דער אַראַבער: „אַזאַ מציאה טרעפט זיך אָבער זעהר זעלטען".

„הכלל", זאָגט מר. פרידמאַן, „איך האָב איהם געבאָרגט די פינף פונט. איצט האָט ער מיר דאָס געבראַכט איין פונט אויף'ן חוב, האָב איך איהם געפרעגט: „אַנו, וואָס הערט זיך מיט דיין מציאה? האָסטו ווירקליך געטראָפען מיט דעם מסחר? דער אַראַבער האָט געענטפערט, אַז ער איז מלא שמחה און ווען ער קריגט נאָך אַזאַ מציאה, וואָלט ער ניט פויל געווען צו קויפען נאָך איינע".

די אַלע קלייניגקייטען פאַרדינען פיללייכט ניט דאָס איך זאָל זיי דערמאָנען אין מיינע זכרונות, אָבער איך גלויב אַז זיי כאַראַקטעריזירען זעהר בולט דאָס לעבען פון מזרח־מענשען, און דערפון פאַרשטעהען מיר שוין דאָס ספרדישע לעבען וואָס איז געווען צוזאַמענגעבונדען מיט די אַראַבער פאַר הונדערטער יאָהרען. איך וואָלט אפילו נאָך געקענט דערצעהלען עהנליכע פּאַסירונגען וואָס איך האָב דאָרט בייגעוואוינט, אָבער איך טו דאָס ניט, ווייל די מעהרסטע פון זיי האָב איך שוין באַשריבען אין מיין בוך „איירּאָפּע און ארץ ישראל נאָך דער מלחמה", דער־

ריבער לאז איך ארויס פון מיינע עראינערונגען פיעל ערנסטע פראגען וועגען ארץ ישראל.

ערב יום הכפורים ערהאלט איך א קייבעל פון דעם פארשטארבענעם ס. וו. דזשייקאבס, „ראטזאם איהר זאלט זאפארט קומען צוריק, וואהלען פאר אטאווא פראקלאמירט, סקוהל פראגע זעהר ערנסט”. באלד האב איך געקראגען א צווייטען קייבעל פון מיין זוהן: „וואהלען פראקלאמירט, קום ווי אמשנעלסטען”.

איך בין גלייך אוועק צו קוק'ס רייזע אגענטור און באשטעלט מיין רייזע ביז מאנטרעאל. ווען דער עולם האט זיך דערוואוסט, אז איך פאהר אפ גלייך אויף מארגען נאך יום כפור, זיינען א סך געקומען זיך מיט מיר געזעגענען און מ'האט אפילו געהאלטען רעדעס אויך. איך האב זיך דארטען גוט איינגעלעבט מיט א צאל מענשען און זיי האבען באדויערט מיין שנעלען אפרייזען. איך האב זיי פארשפראכען אז בקרוב וועל איך קומען פאר א לענגערען וויזיט און אפשר אויף פארבלייבען דארט. אבער צוויי מנינים אידען, פון מיינע נאהענטע נייע פריינט, זיינען פארבליבען נעכטיגען איז'ם האטעל כדי מיך צו באגלייטען מארגען גאנץ פריה צו דער באהן, אבער געשלאפען זיינען מיר קיינער ניט. מ'האט ארומגעשטיפט און ערנסטע פראגען באהאנדעלט ביז עס איז געווארען טאג, און מיר האבען געדאווענט בציבור, געגעסען פרישטיג און אלע זיינען ארונטער געפאהרען צו דער באהן.

דער אידישער סטיישאן מאסטער האט געבעטען דעם עולם מיך אפלאזען, ווייל די באהן דארף אפגעהן און איך דארף ארויף אין מיין וואגאן, און פון די טרעפ האב איך געמוזט האלטען א געזעגענונגס־רעדע פאר צוויי מינוט דורך וועלכער צייט די באהן איז ווירקליך אפגעהאלטען געווארען. מיינע לעצטע ווערטער זיינען געווען קוקענדיג אויפ'ן גרויסען אויפשריפט „ירושלים”: אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני”. א גרויסער אפלאוז האט אויסגעבראכען און די באהן האט זיך גערוהרט פון ארט.

אויף דער באהן האבען זיך געפונען כמעט נאר אראבער, איך האב קיין איך ניט געזעהן פאר די אויגען. איך בין אריין אין שפייז־וואגאן נעמען א גלאז טיי, און אנטקעגען מיר איז געזעסען א דאמע, וואס האט אויסגעזעהן ווי א טערקישע, נאר געקליידעט איז זי געווען אייראפעאיש. זעהר א פארנעמע דאמע. ווען איך האב א בליק געטאן אין איהר זייט האבען צופעליגי איהרע אויגען זיך אנגעטראפען מיט מיינע, ווען איך בין פארטיג געווארען מיט מיין טיי, האב איך ארויסגענומען א סיגארעט און געזוכט א שוועבעלע. רופט זיך אפ די דאמע אין א ספרדישען העברעאיש: „אסור לעשן כאן” — מ'טאר דא ניט רויכערן.

„אזוי”, זאג איך צו איהר, „זענט איהר גאר א אידישע פרוי”, און איך האב א שמייכעל געטאן און אוועקגעלייגט דעם סיגארעט. פרעגט מיך די דאמע פאר־וואס איך שמייכעל. זאג איך איהר אויף מיין „ספרדישען לשון”, אז איך האב

אַלץ געטראַכט ווער זי קען זיין, ווייל זי זעהט אויס טערקיש און איז געקליידעט אייראָפּעאיש. זאָגט זי מיר, אז זי איז די באַראָנעסע מנשה פון עגיפּטען, און אַזוי ווי איך האָב זיך געהאַט באַקאַנט מיט איהר מאַן, באַראָן מנשה, ווייל ביים ציוניסטישען קאָנגרעס האָבען ביידע באַלאַנגט צו דער פּאָליטישער קאָמיסיע און האָבען כמעט אַלעמאָל געשטימט צוזאַמען, האָב איך איהר דאָס דערציילט. זי האָט מיר דאַן דערקלערט פאַרוואָס זי האָט כסדר געקוקט אין מיין זייט, ווייל זי האָט ניט געזעהן קיין איד אין דעם וואַגאָן. „איך האָב זיך געפיהלט אונבאַקוועם צווישען בלויז אַראַבער”, האָט זי געזאָגט.

די באַראָנעסע איז טאַקע געפאָהרען קיין טריעסט און דאַן אויף דער זעלבער שיף ביז לאָנדאָן. זי איז פון לאָנדאָן געפאָהרען קיין פּאַריז וועגען א גאַרדעראָבע פאַר איהר טאָכטער.

צווישען אונזערע געשפּרעכען אויפ'ן וועג, איז אַרויפגעקומען די פראַגע וועגען דעם לעבען פון די ספּרדישע אידען און איך האָב איהר דערציילט פון דער צייטונגס־פאַרקויפערין וואָס האָט געקויפט א ווייב פאַר איהר 11 יאָהריגען זוהנדעל און אַנדערע אַזעלכע אינצידענטען, ווי די פראַגע פון די ספּרדים וואָס האָבען צו עטליכע ווייבער און די שלעכטע באַהאַנדלונג פון די פרויען מצד די מענער. זי האָט מיר זעהר אינטעליגענט דאָס פאַרענטפערט. די באַראָנעסע באַזיצט אייניגע אייראָפּעאישע שפּראַכען אויסער די מזרח־שפּראַכען. זי רעדט זעהר גוט ענגליש, פראַנצויזיש, דייטש, אויסער טערקיש, העברעאיש, אַראַביש, און זי דערקלערט מיר:

„דער מזרח האָט ניט געענדערט די געוואוינהייטען פון טויזענטער יאָהר צוריק, ווען א פרוי איז פּשוט געווען א שקלאַף, און וואָס מעהר פרויען איינער האָט געהאַט, האָט עס געהייסען מעהר שקלאַפען. און די אידען אין יענע לענדער, די ספּרדים, האָבען זיך אויך זעהר ווייניג געענדערט. דאָך עקזיסטירט היינט שוין א אידישע אַריסטאָקראַטיע, וואָס לעבט אייראָפּעאיש. און אלס ביישפּיל האָט זי גענומען זיך אליין, איהר מאַן, דער באַראָן וועט קיינמאָל ניט דיינקען פון נעמען נאָך א פרוי. מיר האָבען ביידע גלייכע רעכט. אָט איז ער געפאָהרען צום קאָנגרעס, און אָט פאָהרט זי קיין אייראָפּא יעדעס יאָהר וועגען איהרע קליידער און וועגען דעם פאַרגעניגען צו זעהן דאָס אייראָפּעאישע לעבען. איהר לעבן מיט איהר מאַן איז ניט אַנדערש ווי דאָס לעבען פון אַלע אייראָפּעאישע אַריסטאָקראַטען, און אַזעלכע ספּרדים זיינען היינט שוין פאַראַן פיעלע, סיי אין עגיפּטען און סיי אין טערקיי און אפילו אין ארץ ישראל.

„און זאָל איך, זאָגט זי, ניט וואונדערען אויף די אָרעמע ספּרדים, וואָס זייער לעבענס שטייגער ציהט זיך נאָך פון הונדערטער יאָהרען צוריק, זאָלען נאָר די אשכנזישע אידען אריינקומען אין גרעסערע צאָהלען קיין ארץ ישראל און די ספּרדים וועלען ענדערען זייער שטייגער פון לעבען”.

די באַראָנעסע איז אַ שטאַרקע אַנהענגערין פון ציוניזם און איהר מאַן איז דער

ציוניסטישער פיהרער פון עגיפטען. ווען איך בין צום צווייטען מאל, אין 1929, געפארען קיין ארץ ישראל אין דער צייט פון די דארטיגע אומרוהען און האב מיטגעפיהרט א קארעספאנדענץ צו איבערגעבען באראן מנשה אויף מיין וועג קיין ארץ ישראל, בין איך געוועזן זייער גאסט פאר א טאג. איך האב דאן אויסגעפונען, אז די פאמיליע איז באמת א צירונג פאר די עגיפטישע אידען.

נײַנצעהנטער קאַפּיטעל

די סקול־פּראַגע אין מאָנטרעאַל

ווען איך בין צוריקגעקומען פון מײַן רײַזע האָב איך געפונען צעפלאַקערט אין פולען ברען די אידישע סקול־פּראַגע. די פּראָטעסטאַנטען האָבען דעמאָלט איינ־פאַך געזאָגט אַז זיי ווילען ניט די אידישע קינדער אין זייערע סקולס. גלייך איז אַ מיטינג גערופען געוואָרען אין אָפיס פון „קענעדער אדלער" און מיר האָבען באַשלאָסען דאָס אַ קאָמיטע זאָל זיך ווענדען צו פּרעמיער טאַשעראָ אין קוויבעק ער זאָל העלפען שליכטען די אַנצוועהטאָגטע פּראַגע. אין דער קאָמיטע האָט זיך געפונען לייאָן קאָהן, רבי כהן, פּיטער בערקאָוויטש און דער שרייבער פון די שור־רות. ווען מיר האָבען דעם פּרעמיער דערציילט ווי מ'וואַרפט זיך מיט די אידישע קינדער אין די פּראָטעסטאַנטישע סקולס, האָט ער געזאָגט: „אויב אַזוי האָט איהר קיין אַנדער עצה ניט ווי צו פאַרלאַנגען סעפּעראַטע שולען פון אייערע טעקסעס, און די רעגירונג וועט מסתמא זעהן דאָס איהר זאָלט פון „נייטראַלען פּאַנעל" קריגען דאָס וואָס אייך וועט פּעהלען".

מר. בערקאָוויטש איז אָבער געווען דורכאויס דאַגעגען סעפּעראַטע סקולס, כאָטש איך האָב איהם געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז מיר ווילען אויך ניט קיין סע־פּאַראַטע סקולס. ווען אונזערע רעכט וועלן באַשטעטיגט ווערן וועלען די פּראָטעס־טאַנטען אפשר גלייך קומען מיט אונז צו אַ פאַרשטענדיגונג, ווייל אין דער אמת'ן לוינט זיך זיי ניט דאָס מיר זאָלען האָבען אייגענע שולען. מ'האָט אָבער ביי איהם ניט געקענט פּועל'ן ער זאָל איינשטימען. שפּעטער האָט אַ קאָמיטע זיך נאָכאַמאָל געווענדעט צו מר. טאַשעראָ און דער פּרעמיער האָט באַשלאָסען איבערצוגעבען די גאַנצע פּראַגע צו די געריכטען פון לאַנד, כדי עס זאָל איין מאָל פאַר אַלע מאָל באַשלאָסען ווערען צי איז עס לעגאַל פאַר דער רעגירונג צו גרינדען אַ סעפּעראַטען סקול־פּאַנעל פאַר אידען און אויך וואָס עס זיינען די רעכט פון די אידען אין די עקזיסטערענדע סקול סיסטעמען. דער לעגאַלער ספק האָט זיך גענומען פון דעם פאַקט, וואָס אין דער צייט וואָס דער „בריטיש־נאָרטה־אַמעריקאַ אַקט" איז געשאַ־פען געוואָרען, זיינען נאָך כמעט גאָר קיין אידען ניט געווען אין קאַנאַדע און די וואָס זענען יאָ געווען, זענען זייערע קינדער געגאַנגען אין קאַטוילישע סקולס. אַזוי האָט זיך עס געצויגען ביז 1903 ווען די אידען האָבען געשלאָסען אַ קאָנ־טראַקט מיט די פּראָטעסטאַנטען דאָס אונזערע טעקסעס זאָלען געהערען צו זייער פּאַנעל און דערפאַר זאָלען די אידישע קינדער קריגען די אונטעריכט אין זייערע סקוהלס.

דער דאמאלסדיגער אפמאך האט געלויטעט, אז אידען וועלען באטראכט אלס „פראטעסטאנטען'' אין באצוג צו סקוהלס, און דערפאר האט די רעגירונג ער־לויבט דאס די פראטעסטאנטען זאלען פון נייטראלען פאנעל קריגען דעם אונ־טערשייד פון די אידישע טעקסעס און דיווירקליכע קאסטען פאר אידישע קינדער. די קאטוילישע סקוהל באארד איז צופרידען געווען מיט דעם אפמאך.

ווי געזאגט, האט די רעגירונג באשלאסען איבערצוגעבען די גאנצע פראגע צו די געריכטען און לואי פיטש האט פארטראטען יענעם אידישען צד, וואס האט געפאדערט סעפעראטע סקולס פאר אידען.

דער משפט איז פארגעקומען אין קוויבעק, האבען מיר געשאפען א פאנד פון וועלכען איך בין געווען דער טרעזשורער צו פינאנסירען די קאסטען פון דעם פראצעס פאר דעם צד וואס האט פארלאנגט באזונדערע אידישע סקולס.

צום פראצעס זיינען געקומען צוויי אידישע צדדים. איין צד, פארטראטען דורך לואי סט. לאראן, דער איצטיגער יוסטיץ־מיניסטער און פיטער בערקאוויטש איז געווען געגען סעפעראטע סקולס פאר אידען, אבער האט פארלאנגט גלייכע רעכט אין די פראטעסטאנטישע סקולס; דער צווייטער צד, פארטראטען דורך לואי פיטש און מייקעל גארבער, האט פארלאנגט דאס רעכט פון סעפעראטע שולען פאר אידען.

ווען מר. פיטש האט זיך אויפגעשטעלט רעדען, האט דער פארזיצער, ריכטער גרינשילדס, צו איהם געזאגט: „וואס דארפט איהר די אלע טענות? אויב איהר ווילט זאגען, אז אידען האבען רעכט צו סעפאראטע סקולס, וויל איך זאגען, אז די פראגע צי זיי האבען רעכט איז גאר קיין פראגע ניט. געוויס האבען זיי רעכט און עס איז גאר ניט נויטיג דאריבער צו דיסקוטירען''.

דאן האט דער דזשאדזש געפרעגט מר. בערקאוויטש וואס ער האט צו זאגען, און מר. בערקאוויטש האט זיך אויפגעשטעלט און געזאגט אז מיר ווילען ניט קיין סעפעראטע סקולס, און אויב די פראטעסטאנטען ווילען אונז דוקא ניט, טא זאלען זיי ארויסשיקען די אידישע קינדער, וועלען מיר דאן זעהן וואס מיר האבען צו טאן.

אויף דעם האט דער ריכטער געזאגט: „מר. בערקאוויטש, דאס איז גוט פאר א „פאליטיקעל ספיטש'', אבער דא רעדט זיך פון געזעץ. די פראגע איז, צי די פראווינציעלע רעגירונג האט דאס רעכט צו שאפען באזונדערע סקולס צי ניט''.

איך האב פארגעסען צו דערמאנען, אז איידער מ'איז געגאנגען אין געריכט איז פארגעקומען א פארהער פאר א רעגירונגס־קאמיסיע באשטעהענד פון 9 פער־זאן: דריי פראטעסטאנטען, דריי קאטויליקען און דריי אידען. פאלגענדע זענען גע־ווען אין דער קאמיסיע: סיר לאמער גוען, געוועזענער פרעמיער פון קוויבעק, סיר ארטור קורי, ע. וו. ביטי, עימע דזשאפריאן, ק.ס., האנ. וואלטער מיטשעל, ק.ס., מייקעל הירש, סעמועל וו. קאהען און יוסף שובערט.

די ערשטע זיצונג פון דער קאמיסיע איז פארגעקומען דעם 30־טען סעפ־

טעמבער, 1924. דער דאמאלסדיגער פארזיצער פון דער פראטעסטאנטישער סקול באארד, מר. דזש. קרילמאן, וועלכער איז געוועז דער ערשטער רעדנער, האט פשוט דערקלעהרט, אז די ערציהונג פון אידישע קינדער פאלט אויף די פראטעסטאנטען ווי א גרויסע לאסט און ער וויל, אז עס זאל ווערען אויס שידוך. די פראטעסטאנטישע סקולס האבען שוין צופיל אידישע לעהרער און צרות פון „צו־פיל אידישע ימים טובים" און דערפאר זאגט ער, וועט עס זיין נויטיג צו אפצאמען די אידישע קינדער אין באזונדערע קלאסען, דאס הייסט פשוט מאכען א אידישע סקול־געטא אונטער פראטעסטאנטישער אויפזיכט. ער האט אויך ערקלערט : „די פראטעסטאנטישע סקול באארד איז איינשטימיג אנטשלאסען צו באקעמפען אזוי שטרענג ווי מעגלאך יעדען פארשלאג אריינצונעהמען א ניט־פראטעסטאנטישען מיטגליד אין דער באארד".

אנדערע פראטעסטאנטישע רעדנער האבען גערעדט כמעט אין זעלביגען זין. אויך פאר דער קאמיסיע זיינען אויפגעטראטען צוויי באזונדערע אידישע צדדים — איין צד, וואס האט אפעלירט פאר טאלעראנץ און פאר אידישע רעכט אין די פראטעסטאנטישע סקולס און א צווייטער צד וואס האט געזאגט, אז ווי באלד מען טרייבט אונז פון די פראטעסטאנטישע סקולס, טא זאלען מיר האבען באזונדערע אידישע סקולס. בעסער זיין צושיידט אין כבוד איידער זיין פארבונדען אין כסדר׳דיגער דערנידערונג. איך בין, נאטירליך, געוועזן מיט׳ן לעצטען צד און בין אויך געוועזן איינער פון די רעדנער פאר דער קאמיסיע פון 9, וואס האט אפגעהאלטען איהרע זיצונגען אין מאנטרעאל היי סקול.

אין מיין רעדע פאר דער קאמיסיע האב איך פארגעשלאגען א פשרה. איך האב געזאגט: נעהמענדיג אין אכט, אז די פראטעסטאנטען ווילען ניט געבען די אידען קיין גלייכע רעכט אין זייערע סקולס; נעמענדיג אויך אין אכט, אז די אידען אליין זיינען צעטיילט אין דער פראגע פון א סעפעראטען אידישען פאנעל, טא זאלען די 7 אדער 9 סקולס, וואס געפינען זיך אין אידישען געגענד געשטעלט ווערען אונטער דער פארוואלטונג פון א אידישער סאב־קאמיטע. זאל די פראטעסטאנטישע באארד האבען די קאנטראל איבער די פינאנצען, בעת די גייסטיגע זייט זאל געפיהרט ווערען פון אידען. אין די איבריגע טיילען פון שטאט זאל אלץ בלייבען ווי געוועזן.

אויב דאס קען ניט אנגענומען ווערען, טא זאל די רעגירונג גרינדען א דריטען סקול פאנעל פאר אלע ניט־פראטעסטאנטישע און ניט קאטוילישע קינדער. אויב דאס איז אויך ניט אנגעהמבאר, דאן בלייבט ניט קיין אנדער ברירה ווי סעפעראטע סקולס פאר אידען.

א גאנצע רייהע פון אנדערע אידישע רעדנער זיינען אויפגעטראטען פאר דער קאמיסיע און דורך די פארשיידענע רעדעס זיינען געקומען צום אויסדרוק די צוויי

באזונדערע שטאנדפונקטען, וואס האבען דעמאלט צעטיילט די אידישע באפעל־קערונג. פון איין זייט האט לואי פיטש פארטראטען דעם שטאנדפונקט פון פולער אפזונדערונג, בעת פון צווייטען זייט האבען מאקסוועל גאלדשטיין ע״ה, נייטען גארדאן ע״ה און אנדערע זיך ארויסגעזאגט אבסאלוט געגען סעפאראטע סקולס, ווייל דאס וועט ארייננברענגען צעטיילונג און עס וועט זיין אן אומגליק, האבען זיי געטענה׳ט.

דער רעזולטאט פון דעם אלעמען איז געווען, אז די קאמיסיע איז געקומען ניט מיט איין רעפארט, נאר מיט גאנצע פיר. די פראטעסטאנטישע מיטגלידער האבען זיך ארויסגעזאגט געגען א סעפעראטען אידישען פאנעל, אבער אויך געגען אידישער פארטרעטערשאפט אין דער פראטעסטאנטישער סקול באארד. די קאטוילישע מיטגלידער האבען זיך פארנומען מיט פראגען וואס זיינען נוגע די קאטוילישע סקולס און די געלטער פון בייטראלען פאנעל, בעת די אידישע מיטגלידער האבען זיך צעטיילט אין א מאיאריטעט און א מינאריטעט רעפארט. די מאיאריטעט (מייקעל הירש און ס. וו. קאהען) האבען געפאדערט, אז אלץ זאל בלייבען ווי עס איז, בעת שובערט האט זיך געשטעלט אויפ׳ן שטאנדפונקט, אז אויב מען קען ניט ערגהאפט געהן צוזאמען, טא זאל מען זיך אפזונדערען.

עס איז געווען ווי א רעזולטאט פון אט די פיר רעפארטס, וואס די רעגירונג האט באשלאסען איבערצוגעבען די גאנצע פראגע צו די געריכטען. דער אורטייל פון דעם קוויבעקער קאורט און קינגס בענטש איז אויך ניט געווען קיין איינשטימיגער. איינשטימיג זיינען די פינף ריכטער געווען נאר אין דער מיינונג, אז די אידען האבען ניט קיין שום רעכט אין די פראטעסטאנטישע סקולס, אבער ווען עס איז געקומען צו דער פראגע, צי איז עס געזעצליך פאר דער קוויבעקער לעדזשיסלייטשור צו גרינדען באזונדערע אידישע סקולס האבען דריי ריכטער געענטפערט „ניין״ און די אנדערע צוויי „יא״.

די קייס איז דאן אריבערגעגאנגען צו אפיל פאר׳ן סופרים קאורט פון קאנאדע. עס האט זיך דאן געפאדערט צו דרוקען ספעציעלע פעטיציעס פאר׳ן געריכט, כמעט גאנצע ביכער, און דער „קענעדער אדלער״ האט דאס געדרוקט פריי אהן וועלכען־עס־איז באצאלט. דער אורטייל פון סופרים קאורט האט באשטעטיגט דעם אורטייל פון קוויבעקער געריכט, אז די אידען האבען ניט קיין רעכט אין די פראטעסטאנטישע סקולס, אבער האט איינשטימיג גע׳משפט, אז עס איז לעגאל פאר דער לעדזשיסלייטשור צו שאפען געזעצגעבונג וועגען גרינדען א באזונדערען אידישען סקול פאנעל, אויב ער געפינט פאר נויטיג דאס צו טאן. דאס איז געווען א היבשער נצחון פאר׳ן אידישען צד.

די קייס איז דאן געגאנגען קיין לאנדאן צום פריווי קאונסיל — העכסטער געריכט פון דער בריטישער אימפעריע, און דעם 2־טען פעברואר 1926 איז געקומען די ידיעה, אז דער פריווי קאונסיל האט באשטעטיגט דעם אורטייל פון קאנא־

דער סופרים קאורט, אַז די רעגירונג האָט אַ רעכט צו געבען די אידען באַזונדערע אידישע שולען פאַר דער ערציאונג פון זייערע קינדער, אָבער פון דער אנדער זייט האָט די פּראָטעסטאַנטישע סקול באָארד דאָס רעכט ניט צוצולאָזען קיין אידישע פאָרטרעטער צו דער סקול און ניט אָנצושטעלען קיין אידישע לעהרער אויב זי געפינט פאַר נויטיג אזוי צו האַנדלען. די אידישע קינדער געפינען זיך אין די פּראָטעסטאַנטישע סקולס „עז עי מעטער אָוו גרעיס״, ד. ה. על פי חסד און ניט ווייל זיי האָבען דאַרטען וועלכע ס׳איז רעכט.

אין 1927 זיינען פאָרגעקומען פּראָווינציעלע וואַלען און מר לואי פיטש איז אַרויסגעשטעלט געוואָרען געגען מר. בערקאָוויטש מיט דער לאָזונג פאַר סעפּאַראַטע סקולס. ס׳איז פאָרגעקומען אַ הייסער און פאַרביסענער קאַמף, אָבער מר. בערקאָוויטש, וועלכער איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער געגנער פון סעפּאַראַטע סקולס, איז אַרויס דער זיגער אין די וואַהלען.

מר. טאַשעראָ, דער פּריים מיניסטער, האָט דאַן פאָרגעלעגט אַז אַ ספּעציעלע סקול קאָמיסיע זאָל געשאַפען ווערען פון 6 פּראָטעסטאַנטען און 6 אידען מיט אַ פּאָרזיצער פון דער רעגירונג, מ׳זאָל אויסהערען די טענות פון אַלע צדדים און מען זאָל געפינען מיטלען פאַר מעגליכקייטען צו שליסען אַ נייעם קאָנטראַקט. די רעגירונג וועט העלפען נאָכקומען די געלט־פראַגען, און אויב די קאָמיטע וועט ניט קאָנען דורכקומען, וועט מען דאַן טראַכטען וועגען סעפּאַראַטע סקולס, ווי לאַנג די רעגירונג האָט שוין איצט דאָס רעכט דערצו.

דאַן איז געווען די פראַגע ווער עס זאָל זיין די אידישע קאָמיטע. מר. בערקאָוויטש, זייענדיג דער פאָרטרעטער אין לעדזשיסלייטשור, האָט פאָרגעשלאָגען 6 אידען, און איך האָב אָוועקגעשיקט צום פּריים מיניסטער די נעמען פון 6 אַנדערע אידען. און עס איז געגאַנגען אזוי ווייט, אַז דער פּריים מיניסטער האָט געזאָגט צו מר. בערקאָוויטש, אַז ער מוז זיך מיט מיר אויסגלייכען וועגען די 6 פּערזאָן און עס איז געבליבען דאָס מר. בערקאָוויטש זאָל אויסקלייבען 3 און איך זאָל אויסקלייבען 3 און מיינע דריי זיינען געווען: מייקעל גאַרבער, דר וויסמאַן און אַלדערמאַן שובערט. נאַטירליך האָב איך געקליבען דריי, וואָס זיינען פאַר סעפּאַראַטע סקולס און מר. בערקאָוויטש׳ס דריי זיינען, פאַרשטעהט זיך, געווען געגנער פון סעפּאַראַטע סקולס.

די קאָמיסיע האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט דער פּראָטעסטאַנטישער באָארד וועגען אַ נייער פאַרשטענדיגונג. די פּראָטעסטאַנטען זיינען שוין איצט געווען ווייכער און האָבען זיך געלאָזט רעדען. עס איז געשלאָסען געוואָרען אַ נייער קאָנטראַקט. 15 יאָר זיינען שוין אַוועק זינט דער נייער קאָנטראַקט איז אין קראַפט און לעצטענס איז שוין די פּראָטעסטאַנטען פון דער פאַרשטאַט אוטרעמאָנט ווידער ענג געוואָרען און זיי האָבען שוין ווידער אַ נייע סקול־פראַגע ווען אָט די שורות ווערען געשריבען.

די פּראָטעסטאַנטישע באָארד האָט זיך מסתמא וועניג וואָס צו באַקלאָגען, ווייל די אידישע ריעל עסטייט טעקסעס זענען מיט דער צייט געוואָרען אזוי הויך, אַז די פּראָטעסטאַנטען קענען ניט זאָגען, דאָס זיי לעגען צו צו די אידישע קינדער. פאַרקערט, עס וואָלט איצט זעהר געשאַדט די פּראָטעסטאַנטישע סקולס, ווען אידען זאָלען האָבען באַזונדערע סקולס. זיי האָבען אפילו ניט גערן די פּאַראָקיאַל סקולס פון דער תלמוד תורה און פּאָלקס שולען אויס מורא עס זאָל זיך ניט צופיל פאַר־שפּרייטען דער געדאַנק פון סעפּאַראַטע סקולס.

עס מוז אויך דערמאָנט ווערען, אַז רבי כהן איז געווען איינער פון די הויפּט קעמפער פאַר סעפּעראַטע סקולס.

צוואנציגסטער קאפיטעל

דער אידישער קאנגרעס און די פאראייניגטע ת״ת

איך מוז זיך איצט ווידער אומקערען צו די ערשטע יאהרען פון נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען עס האט זיך אנגעהויבען די באוועגונג פאר א אידי־שען קאנגרעס. זאל דא געזאגט ווערען, אז ה. מ. קייזערמאן פארדינט פיל קרע־דיט פאר זיין שווערע מיה פון ארגאניזירען דעם ערשטען קאנאדער אידישען קאנגרעס אין 1919, אבער אויך דאס וואלט ניט געקאנט צושטאנד קומען אהן דער הילף פון דער צייטונג. פילע מיטינגען זענען אפגעהאלטען געווארען פאר דעם צוועק צו גרינדען אזא ארגאניזאציע וואס זאל האבען פארטרעטערשאפט איבער גאנץ קאנאדע און וואס דורך איהר זאלען פארהאנדעלט ווערען פראגען וואס האבען צו טאן מיט די קאנאדער אידען, ווי מיט די פראבלעמען פון די אייראפיי־אישע אידען, אבער עס איז געווען א גרויסע געגנערשאפט מצד אונזערע אידען, וואס האבען שוין געוואוינט וועסט פון בלורי סטריט. די באוועגונג האט זיך נאך אנגעהויבען אין יאהר 1915 און אזוי ווי עס האט זיך געפיהלט א דראנג צווישען די ארבייטער־מאסען פאר רופען אזא קאנגרעס אויף דעמאקראטישע יסודות, האט די ציוניסטישע ארגאניזאציע אונטער דער פרעזידענטשאפט פון קלארענס דע סאלא מיט דער מיטהילף פון רייכערען קלאס אידען באשלאסען צו רופען א במקום קאנ־גרעס מיט'ן נאמען קאנפערענץ. דאס איז פארגעקומען דעם 14־טען נאוועמבער 1915. צו דער קאנפערענץ זענען אויסער ציוניסטען אויך געקומען פון גאנצען לאנד דעלעגאטען און אלס געסט זענען געווען דזשאדזש בראנדייס, דער דאמאלס־דיגער פרעזידענט פון אמעריקאנער ציוניסטישער ארגאניזאציע, דר. שמריהו לעווין און האנ. מר. מיהען, דאן סאליסיטאר דזשענעראל פון קאנאדע. ביי דער קאנפערענץ זענען מייסטענס פארהאנדעלט געווארען ציוניסטישע פראגען, און כאטש די אסיפה איז געווען זעהר גוט באזוכט און האט געטראגען א כאראקטער פון וויכטיגקייט, דאך האט עס ניט צופרידענגעשטעלט די ארבייטער־מאסען און די באוועגונג פאר א דעמאקראטישען קאנגרעס האט ווייטער אנגעהאלטען. דער שרייבער פון די שורות האט געהאלפען דער באוועגונג אויף אזוי ווייט, אז ער האט באוואויגען מר. לייאן קאהען צו נעהמען אן אנטייל. דער ארגומענט וואס איך האב באדארפט באנוצען פאר לייאן קאהען און אנדערע געגנער איז געווען: „אייגענטליך באשטעהט אייער געגנערשאפט דעריך, לויט ווי איהר זאגט, אז איהר האט מורא, דאס די נאציאנאלע פיהרער וועלען דארט האבען אזעלכע רעזאלוציעס וואס קענען, לויט אייער שטאנדפונקט, זיין שעדליך, אבער א קאנגרעס וועט דאך

סיי ווי שטאַטפינדען, צי איהר ווילט עס אדער ניט איז דאך בעסער גראַדע יאָ צו נעהמען אַנטייל און דערמיט פאַרזיכערען אַז קיין שעדליכע רעזאָלוציעס זאָלען ניט אַנגענומען ווערען.

דאָס האָט אַפּעלירט צו מר. קאַהען און צו אייניגע פון דער ציוניסטישער פיהרערשאַפט. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז מר. קאַהען איז געוואָרען דער ערשטער פּרעזידענט פונ׳ם קאָנגרעס, וואָס איז גערופען געוואָרען מיט אַלע דינים פון דעמאָקראַטיע און האָט זיך געעפענט דעם 16־טען מאַרטש אין מאָנומענט נאַשיאָנאַל מיט גרויס פּאַראַד. ביז צו דעם ערשטען צוזאַמענפאָר, וואָס האָט אויס־געקליבען אָפיסערס בין איך געווען טרעזשורער פון דעם איניציאַטיוו־קאָמיטעט.

היינט צו טאָג איז דער קאָנגרעס אַ געזונטע שטאַרקע אָרגאַניזאַציע אונטער דער פיהרערשאַפט פון מר. סעמועל בראָנפמאַן.

די איינצעלהייטען פון דעם ערשטען אידישען קאָנגרעס זענען ניט וויכטיג פאַר מיר צו באַשרייבען, ווייל דאָס איז שוין געווען די אַרבייט פון ה. מ. קייזער־מאַן, וועלכער האָט דאָס שוין געטאָן עטליכע מאָל. ער איז פאַרבונדען מיט׳ן קאָנ־גרעס זייט זיין געבורט ביז׳ן היינטיגען טאָג.

די פאַראייניגטע תלמוד תורה

נאָכדעם ווי סער מאָרטימער דייוויס איז געוואָרען אַן אָנהענגער פון תלמוד־תורה, ווי מיר האָבען עס שוין דערציילט אין די פריהערדיגע קאַפּיטלען, האָט ער אַליין פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל פאַראייניגען אַלע בתי תלמוד תורה. אַ מיטינג איז פאַר דעם צוועק גערופען געוואָרען אין 1916 און עס האָט לאַנג ניט געדויערט ביז די פאַראייניגונג איז פאַרגעקומען. מ׳האָט אַראַנזשירט דעם ערשטען קאַמ־פּיין פאַר די פאַראייניגטע בתי תלמוד תורה און דער קאַמפּיין איז געווען אַן ערפאָלג. אַ קאָמיטע פון דעם שרייבער פון די צייל‍ען און מנשה לאַוואָט ע״ה און בנימין ווייגער האָבען געפיהרט דעם קאַמפּיין און מיט דער מיטהילף פון הרב צבי הכהן האָט מען געשאַפען אַ גענוגענדע סומע. סער מאָרטימער האָט דאָ־מאָלט בייגעשטייערט ‎$5,000, און אַזוי האָט זיך די ת״ת געפיהרט אין קליינע אייגענע לאָקאַלען און אין געדונגענע קליינע הייזער. רבי כהן האָט דאַן אויך געגרינדעט אַ ישיבה אין אַ קליינעם געקויפטען לאָקאַל אַזוי, אַז די נויט פאַר אַ צענטראַלער געביידע האָט זיך שטאַרק אָנגעזעהן.

עלף יאָהר האָבען די פאַראייניגטע ת״ת זיך אַרומגעוואַלגערט אין די קליינע אומסאַניטאַרישע געביידעס, ביז איך האָב געהאַט אַ שמועס וועגען דעם מיט סער מאָרטימער דייוויס. מיט מיר איז דאַן אויך געווען דער פאַרשטאָרבענער לואי סאַלאַמאָן. סער מאָרטימער האָט אונז דערקלערט, אַז אויב מיר האָבען אין זינען צו בויען אַן אמת׳ן גרויסען בנין איז ער צופרידען בייצושטייערן 50 טויזענט דאָלאַר, אויב מיר וועלען אימשטאַנד זיין צו שאַפען נאָך הונדערט טויזענט דאָלאַר.

דאָס איז געווען צוויי טעג פאַר יום כפּור פון 1927 ווען איך האָב אַרויס־געשיקט 35 טעלעגראַמעס צו פּרעזידענטען פון שוהלען פאַר אַ וויכטיגען מיטינג דעם זעלבען אָווענט אין אָפיס פון „קענעדער אַדלער", ביט דערמאָנענדיג דעם צוועק פון דעם מיטינג. 33 פּרעזידענטען פון די אייגעלאַדענע 35, זענען געקומען. פון די צוויי וואָס זענען ניט געקומען איז איינער געווען אויסער'ן שטאָט און דער צווייטער האָט טעלעפאָנירט, דאָס ער איז ניט געזונד, אָבער וואָס מ'וועט דאָרט באַשליסען וועט ער גוטהייסען.

איך האָב דאָן אַלס פאָרזיצענדער געשילדערט די לאַגע פון די בתי תלמוד תורה, וואו עס איז אַ געפאַר צו האַלטען אונזערע קינדער, און האָב אויך איבערגעגעבען וואָס סער מאָרטימער האָט געזאָגט.. מיין פאָרשלאַג איז געווען, אַז אויף מאָרגען ביינאַכט צו כל נדרי זאָל אין אַלע שוהלען געמאַכט ווערען אַ קאַמפּיין פאַר אַ תלמוד תורה בנין. דער פּרעזידענט פון ת"ת איז דאָן געווען דער פאַרשטאָרבענער מר. סעם ווינער, וועלכען איך האָב אַפילו ניט געלאַדען צום מיטינג. דער עולם האָט אַרויסגעוויזען אַ געוואַלדיגען ענטוזיאַזם. עס האָבען דאָרטען אויך גערעדט רבי כהן און רבי זלאַטניק און בהסכם פון אַלע איז באַשלאָסען געוואָרען אָנצונע־מען דעם פאָרשלאַג, און נאָך אין יענער נאַכט האָב איך צוזאַמענגעשטעלט אַ ליסט פון רעדנער פאַר אַלע שוהלען צו כל נדרי. אין בני יעקב שוהל האָט דעם אַפּיל געמאַכט רבי זלאַטניק און די שוהל האָט זיך זעהר גוט אָפּגערופען. רבי וואַכטפאָ־געל און אהרן וואָלאָפּסקי האָבען געמאַכט דעם אַפּיל אין עדת ישורון שוהל. אין יעדער איינציגער שוהל איז דער אַפּיל געמאַכט געוואָרען און אַרום 65 טויזענט דאָלאַר איז דאָן געשאַפען געוואָרען אין אַלע שוהלען.

מוצאי יום כפּורים איז ווייטער פאָרגעקומען אַ מיטינג מיט די באַריכטען פון אַלע שוהלען און דער שרייבער פון די שורות איז אויסגעקליבען געוואָרען טשערמאַן פון דער בילדינג קאָמיטע, מיט אברהם ראַגינסקי ע"ה אַלס טרעזשורער. דאָס איינ־קאַלעקטירען די געלד האָט גענומען אַ שטיקעל צייט, ווייל פילע פון די גרויסע מנדבים האָבען גע'טענה'ט: „הויבט נאָר אָן צו בויען און מיר וועלען אייך געבען דאָס געלד".

די אידען פון דער וועסט ענד האָבען געקוקט אַביסעל קרום אויף דעם ספּאָנ־טאַנעם רוף פאַר אַ בנין אהן אַפילו אָנצופרעגען, אָבער האָבען פאַרשפּראָכען צו מר. לייאָן קאָהען אַז זיי וועלען ניט אָפּשטעהן.

דערווייל האָט זיך געמאַכט, אַז דער פּלאַץ אויף סט. דזשאָזעף בולוואַרד, וואו די תלמוד תורה געפינט זיך היינט, האָט געדאַרפט פאַרקויפט ווערען ביי פּאָבליק אָקשען. איך מיט מיין קאָמיטע האָבען געדענקט, אַז דאָס פּלאַץ איז פּאַסענד, זענען מיר אַלע אַוועק צום אָקשען מיט דעם פּרעזידענט פון ת"ת, און ניט אַכ־טענדיג וואָס דער פּרייז איז געשטיגען געוואָרען פון די מענשען, וואָס האָבען געוואוסט, אַז מיר ווילען דאָס פּלאַץ פאַר אַ היברו סקול, האָבען מיר דאָס פּלאַץ

דאך געקויפט פאר 42 טויזענט דאלאר. נו, האבען מיר שוין געהאט א פלאץ און נאך וועלכע 15 טויזענט דאלאר אין באנק.

דערווייל האט זיך זעהר שוואך געצויגען דער קאמפיין און אין 1929 בין איך געפארען קיין אייראפא צום ציוניסטישען קאנגרעס און קיין ארץ ישראל. דאן האט אויסגעבראכען דער קריזיס, אזוי, אז ווען איך בין צוריקגעקומען האב איך ניט געזעהן די מעגליכקייט ווי אזוי מ׳וועט קענען שאפען דאס געלד. אין דער צווישענצייט איז סער מארטימער געשטארבען און די צוגעזאגטע פופציג טויזענט דאלאר איז ניט דערמאנט געווארען אין זיין צוואה. נאך א איד וואס האט געוואלט געבען 42 טויזענט דאלאר צו באצאלען אינגאנצען פאר דעם „לאט“, האט פארלוירען זיין געלד אין דעם סטאק מארקעט קראך און די לאגע האט אויסגעזעהן זעהר קריטיש.

אבער אין 1930 האט לייאן קאהען גערופען א מיטינג פון די רייכערע אידען און אלס רעזולטאט דערפון האבען אנגעהויבען אריינקומען גרעסערע נדבות. די בראנפמאן ברידער, וועלכע האבען שוין אנגעהויבען זייער פילאנטראפישע ארבייט האבען געגעבען $10,000, לייאן קאהען $5,000, מר. סילווערסטאון, וועלכער האט געזאלט געבען $42,000 האט געגעבען $15,000 און אזוי ארום איז געשאפען געווארען ארום 50 טויזענט דאלאר צוזאמען מיט די $15,000 וואס איז געבליבען נאכ׳ן באצאלען פאר׳ן „לאט“. א באנייטער קאמפיין האט געבראכט די סומע צו 80 טויזענט דאלאר. אין דעם קאמפיין האט אנטייל גענומען אונזער גאנצע קאמיטע און אויך א פרויען-קאמיטע, אין וועלכער די פארשטארבענע מרס. ס. ב. פיינער האט זעהר טיכטיג געארבייט און טאקע דאן אויך צוגעצויגען איהר מאן צו דער ארבייט, וועלכער איז נאך היינט דער טשערמאן פון דער עקזעקוטיווע.

דער בילדינג איז פארטיג געווארען מיט א מארטגיידזש פון 75 טויזענט דאלאר, ווייל דורך דער צייט פון בויען האט די בילדינג קאמיטע ווייטער געמוזט ארויסהעלפען דער תלמוד תורה מיט וועלכע 15 טויזענט דאלאר, וואס זיי זענען געווען הינטערשטעליג די לערער. און דער חנוכת הבית איז פארגעקומען מיט גרויס פאראד דעם 31־טען מאי, 1931.

דער דעפיציט פון דער תלמיד תורה האט אבער אין דריי יאהר צייט ארויפגעשטיגען צו ארום 70 טויזענט דאלאר, פאר וועלכע די דירעקטארען האבען גאראנטירט אין דער באנק און די צאלונגען אויפ׳ן מארטגיידזש זענען אויך אויפגעהאלטען געווארען, אזוי אז אין 1935 איז שוין געווארען שווער אנצוגעהן מיט דער ארבייט. די ת״ת לערער איז געקומען פאר עטליכע חדשים שכירות, און די באנק האט געמאנט דעם חוב. האב איך דאן אפעלירט צו דער בראנפמאן פאמיליע זיי זאלען העלפען אין דעם קריזיס, און עס איז געבליבען, דאס אויב איך קען באוועגען מר. לאזארוס פיליפס ער זאל איבערנעהמען דעם פרעזידענט-אמט, וועט אברהם בראנפמאן מיט איהם ארבייטען און זעהן צו דעקען דעם דעפיציט.

מר. לאַזאַרוס פּיליפּס האָט געהאָט די ירושה פון זיין גאַנצער פאַמיליע אַלס ת״ת אַרבייט און מיר איז געבליבען איהם צו באַוועגען ער זאָל דעם אַמט איבער־נעמען און מיט דער הילף פון אברהם בראָנפמאַן איז אין פאַרלויף פון עטליכע יאָהר דער דעפיציט אָפּגעווישט געוואָרען.

לעצטען יאָהר זענען די אויסגאַבען אַזוי געשטיגען, אַז דער קאַמפּיין איז געמאַכט געוואָרען פאַר 75 טויזענט דאָלאַר און די סומע איז טאַקע דערגרייכט געוואָרען. אַ דאַנק דעם שטעהט היינט די תלמוד תורה אין אַ גלענצענדען צו־שטאַנד סיי מאָראַליש און סיי פינאַנציעל.

די תלמוד תורה האָט שוין צוויי מאָל גראַדואירט קינדער פון דער פּאַראַ־קיאַל סקול צו דער היי־סקול. מיר האָבען איצט קלאַסען פאַר העכערע למודים און אויך אַ לערער סעמינאַר, וואָס וועט פון תלמידים שאַפען נייע לערער פאַר ת״ת.

איין און צוואנציגסטער קאפיטעל

זכרונות פון דער ערשטער מלחמה

דעם 4־טען אויגוסט, 1914, האבען אונז די צייטונגען געבראכט די ערשטע נייעס ,אז די מלחמה האט אויסגעבראכען — א מלחמה, אין וועלכער מיר אידען האבען געמוזט נעהמען אנטייל אין יעדען לאנד, סיי אין דייטשלאנד, עסטרייך און ביי זייערע שותפים און סיי אין ענגלאנד, רוסלאנד און שפעטער אין אמעריקא און ביי זייערע שותפים.

די אידען, וועלכע זענען געווען לאיאל צו ענגלאנד, האבען אבער געהאט גוטע אורזאכען צו זיין גאר ווייניג פריינדליך צום צארישען רוסלאנד, ספעציעל ווען עס האבען זיך דערטראגען די ביטערע נייעס פון גרויזאמע גירושים אויף אידען אין רוסלאנד, ווייל מ׳איז זיי דארט חושד אין שפיאנאזש און מען מאכט אויף זיי אנדערע בלבולים. עס איז דעריבער געווען א שווערע לאגע פאר די אידען, ווייל פון איין זייט האבען זיי געברענט מיט חשק צו העלפען ענגלאנד, בעת פון דער אנ־דער זייט האבען זיי ניט געקענט האבען קיין שום סימפאטיע פאר ענגלאנד׳ס „עלאי" — רוסלאנד. מ׳האט אבער געמוזט זיין זעהר פארזיכטיג מיט׳ן אויס־שרייען די אמת׳ע געפיהלען, ווייל די לאיאליטעט צו ענגלאנד האט געפאדערט מ׳זאל זיין לאיאל אויך צו איהר פארבינדעטען.

די אמעריקאנער אידישע צייטונגען זענען געווען דורכאויס געגנעריש צו רוסלאנד, און, אזוי ווי זיי פלעגען אויך אריינקומען קיין קאנאדע, איז עס געווען זעהר אן אומאנגענעהמע לאגע — אונזער צייטונג האט זיך געהאלטען א סך טאק־טישער.

אבער די נייעס וועגען די ליידען פון די אידען אין רוסלאנד, האבען געדריקט די געמיטער, דאך האבען די אידען ארויסגעוויזען זייער הונדערט פראצענטיגען פאטריאטיזם צו אונזער לאנד און צו ענגלאנד. באזונדערס שטארק איז געווארען דער אידישער פאטריאטיזם ווען ענגלאנד האט ארויסגעגעבען די היסטארישע באלפור־דעקלאראציע, דאמאלט טאקע מיט דעם געדאנק צו געווינען די אידישע פריינטשאפט איבער דער וועלט, איבערהויפט די פריינטשאפט פון די אידען אין אמעריקע. אויך די אידען אין די פאראייניגטע שטאטען האבען געענדערט זייער באציהונג, ווען אמעריקע האט אויך ערקלערט קריג צו די דייטשען, דאמאלט האבען שוין אלע אידישע צייטונגען אין אמעריקע אויך אוועקגעבויגען די שנאה צו רוסלאנד. עס האט זיך גלייך געגרינדעט דער אידישער לעגיאן פאר ארץ ישראל.

דער הויפט פארזאמלונגס־פונקט פאר דער אידישער ארמיי פון די שטאטען

און קאנאדע איז געווען אין ווינדזאר, נ.ס., און דא האט זיך אויסער דער אַרמיי פאַר ארץ ישראל געגרינדעט אַ אידישע פּרויעד־אָפּטיילונג פון רויטען קרייץ אונ־טער׳ן נאָמען „דער רויטער מגן דוד״, וועלכער האט די סאָלדאַטען פאַר ארץ ישראל באַזאָרגט אויף דעם שטייגער פון רויטען קרייץ. דערביי האט מען שוין אנגעהויבען זאמלען הילף פאַר די ליידענדע אידען אין רוסלאַנד און פוילען, אַזוי, אַז קיין אַר־בייט האט ניט געפעלט.

וועלענדיג האַלטען די לעזער גוט אינפאָרמירט וועגען דער מלחמה און וועגען אַלע טעטיגקייטען אין דער אידישער מחנה, האבען מיר די צייטונג אַרויסגעגעבען צוויי מאָל אַ טאָג: אַ פריהמאָרגען אויסגאַבע און אַ נאָכמיטאָג אויסגאַבע, און אַזוי ווי די פינאַנצען האבען עס ניט ערלויבט, האבען מיר דאַמאַלט געמוזט העכע־רען דעם פּרייז פון דער צייטונג: פון איין סענט צו דריי סענט. אָבער אפילו די העכערונג האט קוים געדעקט די אויסגאַבען. פונדעסטוועגען האבען מיר זיך ניט אָפּגעשטעלט דערפאַר. דער עולם האט געדורשט נאָך אינפאָרמאַציע און מ׳האט געמוזט סטימולירען פאַרשיידענע אידישע מלחמה־טעטיגקייטען. די אידען האבען עס פאַרשטאַנען און אויפגענומען די העכערונג פון פּרייז מיט צופרידענהייט.

קיין קאנגרעס מיט פאַרצווייגטע מלחמה־קאָמיטעס, ווי היינט, האבען מיר נאָך ניט געהאַט און די גאַנצע אַרבייט איז געלעגען אויף געציילטע מענשען, פון וועלכע דער שרייבער פון די שורות האט געהאַט אויף זיך דעם גרעסטען טייל פון דער פאַראַנטוואָרטליכקייט. די מיט־הילף איז געקומען פינאַנציעל פון סער מאָרטימער דייוויס און אין דער אַרבייט פּאָליטיש האבען שטאַרק געווירקט לייאָן קאָהען ע״ה און ס. וו. דזשייקאָבס ע״ה.

מיר האבען כסדר קאָמוניקירט מיט דער רעגירונג אין אָטאַווא וועגען פאַר־שיידענע פּראָבלעמען. מיר איז זעהר אָפט אויסגעקומען צו זיין אין אָטאַווא און פאַרהאַנדלען מיט דעם יוסטיץ־מיניסטער, מר. דאָהערטי, וועלכער האט זיך גע־האַלטען זעהר פריינדליך צו מיר. ער איז בכלל געווען אַ וואַרימער פריינט פון אונזער פאָלק.

ווי שוין געזאָגט, זענען די אידישע וואָלונטירען פאַר פאַלעסטינע טריינירט געוואָרען אין ווינדזאר, נ.ס. איינמאָל האָב איך באַקומען אַ טעלעגראַמע פון דעם מיידזשאָר פון יענעם באַטאַליאָן, אַז איך זאָל קומען צופאָהרען קיין ווינדזאר. איך בין גלייך אַהין געפאָרען און געקומען צום מיידזשאָר־דזשענעראַל. ער האט זיך באַקלאָגט, אַז ער האט זעהר פיל צרות פון די וואָלונטירען. צווישען די וואָלונ־טירען האבען זיך דאָן געפונען די היינטיגע הויפּט־פיהרער פון ארץ ישראל, ווי בן־גוריון, בן־צבי און אַנדערע, און אויך אַ סך יונגע מיטגלידער פון די פּועלי ציון.

דער מעידזשאָר האט זיך באַקלאָגט, אַז ערשטענס האַלטען די לעגיאָנערען כסדר אָפּ מיטינגען, וואָס איז געגען דער דיסציפּלין פון סאָלדאַטען; צווייטענס, קומען זיי אַלעמאָל מיט אַנדערע פאַרלאַנגען. דעם טאָג וואָס ער האט מיר געשיקט

די טעלעגראַמע, איז אַ קאַמיטע געקומען צו איהם פאַרלאַנגענדיג נייע געפּעס, „כשר׳ע״. איז ערשטענס ווייס ער גאַרניט צי דאָס איז ערלויבט לויט׳ן מיליטערישען געזעץ; צווייטענס האָט ער פאַר דעם ניט קיין פאָנדען און דריטענס האָט ער מורא, אַז אויב ער וועט זיי דאָס נאָכגעבען, איז ווער ווייסט וואָס זיי וועלען ווייטער פאַרלאַנגען.

איך האָב איהם געזאָגט, אַז ערשטענס וואָס אַנבאַלאַנגט די מיטינגען, בין איך זיכער, אַז איך וועל דאָס גלייך ביי זיי פּועל׳ן, אַז זיי זאָלען דאָס אויפגעבען. וואָס אַנבאַלאַנגט די נייע כשר׳ע געפּעס, וועל איך דאָס באַזאָרגען דורך דעם „רויטען מגן דוד״, אָדער דורך אַנדערע קוואַלען, און אַזוי ווי ער האָט דאָך אין זיין אָפּטיילונג בלויז אידען, איז וואָס קען עס שאַדען, אַז ער וועט זיי צופרידענשטעלען מיט נייע געפּעס. יעדענפאַלס, איך וועל פריהער ריידען מיט די וואָלונטירען.

איך בין דאַן ארויס אין קעמפּ, וואו איך האָב אויך געהאַט אַלס וואָלונטיר מיין עלטסטען זוהן פיליפּ. מ׳האָט צוזאַמענגערופען די „פיהרער״ און איך האָב מיט זיי געהאַט אַ לאַנגען געשפּרעך. וועגען די מיטינגען האָב איך זיי געראַטען, זיי זאָלען האָבען זייערע מיטינגען שבת ביים דאַווענען אין שוהל. וואָס אַנבאַלאַנגט נייע געפּעס וועל איך זעהן מ׳זאָל דאָס שיקען פון מאָנטרעאַל. איך האָב זיי געבעטען זיי זאָלען אויפהערען דערקוטשען דעם מיידזשאַר מיט כסדר איהם שיקען קאַמיטעס. ער איז אַ מיליטער־מאַן און איז ניט געוואוינט צו האָבען קאַמיטעס מיט מיטינגען. זיי טאָרען ניט שאַפען קיין שלעכטע נאָמען דעם אידישען לעגיאָן.

עס איז מיר ניט אַנגעקומען שווער ביי זיי דאָס אַלעס צו פּועל׳ן און זיי האָבּען אפילו מוחל געווען די נייע געפּעס. זיי האָבען דאָס אַלטע געפּעס גוט געריי־ניגט, זאָגען זיי, און עס איז כשר גענוג. איך האָב מיט זיי געטרונקען טיי און בין צוריק אריינגעקומען צום מיידזשאַר און איבערגעגעבען מיין געשפּרעך, און דעם פאַרשפּרעכען פון די „פיהרער״, אַז מעהר וועלען זיי קיין מיטינגען ניט אָפּהאַלטען, מעהר קיין געפּעס וועלען זיי שוין ניט וועלען.

דער מיידזשאַר האָט זיך אויך באַקלאָגט אויף שוואַכע דיסציפּלין, אָבער ביים סוף פון אונזער געשפּרעך האָט ער צוגעגעבען, אַז די אידישע יונגעלייט האָ־בען גרויסע מעלות אויך. זיי זענען אינטעליגענט און פאַרשטעהען אָפּט אויפ׳ן וואונק וואָס מען וויל פון זיי. ער האָט מיר געדאַנקט פאַר מיין קומען.

כאָטש איך האָב פון איהם קיין זאַך ניט פאַרלאַנגט האָט ער פונדעסטוועגען דעם צווייטען טאָג געמאַכט מיין זוהן פאַר סאַרדזשענט און הויפּט פּאָסט־מאַסטער פאַר דעם גאַנצען באַטאַליאָן. מיט עטליכע טעג שפּעטער האָב איך פון מיידזשאַר דערהאַלטען אַ בריוו נאָכאַמאָל אויסדריקענדיג זיין דאַנקבאַרקייט און מיר געשריי־בען, אַז ער איז איצט צופרידענער מיט זיין באַטאַליאָן און אַז ער האָט פילע געגע־בען „בענדלאַך״. דערביי האָט ער מיר ערקלערט, אַז מיין זוהן איז געוואָרען

סאָרדזשענט, און עס וואונדערט איהם נאָר וואָס איך האָב ביי מיין זיין אין ווינדזאָר אפילו ניט דערמאָנט אַז איך האָב דאָרט אַ זוהן. ער האָט דאָס ערשט אויסגע־פונען נאָך מיין אַפּרייזען פון ווינדזאָר.

אונזער צייטונג איז דאַן געווען גוט באַקאַנט צו דער רעגירונג אַלס אַ לאָיאַלע און פּאַטריאָטישע צייטונג, און איך בין געווען באַקאַנט אין די מיליטערישע קרייזען. אַ דאַנק דעם האָב איך ביי אַ פּאָר געלעגענהייטען געהאָלפען ארויסנעמען עטליכע אידען, וואָס האָבען שוין געהאַלטען ביים אַוועקגעשיקט ווערען אין קאָנ־צענטראַציע־לאַגער פאַר אונשולדיגע טאָטען. איינער פון זיי, אַ היינטיגער גוט־באַוואוסטער כלל־טוער אין מאָנטרעאל, איז שוין דאַמאָלס געשטאַנען מיט זיין פּעקעל אויף די פּלייצעס און מיט אַ ברויט אונטער׳ן אָרעם, און איך בין געקומען אין מיליטערישען לאַגער איהם ראַטעווען פון קאָנצענטראַציע לאַגער. ער איז ווירקליך געווען אונשולדיג, אָבער איך האָב געמוזט שווער אַרבייטער צו פּועל׳ן זיין באַפרייאונג. איך האָב געגעבען די גאַראַנטיע, אַז ער איז אַן ערענטליכער מאַן און אַז די באַשולדיגונג געגען איהם איז פאַלש. ער איז באַפרייט געוואָרען ממש אַ מינוט איידער ער האָט געזאָלט פאַרשיקט ווערען.

וועגען דער רעליף אַקציע האָב איך שוין דערמאָנט אין מיינע פריהערדיגע קאַפּיטלעך. דאָס איז געווען נאָך איידער עס האָט עקזיסטירט אַ דזשאָינט דיס־טריביושאָן קאָמיטע און מיר האָבען היבש גרויסע סומען געשיקט קיין לאָנדאָן צו באַראָן ראָטשילד, דעם טרעזשורער פון דעם ענגליש־אידישען הילפס פאַראיין.

איך געדענק אַ געוויסען טאָג, ווען רבי כהן איז מיט מיר ארומגעלאָפען ריידען אין עטליכע שוהלען. עס איז געווען אַנאָנסירט מיטינגען אין פיר באַזונדערע שוהלען און מיר זענען געגאַנגען פון איין שוהל אין דער אַנדערער. רבי כהן האָט גערעדט מיט גרויסען פּאַטאָס און אַזוי צענומען דעם עולם, אַז געלט איז געפאַ־לען פון אַלע זייטען. עס איז געווען אין יענער צייט, ווען עס איז פאָרגעקומען דער גרויסער מאַסמיטינג אין מאָנומענט נאַשיאָנאַל, וואו עס האָבען גערעדט דער פאַרשטאָרבענער מטיף לאומי, רעווערענד צבי הירש מאַסליאַנסקי און דער געעהרטער רבי כהן. איך האָב דאַן אַפּעלירט צו די פרויען זיי זאָלען אַוועקגעבען זייער צירונג צו העלפען די ליידענדע אידען, האָבען טאַקע אַנגעהויבען צו פאַלען אויף דער בינע גאָלדענע רינגען מיט זייגערלאַך, גאָלדענע קייטעלאַך, אַזוי פיל, אַז מר. סלאָוועס, דער טרעזשורער פון סענטראַל רעליף קאָמיטע האָט געדאַרפט האָבען אַ וואַליז דאָס אַלעס אַוועקצוטראָגען. נאָכהער איז עס ביי אַנדערע מיטינגען פאַרקויפט געוואָרען דורך אַקשען און עס האָט אריינגעבראַכט היבשע סומען געלט.

די דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע

דעם 13־טען יוני, 1920, איז געקומען קיין מאָנטרעאל דער דאַן באַריהמטער כלל טוער לואיס מאַרשאַל ע״ה און מר. זעליג, דער דאַמאָלסדיגער מענעדזשער

ביי דער סענטראַל רעליף אין ניו יאָרק און האָבען געדופען אַ מיטינג אין גייעטי טעאַטער וועגען שאַפען אַ פאָנד פון אַ מיליאָן דאָלאַר פאַר דער הילף וואָס דער „דזשאָינט" האָט געמוזט האָבען צו העלפען דעם מזרח־אייראָפּייאישען אידענטום. עס איז באַשטימט געוואָרען, אַז דער קאַמפּיין זאָל גלייך אָרגאַניזירט ווערען. אַלס „קעפּטענס" פון דעם קאַמפּיין פאַר מאָנטרעאָל זענען גלייך אויסגעקליבען געוואָרען פאָלגענדע פּערזאָנען: אַלדערמאַן לייאָן וו. דזשייקאָבס, ה. וואָלאָפּסקי, לואי סאָלאָמאָן ע"ה, י. דאַרוויך, ס. אַגולניק, ה. הירש, דאַמאָלסדיגער רעדאַקטאָר פון „קענעדער אַדלער", מ. לעוויז, דאַמאָלסדיגער טרעזשורער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, מר. ווינִיקאָף, י. קיוועלקאַ, מר. סלאָוועס, ס. ראָזען און אַנדערע. דער קאַמפּיין איז געווען זעהר אַן ערפאָלגרייכער. די ערשטע 20 טויזענט דאָלאַר האָט דאָן געגעבען מאַרק וואָרקמאַן ע"ה, אויף ווע̈מען מר. מאַרשאַל'ס אַפּיל האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג. דאָן האָט מר. דייוויס אויך געגעבען 20 טויזענט דאָלאַר און איבער 600 טויזענט דאָלאַר איז דאָן געשאַפען געוואָרען איבער גאַנץ קאַנאַדע.

הילף פאַר אוקראַינער קרבנות און יתומים אַקציע

אין מאַרטש, 1920, האָט זיך אָנגעהויבען אַ קאַמפּיין פאַר קליידער און געלט־זאַמלונגען צו העלפען די אוקראַינער אידען. אויף אַ פאַרזאַמלונג פאַר דעם צוועק איז רבי כהן, ווי שטענדיג, געווען דער ערשטער מיט 50 דאָלאַר און דערמיט האָט זיך אָנגעהויבען אַ געלט־ און קליידער־אַקציע. די הויפּט־קוואַרטיר פון דער קליידער־זאַמלונג איז דאָן געווען אין 490 מיין סטריט. די זאַמלונג איז געווען אַ גרויסער ערפאָלג. מר. ש. בעלקין איז דאָן אַוועקגעפאָרען אַלס דער שליח קיין אוקראַינע אויסצוטיילען די קליידער מיט דעם געלט.

באַלד איז אָבער, דורך דער איניציאַטיווע פון ליליען פרימאַן, נאָכדעם ווי זי האָט אָפּגעהאַלטען אַ באַראַטונג מיט מיר אין „קענעדער אַדלער", פאַררופען געוואָרען אַ קאָנפערענץ אין אָטאַוואַ וואו מרס. פרימאַן איז געווען די פּרעזידענטע פאַר דעם צוועק פון שיקען אַ קאָמיטע קיין אוקראַינע צו אונטערזוכען די לאַגע נאָך די פּאָגראָמען אויף אידען און אַריבערברענגען קיין קאַנאַדע עטליכע הונדערט קינדער. די דאָזיגע קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען דעם 8־טען אָקטאָבער, 1920.

עס האָבען ביי דער קאָנפערענץ גערעדט פּראָפ. חפץ, מר. ס. וו. דזשייקאָבס, לייאָן קאָהען, ראובן ברייניןאון ה. וואָלאָפּסקי. עס איז באַשלאָסען געוואָרען דורכצופיהרען אַ קאַמפּיין אונטער דער פיהרערשאַפט פון ליליען פרימאַן. עס זענען געגעבען געוואָרען צוזאָגען: מאָנטרעאָל — $15,000.00, טאָראָנטאָ — $12,000.00, אָטאַוואַ — $5,000.00, קוויבעק — $1,500.00. מרס. פרימאַן האָט דאָן געמאַכט אַ רייזע אויף איהרע אייגענע קאָסטען איבער גאַנץ קאַנאַדע און געשאַפען גענוגענדע סומען פאַר דעם צוועק.

ה. הערשמאַן איז דאַן אַוועקגעשיקט געוואָרען קיין אוקראַינע צו אויסקלייבען די קינדער און פון צייט צו צייט באַריכטען וואָס דאָרט קומט פאָר. ער האָט געדאַרפט לאָזען אונטערזוכען די קינדער, צי זיי זענען פיזיש געזונט לויט די רעגולאַציעס פון דער קאַנאַדער רעגירונג.

אין אָנפאַנג יולי ווען הערשמאַן האָט געלאָזט וויסען, אַז ער איז שוין פאַרטיג מיט דער אַרבייט, איז ליליען פרימאַן אַנטקעגען געפאָרען ביז אַנטווערפען צו עמפאַנגען די קינדער און מיט זיי צוזאַמען געקומען קיין קאַנאַדע.

די שיף איז אָנגעקומען אין קוויבעק דעם 21־טען אויגוסט, 1921. איך האָב זיך דאַן געפונען אין אייראָפּא בעת מיין ערשטער רייזע נאָך דער מלחמה און האָב געהאַט באַשטעלט זיך מיט איהר צו טרעפען אין אַנטווערפען ביים אָפּפאָרען קיין קאַנאַדע. איך בין אָבער געקומען קיין פאַריז פונקט דעם טאָג וואָס די שיף האָט געדאַרפט אָפּפאָרען פון אַנטווערפען און האָב דאַן ניט געהאַט די מעגליכקייט צו גרייכען די שיף. און ווען איך האָב שוין געוואָלט פליהען מיט אַן עראָפּלאַן, האָט מר. קייזערמאַן, וואָס איז דאַן אויך געווען מיט מיר אין פאַריז אויף זיין וועג צום קאָנגרעס און קיין ארץ ישראל, מיך שטאַרק אָפּגערעדט פון פליהען ווען ער האָט געהערט ווי דער אָפּיס־אַנגעשטעלטער פרעגט מיך אויב איך וויל איבערלאָזען מיין צוואה ביי זיי. קייזערמאַן האָט זיך פשוט איינגעשפּאַרט איך זאָל ניט פליהען. און איך האָב איהם געפאָלגט. איך בין אָפּגעקומען מיט אַ טעלעגראַמע צו מרס. פרימאַן אויף דער שיף ווינשענדיג איהר און די קינדערלאַך אַ גליקליכע רייזע.

אין דער קאָמיטע מיט מרס. פרימאַן אין דער שפּיץ צו באַזאָרגען די קינדערלאַך איז אויך געווען מר. פרימאַן אַלס פאָרזיצער. איך בין אויך געווען איינער פון דער קאָמיטע, כאָטש איך בין דאַן געווען אין אייראָפּא. און די 180 קינדערלאַך זענען באַזאָרגט געוואָרען אין היימען און פילע פון זיי זענען היינט דאָקטוירים, אַדוואָקאַטען און ביזנעסלייט. אייניגע פון זיי האָבען במשך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געדינט אין דער קאַנאַדער אַרמיי אַלס דאָקטוירים, אייניגע אין דער אַוויאַציע. קאַנאַדע האָט צו די דאַמאָלסטדיגע יתומים גאָרניט דערלייגט.

זכרונות וועגען פאַרשיידענע זאַכען

אין אַפּריל 28, 1911, האָט זיך געעפענט די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולע מיט אַ קליינער צאָל קינדער און אין 1914 האָט זיך געגרינדעט די אידישע פאָלקס־שולע דורך מענשען וואָס זיינען ניט געווען אינגאַנצען איינשטימיג מיט'ן פּראָגראַם פון דער ערשטער שולע. די לעצטע, אָנגעפיהרט פון דר. יהודה קויפמאַן, האָבען געוואָלט אַ שולע, וואו די העברייאישע שפּראַך זאָל באַקומען פונקט אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט ווי די אידישע. שפּעטער האָט די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולע געענדערט דעם נאָמען אויף אידישער פרץ שולע.

לעצטענס האָט די פאָלקס־שולע אויסגעבויט אַ פיינעם בנין; און אין אַ קלע־

נערען פארמאַט האָט די פרץ שולע אויך אויסגעבויט אַן אייגענע געביידע, וואָס ווייזט, אַז די לעהר־אַנשטאַלטען אין מאָנטרעאל האַלטען אין פאַרגרעסערען זיך.

דעם 2־טען מערץ, 1913, איז אין אבערדין סקול פאָרגעקומען אַ סטרייק פון 500 אידישע קינדער. דער סטרייק איז אַרויסגעקומען איבער דעם וואָס אַ לערע־רין פון דער סקול האָט באַליידיגט אַ אידיש קינד און דערביי זיך אויסגעדריקט אַנטיסעמיטיש. האָבען די אידישע קינדער דאָס ניט געקענט פאַרטראָגען, און אַזוי ווי דער איינציגער קלאַס איז אַרויס אין סטרייק, זענען אַלע אידישע קינדער פון אַלע אַנדערע קלאַסען מיטגעגאַנגען און געשטעלט אַ באַדינגונג, אַז די אַנטיסעמי־טישע לערערין מוז אַוועקגעשיקט ווערען פון סקול.

די קינדער האָבען זיך אַלע פאַרזאַמעלט אין סט. לואיס סקווער, אַנטקעגען דער אַבערדין סקול און אָפּגעהאַלטען עפּענטליכע מיטינגען און באַשטימט, דאָס זיי געהען ניט אין סקול ביז זייער פאַרלאַנג פאַר אַוועקשיקען די אַנטיסעמיטישע לע־רערין וועט באַוויליגט ווערען.

איך האָב דאַן אָפּגערופען ראַביי אַבראַמאָוויטש און בין מיט איהם אַוועק־געפאָרען צו דער „מלחמה״־סקול. די קינדער האָבען זיך אַרומגעשטעלט אַרום אונז און אונז דערציילט, וואָס די לערערין האָט זיי געזאָגט, און דעם באַשלוס ניט צוריקצוגעהן אין סקול ביז זייער פאַרלאַנג וועט ערפילט ווערען. מיר האָבען זיי דאַן פאַרשפּראָכען גלייך זיך צו ווענדען צום פּרינציפּאַל, אָבער בתנאי זיי זאָלען אויספאָלגען אונזער באַשלוס נאָכדעם ווי מיר וועלען צוריקקומען פון אונזער אינטערוויו מיט׳ן פּרינציפּאַל. די „פיהרער״ פון׳ם סטרייק האָבען אונז דאָס פאַרשפּראָכען.

מיר זענען אַוועק צום פּרינציפּאַל, זיך פאָרגעשטעלט ווער מיר זענען און געהאַט מיט איהם אַ לאַנגען געשפּרעך. עס ווייזט אויס, אַז דער סטרייק האָט איהם זעהר באַאומרוהיגט, אָבער דאָך האָט ער ערקלערט, אַז ער טאָר די לערערין ניט אַוועקשיקען, כדי ניט צו ווייזען, אַז קינדער קענען אויספיהרען וואָס זיי ווילען דורך אַ מעטאָדע פון סטרייקען, וואָרים נאָכאַלעמען, זענען זיי קינדער. מאָרגען קענען זיי סטרייקען פאַר עפּעס אַ נאַרישקייט און וועלען גאָר פיהרען די סקול אַנשטאָט דעם פּרינציפּאַל. אָבער ער האָט אונז פאַרשפּראָכען (מיט דעם תנאי מיר זאָלען ניט זאָגען די קינדער), אַז מיט עטליכע וואָכען שפּעטער וועט ער די לערערין טראַנספערירען אין אַן אַנדער סקול, וואָס געפינט זיך אין ניט־אידישען געגענט.

מיר האָבען דאַן פאַרלאַנגט אַ פאַרשפּרעכען ער זאָל ניט באַשטראָפען די קינדער אָדער אפילו ניט די אַנפיהרער און ער האָט דאָס אונז פאַרשפּראָכען. מיר זענען צופרידען געווען פון׳ם געשפּרעך מיט׳ן פּרינציפּאַל און זענען דאַן אַרויס־געקומען אין סט. לואיס סקווער, וואו אַלע 500 קינדער האָבען שוין געוואַרט אויף אונזער ענטפער צו זיי.

ראַביי אַבראַמאָוויטש האָט פאַר זיי געהאַלטען אַ רעדע און זיי געראַטען צוריק־צוגעהן אין סקול, אָבער די קינדער זענען געווען ניט צופרידען. נאָכדעם האָב איך צו זיי גערעדט און פאַרשפּראָכען, אַז איך וועל שפּעטער פועל׳ן מ׳זאָל די לערערין אַוועקשיקען, דערווייל וועט זי שוין מיט דעם זעלבען קלאַס ניט לערנען, און דערביי זיי געזאָגט, אַז אויב זיי געהען גלייך ניט צוריק, וועלען מיר זיך מעהר ניט מישען און זיי וועלען אַוועקגעשיקט ווערען פון סקול און וועלען פריהער גוט באַשטראָפט ווערען, ווערענד איצט וועט קיינער ניט באַשטראָפט ווערען און מיר ביידע וועלען מיט זיי אריינמאַרשירען אין סקול.

הכלל, די קינדער האָבען זיך געלאָזט איבערריידען און איך מיט ראַביי אַבראַמאָוויטש זענען געגאַנגען פאַראויס און די קינדער נאָך אונז. דער פּרינציפּאַל, וועלכער האָט אונז געזעהן מאַרשירען צו דער סקול, איז אליין ארויסגעקומען צו דער טיר, און האָט בלויז געזאָגט צו די קינדער: „געהט יעדער אין זיין קלאַס״. דערמיט האָט זיך דער סטרייק געענדיגט.

אַ סטרייק אין בּאַראָן בּינג היי־סקול

דאָס איז געווען מיט עטליכע יאָהר שפּעטער, ווען די סקול באָארד האָט באַשלאָסען צו העכערען די היי־סקול צאָלונג צום היינטיגען פּרייז, האָבען זיך קינדער פון עטליכע היי־סקולס אָפּגערעדט צו מאַכען אַ סטרייק, אָבער ווען עס איז געקומען צום סטרייק זענען די קינדער פון אַנדערע סקולס געבליבען זיצען און בלויז די אידישע קינדער פון באַראָן בינג היי־סקול זענען ארויס אין סטרייק. דאָ האָבען זיך שוין געפונען דערוואַקסענע ראַדיקאַלען, וואָס האָבען זיי געהעצט דערצו, און געראָפען מיטינגען פאַר די היי־סקול קינדער און זיי דאָרט געזאָגט: „הערט ניט אייערע עלטערען, פאָלגט אונז און געהט ניט צוריק אין סקול ביז אייערע פאָרלאַנגען וועלען נאָכגעגעבען ווערען״. און די קינדער האָבען געקלאַפּט בראַוואָ. עס איז שוין געווען אַ סטרייק פון ערוואַקסענע און האַלב־ערוואַקסענע.

איך האָב געפונען פאַר נויטיג דאָ זיך אריינצומישען, ווייל איך האָב געזעהן אַ געפאַר פאַר די אידישע קינדער. בעת די פּראָטעסטאַנטען וואָס האַלטען, אַז די סקולס זענען זייערע, זענען יאָ צופרידען צו צאָלען אַ דאָלאַר אַ חודש אדער מעהר, סטרייקען גאָר די איינגעבעטענע, די פרעמדע. אין דעם פאַל בין איך שוין ניט געווען בלויז דער פאַרמיטלער, נאָר אַ פּשוט׳ער „סטרייק־ברעכער״, ווי איינער אַן אַרבייטער האָט זיך אויסגעדריקט ביי דעם מיטינג פון די קינדער. און ווען איך האָב ביי דעם זעלבען מיטינג געקראַגען דאָס וואָרט, האָב איך שטאַרק קריטיקירט די דערוואַקסענע און געשטראָפט די עלטערען פאַרוואָס זיי דערלאָזען אַז מ׳זאָל זייערע קינדער לערנען: „פאָלגט ניט אייערע עלטערען״, ווי אַ פריהערדיגער רעדנער האָט גע׳דרשנ׳ט.

צומאָרגענס פריה ווען די קינדער האָבען זיך פאַרזאַמעלט אויף פּלעטשער׳ס

פיעלד און אפגעהאלטען מיטינגען, בין איך געווען ביים פרינציפאל פון בּאראן בּינג און איהם ערקלערט, אַז אייגענטליך האבען די ענגלישע קינדער פון מאַנטרעאל הײ־סקול אויפגעבּונטעוועט דעם סטרייק, אָבער צו דער לעצטער מינוט האבען זיי געלאזט די אידישע קינדער אליין און זיי אפגענאַרט. איך האב ביי איהם גע׳פועל׳ט, אַז ער זאל די קינדער ניט באשטראפען. צו דער זעלבער צייט האט ער מיר ערקלעהרט אז אויב עס געפינען זיך ווירקליך ארעמע קינדער, וואס קאנען ניט צאלען, זאל איך איהם נאר שיקען א קארטעל וועגען דעם קינד און ער וועט איהם אריינגעהמען אהן געצאלט.

איך בין דאן ארויס אויף פלעטשער׳ס פיעלד און געהאלטען זעהר א שארפע רעדע פאר די קינדער, אזוי, אַז די מאיאריטעט האט גלייך געענטפערט: „מיר געהען צוריק״, און קוים האט די מאיאריטעט קינדער נאר אנגעהויבען צו געהן מיט מיר צוריק אין סקול, זיינען די „פיהרער״ שוין צוגעקומען און געזאגט: „איהר, מר. וואלאפסקי, ברעכט אונזער געדעכטען סטרייק, און עס איז פארפאלען. מיר געהען אלע צוריק אויב איהר פארשפרעכט אונז, אַז קיינער וועט ניט באשטראפט ווערען, און אַז גאר ארעמע קינדער וועלען קריגען פרייע סקול. איך האב דאס פארשפראכען, און גלייך בין איך מיט זיי אַוועק אין סקול. אויף אט דער „סטרייק־ברעכעריי״ האב איך חלילה קיין חרטה ניט, ווייל נאך דעם סטרייק האב איך פאר א צענדליג ארימע קינדער געקראגען איינגאנצען פרייע סקול.

צוויי און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

דער אידישער האָספּיטאַל

די נויטווענדיגקייט אין אַ אידישען האָספּיטאַל האָט זיך שטאַרק אָנגעהויבען צו פיהלען אין אונזער שטאַט. ערשטענס האָט מען זיך שטאַרק געבּרעקעלט מיט די אידישע פּאַציענטען אין די היגע שטאַטישע האָספּיטעלער; צווייטענס איז עס שווער אָנגעקומען פאַר אַן אימיגראַנט, וועלכער האָט ניט געקענט די ענגלישע שפּראַך און איבּערהויפּט פאַר די אידען וואָס האָבּען ניט געוואָלט עסען קיין טריפה מאכלים. און דערצו האָבּען אידישע דאָקטוירים ניט געהאַט די געלעגענהייט אָנצוקומען אין די ניט־אידישע האָספּיטעלער. ווער עס געדענקט נאָך דעם סקאַנ־דאַל וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט, ווען די אינטוירנס פון אַ היגען פּראָנצוויזישען האָספּיטאַל זענען אַרויס אין סטרייק הלמאי דער האָספּיטאַל האָט אַריינגענומען אַ אידישען אינטוירן און די קראַנקע זענען דאָרטען פאַר צוויי טעג געבּליבען אָהן דאָקטוירים׳ס הילף ביז דער אידישער דאָקטאָר האָט זיך אַליין אָפּגעזאָגט און אַוועק פון האָספּיטאַל — ווער עס געדענקט דאָס ווייס שוין גוט אויף ווי ווייט גרויס עס איז געווען די שרייענדע נויט פאַר אַן אייגענעם אידישען האָספּיטאַל.

עס זענען אפילו געווען פּראָטעסטען געגען אַזאַ האַנדלונג פון די קריסטליכע דאָקטוירים; דער פּראָטעסט איז געקומען אפילו פון אַנדערע ניט־אידישע דאָקטוי־רים, אָבּער געגנערשאַפט האָט עקזיסטירט צו די אידישע דאָקטוירים כמעט אין אַלע היגע האָספּיטאַלס.

די נייעס וועגען דעם אידישען דאָקטאָר איז דורך די צייטונגען אפילו פאַר־שפּרייט געוואָרען אין די שטאַטען און דער דאָקטאָר האָט געקראָגען אויפפאָדערונ־גען פון גרויסע האָספּיטאַלס אין די שטאַטען צו קומען אַהין. ער איז טאַקע אַוועק־געפאָרען אין איינעם פון די האָספּיטאַלס וואָס האָבּען איהם איינגעלאַדען אויס פּראָטעסט צו דעם דערמאַנטען מאָנטרעאַל האָספּיטאַל.

עס האָט זיך געפיהלט, אַז מען מוז האָבּען אַ אידישען האָספּיטאַל. אונזער צייטונג האָט געהאַלטען אין איין אַגיטירען פאַר אַזאַ האָספּיטאַל, ביז דער ערשטער מיטינג איז גערופען געוואָרען אין הויז פון דר. נאָרמאַן וויינער. עס זענען אַנוועזענד געווען, אויסער אַ גרויסע צאָל אידישע דאָקטוירים, אויך דזשעק דזשייקאָבּס, מאַקסוועל גאָלדשטיין, פּיטער בּערקאָוויטש און זיין בּרודער, דר. בּערקאָוויטש, אַלאַן בּראָנפמאַן און סעמיועל בּראָנפמאַן (דאָן האָבּען שוין די בּראָנפמאַנס געהאַט אָנ־געהויבּען זייער אַקטיוויטעט אין דער געמיינדע סיי מיט בּיישטייערען היבּשע סומען געלט און סיי מיט אַרבּייט), לייאָן קאָהען, סעם דזשייקאָבּס, אַשער פּירס און ה.

וואלאפסקי. ביי דעם מיטינג איז באשטימט געווארען צו שאפען א האלבען מיליאן דאלאר פאר א אידישען האספיטאל. די אידישע דאקטוירים האבען אויפ׳ן ארט צוגעזאגט 15 טויזענט דאלאר פאר דעם צוועק.

אבער אין שטאט האבען זיך נאך געפונען געגנער צווישען די וואס האבען געדארפט געבען גרעסערע סומען און עס האט זיך געצויגען די צייט מיט גארנית.

אין יענער צייט איז ביי אונז געווען א נייע ערשיינונג. עס האבען זיך געגרינדעט אידישע לאאן סינדיקייטס און זיי האבען זיך געמערט און געפרוכפערט. ס׳איז געגאנגען אזוי ווייט, אז איין לאאן סינדיקייט האט געהאט וועלכע 25 הונדערט מיטגלידער, וואס האבען דארטען אינוועסטירט געלט און געקראגען אזוי הויך ווי 15 פראצענט דיווידענד אויף זייער געלט. דער דאזיגער סינדיקייט האט געהאנדעלט מיט הונדערטער טויזענטער דאלאר. עס איז אויך געווען א שפע אין אלע אנדערע לאאן סינדיקייטס. מענשען האבען געבארגט שווערע טויזענטער דאלארס, געצאלט אינטערעסט, און די אפיסערס פון די סינדיקייטס וואס האבען זיך כמעט ניט געקענט רעכט אונטערשרייבען, זענען געווען די גרויסע ״באנקירען״ וואס האבען זיך געבאדען אין טויזענטער.

די גרעסטע ארגאניזאציע איז געווען דער היברו לאאן סינדיקייט, מיט איבער 25 הונדערט מיטגלידער, וואס האבען דארט אינוועסטירט זייער געלט, און די מערסטע פון זיי האבען דארט אויך געבארגט גרויסע סומען געלט.

איינמאל בין איך צוזאמען מיט דר. וויסמאן געקומען צו א מיטינג פון דער דאזיגער סאסייעטי און ערקלערט די נויטווענדיגקייט פון א אידישען האספיטאל און פון א באוועגונג דערפאר וואס דארף זיך אנהויבען פון דעם פאלק און ניט גראדע פון די גבירים. דער פלאן איז דעם עולם געפעלען געווארען, און עס איז באשטימט געווארען, אז די היברו לאאן וועט רופען א ספעציעלען מיטינג פאר דעם צוועק.

דר. וויסמאן און איך זענען געקומען צום ספעציעלען מיטינג און ווידער פארגעלעגט דעם פלאן, אז די היברו לאאן סינדיקייט זאל זיין די ערשטע מיט א גרויסע סומע געלט, וועלען שוין אנדערע נאכקומען. עס איז דאן באשטימט געווארען צו טאקסירען יעדען מיטגליד מיט 25 דאלער אויסצוצאלען אין 2 יאהר און דאס וועט שאפען א פאנד פון איבער 50 טויזענט דאלאר, און דער סינדיקייט וועט, אויב נויטיג, אוואנסירען דאס געלט.

ווען די נייעס איז באקאנט געווארען, און די ״ועסט ענד״ האט געזעהן, אז עס ריהרט זיך שוין מיט מעשים און די ערשטע 50 טויזענט דאלאר זענען שוין געזיכערט, האט דארט אויך אנגעהויבען צו ווערען לעבעדיג. א צווייטער מיטינג איז גערופען געווארען און עס איז שוין באשטימט געווארען א קאמפיין פאר א מיליאן דאלאר. מר. אלאן בראנפמאן איז דאן, אין 1929, ערוועהלט געווארען פרעזידענט. איך בין גראדע אין יענער צייט געווען אין איירפא, האב איך דארט

שוין געלייענט די נייעס, אַז דער קאַמפּיין האָט געשאַפֿן נאָהענט צו אַ מיליאָן און אַ האַלב דאָלאַר.

די בראָנפמאַנס האָבן דאָן שוין געגעבן די גרעסטע נדבה פון 75 טויזענט דאָלאַר צום האָספּיטאַל.

און כאָטש עטליכע חדשים נאָכ'ן קאַמפּיין איז פאָרגעקומען דעם קראַך אויפ'ן סטאָק מאַרקעט, איז דאָך העכער אַ מיליאָן איינגעקאַסירט געוואָרן. די לאָאָן סינדיקייטס האָבן קוים באַוויזן איינצוזאַלן עטליכע טויזענט דאָלאַר, און זיי האָבן גענומען באַנקראָטירן איינע נאָך דער אַנדערער. דאָך פאַרדינען זיי דעם קרעדיט, וואָס מיט זייער ערשטען פלעדזש פון 50 טויזענט דאָלאַר האָט מען אויפגעוועקט דעם עולם, און איך מוז זאָגן, אַז אַ גרויסען קרעדיט קומט מר. אַלאַן בראָנפמאַן און זיין ברודער סעם מיט דער גאַנצער בראָנפמאַן פאַמיליע, וואָס זיי האָבן געמאַכט דעם ערשטען גרויסען ערפאָלג מיט דעם קאַמפּיין. היינט צו טאָג איז דער אידישער האָספּיטאַל אַ צירונג פאַר דער געמיינדע, און ווערט באַטראַכט אַלס „עי וואָן" האָספּיטאַל צווישען די „רעיטינגס" פון די האָספּיטאַלס אין אַמע־ריקע און קאַנאַדע.

מר. אַלאַן בראָנפמאַן איז ביז היינטיגען טאָג דער פּרעזידענט פונ'ם האָספּיטאַל. מיט יעדען יאָהר פאַרגרעסערן זיך די אויסגאַבען, אָבער מאָנטרעאַלער אידען גיבען יעדען יאָהר גענוג צו אויסהאַלטען די הערליכע אינסטיטוציע, וואָס אויסער ערשטע קלאַס באַהאַנדלונג האַלט זי אויף אַ אידישע אַטמאָספערע און כשר'ע מאכלים. איצט קוקען שוין די אַנדערע האָספּיטעלער גאָר אַנדערש ווען אַ אידישער קראַנקער קומט אָן צו זיי און אידישע דאָקטוירים זענען איצט אויך מעהר ווילקאָמען אין אַנדערע האָספּיטעלער.

אָט דאָס קען אונז אויך דינען אַלס מוסר השכל, אַז ווען מיר וואָלטען געהאַט אַן אייגען לאַנד, וואָלטען מיר אויך בעסער באַהאַנדעלט געוואָרען אין די אַנדערע לענדער וואו מיר געפינען זיך. אַן אורח וואָס האָט אַ היים, געפינט אויך פּלאַץ ערגעץ אַנדערש, אָבער אַן אורח אָהן אַ היים קען אפילו קיין גאַסטפריינדשאַפט ניט קריגען אַנדערשוואו.

דריי און צוואנציגסטער קאפיטעל

וועגען א היסטארישער ציון קאנווענשאן און נאך אנדערע זכרונות

אין מאנאט יוני 1927 איז צו אונז געקומען א גאסט פון ארץ ישראל אין דער פערזאן פון מנחם מענדעל אוסישקין ע"ה, פרעזידענט פון קרן קימת לישראל. ער האט אונז פארגעשלאגען אז מיר, די קאנאדער אידען זאלען שאפען א מיליאן דאלאר אפצוקויפען דעם עמק השרון פאר'ן קרן קימת. ער האט געזאגט, אז מיר קענען עס אויסצאלען אין 10 יאהר צו הונדערט טויזענט דאלאר א יאהר. און דערביי האט אונז מר. אוסישקין דערקלערט דעם גרויסען זכות פון אזא קניה, ווייל אט דער עמק האט אפילו ניט באלאנגט צו אידען ווען ארץ ישראל איז געווען א אידישע מלוכה. דער נאמען פון קאנאדער אידען וועט דעריבער באקומען א באזונדערען שם אין דער אידישער וועלט, ווען מיר וועלען אויסקויפען דעם עמק השרון פאר'ן אידישען פאלק..

דער דאמאלסדיגער פרעז. פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, מר. פרימאן, האט זיך לכתחילה געשראקען פאר אזא גרויסער אונטערנעהמונג און שוין אפילו גע־קלערט צו רעזיגנירען פון זיין פרעזידענטשאפט. ער האט דערביי געגעבען אייניגע אורזאכען: ערשטענס, די קראנקהייט פון זיין פרוי; צווייטענס, דענקט ער, אז עס איז שוין צייט דאס אימיצער אנדערש זאל איבערנעהמען די ארבייט, און דריט־טענס, יא דריטענס, די טאכטער דאראטהי וויל דוקא, אז די מוטער זאל זיך בא־פרייען פון דער ארבייט, וואס שאדט איהר צום געזונט.

אט די דערקלערונג האט מר. פרימאן דאמאלט געמאכט צו רבי זלאטניק און צו אוסישקין, ווען זיי האבען איהם באזוכט אין אטאווא א קורצע צייט איידער עס האט געדארפט פארקומען די 21־טע ציון קאנווענשאן אין וויניפעג.

מר. אוסישקין מיט רבי זלאטניק זענען צוריקגעקומען פון אטאווא זעהר ענטוישט וועגען דעם פלאן פון אפקויפען דעם „עמק", אבער דעם זעלבען טאג איז אראנזשירט געווארען א באנקעט לכבוד אוסישקינען. ער האט דערביי ער־קלערט מיט וואס ער איז געקומען מזכה זיין די קאנאדער אידען, האב איך דאן האלב ערנסט, האלב הומאריסטיש אנגעגעבען די טענות פון מר. פרימאן פאר וועלען רעזיגנירען אלס פרעזידענט. איך האב פארענדיגט אין א פאטעטישען טאן און דאס האט אזוי געווירקט סיי אויף מר. פרימאן און סיי אויף זיין גאטזעליגער פרוי ליליען, אז ביי ביידען זענען געשטאנען טרערען אין די אויגען. מר. פרימאן האט זיך דאן אויפגעשטעלט און געזאגט, אז ער פארט צו דער קאנווענשאן מיט

דעם געדאַנק דורכצופיהרען דעם פּלאַן פון קויפען דעם עמק. גרויסע אַפּלאָדיס־מענטען האָבען באַגלייט זיין רעדע. און מר. אוסישקין האָט מיר דאַמאָלט געמאַכט אַ קאָמפּלימענט, זאָגענדיג: „איהר האָט די ווערט אַ קוש״.

דעם 10־טען יולי האָט זיך די קאָנווענשאָן געעפענט אין וויניפּעג.

די געסט פון דער קאָנווענשאָן זענען געווען: מנחם מענדעל אוסישקין, דר. שמריהו לעווין און לואיס ליפּסקי. ווי דער שטייגער, איז די קאָנווענשאָן באַגריסט געוואָרען אין נאָמען פון דער מאַניטאָבער רעגירונג און דער סיטי מעיאָר פון וויניפּעג האָט באַגריסט מר. פרימאַנ׳ען און איהם פּרעזענטירט מיט אַ גאָלדענעם שליסעל צו דער שטאָט וויניפּעג. אוסישקין האָט געהאַלטען די איינלייטונגס־רעדע צו דער קאָנווענשאָן דוקא אין העברעאיש. די רעדע האָט רבי זלאַטניק דאַן איבערזעצט אין אידיש און אין ענגליש. די הויפּט טעמע איז געווען: „זאָלען אידען פריהער אויסלייזען ארץ ישראל, וועט דאַן ארץ ישראל אויסלייזען די אידען״. מר. פרימאַן האָט גערעדט איבער קאָנסטרוקטיווע פּלענער פאַר ארץ ישראל.

די פראַגע פון אָפּקויפען דעם עמק איז איבערגעגעבען געוואָרען צו אַ קאָמי־טעט וואָס זאָל אריינברענגען אַ רעזאָלוציע צו דער קאָנווענשאָן. דער שרייבער פון די שורות איז געווען איינער פון דער קאָמיטע. די רעזאָלוציע האָט געלויטעט: די 21־טע ציוניסטישע קאָנווענשאָן פון קאַנאַדער ציוניסטען באַשליסט אָפּצוקויפען דעם עמק השרון וואָס ענטהאַלט 41 טויזענט דונאַם לאַנד. קאָנדיציאָנען: 300 טויזענט דאָלאַר ביים קויפען דאָס לאַנד, און דעם באַלאַנס אויסצוצאָלען צו הונ־דערט טויזענט דאָלאַר אַ יאָהר.

מיט גרויס ענטוזיאַזם איז די רעזאָלוציע אָנגענומען געוואָרען. די ערשטע סומע פון 50 טויזענט דאָלאַר האָט געגעבען דער ווידעררעוועהלטער פּרעזידענט א. דזשיי. פרימאַן. מר. געלבער און מר. דונקעלמאַן פון טאָראָנטאָ האָבען געגעבען צו 25 טויזענט דאָלאַר יעדער. א. לעווין און ב. דאַרווין פון מאָנטרעאַל צו 10 טויזענט דאָלאַר. צווישען די 5 טויזענט דאָלאַרדיגע זענען געווען: מר. העריס, טאָראָנטאָ; פינקעלשטיין, וויניפּעג; בעת אַנדערע האָבען געגעבען צו טויזענט, צוויי טויזענט און דריי טויזענט דאָלאַר. ווען מר. אוסישקין איז פון קאַנאַדע אָפּגעפאָרען קיין אייראָפּאַ צום ציוניסטישען קאָנגרעס, האָט ער פון דאַנען מיט־געפיהרט דאָס געלט פאַר דעם איינקויף — אַ באַנק טשעק פאַר די ערשטע הונ־דערט טויזענט דאָלאַר. און אַט דער טשעק האָט כמעט אויפגעלעבט דעם קאָנ־גרעס, וואָס האָט געוויזען, אַז די מעגליכקייטען זענען פאַראַן פאַר אויסלייזען ארץ ישראל, און מר. אוסישקינ׳ס פּרעסטיזש איז ביי דעם קאָנגרעס זעהר געשטיגען.

די פייערונג פון דער באַלפור דעקלאַראַציע

די ערשטע פייערליכע דעמאָנסטראַציע לכבוד דער באַלפור דעקלאַראַציע איז פאָרגעקומען אין מאָנטרעאַל אין דער אַרענאַ אויף מאָונט ראָיאַל עוועניו אין

יוני 1919, ווען דר. ווייצמאַן איז אהער געקומען און איז געווען דער גאַסט־רעדנער. די אַרענאַ, וואָס האָט אַריינגענומען איבער זיבען טויזענט מענשען, איז געווען גע־פּאַקט.

א. דזש. פרימאַן איז געווען דער פּאַרזיצענדער און דר. ווייצמאַן האָט גע־האַלטען די פעסט־רעדע. אַ בענד מוזיק האָט געשפּילט און די שמחה צווישען עולם איז ווירקליך געווען אַן ערהאַבען בילד.

איך געדענק, אַז ווען איך האָב דאַן געזאָגט צו מר. מאַרק וואָרקמאַן ע״ה, וועלכער האָט זיך געפונען אויף דער פּלאַטפאָרמע, אַז עס פרעהט מיך איהם צו זעהן אויף אַזאַ נאַציאָנאַלער פייערונג, האָט ער מיר געענטפערט: „נאַר אַ גרויסער נאַר אָדער אונמענש קען זיך איינהאַלטען ניט מיטצופרעהען זיך מיט אַזאַ אידישער שמחה״. און ער האָט טאַקע נאָכדעם עטליכע מאָל געגעבען היבשע סומען פאַר די ארץ ישראל פאָנדען.

ווען לאָרד ראָטשילד פון ענגלאַנד האָט מיט אַ צייט שפּעטער באַזוכט מאָנט־רעאַל, און עס איז פאָרגעקומען אַ באַנקעט לכבוד איהם, האָט מאַרק וואָרקמאַן דאָמאָלט געגעבען די ערשטע 20 טויזענט דאָלאַר, און נאָך איהם סיר מאָרטימער דייוויס די זעלבע סומע.

פון דער אַרענאַ האָט דער עולם דעמאָנסטרירט אין די גאַסען מיט ציוניסטישע פאָנען און געזונגען די התקוה און ביי אַ דינער לכבוד דר. ווייצמאַן דעם זעלבען אָוונט איז געשאַפען געוואָרען פופציג טויזענט דאָלאַר פאַר׳ן קרן היסוד.

באַזוך פון געהויבענע געסט

אין 1924 האָבען מיר אין מאָנטרעאָל געהאַט זעהר געהויבענע געסט, ווען עס האָט אונז באַזוכט דער רב הכולל פון ארץ ישראל הגאון רבי קוק ז״ל אין דער באַגלייטונג פון הגאון רבי עפּשטיין, ראש פון דער סלאָבאָדקער ישיבה וואָס איז שוין דאַן געווען אַריבערגעפיהרט קיין ארץ ישראל און הרב הגאון שאַפּירא.

דער דאָמאָלסדיגער מעיאָר האָט די געהויבענע געסט געגעבען אַן אָפיציעלען קבלת פנים אין היגען סיטי האָל.

ביי זייער אָנקומען מיט׳ן באַהן אויף ווינדזאָר סטיישאַן, איז די גאַנצע גאַס געווען געפּאַקט מיט אידען פון אַלע שאַטירונגען און פּאַרטייען, און אין אָוונט איז פאַר די חשוב׳ע געסט אַראַנזשירט געוואָרען אַ באַנקעט אין שער השמים שוהל. גרויס כבוד האָט מאָנטרעאָל דאָמאָלט צוגעטיילט צו די דריי גרויסע רעליגיעזע פיהרער, און זייער שליחות איז דורכגעפיהרט געוואָרען לויט זייער וואונש.

אין 1925 האָבען מיר אויך געהאַט דעם כבוד באַזוכט צו ווערען פון פּראָ־מינענטע געסט, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען דער רבי אייזענשטאַט, געוועזענער הויפּט רב אין פּעטראָגראַד; דר. מאַצקין, דער באַוואוסטער ציוניס־

טישער פיהרער און דר. אָסקאר קאהען, וועלכע זענען אהער געקומען אַלס ספּעציעלע קאָמיטע וואס איז ערוועהלט געוואָרען נאך דער ערשטער מלחמה צו פאַרטרעטען אידישע אינטערעסען אין איראָפּא.

די יאַנג מענ׳ס היברו אַסאָסיאיישאָן

עס איז ווערטה צו פאַרצייכענען אז אין סעפּטעמבער 1926 האָט סער מאָרטימער דייוויס בעפאר זיין לעצטער רייזע קיין פראנקרייך, וואו ער האט געהאט זיין ווינטער־רעזידענץ, גערופען א קאמיטע צו זיך צווישען וועלכע עס האבען זיך געפונען מר. סאול קעלערט ע״ה און ליב סאלאמאן ע״ה, אלדערמאן לואי רובינ־שטיין ע״ה און זיי ערקלעהרט, אז ער גיט 300 טויזענט דאלער פאר בויען א בנין פאר דער יאנג מענס היברו, און אז אויב די אידען פון וועסטמאונט ווילען אויך א בנין פאר די א. י. מ. ה. א. אין וועסטמאונט, וועט ער פאר זיי אויך געבען פופציג טויזענט דאלער.

די ברייטהארציגקייט האט ארויסגערופען א שמחה ניט נאר צווישען די מיטגלידער פון די יאנג מענ׳ס היברו, נאר צווישען אלע אידען אין מאנטרעאל, ווייל עס האט זיך שטארק געפיהלט די נויטווענדיגקייט פון אזא בנין פאר אונזער יוגענט, זי זאל קאנען פארברענגען אין אן אייגענער אידישער אטמאספערע און אנגעהן מיט אלע סארטען ספּאָרטס און איבונגען און אין דער זעלבער צייט אויך האבען א דערציהונגס פראגראם פאר אידישקייט און אידישער טעטיגקייט, כדי זיי זאלען ערצויגען ווערען אלס צוקונפטיגע אידישע פיהרער און טוער אינ׳ם לאנד.

סער מארטימער איז ליידער פון דער רייזע ניט צוריקגעקומען. ער איז גע־שטארבען אין איראפא און זיין קערפער איז געבראכט געווארען פאר באערדי־גונג אין מאנטרעאל. זיין טויט איז באדויערט געווארען פון אלע אידען. זיין הויפט אדמיניסטראטאר איז געבליבען, א קריסטליכער לארד מיט א קאמיטע פון קריסטען.

דאך, א דאנק דער באמיהונג פון אלדערמאן רובינשטיין און אנדערע, איז געלונגען צו באוועגען די קאמיטע, אז סיר מארטימער׳ס ווילען פאר א בנין פאר די יאנג מענ׳ס זאל פארווירקליכט ווערען. דער רעזולטאט איז דער הערליכער בנין אין מאונט ראיאל עוו. אנטקעגען פלעטשער׳ס פיעלד.

ווי שוין איינמאל דערמאנט, האט סער מארטימער דייוויס אויך געהאט פאר־שפראכען פופציג טויזענט דאלער פאר דעם נייעם בנין פאר דער תלמוד תורה, אבער דאס איז ניט געווען פארצייכענט אין זיין צוואה. און דאס פארמעגען איז אויך אביסעל איינגעשרומפען געווארען דורך זיין טויט און נאכדעם דורך דעם קראך אויפ׳ן סטאק עקסטשיינדזש אין 1929, אזוי, אז די קאמיטע פון תלמוד תורה בנין, וועלכע האט גערעכענט אויף די פופציג טויזענט דאלער ווען זיי האבען

געמאכט דעם קאמפיין, האבען דאן געמוזט נעמען אויף זיך א מארטגיידזש פון ארום 70 טויזענט דאלער, וועלכער איז ביז היינט נאך ניט אפגעצאלט.

סער מארטימער דייוויס איז אין צדקה און פילאנטראפיע געווען א חד בדרא, איינער אין אונזער געמיינדע, ניט נאר האט ער געגעבען מיט א ברייטער האנט, נאר האט אפילו ניט געזוכט קיין כבוד פאר זיין פילאנטראפיע, אבער דער כבוד איז ממילא געקומען. אזוי איז ער באעהרט געווארען מיט׳ן טיטול „סער״ פון דער ענגלישער רעגירונג, און אזוי האט זיין טיטול פילאנטראפ איהם געגעבען גרויס כבוד צווישען אידען.

עס איז אויך ווערטה צו באמערקען, אז אין נאוועמבער 1921 איז געלייגט געווארען דער גרונטשטיין פאר דער שער השמים שוהל אין וועסטמאונט, און אין סעפטעמבער 1922 איז פארגעקומען די חנוכת הבית פון דער פראכטפולער שוהל וואס ווערט באטראכט פאר איינעם פון די שעהנסטע שוהל־בנינים אויף דער זייט ים.

די שער השמים געמיינדע האט זיך פריהער געפונען אין א קלענערער שוהל אין מעקגיל קאלעדזש עוו. און די נייע שוהל איז ווירקליך געווארען א רעליגיעזער צירונג אין אונזער געמיינדע.

די אויפפיהרונג אין דער שער השמים שוהל איז אזא וואס פארשאפט כבוד די מיטגלידער און זייער ווירדיגען רבי אבראמאוויטש. לייאן קאהן, וועלכער איז יאהרען לאנג געווען פרעזידענט פון דער שוהל, האט פיעל בייגעטראגען צו איינ־שטעלען די רעספעקטפולע ארדנונג וואס עס הערשט דארטען עד היום. ער האט געי׳ירשנ׳ט די פרעזידענטשאפט פון זיין זעליגען פאטריארכאלען פאטער, לייזער קאהן. דאס איז בכלל א פאמיליע, וואס איז צו גאט און צו לייט און וואו רעליגיע־זער שטייגער איז ניט קיין שטערונג, נאר א הילף צו גוטען מאדערנעם מאניער.

די ערשטע קאנפערענץ פון „הבונים״

רבי זלאטניק, זייענדיג דער עקזעקוטיוו דירעקטאר פון דער קאנאדער ציו־ניסטישער ארגאניזאציע, איז געווען דער בויער פון „די בויער״. ער איז געווען דער וואס האט געגרינדעט דעם ציוניסטישען ארדען „הבונים״, אין אויגוסט 1924 איז פארגעקומען די ערשטע קאנפערענץ. רבי בערגער איז דערוועהלט געווארען דער ערשטער נשיא פון די „הבונים״. דער ערשטער דערעפענונג׳ס מיטינג איז פארגעקומען אין עדת ישורון שוהל. די ווייטערע זיצונגען אין דעם לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

די „הבונים״ ארגאניזאציע איז געגרינדעט געווארען מיט דעם צוועק צו טאן די ווירקליכע בויאונגס־ארבייט פאר ארץ ישראל, ביז היינטיגען טאג איז

דער הבונים אָרדען די אָרגאַניזאַציע פון „הבונים" די, וואָס שטעלט צו די אַר־בייטער פאַר יעדען קאַמפּיין פאַר די אַרץ ישראל פאָנדען און פאַרשפּרייט דעם ארץ ישראל געדאַנק. זייערע קאַנווענשאַנס ווערען אָפט פאַרוואַנדעלט אין זעהר פייערליכע ציוניסטישע מאַניפעסטאַציעס און זיי זיינען בכלל דער לעבעדיגסטער עלעמענט אין היגען אָרגאַניזירטען ציוניזם.

פיר און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

מיין צווייטע רייזע קיין אייראָפּע און ארץ ישראל

אין יולי 1929 האָב איך ווייטער באַשלאָסען צו פאָרען קיין אייראָפּע כדי ערשטענס בייוואוינען דעם דאַמאָלסדיגען ציוניסטישען קאָנגרעס אין ציריך און צווייטענס נאָך אַמאָל צופרידענשטעלען מיין בענקשאַפט נאָך ארץ ישראל.

דער קאָנגרעס אין ציריך האָט זיך דאָס מאָל אויסגעצייכענט מיט דעם שאַפען פון דער אידישער אַגענטור אין איהר איצטיגען צוזאַמענשטעל, דאָס הייסט מיט דער מיטווירקונג פון די אַזוי גערופענע ניט־ציוניסטען. ביי דעם קאָנגרעס האָבען מיר שוין געהאַט 12 דעלעגאַטען פון קאַנאַדע, צווישען וועלכע עס האָבען זיך אויך געפונען דער פּרעזידענט פון די קאַנאַדער ציוניסטען א. דזש. פרימאַן, זיין פאַרשטאָרבענע פרוי, די באַליבטע ליליען פרימאַן, די פּרעזידענטין פון הדסה און אויך זיינע דריי קינדער. דער קאָנגרעס איז ווירקליך געווען זעהר אינטערע־סאַנט, און אויך דראַמאַטיש, ווייל דר. ווייצמאַן האָט דאָרטען געהאַט זעהר פיעל געגנער צו דעם פּלאַן פון אַריינגעהמען די ניט־ציוניסטען אין דער אַגענטור.

איך געדענק נאָך די פייערדיגע רעדע פון רבי סטיפען ווייז געגען דר. ווייצ־מאַן אין דעם דראַמאַטישען מאָמענט, ווען יצחק גרינבוים האָט עפּענטליך גע־פרעגט דר. ווייצמאַנ׳ען צי מ׳וועט זיך קאָנען אָפּטיילען פון דעם שותפות אויב עס וועט אונז ניט געפעלען? און דער ענטפער פון דר. ווייצמאַן איז געקומען: „ניין!“ דאַן האָט גרינבוים אויסגערופען דראַמאַטיש: „אויב אַזוי, קאָנען מיר, רבותי, זאָ־גען אַ רבנן קדיש נאָכ׳ן ציוניזם!“ אָט דער אויסרוף איז געמאַכט געוואָרען אין אַזאַ טאָן, אַז אַ געוויין האָט אויסגעבראָכען צווישען די דעלעגאַטען.

אויף דער לעצטער זיצונג ווען די פראַגע פון דער אַגענטור האָט געדאַרפט גענומען ווערען צו דער אָפּשטימונג, האָט די סעסיע אָנגעהאַלטען אַ גאַנצע נאַכט. יעדער דעלעגאַט איז אָנגערופען געוואָרען ביים נאָמען און ער האָט געדאַרפט ענטפערען יאָ, אָדער ניין. דאָראָטהי, די טאָכטער פון מרס. פרימאַן, איז געווען געגען דער אַגענטור, ניט אַכטענדיג וואָס די עלטערען האָבען געשטימט „יאָ“. ווען איהר נאָמען איז אויסגערופען געוואָרען האָט זי געענטפערט: „איך האַלט זיך צו־ריק פון שטימען“. דאָס האָט אַרויסגערופען פאַרוואונדערונג אויף איין זייט און אַפּלאָדיסמענטען פון דער צווייטער זייט.

ווען מיר זיינען אין דער פריה צוריקגעקומען אינם האָטעל, האָבען זיך שוין געפונען דעלעגאַטען פון דער נייער שותפות, מיט לואי מאַרשאַל ע״ה אין דער

שפּיצע. אזוי אויך לעאָן בלום פון פּאַריז, וועלכער איז שפּעטער געווען פּרעמיער פון פראַנקרייך און אַנדערע גדולים פון כמעט אַלע לענדער.

אין דעם זעלבען נאָכמיטאָג האָט לואי מאַרשאַל געעפענט די ערשטע סע־סיע פון די פאַראייניגטע ציוניסטען און ניט־ציוניסטען אונטער דעם נאָמען „אי־דישע אגענטור".

זעהר דראַמאַטיש איז געווען דאָס אויפרופען צוויי פאַרשטעהער פון יעדען לאַנד: א ציוניסט און אַ ניט־ציוניסט אונטערצושרייבען דעם אפּמאַך און די ערש־טע זיינען געווען דר. חיים ווייצמאַן און לואי מאַרשאַל. דאַן איז געקומען נחום סאָקאָלאָוו און אַנדערע. ווען עס איז געקומען צו קאַנאַדע, האָט בלויז מר. פרימאַן אַליין אונטערגעשריבען. ער האָט בעת מעשה ערקלעהרט: „ביי אונז אין קאַנאַדע זיינען ניט פאַראַן קיין ניט־ציוניסטען און זיכער ניט קיין אַנטי־ציוניסטען".

יעדער דעלעגאַט האָט געזאָגט עטליכע ווערטער ביים אונטערשרייבען און די אַטמאָספערע איז געווען אַ הייליגע. איך בין דאַן ערוועהלט געוואָרען אלס מיטגליד פון דער אגענטור צוזאַמען מיט מר. פרימאַן און א. לעווין. ווען די פייער־ליכקייט און ענטוזיאַזם איז אַנגעגאַנגען האָב איך אַ פרעג געטאָן יצחק גרינבוים: „נו, וואָס זאָגט איהר איצט?" ביי דער פראַגע איז פּונקט פאַרבייגעגאַנגען לעאָן בלום און ער האָט באַמערקט אין פראַנצויזיש: „זאָרגט ניט, עס וועט זיין גוט", און גרינבוים האָט געענטפערט: „הלואי".

איך וויל ניט איצט דיסקוטירען צי דער אַנטייל פון די ניט־ציוניסטען אין דער אַגענטור האָט געטאָן גוטעס אדער ניט, אבער יענע צערעמאָניע און דעמאָנ־סטראַציע ביים אונטערשרייבען דעם אפּמאַך וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסען.

ווען א סערבישער דעלעגאַט אַן עלטערער איד, איז אויפגערופען געוואָרען אונטערצושרייבען דעם קאָנטראַקט און געדאַרפט זאָגען עטליכע ווערטער, האָט ער מיט אַ וויינענדיגער שטימע געזאָגט: „איך ווייס ניט וואָס צו זאָגען, נאָר השי"ת... זאָל דער איבערשטער העלפען!" ער האָט אויסגעזעהן זעהר גערירט.

פילע דעלעגאַטען זיינען נאָך דער שליסונג פון דער אגענטור־זיצונג אַפּגעפאָ־רען פאַר אַביסעל רוהע קיין קאַרלסבאַד און איך בין אויך געווען איינער פון זיי. דאָרט האָב איך געקראָגען בריוו, וואָס זיינען אַנגעקומען צום קאָנגרעס פון וויען און מ'האָט זיי מיר פון קאָנגרעס־אָפיס צוגעשיקט קיין קאַרלסבאַד. איינער פון די בריוו איז געווען פון דעם פּעטריקאָווער גאון רבי שאַפּירא ז"ל וואו ער האָט מיך זעהר געבעטען אַז איך זאָל קומען צו דער כנסיה פון אגודת ישראל קיין וויען, וואָס האָט זיך געדאַרפט עפענען אין עטליכע טעג אַרום.

דער פּעטריקאָווער גאון איז מיט עטליכע יאָהר פריהער געווען אַ גאַסט אין מאָנטרעאַל שאַפענדיג פאָנדען פאַר דער לובלינער ישיבה וואָס האָט זיך געהאַל־טען אין בויען, און איך בין מיט איהם זעהר באַפריינדעט געוואָרען. בעת מיינע געשפּרעכען מיט איהם האָב איך פיעל גערעדט וועגען דעם, אַז די אגודה ישראל

וואלט געדארפט ווערן א טייל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און טאקע אגיטירן פון אינוועניג איהרע רעליגיעזע אידעאלן, ווי דער מזרחי טוט עס. רבי שאפירא האט מיר געענטפערט, אז עס זיינען פאראן מעגליכקייטן פאר דעם.

ווען דער פעטריקאווער איז געקומען קיין ווינע צו דער כנסיה און האט געהערט אז לואי מארשאל האט אין זיין ערעפענונגס רעדע פון דעם אגענטור־צוזאמענפאר געזאגט, אז ער איז גליקליך וואס דער ציוניסטישער קאנגרעס האט גענומען א פאזיטיווע שטעלונג צו רעליגיעזע פראגען ווי די אפהיטונג פון כשרות און שבת צווישן די חלוצים — רעזאלוציעס, וועלכע דער מזרחי האט געהאט ארייגגע־בראכט — האט דאס איהם שטארק פאראינטערעסירט. ער האט גענומען גלויבן, אז איצט איז אפשר די צייט וואס די אגודה זאל קאנען ארבייטן צוזאמען מיט דער אגענטור. און ער האט מיך געבעטן איך זאל קומען צו דער כנסיה פון דער אגודת ישראל קיין ווינע און איהם העלפען אין דעם. איך האב איהם טעלעגראפיש געענטפערט, אז איך וועל פון קארלסבאד קומען קיין ווינע.

דעם זעלבען טאג האב איך געהאט באשטעלט צו האבען דינער מיט דר. שמריהו לעווין ע״ה, ר׳ דוד יעלין ע״ה, מנחם מענדעל אוסישקין ע״ה, און דעם פאריזער פארטרעטער לעאן בלום, דער שפעטערדיגער פרעמיער פון פראנקרייך. דער דינער האט געזאלט פארקומען ביי מיר אין האטעל און אלע אלס מיינע געסט. און מיטען פון אט דעם דינער האבען מיר שוין באקומען די טרויעריגע בשורה: „פאגראמען אין ארץ ישראל״, און באלד זיינען געקומען קייבעלס פון לאנדאן, אז אלע דעלע־גאטען זאלען צוריק קומען קיין לאנדאן פאר בעראטונג.

איך האב זיך בעראטען מיט די זעלבע וואס איך האב פריהער דערמאנט צי זאל איך אויך צוריק פארען קיין לאנדאן אדער איך זאל גאר פארען קיין ווינע. און אלע ענטפערען מיר, אז פארען קיין ווינע איז פיעל וויכטיגער און איך בין גלייך אוועקגעפארען קיין ווינע.

דער קארעספאנדענט פון „קענעדער אדלער״ אין ווינע, יצחק בריינין ע״ה, א ברודער פון ראובן בריינן ע״ה, האט מיך באגעגענט ביי דער באהן און האט מיר געזאגט די ערשטע בשורה אז ער קען פאר קיין פאל ניט קריגען קיין האטעל פאר מיר. אלעס איז פארנומען מיט פארשידענע קאנגרעסען, און הערצו די גרויסע געסט צאל פאר דער כנסיה, איז אין ערגעץ קיין פלאץ ניט פאראן.

אבער ער האט מיך געראטען אז ער וועט מיט מיר ארויספארען קיין באדען, א קור־פלאץ ביי ווינע און אזוי ווי עס איז שוין איצט כמעט נאכ׳ן סעזאן, וועט מען דארט קאנען קריגען א צימער, באדען איז בלויז א האלבע שטונדע רייזע מיט׳ן אטאבוס אדער סטריט קאר פון ווינע. און אזוי האבען מיר טאקע געטאן. צוריק־קומענדיג פון באדען קיין ווינע זיינען מיר גלייך אוועק צו דער כנסיה און פונקט געטראפען ווי הרב שאפירא, דער גרויסער גאון, האט געהאלטען זיין ערעפענונגס־רעדע, וואס איז געווען פול מיט שארפזיניגען פלפול.

ווען ער האָט אָפּגערעדט און האָט מיך דערזעהן, איז ער גלייך אַרונטערגע־קומען פון דער בימה און אויסגעדריקט זיין צופרידענהייט מיט מיין קומען. ער האָט מיך געבעטען צו קומען מאָרגען פריה צו דער קאָמיטע וועלכע איז שוין באַשטימט געוואָרען צו פאַרהאַנדלען די פראַגע וועגען צוזאַמענגעהן מיט די ציוניס־טען און ברענגען אַ באַריכט צום פּלענום (אָפּענעם מיטינג). ער אַליין איז אויך געווען איינער פון דער קאָמיטע און ער האָט פאַרלאַנגט דורכאויס אַז איך זאָל דאָרט מיט איהם געהן און טאַקע רעדען פאַר דער קאָמיטע.

„איצט, זאָגט מיר רבי שאַפּירא, איז די גינסטיגע צייט. ערשטענס, צוליב לואי מאַרשאַל וואָס איז געוואָרען דער פּרעזידענט און צווייטענס, „ווייל די איצ־טיגע שוידערליכע אונרוהען אין ארץ ישראל נויטיגען זיך זעהר אין אחדות ישראל״.

צומאָרגענס פריה ווען איך האָב זיך געטראָפען מיט הרב שאַפּירא, זיינען מיר ביידע אַוועק צו דער קאָמיטע וואָס האָט געדאַרפט פאַרהאַנדלען די פראַגע. אויפ׳ן וועג בעט מיך דער רבי איך זאָל דאָרט, ביים פאַרלייגען דעם שלום־פּלאַן זאָגען אַ וואָרט תורה. איך האָב איהם אָנגעקוקט און געזאָגט: „איך זאָל זאָגען תורה אויף אַן אסיפה, וואו איהר און אַנדערע גרויסע למדנים געפינען זיך ? איהר מאַכט דאָך, זאָג איך, פּשוט פון מיר חוזק״.

„חלילה, זאָגט דער רבי צו מיר, איך וויל אַז מיין קאָמיטע זאָל ניט דענקען אַז ציוניסטען זענען עמי הארצים און דערמאָנען קיינמאָל ניט קיין מאמר חז״ל, הכלל, איך האָב איהם געמוזט צוזאָגען אַז אַ וואָרט תורה וועלען זיי פון מיר אויך הערען . . .

הרב שאַפּירא האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר דער קאָמיטע אַז ער קען מיך פון מאָנטרעאַל און מיך אַביסעל געריהמט. און איך האָב, לויט דעם דרינגענדען פאַר־לאַנג פון דעם ווירדיגען רבי, אָנגעהויבען מיט אַ וואָרט תורה.

איך האָב געפרעגט פאַרוואָס איז דאָס, אַז אין די תפילין געפינען זיך די פיער פּרשיות פון „של ראש״ אין פיער באַזונדערע אָפּטיילונגען, בעת אין „של יד״ בלויז אין איין אָפּטיילונג ? די אורזאַכע שיינט מיר צו זיין, אַז דאָס איז אַ וואָרנונג צו אונז, דאָס אין קאָפּ קען מען טראַכטען אין פירערליי וועגען, מען מעג טראַכטען צו זיין אַן אגודה־מענטש אָדער אַ מזרחי, אַ ציוניסט און אפילו אַ פּועלי ציון, אָבער ווען עס איז נויטיג די „יד החזקה״, אין אַ צייט ווען מ׳מאָרדעט אונ־זערע אידען אפילו אין ארץ ישראל — און די האַנט איז נויטיג, מוזען אַלע פיר פּרשיות, אַלע קרעפטען זיין צוזאַמען, ווי איינע. ווער, זאָג איך, האָט זיך דאָס פאָרגעשטעלט אַז פּאָגראָמען וועלען פאָרקומען אין ארץ ישראל ? „לא האמינו כל מלכי ארץ כי בא צר ואויב בירושלים״. אַז עס קען קומען אַ פּאָגראָם אין ירושלים האָט זיך קיינער ניט געוואָלט גלויבען.

איך האָב באַמערקט ווי רבי שאַפּירא קוועלט גאָר אַז פון מיין „תורה״. איך האָב אָפּגעזאָגט וואָס איך האָב געדאַרפט און בין אַריין אין אַ צווייטען צימער

ווארטען פאר די רעזולטאטען. מיט א שטונדע שפעטער איז ארויסגעקומען א יונגערמאן און האט מיר אנגעזאגט די בשורה, אז עס האלט שוין ביים אפשטי־מען און ער גלויבט, אז די מאיאריטעט איז פאר א שלום.

אין א שטונדע ארום איז רבי שאפירא ארויסגעקומען און פרייד האט ארויס־געקוקט פון זיינע ליכטיגע אויגען. „מזל טוב!" האט ער צו מיר געזאגט, די קא־מיטע האט באשלאסען פארצובערענגען די פראגע מארגען נאכמיטאג פאר'ן פלענום (דער גאנצער פארזאמלונג) מיט א רעקאמענדאציע גוט צו הייסען א שלום מיט די ציוניסטישע ארגאניזאציעס אונטער עטליכע באדינגונגען, וועלכע די ציוניס־טישע ארגאניזאציע וועט זיכער אנעהמען, איבערהויפט ווען לואי מארשאל איז דער פרעזידענט פון דער אידישער אגענטור.

די אגודה האט זעהר געגלויבט אין מארשאל'ס ערנסטקייט און איבערהויפט אין זיין דרך ארץ פאר רעליגיע און רעליגיעזע פירער.

איך בין צוריק אוועק קיין באדען אין מיין האטעל מיט א צופרידענהייט, אז איך האב עפעס אויפגעטאן מיט מיין רייזע קיין וויען.

צומארגענס פרי ווען איך בין נאך געווען אין באדען האט דער טעלעפאן געקלונגען, דאס איז געווען יצחק ברייער.

„האט איהר שוין געלעזען די לעצטע נייעס?" פרעגט ער. „ניין, זאג איך, וואס פארא נייעס?" „שלעכטע נייעס", זאגט ער מיר, „לואי מארשאל איז גע־שטארבען אין ציריך!"

די נייעס האט מיך ווירקליך געטראפען ווי א דונער. איך האב שוין אפילו ניט געפרעגט וועגען די נייעס פון ארץ ישראל און בין גלייך געקומען קיין וויען, צוזאמען מיט יצחק ברייער בין איך געפארען צו דער כנסיה, וואו עס האט שוין געררישט מיט דעם פלוצימדיגען טויט פון לואי מארשאל.

די כנסיה עפענט זיך. די ערשטע פארהאנדלונג איז דער באריכט פון דער קאמיטע, דער סעקרעטאר פון דער קאמיטע, א יונגער רב פון שיקאגא, לייענט פאר די רעזאלוציע און ערקלעהרט דערביי אז א מיטגליד פון דער אגענטור איז געווען אנוועזענד, און די רעקאמענדאציע איז, אז מיט געוויסע באדינגונגען זאל אזא שלום געמאכט ווערען.

עס איז געווארען אן אויפרודער צווישען די מיטגלידער. „ניין, ניין", האבען זיי געשריען, א דעלעגאט האט זיך אויפגעשטעלט און געזאגט אז מארשאל'ס טויט פונקט בעפאר דער רעזאלוציע איז א סימן מן השמים, אז מען טאר אזא הסכם ניט מאכען . . . נאך עטליכע האבען גערעדט און רבי שאפירא האט דער־ביי אויסגעזעהן אזוי, אז מיר איז אזש א רחמנות געווען אויף איהם. ער רופט מיך ארויס און זאגט מיר, אז מארשאל'ס טויט האט באמת געמיינט צו זיין עפעס א צייכען פון אויבען. און אזוי ווי מיר רעדען, קומט ארויס א דעלעגאט און זאגט

אונז, אַז די רעקאָמענדאַציע איז איינשטימיג אָפּגעוואָרפן געוואָרן, אָבער מען מאַכט דאָרט איצט אַ הזכרה נאָך לואי מאַרשאַל.

איך האָב זיך געזעגנט מיט דעם רב און אוועק צוריק אין מיין האָטעל זיך אָפּרוהען. מיט צוויי טעג שפּעטער בין איך צוריק געקומען קיין וויען באַשטע־לען מיין שיף־אַקאָמאָדאַציע קיין ארץ ישראל.

דאָ אין דער שיף־געזעלשאַפט „טריעסטאַ־פּאַלעסטינאַ", האָב איך אויך גע־האַט אַן אינצידענט, וואָס מיר שיינט, אַז עס איז ווערטה פאַרצייכענט צו ווערן.

אַ יונגע פרוי האָט מיך געפרעגט וואָס איך פאַרלאַנג, און איך האָב איהר ערקלעהרט אַז איך וויל אַ צווייטע קלאַס שיפסקאַרטע פון טריעסט ביז אלעקסאַנ־דריע, און זי ענטפערט מיר: „ניטאָ, אַלעס פאַרנומען". פרעג איך: „אפשר האָט איהר אַן ערשטע קלאַס פּלאַץ?" — ניין, — זאָגט זי, „אָבער, מיר האָבען אַן ערשטע קלאַס פּלאַץ רעזערווירט פאַרן נאַרוועגישען קאָנסיל וועלכער דאַרף גע־בען אַן ענטפער מאָרגען 10 אַזייגער אין דער פריה. אויב ער וועט ניט קומען קען איך אייך געבען דאָס פּלאַץ".

זאָג איך איהר, אַז איך שטעה אין אַ האָטעל אין באַדען, וואָלט זי געווען אַזוי פריינדליך מיר צו טעלעפאָנירען מאָרגען נאָך צעהן אַזייגער און זי זאָגט מיר: „געוויס", און פרעגט דעם נאָמען פון האָטעל און דאַן מיין נאָמען: ווען זי דער־הערט מיין נאָמען, גיט זי מיר אַ קוק אָן און זאָגט מיט אַ שמייכעל: „גוט הער וואָלאָפּסקי. איך וועל אייך מאָרגען נאָך 10 טעלעפאָנירען".

צומאָרגענס, בלויז 5 מינוט נאָך 10 טעלעפאָנירט מיר דאָס מיידעל: „קומט זאָפאָרט, איך האָב דאָס פּלאַץ פאַר אייך רעזערווירט." זי האָט גערעדט דייטש און אונטערגעשטראָכען די לעצטע פראַזע: „אָבער קאָממע זי זאָפאָרט!"

אין אַ קנאַפּער שטונדע צייט בין איך שוין געווען אין אָפיס. און די דאַמע גיט מיר אַ ברייטען „גוט מאָרגען" און זאָגט מיר, אַז זי האָט געוואַרט ביז פינף מינוט נאָך צעהן און ווען דער קאָנסיל איז ניט געקומען, האָט זי מיר גלייך טעלעפאָנירט, אָבער ווי זי האָט נאָר אַרונטער געלאָזט דעם טעלעפאָן איז דער מאַן געקומען, נאָר זי האָט איהם געזאָגט: „שוין צו שפּעט". ער האָט זיך שרעקליך געבייזערט, אָבער זי האָט איהם געזאָגט: פאַרפאַלען, האָט ער געזאָלט זיין פּינקט־ליך 10 אַזייגער, ווי ער האָט צוגעזאָגט.

„פאַרוואָס זענט איהר אַזוי פריינדליך צו מיר ?" פרעג איך זי.

„ווייל איהר זענט הער וואָלאָפּסקי", ענטפערט זי.

איך קוק זי אָן פאַרוואונדערט און זי ערקלעהרט מיר: אַז זי האָט געלייענט מיינעם אַן אַרטיקעל „די דעפיניציע פון אַ דזשענטעלמאַן".

און דאָ מוז איך ערקלעהרען וואָס דאָס האָט געמיינט.

פאַרענדיג פון דעם האָפען דאָוער קיין פאַריז, איז מיט מיר אין קעבין אויך געפאָרען אַ מאָנטרעאַלער קריסט, אַ מענעדזשער פון אַ טעאַטער, וועלכער האָט

מיך געקענט. ער מיט די אַנדערע פּאַסאַזשירען אין דער קאַבינע האָבען דיסקוטירט די פראַגע: „וואָס איז די דעפיניציע פון דעם ענגלישען וואָרט „דזשענטעלמען”. איך בין מיר געזעסען ביים פענסטער, אַרויסגעקוקט און זיך כמעט ניט איינגע־הערט צו דעם געשפּרעך. יעדערער האָט זיך געזאָגט זיין מיינונג. דאַן זאָגט דער מאַנטרעאַלער צו די אַנדערע: אַט דער מאַן איז אַ רעדאַקטאָר פון אַ צייטונג, לאָ־מיר הערען וואָס ער האָט דאַריבער צו זאָגען. איך האָב זיי ערקלעהרט וואָס איך פאַרשטעה אין דעם וואָרט „דזשענטעלמאַן”, און אַזוי ווי איך האָב יעדען טאָג געשיקט אַ בריוו צו דער צייטונג, האָב איך אָנקומענדיג קיין פּאַריז געשריבען וועגען מיין רייזע ביז פּאַריז און דערציילט וועגען דער דעבאַטע איבער דער דעפיניציע פון אַ דזשענטעלמאַן.

די דאַמע אין שיפס אַפּיס ערקלעהרט מיר, אַז זי איז אַ שוחט'ס אַ טאָכטער אין וויען, און זי האָט אַן אָנקעל אין וויניפּעג, קאַנאַדע, און אַזוי ווי זי קומט יעדען טאָג אין דער אידישער ביבליאָטעק, איז זי פאַראינטערעסירט דאָרט צו לייענען דעם „קענעדער אדלער” און זי האָט געלייענט דאָס אַרטיקעל: „די דעפיניציע פון אַ דזשענטעלמען”. ווען איך האָב איהר געזאָגט מיין נאָמען, האָט זי זיך דער־מאָנט וועגען דעם אַרטיקעל און דערפאַר איז זי געוועזען אַזוי גערן, אַז איך זאָל באַ־קומען די אַקאָמאָדאַציע.

איך האָב איהר זעהר באַדאַנקט און עס איז פאַר מיר ווירקליך געוועזען אַן איבערראַשונג. ערשטענס האָב איך גאָרניט געדענקט, אַז זי איז אַ אידיש קינד, און צווייטענס, געה ריכט זיך, אַז איך שרייב מיט 6 וואָכען צוריק אַן אַרטיקעל קיין מאַנטרעאַל, דערקענט מיך גאָר אַ מיידעל אין וויען אַ דאַנק דעם וואָס זי האָט דאָס אַרטיקעל געלייענט אין אַ וויענער ביבליאָטעק.

זי ראָט מיך דאַן איך זאָל קויפען אַ רעטורין טיקעט וואָס קאָסט מיט 18 דאָלער ביליגער און טאָמער מוז איך צוריקפאָרען מיט אַן אַנדער קאָמפּאַניע, וועט זי מיר אין וויען צוריקקערען דאָס גאַנצע געלט פאַר מיין רעטורין טיקעט, וועל איך דערביי פאַרדינען 9 דאָלער. איך טהו אַזוי און פאָהר אַוועק.

איך באַשרייב דאָ אין מיין בריוו קיין מאַנטרעאַל אַט דעם אינטערעסאַנטען אינצידענט.

צוריקפאָרענדיג מיט צוויי חדשים שפּעטער, האָב איך געמוזט פאָרען מיט אַן אַנדער קאָמפּאַניע, און קומענדיג קיין וויען, בין איך אַרונטער געקומען אין דער „טריעסטיאַ” ליניע אָפּנעמען דאָס געלט פאַר מיין רעטורין טיקעט. זאָגט צו מיר דאָס מיידעל, אַז אייגענטליך דאַרף זי מיר דאָס געלט ניט אומקערען. „פאַרוואָס?” פרעג איך און זי ענטפערט מיר, אַז ס'איז דערפאַר ווייל איך האָב געשריבען אין מיין בריוו צו דער צייטונג וועגען דעם אינצידענט מיט איהר, אַז זי זעהט אויס ווי אַ „שיקסע”... האָט זי הייסט עס, דעם אַרטיקעל אויך געלייענט אין דער וויענער ביבליאָטעק.

איך בין דאַן אוועקגעפאָרען קיין טריעסט און אָנגעקומען מיט אַ טאָג פריער איידער מיין שיף האָט געזאָלט אַפּפאָהרען קיין אַלעקסאַנדריע, עגיפּטען. דאָרטען האָב איך באַגעגענט אַ יונגענמאַן און יונגע פרוי, וואָס זיינען ערשט געקומען פון ארץ ישראל. ווי איך האָב פאַרשטאַנען פון זייערע רייד, האָבען זיי דאָרט געוואוינט אַ היבשען אַנטייל אין דער פאַרטיידיגונג געגען די אַראַבישע אָנפאַלען, וואָס האָבען דאַן געבושעוועט און האָבען געפונען פאַר נויטיג צו אַנטלויפען מיט דער ערשטער שיף. איצט זיינען זיי אין טריעסט און זיי ווייסען ניט וואָס ווייטער צו טהאָן. קיין געלט אויף ווייטערע רייזע איז אויך ניטאָ. זיי דערציילען מיר וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען און אַז די אונרוהען זיינען נאָד ווייט פון צו זיין איינגעשטילט, אָבער איך אייל זיך שוין אַהין צו קומען.

די יונגע פרוי האָט געהאַט איהר מאַן אין אויסטראַליע, האָט זי איהם שוין געקעיבעלט פון טריעסט ער זאָל איהר שיקען רייזע קאָסטען קיין אויסטראַליע און זי ערוואַרטעט דעם קעיבעל, אָבער דער יונגערמאַן ווייסט ניט וואָס צו טאָן. איך האָב דעם יונגענמאַן געהאָלפען קריגען אַ טיקעט קיין קאַנאַדע לויט די דאַמאָלסדיגע רעגולאַציעס. די שיפס־געזעלשאַפטען, די קענעדיען פּאַסיפיק און קענעדיען נאַשיאָנאַל, האָבען געהאַט אַ רעכט אַהערצובריינגען אַגריקולטור־אַרבייטער אַהן וועלכע עס איז פּערמיטס, בין איך מיט איהם אוועק צו דעם אָפיס פון קענעדיען פּאַסיפיק אין טריעסט און גאַראַנטירט, אַז ער איז אַן אַגריקולטוריסט און פאַר איהם געקראָגען אַ שיפס־קאַרטע קיין קאַנאַדע פאַר האַלבען פּרייז און האָב פאַר איהם געשאַפען דאָס געלט אויף דער שיף קיין ארץ ישראל צווישען די פּאַסאַזשירען.

אויפ׳ן שיף האָב איך געטראָפען ר׳ דוד יעלין מיט זיין פרוי, דר. ווייצמאַנ׳ס שוועסטער און אויך די טאָכטער פון סיר הערבערט סעמיועל, וועלכע האָט חתונה געהאַט פון ארץ ישראל, און אַנדערע באַקאַנטע פון ארץ ישראל.

אויפ׳ן וועג זענען מיר אַלע געווען נייגעריג צו וויסען וואָס עס הערט זיך אין ארץ ישראל און אַ מאַרקאָני ווייערלעס איז געשיקט געוואָרען צום ציוניסטישען אָפיס אין ירושלים אויסצוגעפינען וואָס הערט זיך דאָרט. גלייך איז געקומען אַן ענטפער: „אַלעס אין אָרדנונג, מיר וועלען אייך אַלע ערוואַרטען ביים האַפען, אָבער זעהט אַנצוקומען קיין חיפה אַנשטאָט יפו״ . . . מיר האָבען גע׳פועל׳ט ביים שיפס־קאַפּיטאַן צו פאָרען קיין חיפה.

פון חיפה בין איך אַפּגעפאָרען קיין ירושלים.

אָנקומענדיג אין ירושלים און פאַרפאָרענדיג אין דעם אַמדורסקי־האָטעל, האָט מר. אַמדורסקי, דער האָטעל אייגענטימער, מיר געלאָזט וויסען, אַז מר. אוסישקין האָט שוין אייניגע מאָל טעלעפאָנירט צי איך בין שוין אָנגעקומען און געבעטען אַז אַזוי ווי איך וועל אָנקומען, זאָל מען איהם לאָזען וויסען. מען האָט איהם גלייך טעלעפאָנירט און ער האָט מיר געהייסען וואַרטען אין מיין צימער, ווייל אַ קאָר קומט מיך נעמען. און טאַקע באַלד איז געקומען

א קאר און א סאלדאט מיט א ביקס איז געזעסן מיט׳ן שאופער. מיר זענען צוגעפארען צו א פלאץ און דארט האב איך געטראפען אוסישקינ׳ען, דעם רבי מאיר בערלין און מר. אגראנסקי, ארויסגעבער פון דער ענגלישער צייטונג „פאלעסטיין פאסט״. זיי זיינען אריין אין קאר און א צווייטע קאר מיט דריי סאלדאטען איז אונז נאכגעפארען.

„וואוהין פארען מיר ?״ האב איך געפרעגט, און מר. אוסישקין דערציילט מיר :

„מיר פארען איצט ארויס קיין חברון, דאס ערשטע מאל נאך דער הריגה אויף די ישיבה בחורים, צו זעהן וואס דארט טוט זיך. מיר האבען געזאלט פארען נעכטען, אבער מיר האבען געלעזען אין צייטונג, דאס איהר קומט היינט צו פארען, האבען מיר אפגעלעגט די רייזע אויף היינט, ווייל מיר האבען געוואלט איהר זאלט מיטפארען.

וואס מיר האבען געזעהן אין חברון האט אונז געמאכט צום אויפשוידערען. אין דעם פלאץ פון דער ישיבה זענען די פאלען (פלארס) נאך געווען פול מיט׳ן בלוט פון די קדושים, די ישיבה־לייט. די פענסטער אויסגעבראכען, די ספרים צוריסען און פארבלוטיגט. מיר זענען מיט דער וואך פון די סאלדאטען ארייגגע־קומען אין דער אידישער גאס, און דארט איז אויך געווען א חורבן. קיין איד האבען מיר דארט מעהר ניט געפונען, ווייל די לעבען־געבליבענע זענען שוין געווען אין ירושלים. מיר האבען דארט געווײלט א שטיקעל צייט צו זעהן וואס עס קען צוריק אויפגעבויט ווערען און געטראכט, צי עס לוינט זיך בכלל אהין צוריקצוברענ־גען אידען. אבער מר. אוסישקין האט דורכאויס געפאדערט, אז מען מוז צוריק־ברענגען אידען אהער, כדי ניט צו ווייזען די אראבער, אז מיט פאגראמען קענען זיי פטור ווערען פון אידען.

מ׳האט געטראכט אויפצובויען א גרויס אפארטמענט הויז און עס גלייך באשיצען פון קוילען, אבער פון דעם איז גארניט געווארען. רבי בערלין האט גראדע געוואלט איך זאל ווערען א מיטגליד אין דעם הילפס־קאמיטעט, פאר־טרעטענדיג קאנאדער אידען. (נאך אין וויען האב איך שוין געזעהן א „קענעדער אדלער״ וואס האט באריכטעט וועגען א גרויסער דעמאנסטראציע וואס איז פאר־געקומען אין מאנטרעאל און אז א פאנד איז גלייך געשאפען געווארען פאר דיליידענדע און פאגראמירטע אין ארץ ישראל). רבי בערלין האט מיר געזאגט, אז די טעג קומט אויך צופארען לאיער דזשאנא גאלדשטיין מיט זיין פרוי פון ניו יארק, גע־שיקט פון פ. ווארבורג, פרעז. פון דער אגענטור, צו פארטרעטען אמעריקאנער אידען. און ווען איך האב גע׳טענה׳ט אז קאנאדער אידען האבען דאך מיך ניט אויטאריי־זירט פאר דעם, האבען אבער אלע געזאגט, אז זיי זענען זיכער, דאס קיינער וואלט ניט געווען דאגעגען, ווען זיי זאלען מיר דארפען אויטאריזירען ספעציעל. איך בין דאמאלט געווען א מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און א מיטגליד פון דער אידישער אגענטור, און איך האב אנגענומען צו זיין א מיטגליד אין

הילפס־קאָמיטעט. פון חברון זענען מיר גלייך צוריקגעפאָרען צום אָפיס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ירושלים און אָפּגעהאַלטען אַ מיטינג וועגען רעליף.

דעם צווייטען טאָג איז אויך געקומען מר. דזשאַנאַ גאָלדשטיין מיט זיין פרוי. (מר. גאָלדשטיין איז איצט אַ באַרימטער ריכטער אין ניו יאָרק) און איך בין דעם זעלבען טאָג צוזאַמען מיט מרס. גאָלדשטיין אַרויסגעפאָרען אין דעם אַלטען טייל פון ירושלים זעהן וואָס דאָרט טוט זיך.

ביים זייט פון דער גרויסער שוהל, חורבת ר׳ יהודא החסיד געפינט זיך אַ הויף, אין וועלכען עס איז געווען אַ תלמוד תורה. די אַלע צימערען פון דעם „חצר״ זענען געווען אָנגעפילט מיט פליטים פון דער אַלטער שטאָט. אין איין צימער האָבען מיר געטראָפען דריי קימפּעטאָרינס, וואָס זענען געלעגען אויף דער גע־פלאַסטערטער ערד מיט דינע מאַטראַצען אונטער זיך, און פון דער אָרדנונג אין דעם צימער האָט פּשוט אָנגענומען אַ שוידער.

איך בין באַלד צוריקגעקומען אין האָטעל און גערופען די פרוי פון ר׳ דוד יעלין ע״ה און זיך גוט אָנגעבייזערט פאַרוואָס די פרויען אין ירושלים טוען ניט עפּעס פאַר די אונגליקליכע פרויען אין יענער חורבה. פרוי יעלין האָט גלייך גע־רופען אַ מיטינג פון פרויען מיט דער רבי׳צין קוק אין מיין האָטעל, און איך האָב פאַר זיי געשילדערט וואָס איך האָב געזעהן. זייענדיג שוין אַ מיטגליד פון דעם הילפס־קאָמיטעט, האָב איך זיי פאַרשפּראָכען, אַז דער קאָמיטעט וועט דעקען אַלע אויסגאַבען. און תיכף האָט אַ קאָמיטעט זיך אַרויסגעלאָזט זוכען פּאַסיגע פלע־צער פאַר די קימפּעטאָרינס און פאַר די קליינע קינדער, אַזוי, אַז דעם צווייטען טאָג רופט מיך אָפּ פרוי יעלין און זאָגט מיר, אַז אַלעס איז שוין באַזאָרגט. „אדרבא, זאָגט זי, „פאָהרט איצט צו צו דער חורבה און איהר וועט זעהן. די פרויען, זאָגט זי, האָבען זיך שוין גוט אָרגאַניזירט פאַר הילפס־אַרבייט״.

איך בין טאַקע מיט מרס. גאָלדשטיין נאָכאַמאָל אַוועק צום זעלבען פלאַץ און אויסגעפונען, אַז די קימפּעטאָרינס און אַלע קליינע קינדער זענען שוין פון דאָרט אַרויסגענומען געוואָרען, און אַז די פרויען האָבען שוין באַזאָרגט פאַר אַלעמען פלייש און חלות אויף שבת. דאָס פלאַץ האָט שוין געהאַט גאָר אַן אַנדער אויסזעהן. פרוי יעלין און רבי׳צין קוק זענען געווען די פיהרערינס פון דעם פרויען־קאָמיטעט, וואָס איך האָב דאָרט געשאַפען דעם דריטען טאָג פון מיין אָנקומען קיין ירושלים.

געלט איז פון אומעטום אַריינגעקומען צום הילפס־קאָמיטעט פון וועלכען רבי מאיר בערלין איז געווען דער פאָרזיצער. געקומען איז דאָס געלט פון אַמעריקע און פון גאַנץ איירפּאַ. בלויז פון קאַנאַדע איז נאָך גאָרניט געקומען, כאָטש איך האָב געהאַט געליינט אין „קענעדער אַדלער״, אַז 110 טויזענט דאָלאַר זענען שוין געשאַפען געוואָרען. איך האָב דאַן געשיקט אַ קייבעל צו רבי זלאַטניק, דאַן דער עקזעקוטיוו דירעקטאָר פון דער קאַנאַדער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און עס זענען אַוועק עטליכע טעג אָהן ענטפער. האָב איך שוין געשיקט אַ שטורמדיגען

קייבעל און דאן האב איך געקראגען אן ענטפער, אז 110 טויזענט דאלאר איז אפ־געשיקט געווארען דורך דער ציוניסטישער ארגאניזאציע קיין לאנדאן. מילא, וועגען דעם געלט וואלט מען געדארפט שרייבען א באזונדער קאפיטעל, אבער עס איז איצט ניט נויטיג צו מיינע זכרונות.

מיר האבען געארבייט כמעט יעדען טאג אין דעם קאמיטעט, און אין אוונט האבען מיר כסדר געהאט אידען, וואס זענען געקומען בעטען הלוואות. ס׳האט זיך שוין געהאט פארשפרייט א קלאנג צווישען די נויטבאדערפטיגע, אז ביי מיר פועל׳ט מען גיכער ווי ביי אנדערע, פלעגען די אידען טאקע קומען צו מיר גיכער ווי צו די אנדערע קאמיטעט־לייט. איך בין אזוי ארום די מעהרסטע צייט געווען אין ירושלים, אבער אויף שבת און דעם יום טוב סוכות בין איך געפארען קיין תל אביב.

אין תל אביב האבען די אידען ניט געוואלט שעכטען קיין בהמות אין דעם יפו׳ער שלאכט־הויז. זיי האבען ערשטענס טאקע מורא געהאט צו זיין אין יפו. און צווייטענס האבען זיי פשוט ניט געוואלט זיך באנוצען מיט די אראבישע ארבייטער אין יפו, בעת די בוטשערס אין תל אביב האבען געסטרייקט און האבען דוקא געוואלט אן אייגען שלאכט־הויז אין תל אביב, ביים ים, אבער האבען די ערלויבניש ניט געקאנט קריגען פון היי־קאמישיאנער.

רבי אראנסאן ז״ל האט מיך געבעטען, אז איך זאל ריידען מיט קוירנעל קיש, דאמאלסדיגער עקזעקוטיוו דירעקטאר פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין ירושלים און וועלכער איז געפאלען אין שלאכט ווי א העלד אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. איך האב דאן פארגעווארפען קוירנעל קיש פארוואס ער מאכט ניט קיין אפאינטמענט מיט די רבנים צו זעהן דעם היי־קאמישיאנער. און קוירנעל קיש האט טאקע אראנזשירט פאר די רבנים זיך צו זעהן מיט׳ן היי־קאמישיאנער. כ׳האב די רבנים אין תל אביב געלאזט וויסען וועגען דעם און זיי האבען גע׳פועל׳ט א צייט־ווייליגען שלאכט־הויז אין תל אביב. ווען די קצבים אין תל אביב האבען ארונ־טערגעפיהרט די ערשטע בהמות צו זייער אייגען שלאכט־הויז, האבען זיי עס געטאן מיט א בענד מוזיק. ס׳איז געווען די שמחה וואס זיי האבען אן אייגען שלאכט־הויז און וועלען ניט דארפען זיך באנוצען מיט דעם יפו׳ער שלאכט־הויז.

נאך אן אינצידענט איז ווערט צו דערמאנען, אן אינצידענט וואס איך האב געפונען פאר נויטיג ביי מיין צוריקקער קיין מאנטרעאל דאס צו דערציילען אויף א מיטינג פון די הבונים, וואס זיי האבען גערופען צו הערען א באריכט.

פרוי יעלין האט זיך פאר מיר באקלאגט, אז דער רבי זאל לעבען, מיינענדיג הרב קוק ז״ל, האט א נאטור, אז אזוי ווי ער קריגט נאר עטליכע פונט, צוטיילט ער עס גלייך אויף צדקה און די רבי׳צין פלאגט זיך פאר יעדען סענט. זי דער־צעהלט מיר אויך, אז פאר שבת באקט די רבי׳צין שנים עשר חלות, צוועלף חלות, אבער ווען זי באהאלט ניט די חלות, איז דער ערשטער ארימאן וואס קומט אריין, נעהמט דער רב און צוטיילט דעם גרעסטען טייל פון די חלות. און איצט, זאגט

פרוי יעלין, איז ערב ראש השנה און דאָן קומט יום כפורים און סוכות, און דער רבי האָט געקראָגען פון דער געמיינדע 100 פונט אויף זיינע שכירות, מאַנט די רבי׳צין אויף יום טוב. ענטפער דער רבי: „עס זענען פאַראַן מעהר נויטבאַדערפטיגע פאַר יום טוב״. און די פרוי יעלין בעט מיך איך זאָל זעהן ביים רבי׳ן צו קריגען כאָטש 25 פונט פון דעם געלט, כדי די רבי׳צין זאָל האָבען מיט וואָס צו פאַרבאַרייטען דעם יום טוב. פרוי יעלין זאָגט מיר: „איך ווייס אַז איהר זענט זעהר באַפריינ־דעט מיט׳ן רבי׳ן, וועט ער אייך ניט קענען ענטזאָגען. איך בין געווען אין אַ פאַר־לעגענהייט צו געהן ריידען צום רבי׳ן וועגען געלט פאַר זיין פרוי, אָבער איך בין געפאַלען אויף אַ פּלאַן.

דר. לעוויו, דער מחבר פון „אוצר הגאונים״ האָט פון מיר פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל פועל׳ן ביי דעם קאָמיטעט זיי זאָלען איהם באַרגען הונדערט פונט, ווייל ער דאַרף איבערגעבען עטליכע ספרים צום דרוק. איך האָב עס ביי דער קאָמיטע גע׳פועל׳ט און איהם פאַרשפּראָכען, אַז אין דריי טעג אַרום וועט ער קריגען די הונדערט פונט.

זאָג איך צו דר. לעווין: „געהט אַרויף צום רב און באַרגט זיך ביי איהם אַן הלואה פון 25 פונט. זאָגט איהם, אַז אַזוי ווי איך קריג פאַר אייך הונדערט פונט, וועל איך גלייך אַרונטערנעהמען די 25 פונט און ווידער אומקערגעבען אין דריי טעג צייט. ווייטער זאָג איך, איז שוין מיין זאַך אויב איך וועל עס איהם ניט אָפּגעבען. איך דערצעהל איהם, אַז די 25 פונט וויל איך געבען דער רבי׳צין אויף יום טוב.

אַזוי אַז טאַקע געווען. דר. לעווין ברענגט מיר די 25 פונט פון רבי׳ן און איך טעלעפאָניר גלייך צו מרס. יעלין און גיב איהר די 25 פונט איבערצוגעבען דער רבי׳צין.

ערב ראש השנה קום איך אַרויף צום רב, ווייל ער האָט מיר טעלעפאָנירט, אַז ער וויל איך זאָל קומען דאַווענען ראש השנה אין זיין מנין מיט דער ישיבה ביי איהם אין הויז. בין איך ערב ראש השנה אַרויפגעקומען.

פרעגט מיר הרב קוק ז״ל: איהר האָט שוין געקראָגען פאַר דר. לעווין די הלואה?״ „געווים, זאָג איך, האָב איך שוין געקראָגען און ער האָט מיר געגעבען 25 פונט פאַר אייך, האָב איך עס געגעבען דער רבי׳צין.

„איי, זאָגט דער רבי, און קראַצט זיך אין קאָפּ, איהר האָט מיר, הייסט עס, אָפּגעטאָן אַ שפּיצעל. די רבצין וואָלט געגוג געהאַט וועניגער און איך האָב ביל־כערע בכבוד׳ע אידען, וואָס דאַרפען אויף יום טוב״ . . .

אָבער די רבי׳צין האָט געהאַט אויף יום טוב און ניט גענדאַרפט בעטען עטליכע פונט ביים רב, ווען ער האָט עס צוטיילט „בילכערע אָרימעלייט״.

ביי דעם שוין דערמאָנטען „הבונים״ מיטינג האָב איך אויך דערציילט אַן אינצידענט, וואָס באַלייכט די צוגעבונדענקייט פון אַן ארץ ישראל איד צו דעם לאַנד. עס קומט צו מיר אַ איד אין תל אביב, און זאָגט, אַז ער וואָלט געוואָלט

בארגען פון דעם הילפס־קאמיטעט 500 פונט, כדי אויפצובויען נאך א שטאק אויף זיין בילדינג פון דריי שטאק, וואס האט ניט קיין מארטגיידזש.

„האט איהר אלע דריי שטאק פארדונגען?‟ פרעג איך איהם.

„ניין, ענטפערט ער מיר, אבער דאס ארט מיך ניט. איך וויל נאר בויען, כדי צו ווייזען די אראבער, אז קיין זאך שרעקט אונז ניט אפ און מיר בויען ווייטער אונזער לאנד. צוליב דעם וויל ער ארויפבויען נאך א שטאק, כאטש ער האט איין שטאק סיי ווי ליידיג.

דאנערשטאג האט זיך געהערט א קלאנג, אז די אראבער גרייטען זיך צו מאכען נאך אן אנפאל אין ירושלים מארגען, פרייטאג אין זייער רוה־טאג.

נו, אויב אזוי, ווער איך אויך א שטרויענער העלד און איך פאר ניט די וואך קיין תל אביב אויף שבת, נאר בלייב אין ירושלים. מר. גאלדשטיין האט אונז געזאגט, אז ער קען קריגען רעוואלווערען געקויפט צו איין פונט א שטיק. איך בין דער ערשטער וואס דערלאנג איהם א פונט, כאטש אין מיין לעבען האב איך נאך קיין רעוואלווער אין האנט ניט געהאלטען. אנדערע געסט אין האטעל דערלאנגען אויך צו פונטען פאר רעוואלווערען, אבער ניט גאלדשטיין האט גע־קראגען רעוואלווערען, ניט די אראבער האבען זיך באוויזען. און איך בין אומזיסט געבליבען שבת אין ירושלים.

אבער ווען דער האטעל־אייגענטימער, מר. אמדורסקי, האט מיך געקיבעצט, אז איך וואלט מסתמא דעם רעוואלווער מורא געהאט צו נעמען אין האנט, נאר וואלט איהם אוועקגעלעגט אין אן אנדער צימער, ניט אין מיין צימער, האב איך איהם געזאגט: כ'האב טאקע אזוי געפיהלט, אבער איך האב אין זינען גע־האט צו שטעהן אויף דער באלקאני מיט דעם רעוואלווער און שיסען רעכטס און לינקס, אויב די אראבער וואלטען זיך באוויזען. אט אזוי פיהלט מען זיך ווען מען געפינט זיך אין א לאנד וואס מ'האט וועגען איהר וועניגסטענס דאס באוואוסט־זיין, אז עס איז אונזער לאנד, אז מיר זענען דא אמוועניגסטענס גלייכע בעלי בתים, אויב ניט די איינציגע בעלי־בתים.

נאך אן אינצידענט וואס האט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון, איז געווען. ווען איך בין די צווייטע טעג סוכות (וואס מיינט דארט אייגענטליך בלויז איין טאג), געווען אין תל אביב. שמחת תורה אין דעם פריה (עס הייסט ביי אונז איז עס שמחת תורה, אבער ביי די אידען אין ארץ ישראל איז עס שוין נאך יום טוב) ארום 9 אזייגער, ערהאלט איך א טעלעגראמע פון דעם הילפס קאמיטעט אונטער־געשריבען פון רבי מאיר בערלין איך זאל קומען צו א דרינגענדען מיטינג 11 אזייגער אין דער פריה.

איך בלייב דאן אין א פארלעגענהייט. ביי אונז איז דאך היינט יום טוב און אויב מ'האט בדעה צוריקצופארען, דארף מען אין ארץ ישראל אויך האלטען דעם טאג יום טוב, און אפשר וואלט איך שוין ניט געווען אזוי איבערקלייבעריש,

ווייסען דאָך אָבער די אַלע רבנים און די חברה פון דעם קאָמיטעט דעם דין אַזוי גוט ווי איך. אַזוי טראַכטענדיג זעה איך רבי אַראָנסאָן ע״ה אַריינקומען און איך ווייז איהם די טעלעגראַמע און פרעג איהם: וואָס טוט מען?

רבי אַראָנסאָן לייענט איבער די טעלעגראַמע און זאָגט צו מיר: „וואָס דאַרפט איהר פרעגען אַ רב? אַז אַ רב האָט דאָך אייך געשיקט די טעלעגראַמע: „קומט צו פאַרען״, האָט איהר דאָך שוין אַ הכשר פון אַ רב. דאָן, זאָגט ער, האָט איהר דאָך דאָ עפּעס אַ שטיקעל קהלה, ווייל איהר זענט דאָך דאָ אַ כלל טוער און אַן אייגענער, טאָ טוט זשע, ווי אַ רב האָט אייך געהייסען. בקיצור, איך האָב אום שמחת תורה זיך אויפגעזעצט אין אַן אַפּענער קאַר און בין אַריינגעפאָרען אין ירושלים גלייך אין פראָנט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואו דער מיטינג איז פאָרגעקומען.

איך האָב אָבער באַמערקט ביי מיין אונטערשטייגען פון דער קאַר ווי אַ איד האָט געזאָגט צום אַנדערען: „ווי קען ער פאָרען היינט, ער בלייבט דאָך דאָ ניט וואוינען?״ דער אַנדערער איד האָט איהם געענטפערט: „מסתמא ווייסט ער וואָס ער טוט״. איך פון מיין זייט האָב זיך אָנגערופען: „איך ווייס ניט, אָבער איך האָב אַ הכשר פון אַ רב״.

איך וועל איצט צוריקגעהן צו אַ פריהערדיגען אינצידענט:

ערב ראש השנה בין איך געלאַדען געוואָרען פאַר דער ערשטער נאַכט ראש־השנה צום טיש ביי מר. אוסישקין. פאַרנאַכט־צו טעלעפאָנירט מיר מר. אוסישקין צי איך קען זיין געגוג העלד צו געהן דאַווענען צום כותל המערבי, ניט מורא האָבענ־דיג. איך האָב איהם געענטפערט, אַז איך וועל קומען. מר. אוסישקין האָט צו מיר געשיקט זיין סעקרעטאַר, מר. קאַטלער, אַ איד אַ בעל גוף און איך בין מיט איהם אַרונטערגעגאַנגען צום כותל. דורכגעהענדיג אַ וואַך סאָלדאַטען. ביים כותל איז שוין געווען מר. אוסישקין, האָט ער אויסגערופען: „איהר זעהט אונזער לאַגע, ערב ראש השנה דאַרף מען ביים כותל וואַרטען ביז עס קומט אַ איד פון קאַנאַדע משלים זיין צו אַ מנין!״ (איך בין טאַקע געווען פּונקט דער צעהנטער צום מנין). אויף דעם האָט רבי זאָנענפעלד וועלכער איז דאָרט אויך שוין געווען, אָנגעטאָן אין ווייסען פון קאָפּ ביז די פיס, מיר געזאָגט געבענדיג די האַנט: „פאַר דעם וועט איהר נאָך זוכה זיין אַהער צו קומען דורך דעם פאַראַדנעם כאָד״ (מיינענ־דיג דורך דער מזרח־זייט, וואו עס געפינט זיך היינט די מאַכמעדאַנישע מאַשעי). דאָן איז נאָך געקומען מר. פישמאַן, דער מיט־רעדאַקטאָר פון „מאָרגען זשורנאַל״ אין ניו יאָרק און דער באַוואוסטער חנא, אָבער זיי זענען שוין אויפ׳ן וועג צום כותל באַזוכט געוואָרען פון מיליטער, צי זיי טראָגען ניט קיין געוועהר מיט זיך.

נאָך מנחה זענען מיר אַוועק דאַווענען מעריב מיט די געראַטעוועטע חברונ׳ער ישיבה־לייט, וואָס זענען שוין איצט געווען אין ירושלים. איך וועל אין מיין

לעבען ניט פארגעסען אט דעם מעריב פונ'ם ערשטען ראש השנה נאך דער הריגה פון די ישיבה־בחורים.

די פארבלוטיגטע ברעטער, וואס זענען געבראכט געווארען פון חברון, זענען געלעגען אויפ'ן הויף און ביים דאווענען זענען די יללות געגאנגען עד לב השמים, אזוי אז ניט איך און ניט מר. אוסישקין האבען דאס געקענט איבערטראגען, און

אין יענער צייט האט אין ירושלים געהערשט קריגס־צושטאנד. מ'האט זיך ניט געטארט ווייזען אין גאס נאך 8 אזייגער אין אווענט. גראדע האבען מיר געענדיגט דעם מיטינג מיט א האלבע שעה שפעטער. אין גאס איז געווען פינסטער און מיר ביידע, מר. פישמאן און איך, האבען ניט געקענט טרעפען צוריק צום האטעל. דערווייל זעהען מיר ווי א מחנה סאלדאטען געהט אונז אנטקעגען. פישמאן האט געוואלט אנטלויפען, האב איך איהם אפגעהאלטען און בין גראדע אנטקעגענגעגאנגען די סאלדאטען און זיך צו זיי געווענדעט מיט א בקשה, אונז צו ווייזען צום האטעל.

דער עלטסטער האט מיר געזאגט, אז עס איז שווער נאך דער צייט זיך צו געפינען אין גאס, אבער ער וועט שיקען א סאלדאט אונז צו פיהרען צום האטעל. און אזוי איז טאקע געווען.

דעם ערשטען טאג ראש השנה האב איך טאקע געדאווענט אין בית המדרש פון הרב קוק ז"ל און בין געווען אנגענעהם איבערראשט, ווען הרב קוק האט געמאכט א ספעציעלען מי שברך פאר די חלוצים, וועלכע זענען זיך מוסר נפש פאר יעדען איד.

אז איך האב איהם נאכ'ן דאווענען געזאגט, דאס איך בין זעהר צופרידען געווען פון דעם ספעציעלען „מי שברך" און אז איך וועל וועגען דעם שרייבען אין אונזער צייטונג, האט ער מיר דערציילט, אז ביי מאה שערים, א קווארטאל פון בלויז רעליגיעזע אידען, האבען די אראבער געמאכט אן אנפאל און די חלוצים האבען זיי באשיצט מיט זייער לעבען. איינער פון די חלוצים, גראדע א קאמור־ניסטיש־געשטימטער, איז געטראפען געווארען פון א קויל. האבען די חברים איהם געוואלט אוועקפיהרען אין שפיטאל, אבער ער האט זיך ענטזאגט, ווייל ער האט ניט געוואלט, אז די אידען אין מאה שערים זאל פעלען צוויי באשיצער. ער האט זיך אוועקגעלעגט מיט זיינע וואונדען אויף דער ערד און ניט געלאזט זיך באדינען. ביז עס זענען געקומען צוויי אנדער אידען פון מאה שערים און האבען איהם אוועקגעפיהרט אין שפיטאל.

דעם צווייטען טאג ראש השנה האב איך דוקא געוואלט געהן דאווענען אין דער חורבה שוהל אינ'ם אלטען ירושלים. איך בין אהין אנגעקומען בשלום. מעהר ווי א מנין אידען האט זיך דארטען ניט געפונען, כאטש די שוהל איז א זעהר גרויסע, ווייל מ'האט זיך אפגעהאלטען פון געהן אהין אויס מורא דורכצוגעהן די אלטע שטאט.

יעדע עטליכע מינוט זענען אריינגעקומען עטליכע פון דער „הגנה״ (זעלבסט־שוץ) צו זעהן וואָס עס הערט זיך און צוריק אַוועק. באַלד זענען געקומען אַנדערע, אַלץ צו היטען די מתפּללים. ווען מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פון שוהל איז אונז אַנטקעגענגעקומען אַ גרופּע פון דער „הגנה״ און מיט אונז דורכגעגאַנגען די אַלטע שטאָט. קוים האָבען זיי געזעהן אַ איד מיט אַ שטריימעל געהן אויף דער אַנדער זייט גאַס, איז באַלד אויסגעוואַקסען לעבען איהם איינער פון דער „הגנה״ און איהם באַגלייט. איך האָב דאָן געטראַכט, אַז זיי פאַרדינען כשר דעם „מי שברך״ פון דעם צדיק הרב קוק, ווייל זיי האָבען זיך באמת מוסר נפש געווען פאַר אַפּהיטען יעדען איד. און נישקשה, זיי האָבען געליפערט אַ היבשען חלק קרבנות דורך די אַראַבישע רוצחים. ווען איך בין מיט עטליכע וואָכען נאָך סוכות אַפּגעפאָרען, איז דער אויפשטאַנד שוין געווען איינגעשטילט.

אָבער איך האָב נאָך בייגעוואוינט אַ משפּט פון דריי אַראַבער, וועלכע זענען באַשולדיגט געוואָרען אין די הריגות אין חברון. מ'האָט בלויז אריינגעלאָזט אין געריכט צוויי רעפּאָרטערס פון ארץ ישראל, און איינעם פון יעדען אַנדער לאַנד, אַזוי, אַז איך האָב געקענט פריי אריינקומען אין געריכט־הויז ווען איך האָב נאָר געוואָלט, און ווען איך האָב ניט געקענט געהן, האָב איך מיין קאַרטעל געגעבען צו אַן ארץ ישראל רעפּאָרטער.

דער משפּט איז ווירקליך געווען זעהר אינטערעסאַנט. מיליטער האָט באַוואַכט דאָס געריכט־הויז פון דרויסען, און אינווענייג איז אויך געשטאַנען כמעט ביי יעדען פון די וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען, אַ סאָלדאַט מיט דער ביקס גרייט צו שיסען. די ריכטער זענען געווען דריי ענגלישע, דער קראַון פּראָסעקיוטאָר, אויך אַן ענגלישער. אַלע זענען געווען אָנגעטאָן אין די גרויע פּאַרוקען אויף די קעפּ, כמנהג ענגלאַנד. די אַדוואָקאַטען זענען אויך געווען פון ענגלאַנד, איינער לאָרד מעלטשעט'ס אַ זוהן. בלויז דער פּאַרטיידיגער איז געווען אַן אַראַבישער אַדוואָקאַט. דער איבערזעצער איז געווען א אידישער יונגערמאַן, וועלכער האָט איבערזעצט פון אַראַביש אויף ענגליש און פון העברעאיש אויף אַראַביש און ענגליש.

אין מיטען פון געריכטס־הויז האָט זיך געפונען די „פּריזאָנער'ס דאָק״ בימה'לע וואו די באַשולדיגטע האָבען זיך געפונען און אַרום זענען געשטאַנען סאָלדאַטען מיט בלויזע שווערדען.

דער אָנפיהרער פון דער באַנדע, אַ שמוציגער אָפּגעריסענער אַראַבער, האָט געבראַכט אַן „אַליבאַי״ און אַלע האָבען געהאַט אַזעלכע עדות, וואָס האָבען גע־שוואָרען, אַז גראַדע דעם טאָג האָבען זיי זיך גאָר געפונען ניט אין חברון, נאָר ערגעץ אַנדערש. אויך דער הויפּט אָנפיהרער פון די פּאָגראָמשטשיקעס האָט אַזוי גע'טענה'ט. ער וואוינט אין אַ דאָרף ניט ווייט פון חברון און גראַדע דעם

טאג איז ער געווען קראנק אין הויז און דריי פון זיינע פריינד, וועלכע זענען דא געווען עדות, זענען ביי איהם געווען דעם גאנצען טאג . . .

דער פראסעקיוטאר האט איהם געוואלט כאפען ביי א ליגען, און דא מוז איך ערקלערען אויף וואס דער פראסעקיוטאר האט זיך געשטיצט.

ביי די אראבער איז איינגעפיהרט, אז א פרעמדער מאן קומט ניט אריין אין א הויז ווען דארט געפינט זיך א פרוי, און ווען א פרוי געהט אריין אין א הויז וואו קיין מאן איז ניטא, לאזט זי איהרע שיך אין דרויסען, כדי א מאן זאל וויסען אז דא איז פאראן א פרוי און ער טאר ניט אריינקומען. און אפילו דער מאן פון הויז קען אויך ניט אריינקומען אין זיין הויז ווען ער טרעפט א פאר שיך פאר דער טיר. דאס איז אבער בלויז איינגעפיהרט אין שטאט, ווערענד אין די דערפער עקזיסטירט ניט אט דער אראבישער מנהג. דער פראסעקיוטאר האט ניט געוואוסט, אז דער געזעץ איז ניט חל אויף דארפסלייט, האט ער דעריבער אנגעהויבען זיין קרייץ־פארהער, פרעגענדיג דעם אנגעקלאגטען:

„ווי גרויס איז דיין הויז?"

ווייזט דער אנגעקלאגטער אויף א ווינקעל פון דעם געריכטס־זאל:

„אט אזוי גרויס איז מיין הויז".

„וויפיל ווייבער האסטו?"

„פיר", ענטפערט דער אראבער.

„און וואס באשטעהט דיין מעבעל?"

און דער אנגעקלאגטער זאגט: „וואס הייסט, אין איין ווינקעל ליגען פיר מאטראצען, און דאס איז אלעס".

„וואס האבען דיינע פריינט דארט געטאן דעם גאנצען טאג?"

„זיי האבען געקליבען קאנען טרויבען צו מאכען וויין".

פרעגט דער אנקלעגער:

„דו האסט דאך פיר ווייבער און דו ביסט אויך אימיצער, טא ווי קומט דאס וואס דו האסט בלויז פיר מאטראצען?"

און דער אראבער ענטפערט: „געוויינליך יעדען אווענט ווערט איינע פון די פרויען באשטראפט, מוז זי נעכטיגען אין קאמער. אמאל ווערען צוויי באשטראפט, אבער איינע ווערט זיכער באשטראפט יעדע נאכט, און דעריבער איז גענוג פיר מאטראצען פאר 5 פערזאן" . . .

איך האב דאמאלט באטראכט די ענגלישע אריסטאקראטישע ריכטער. איך האב באמערקט אן עקעל אויף זייערע געזיכטער צו די מאדנע אראבישע מנהגים.

און דער פראסעקיוטאר פרעגט ווייטער:

„אז דו האסט פיר ווייבער, ווי אזוי האבען די מענער געקענט זיין דעם גאנ־צען טאג ביי דיר אין הויז, עס איז דאך געגען דער מאכמעדאנישער רעליגיע?"

„האַ האַ", זאָגט דער אַראַבער, „דער דין איז בלויז פֿאַר דער שטאַט, אָבער ניט פֿאַר'ן דאָרף".

דער פּראָסעקיוטאָר האָט אַלזאָ אומזיסט געפּלאַכטען די גאַנצע דיסקוסיע, כדי צו כאַפּען איהם ביי דעם פּונקט.

דעם זעלבען טאָג ווען דער אורטייל האָט געדאַרפט אַרויסגעגעבען ווערען, איז די מיליטערישע וואַך פאַרדאָפּעלט געוואָרען. און איינער פון די ריכטער האָט ערקלערט, אַז נאָכ'ן פּסק טאָר קיינער ניט אַרויסגעהן פון געריכט־הויז ביז 10 מינוט נאָכדעם ווי די אַנגעקלאָגטע וועלען שוין זיין אַוועקגעפיהרט. מ'האָט זיי אַלע דריי פאַראורטיילט צום טויט, און זיי גלייך אַרויסגעפיהרט מיט סאָל־דאַטען און זיי אַוועקגעפיהרט אין דזשייל. די גרויסע מאַסע מענשען וואָס האָט זיך געפונען אין דרויסען, האָט ניט געוואוסט דעם פּסק ביז צעהן מינוט שפּעטער, ווען מ'האָט אַרויסגעלאָזט דעם עולם פון געריכטס הויז.

איינמאָל פאַרענדיג פון תל אביב קיין ירושלים אין אַ קאַר מיט נאָך פינף פּאַסאַזשירען, האָט דער אויטאָמאָביל געליטען אַן עקסידענט און איז געבליבען שטעהן פונקט אַנטקעגען דעם דערפעל, וואו די ערשטע הריגות האָבען זיך אָנגע־הויבען און אַ אידישע פאַמיליע איז דער'הרג'עט געוואָרען.

דער שאָפער האָט פּרובירט פאַרריכטען די קאַר, אָבער עס איז אָנגעקומען שווער, און דאָ ווערט שוין טונקעל און יעדע קאַר וואָס איז פאַרבייגעפאָרען האָט זיך אָפּגעשטעלט און געוואָלט העלפען, אָדער נעמען איינעם אָדער צוויי פּאַסאַ־זשירען, מיר האָבען אָבער ניט געוואָלט איבערלאָזען די אַנדערע. דערוויל איז פאַרבייגעפאָרען אַן אַראַבער מיט אַ ליידיגע קאַר, האָט דער שאָפער געזאָגט צו אונז, אַז מיר קענען אַלע פאָהרען. ער האָט קיין מורא ניט דאָ צו פאַרבלייבען.

זענען מיר אַלע אַריין אין דער אַראַבישער קאַר. פאָרענדיג דורך די גרויסע בערג, האָט ער געטריבען די קאַר זעהר לאַנגזאַם, האָט איהם איינער פון די „פאַר־שוינען" געפרעגט פאַרוואָס ער פאָרט אַזוי לאַנגזאַם. האָט ער געענטפערט: „איך פאָר איצט מיט בלויז אידען און אויב וועלכער עס איז עקסידענט זאָל פּאַסירען ווייס איך וואָס מיין סוף וואָלט געווען" . . . ווען מיר זיינען בשלום אָנגעקומען אין ירושלים, זענען מיר אַרונטער פון דער קאַר ביים אַנהויב שטאָט, כדי אידען זאָלען אונז ניט טרעפען פאָרען מיט אַן אַראַבער, וואָס איז דאַן געווען זעהר שטרענג אָפּגעהיט מצד די אידען.

ווי איהר קענט זעהן, איז מיין צווייטע רייזע קיין ארץ ישראל געווען פול מיט שפּאַנונג און מיט שטאַרקער איבערלעבונג און קיין פאַרגעניגענס רייזע, ווי די ערשטע איז דאָס שוין ניט געווען. ווען איך בין אַרויף אויף דער שיף אויף מיין צוריקרייזע בין איך געווען אויסגעמאַטערט ווי נאָך אַ לאַנגער קראַנקהייט.

אָנקומענדיג קיין לאָנדאָן, האָב איך דאָן געטראָפען מר. וולאַדימיר גראָסמאַן, וואָס געפינט זיך היינט אין מאָנטרעאַל, אַלס דאַרטיגער דירעקטאָר פון דער „אָרט"

געזעלשאפט, און איך האב אויך געהאט דעם כבוד באזוכט צו ווערען פון דעם פארשטארבענעם רעוויזיאניסטישען פיהרער וולאדימיר זשאבאטינסקי.

איך האב שפעטער באזוכט דעם אפיס פון דער רעוויזיאניסטישער פארטיי און האב דארט געטראפען זשאבאטינסקי׳ס פרוי, וועלכע האט מיט איהם מיטגעארבייט. מיר האבען פארבראכט א היבשע צייט ווען איך האב איהם איבערגעגעבען וועגען מיין באזוך אין ארץ ישראל און אביסעל דעבאטירט איבער דער רעוויזיאניסטישער טאקטיק.

צומארגענס האב איך געהאט א טעלעפאן פון דר. ווייצמאנ׳ס סעקרעטאר, מיר פארוארפענדיג, אז דר. ווייצמאן איז זעהר פארוואונדערט, וואס זייענדיג עטליכע טעג אין לאנדאן, האב איך איהם נאך ניט באזוכט. ער האט מיך געבעטען איך זאל גלייך קומען אין ציוניסטישען אפיס.

ווען איך בין געקומען אין אפיס פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, האב איך זיך ענטשולדיגט פאר דר. ווייצמאן, אז איך בין געווען די צוויי טעג זעהר פארנומען, אבער ער האט דעם תירוץ ניט לייכט אנגענומען. „סטייטש״, זאגט ער, „אזוי ווי איך האב דערזעהן אין צייטונג, אז איהר געפינט זיך אין לאנדאן, האב איך געדארפט טעלעפאנירען עטליכע האטעלען אום אייך צו געפינען״.

איך האב איהם אויך אפגעגעבען א באריכט וועגען ארץ ישראל און ער האט מיך געבעטען, אז קומענדיג צופארען קיין ניו יארק, זאל איך גלייך זיך זעהן מיט מר. וואַרבורג, דעם דאמאלסדיגען פרעזידענט פון דער אגענטור און איבעררעדען מיט איהם געוויסע זאכען. אין יענער צייט האט עפעס א שווארצע קאץ געהאט דורכגעלאפען צווישען די צוויי פיהרער, און דר. ווייצמאן האט מיך געבעטען צו זעהן דאס אויסגלייכען מיט מיין באריכט וועגען ארץ ישראל. איך האב זיין בקשה ערפילט און גלייך נאך מיין קומען קיין מאנטרעאל, האב איך געשריבען צו מר. וואַרבורג וועגען אן אפאינטמענט מיט איהם און טאקע גלייך געקראגען א טעלעגראמע צו קומען אין א באשטימטען טאג און איך האב מיין שליחות דורכגעפירט.

פינף און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

דער מאָנטרעאַלער מושב זקנים און בית יתומים

ווי איך האָב שוין דערמאָנט אין מיינע פריהערדיגע ערינערונגען, האָט דער מושב זקנים שוין אונטער דער פאַראייניגטער צדקה־פעדעראַציע, זיך געפונען אין אַ קליינער הילצערנער געביידע אין עוואַנס סטריט. דאָרט האָט זיך אויך געפונען דער דאַמאָלסדיגער בית יתומים. אָבער אונטער דער צייט האָט אַ קאָמיטע גע־שאַפען אַ פאָנד און אָפּגעקויפט אַ בנין אין וועסטמאָונט פאַר דעם בית יתומים און אַ קאָמיטע פון דער איסט ענד האָט אויך געשאַפען אַ בנין דאָ, וואו עס געפינט זיך איצט די הערצל דיספּענסערי, פאַר אַ בית יתומים, ווייל די יתומים אין דער נייער געביידע אין וועסטמאָונט האָבען ניט געהאַט די פּריווילעגיע צו באַזוכען די וועסטמאָונט סקולס און מ׳האָט זיי געדאַרפט ברענגען אין אויטאָבוסען יעדען טאָג אין די שטאָטישע סקולס און זיי סערווירען מיטאָג אין באַראָן דע הירש. ווערענד דער בית יתומים, וואָס האָט זיך גערופען מאָנטעפיאָרע, האָט געהאַט די סקול־באַקוועמליכקייטען און אויך די תלמוד תורה פאַר דער רעליגיעזער ערציהונג פון די קינדער, אַזוי אַז די יתומים זענען שוין געווען באַזאָרגט מיט צוויי גוטע אַנשטאַל־טען. ביידע פלעגען אוועקשיקען זייערע יתומים פאַר׳ן זומער סעזאָן אין די בערג און זיי געבען אַלע באַקוועמליכקייטען סיי פיזיש און סיי מאָראַליש.

און דאָ איז ווערט צו דערמאָנען צווישען מיינע זכרונות וועגען דער הויז אין שאָובּרידזש וואָס דער פעדעריישאָן בית יתומים האָט געהאַט פאַר אַ צייט, ביז עס איז אָפּגעברענט געוואָרען, און עטליכע יתומים האָבען דאָרט פאַרלוירען זייערע יונגע לעבענס.

דאָס איז געווען אין 1912, אין דעם ריעל עסטייט בום אין מאָנטרעאַל, ווען דער „קענעדער אדלער״ האָט זיך געפונען אין דער „איגעל בילדינג אויף סט. לאָרענס בולוואַרד, לעבען אָנטעריאָ.

אין דעם זעלבען בילדינג האָבען זיך געפונען אַ צאָל ריעל עסטייט אָפּיסעס, וועלכע האָבען געטאָן גוטע געשעפטען. צווישען זיי די ברידער ראַבינאָוויטש, יוסף אַלטער בעזנער, און נאָך אייניגע.

ביז איך אָמאָל צו זיי אַרויפגעקומען אין אָפּיס ווען אַלע פון דער בילדינג האָבען געשפּילט אַ קערטעל, און האָב זיי פאַרגעשלאָגען, היות אַז זיי פאַרדינען איצט פיל געלט, זאָלען זיי קויפען אַ שטיקעל געביידע אין די לאָרענשענס אום צו קאָנען פאַר׳ן זומער דאָרט אויסהאַלטען אָרימע קינדער וועמעס עלטערן קענען זיך ניט ערלויבען אוועקצושיקען זייערע קינדער אין די קאַנטריס.

דער פארשלאג האט צו די אידען אפעלירט. באלד האבען זיי אפגעשטעלט דאס שפיל און מ׳האט דעם פארשלאג ברייט ארומגערעדט, און אויפ׳ן ארט איז געשאפען געווארען עטליכע טויזענט דאלער און א קאמיטע, וואס זאל זיך אפ־געבען מיט דער זומער־וואהנונג פאר ארימע און שוואכע קינדער. אין עטליכע טעג צייט איז געקויפט געווארען דאס הויז אין שאוברידזש.

בלויז צוויי יאהר האט די קאמיטע עקזיסטירט, ווייל ווי נאר די ערשטע וועלט־מלחמה האט אויסגעבראכען איז דער בילדינג אין שאוברידזש אוועקגעגעבען גע־ווארען אלס מתנה צו דער צדקה פעדעראציע פאר א זומער־היים פאר זייער בית יתומים, און זיי האבען דאס אנגעהאלטען ביז אן אומגליק איז געשעהן מיט א פייער, וועלכער האט פארניכטעט די געביידע צוזאמען מיט עטליכע יתומים.

דאן האט די צדקה־פעדעראציע אפגעקויפט א פלאץ אין סט. מארגארעט און דארט אויפגעבויט א באקוועמען בנין אלס א זומער־היים פאר די קינדער־יתומים.

נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די צאל יתומים שטארק פארגרעסערט געווארען און עס איז געווען נויטיג צוויי בתי יתומים, אבער מיט דער צייט האט די צאל פון יתומים זיך פארקלענערט און דער מאנטעפיארע אנשטאלט האט זיך צוגעמאכט זיך פאראייניגענדיג מיט׳ן בית יתומים אין וועסטמאונט.

אין דעם לעצטען אנשטאלט האבען זיך שוין געפונען ווינציגער יתומים ווי אין איין אנשטאלט פון דער פאראייניגונג און די צדקה פעדעראציע האט לעצטענס באשלאסען בעסער אפצוגעבען די געבליבענע יתומים צו פריוואטע פאמיליעס צום אויסהאלטען אויפ׳ן רעכנונג פון דער פעדעראציע, אזוי אז דער בנין אין וועסט־מאונט איז שוין איצט לעדיג און די פארבליבענע יתומים געפינען זיך אין פריי־וואטע היימען.

אבער ווערענד די צאל פון יתומים ווערט קלענער, ווערט אבער די צאל פון זקנים, וואס דארפען אנקומען צו א מושב זקנים כסדר פארגרעסערט. עס זיינען פאראן נאטירליכע אורזאכען דערפאר.

ערשטענס ווערט דער לאנג־אריבערגעקומענער אימיגראנט עלטער מיט דער צייט; צווייטענס ווירקט ווי א צוציהונג די רעליגיעזע אטמאספערע, וואס די אלטע לייט געפינען ניט ביי זייערע קינדער, כאטש די קינדער ווואלטען זיי געוואלט אויסהאלטען ביי זיך.

אט דער פראבלעם פון דער פארגרעסערטער צאל זקנים, וואס האבען געמוזט אנקומען צו אן אנשטאלט, האט געווירקט, אז דער פרומער איד, מר. ב. שטיינהויז, האט געקויפט א קליין הויז אין קעדזשו סטריט, און עס געגעבען דעם נאמען „שטיינהויז מושב זקנים״. ער מיט זיין פרוי,ביידע שוין אויפ׳ן עולם האמת, האבען די ערשטע צייטען אליין אויסגעהאלטען דאס הויז מיט א צאל זקנים

און נאָכהער האָבן זיי שוין געזוכט אַביסעל שטיצע פון דער שטאָט פאַר דער אויסהאַלטונג.

עס האָט זיך געגרינדעט אַ נייע אָרגאַניזאַציע אונטער דעם נאָמען „נחלת זקנים" מיט דעם צוועק אויפצובויען אַ גרעסערע געביידע פאַר אַ דריטען מושב זקנים. זיי האָבן שוין געהאַט געקויפט אַ פּלאַץ אויף קעדזשו סטריט, נאַטירליך מיט קליינע מעגליכקייטען. און עס האָט שוין געהאַלטען ביי דריי באַזונדערע היימען פאַר זקנים און אַלע דריי ניט קיין כבוד פאַר מאָנטרעאָל.

עס איז דאַן גערופען געוואָרען אַ מיטינג אין אָפיס פון „קענעדער אָדלער" און דורך דער צייטונג האָט זיך אָנגעהויבען אַן אַגיטאַציע, אַז פון די אַלע דריי זקנים-פאַרזאָרגער מוז ווערען איין גרויסער פאַראייניגטער מושב זקנים, מיט אַ בנין וואָס זאָל זיין אַ כבוד פאַר מאָנטרעאָלער אידען.

איך האָב קודם כל צוזאַמענגערופען די קאָמיטעס פון דער נחלת זקנים און דעם שטיינהויז מושב זקנים און מיט שווערער מיה איז געלונגען, אַז די צוויי זאָלען איינגעהן אויף אַ פאַראייניגונג מיט דער האָפנונג, אַז עס וועט זיך איינגעבען אַריינצונעהמען אויך דעם מושב זקנים פון דער צדקה פעדעראַציע אויף עוואַנס סט.

ניט אַזוי לייכט איז מיר אָנגעקומען צו פאַראייניגען די צוויי אינסטיטוציעס, אָבער נאָך שווערער איז אָנגעקומען אַריינצוקריגען די צדקה-פעדעראַציע צו אַ פאַראייניגונג מיט די דאַונטאַונער אינסטיטוציעס. ביי די מיטינגען מיט די פאַר-שטעהער פון דער צדקה פעדעראַציע איז מר. מייקעל הירש געווען דער הויפּט-געגנער. דערווייל האָבן מיר געקויפט דאָס פּלאַץ אויף עספּלענייד עווענין, מיט דעם באַדינג, אַז אויב די צדקה-פעדעראַציע וועט ניט איינגעהן אויף אַ צוזאַמענ-אַרבייט, וועלען די צוויי אינסטיטוציעס אַליין בויען אַ בנין פאַר אַ מושב זקנים אויף דעם איינגעקויפטען פּלאַץ.

זייענדיג דאַמאָלט איינער פון די דירעקטאָרען פון דעם מושב זקנים פון דער צדקה פעדעראַציע, האָב איך געזאָגט ביי אַ מיטינג, אַז אויב די צדקה פעדעראַציע שטעהט ניט צו מיט די אַנדערע צוויי אינסטיטוציעס, טרעט איך אַרויס פון דער פעדעראַציע און וועל העלפען בויען דעם געפּלאַנטען מושב זקנים בלויז פון די געלדער פון די דאַונטאַונער אידען, ווייל איך וויל ניט האָבן אויף מיין געוויסען די געפאַר פון האַלטען אַלטע לייט אין אַזאַ פייער-פאַסטקע ווי די פון עוואַנס סט.

איך געדענק ווי מר. מייקעל הירש האָט מיך דאַן געפרעגט: „פאַרוואָס האָט איהר שוין געקויפט דאָס פּלאַץ אויף עספּלענייד עוו.. וואו שכנים וועלען זיכער פּראָטעסטירען און איהר האָט ניט געוואַרט ביז מיר וועלען באַשליסען "

און מיין ענטפער צו איהם איז געווען: „מיר האָבן געקויפט דאָס פּלאַץ ניט פאַר אייער געלט, און מיר האָבן באַשלאָסען צו בויען אַ מושב זקנים, צי איהר ווילט יאָ אָדער ניט. און וואָס אָנבאַלאַנגט די שכנים, האָב איך מיט זיי געשלאָסען אַ קאָנטראַקט.

— וואס פאר א קאנטראקט ? — פרעגט מיך הירש.

און איך ענטפער איהם : א קאנטראקט דאס זיי איז ערלויבט צו „מופען״ פון עספלענייד עוועניו, אויב עס געפעלט זיי ניט דער מושב זקנים אלס א שכן.

דא האט זיך אריינגעמישט לייאן קאהען ע״ה און האט געהאלטען א רעדע אונטערשטיצענדיג מיין פארשלאג פאר א פאראייניגטען בנין מיט דער צדקה־פעדעראציע.

„הכלל, וואס ווילט איהר פון אונז ? האבען אנדערע דירעקטארען געפרעגט, און מיין ענטפער איז געווען : „מיר ווילען דערווייל פון אייך גארניט. מיר גלויבען, אז מיר קענען פינאנסירען דעם בנין אהן אייך צו באריהרען, אבער מיר ווילען די הסכמה פון אייך, אז אלע זקנים זאלען זיך געפינען אין דעם נייעם בנין און דער אויסהאלט זאל געהן דורך א פאראייניגטען פאנד. א טייל זאל געבען די פעדעראציע און א טייל די צוויי פאראייניגטע אינסטיטוציעס : שטיינהויז און נחלת זקנים, און דער בנין זאל האבען איין נאמען „מושב זקנים״ און די קאמיטע זאל זיין צוזאמענגעשטעלט פון א העלפט צדקה־פעדעראציע מיטגלידער און די צווייטע העלפט פון די צוויי פאראייניגטע אינסטיטוציעס״.

נאך פילע מיטינגען מיט דער צדקה־פעדעראציע און מיט ניט ווייניג הארץ־וועהטאג איז ענדליך געקומען דאס ווארט פון די „אפטאונער״ : „אלרייט, בויעט אייער מושב זקנים, מיר וועלען זיין מיט אייך״.

א קאמיטע פון אונזערע האט דאן זיך געזעהן מיט מר. פיטער בערקאוויטש, דעם דאמאלסדיגען מיטגליד פון קוויבעקער לעדזשיסלייטשור און צוזאמען האבען מיר גע׳פועל׳ט, אז די קוויבעקער רעגירונג זאל געבען צושטייער די סומע פון 50 טויזענט דאלאר צו דעם בנין.

ביידע ארגאניזאציעס האבען געהאט עטליכע טויזענט דאלאר יעדע, און מיט נדבות פון גוטהארציגע אידען אין דער נארטה־ענד האט זיך אויפגעבויט דער שעהנער בנין אויף עספלענייד עוועניו, ניט האבענדיג גענומען קייןביישטייערונג ניט פון דער צדקה פעדעראציע און ניט פריוואט פון איהרע דירעקטארען. דער בנין איז געשאפען געווארען מיט דער הילף פון דער קוויבעקער רעגירונג און מיט די ביישטייערונגען פון גוטהארציגע אידען פון דאונטאון.

די דערעפענונג פון בויען דעם בילדינג איז פארגעקומען חול המועד סוכות 1928, מיט דער באטייליגונג פון דעם רעגירונג׳ס סטייט טרעזשורער. אלע קלאסען אידען האבען זיך באטייליגט אין דער ערעפענונג.

גאנץ פלעטשער׳ס פיעלד איז געווען באדעקט מיט אידען : מענער פרויען און קינדער, אזוי גוט ווי זקנים און זקנות, און מיט גרויס פאראד איז פארגעקומען די ערעפענונגס־צערעמאניע. צווישען די געסט זענען שוין אויך געווען די פיהרער פון דער צדקה־פעדעראציע און אפילו די פריהרדיגע געגנער. עס האבען זיך אויך

באַטייליגט די בּראָנפמאַן ברידער, וואָס האָבּען שוין דאַמאָלט זיך געלאָזט הערען מיט זייער געלט און אַרבּייט לטובת הכלל.

דאָן האָבּ איך אויך געגעבּען אַ באַנקעט־דינער צו די פּאַרטרעטער פון אַלע דריי פריהער באַזונדערע זקנים אַנשטאַלטען, טאָקע אין׳ם בּילדינג פון דעם נייעם מושב זקנים, אַלס אויסדרוק פון צופרידענהייט פון דער פאַראייניגונג.

גלייך נאָכ׳ן דינער זענען קאָמיטעס אַרויסגעפאָרען מיט זייערע קאַרס און צו־זאַמענגעבּראַכט די זקנים און זקנות פון אַלע דריי פּלעצער אין דעם נייעם בנין וואו זיי (די זקנים) האָבּען געעפענט די אויגען צו זעהן צי עס איז ניט קיין חלום.

און אַזוי איז שוין דורך דער צייט צוגעבּויט געוואָרען אַ נייער פליגעל פאַר דעם בּנין, און עס געפינען זיך דאָרט אין דעם „האָטעל״, וואָס רופט זיך מושב זקנים, איבּער הונדערט זקנים און זקנות, און די קאָמיטע זוכט שוין ווייטער פּלענער צו פאַרגרעסערען דעם בּנין, ווייל פילע אַפּליקאַנטען וואַרטען שטענדיג אויף אַ פּלאַץ אין דעם אינסטיטוט. און וועלכער גאַסט עס קומט קיין מאָנטרעאָל און בּאַזוכט אונזער מושב זקנים קען זיך גאַרניט אָפּלויבּען פון דעם פּרעכטיגען בּנין מיט דער אָרדנונג וואָס הערשט דאָרט. די פאַראייניגונג אַרום דעם אַנשטאַלט האָט אויך גע־בּראַכען דעם צאַם, וואָס איז בּיז דאַן געשטאַנען צווישען „אַפּטאַון״ און „דאַונטאַון״.

עס דערמאָנט זיך וואָס איך האָבּ געזאָגט אין מיין רעדע בּיי דער דערעפענונג:

איך פרעג זיך פאַרוואָס אין די אייראָפּייאישע שטעט געפינט זיך אַ חדר אָדער אַ תלמוד תורה כמעט אין יעדער גאַס, אָבּער זעלטען אַז אַ שטאָט זאָל האָבּען אַן אייגענעם מושב זקנים. און דער ענטפער אויף דעם איז, אַז די שטאָט וואָס דערציהט איהרע קינדער אין תלמוד תורה ווייסען וואָס עס מיינט כבוד אב ואם און לאָזען ניט זייערע עלטערען אַנקומען צו אַ מושב זקנים; זיי ווייסען אויך פון דעם אידישען רעליגיעזען סענטימענט, וואָס פאַרפליכטעט צו פיהרען כשר׳ע הייזער, אַזוי, אַז זייערע עלטערען קענען בּיי זיי וואוינען אויף דער עלטער.

אין אַנדערע ווערטער, הייסט דאָס, אַז קינדער וועמען די עלטערען גיבּען ניט קיין אידישע דערציהונג, ווערען בּאַטראַכט אַלס גייסטיגע יתומים, וואָס האָבּען קיין עלטערען ניט. און ממילא ווען די עלטערען ווערען אַלט, מוזען זיי דאָן אויך בּאַטראַכט ווערען אַלס גייסטיג קינדערלאָז, און מוזען דאַריבּער אַנקומען צו אַ מושב זקנים.

ווען איהר זאָלט אויספרעגען די מעהרסטע זקנים און זקנות אין סיי וועלכען מושב זקנים, פאַרוואָס זיי זענען ניט מיט זייערע קינדער, וועט איהר הערען פון דער מאַיאָריטעט, אַז זיי קענען ניט זיין מיט זייערע קינדער, ווייל זיי פיהרען ניט קיין כשר׳ע הייזער. און מיר זאָגען, אַז דאָס איז אייגענטליך די שולד פון די עלטערען, וואָס האָבּען פאַרנאַכלעסיגט די אידישע און רעליגיעזע דערציהונג פון זייערע קינדער. טאָקע דעריבּער נויטיגט מען זיך אַזוי ווייניג אין מושב זקנים׳ס אין די אייראָפּייאישע שטעט, ווייל זיי האָבּען דאָרט פילע חדרים און תלמוד תורה׳ס.

דער פאַראייניגטער מושב זקנים האָט ניט נאָר געשאַפען אַ בכבוד׳יגע היים פאַר די אַלטע לייט פון אונזער געמיינדע, נאָר האָט אויך, ווי שוין געזאָגט, געוויזען אַז אחדות צווישען אַלע קלאַסען אידען און כלל־ארבייט קען זיין זעהר ערפאָלגרייך אויב עס איז נאָר פאַראַן דער גוטער ווילען און מען ווערט ניט קיין סנאָבס, באַלד ווי מ׳ווערט רייך. אָט די פאַראייניגונג האָט דערנאָך אויך געבראַכט די פאַראייניגונג פון די בתי יתומים, און עס זענען נאָך פאַראַן עטליכע קליינע אינסטיטוציעס און צדקה סאָסייעטיס, וועלכע וואָלטען געקענט טאָן גרעסערע ארבייט פאַראייניגטערהייד, ווייל אין אחדות ליגט די מאַכט פון גרויסע אויפטואונגען.

זעקס און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

מיין דריטע רייזע קיין איראָפּאַ און מיין באַזוך אין סאָוועט-רוסלאַנד

איינמאָהל אין אַ טאָג פון 1934 איז דער פּוילישער קאָנסול געקומען צו מיר מיט אַ בקשה, אַז היות ווי ער האָט שוין אַנגעווענדעט אַלע מעגליכקייטען ביי דער אַטאַווער רעגירונג צו שליסען אַ האַנדעלס-טריטי מיט פּוילען און איז אַלץ ניט ערפאָלגרייך, וויל ער, אַז איך זאָל איהם העלפען אויף אַ געוויסען אופן. ער האָט געזאָגט, אַז דער דאַמאָלסדיגער מיניסטער פאַר האַנדעל און קאָמערץ איז געווען וויליג צו שליסען וועלכע עס איז טריטי, אָבער אימיצער דערלאָזט עס ניט. פון דעם קאָנסול'ס רייד האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער איז חושד דעם אידישען פאַר־טרעטער מר. ס. וו. דזשייקאָבס, ווייל ער (דער קאָנסול) האָט מיר אַריינגעוואָר־פען אַ וואָרט וועגען דעם. ער האָט אויסגעפונען, אַז גלייך נאָך דער מלחמה ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען גוטהייסען דעם שלום מיט פּוילען אַלס אַ באַ־זונדערע מאַכט, האָט דאַן מר. דזשייקאָבס פּראָטעסטירט, ווייל ער האָט געזאָגט אין פּאַרלאַמענט, אַז פּוילען מאַכט פּאָגראָמען אויף אידען. האָב איך דערפון פאַרשטאַנען, אַז ער איז חושד דזשייקאָבס'ן צו זיין דער וואָס דערלאָזט ניט די טריטי מיט פּוילען.

איך האָב איהם דאַמאָלט געגעבען צו פאַרשטעהן, דאָס אויב ער דענקט, אַז דזשייקאָבס איז דאַגעגען, מאַכט ער אַ טעות. אַ סימן, אַט וועל איך מיט איהם צוגעהן צו מר. דזשייקאָבס און איהם בעטען, אַז ער זאָל מיט איהם געהן צום מיניסטער. ער וועט דאָס זיכער טאָן.

„ניין", זאָגט מיר דער קאָנסול", „דאָס איז ניט נויטיג, ווייל מר. דזשיי־קאָבס איז שוין איינמאָל געווען מיט מיר ביים מיניסטער, און עס האָט גאָרניט געווירקט. איך בין איצט געקומען צו אייך, אַלס צייטונג-אַרויסגעבער און עהרן־פּרעזידענט פון פּוילישער פאַרבאַנד. מ'האָט מיר געזאָגט, אַז איהר קענט מעהר פּועל'ן ווי סיי וועלכער אַנדערער".

און דער קאָנסול ערקלערט מיר ווייטער, אַז איהם איז פּשוט אַ שאַנדע פאַר דער פּוילישער רעגירונג דאָס ער זאָל דאָס ניט קאָנען דורכפיהרען. און דאַ גיט ער מיר אין נדר, אַז אויב איך וועל עס פּועל'ן, וועט ער עס באַנאַכריכטען צו דער פּוילישער רעגירונג און דאָס וועט זיכער העלפען צו בעסערע באַציהונגען צווי־שען זיין רעגירונג מיט די פּוילישע אידען.

איך האָב פאַר אַ מינוט געצווייפעלט אויב איך בין אין אימשטאַנד עפּעס

צו טאן, אבער איך האב זיך געטראכט: ווער ווייס? אפשר קען דערפון ארויס־קומען א טובה צו די פוילישע אידען? אפילו אויב איך וועל גארנישט פועל'ן, האב איך אויך גארניט צו פארלירען.

דער האנדעלס מיניסטער איז דאן געווען מר. סטיוארט, וועלכער איז אוועק פון דער קאנסערוואטיווער פארטיי און געווארען א ליבעראל און נאך די וואהלען איז ער געווארען האנדעלס־מיניסטער. איך האב געהאט די געלעגענהייט צו זיין מיט איהם באקאנט, האב איך פארשפראכען דעם קאנסול, אז איך וועל צום אלעמערשטען אנשרייבען א מעמאראנדום איבער דער פראגע און עס צושיקען צו מר. סטיוארט און דערביי איהם שרייבען, אז אויב איהם אינטערעסירט אזא טריטי, בין איך צופרידען צו קומען קיין אטאווא איהם געבען מעהר איינצעלהייטען. דער קאנסול האט צוגעשטימט. דאן האב איך געפרעגט אלע איינצעלהייטען: וואס פאר א סחורות פוילען קען קויפען פון קאנאדע, און וואס קאנאדע קען קויפען פון פוילען. ער האט מיר זעהר אינטערעסאנטע איינצעלהייטען געגעבען, אזוי, אז איך בין שוין געווען איבערצייגט, אז עס וועט זיין א געווינס פאר קאנאדע צו שליסען אזא האנדלס טריטי.

פוילען דארף האבען קאנאדע'ס עפעל, פאר וועלכע קאנאדע זוכט גראדע מארקעטס, דאן פארשידענע כעמישע שטאפען, ווייץ און אנדערע פראדוקטען. עס איז ווירקליך א שאד, אז קאנאדע זאל פארלירען אזא קאסטאמער פון א לאנד מיט א באפעלקערונג פון איבער 30 מיליאן נפשות.

אין עטליכע טעג שפעטער האב איך שוין געהאט א מעמאראנדום פון וועלכע זעכצעהן זייטען. איך האב דאס אוועקגעשיקט צום האנדעלס־מיניסטער און א קאפיע דערפון קיין אטאווא צום פוילישען קאנסול. עס ווייזט אויס, אז דער פוילישער קאנסול האט זיך ניט געקענט דערווארטען אויף אן ענטפער און איז אוועק צום מיניסטער פרעגען וועגען דעם, און אפשר האט דער קאנסול ניט גע־גלויבט, אז איך האב דעם מעמאראנדום אוועקגעשיקט.

מר. סטיוארט האט איהם געזאגט, דאס ער האט ערהאלטען מיין מעמאראנדום און אז ער דענקט מיך ארויסצורופען קיין אטאווא. איך האב דאן באקומען א טעלעפאן מעסעדזש פון דעם קאנסול בעטענדיג מיך, אז איך זאל איהם פריהער זעהן אין אטאווא איידער איך וועל געהן צו מר. סטיוארט, ווייל ער האט נאך גע־וויסע ארגומענטען מיר צו געבען, וועלכע וועלען מיר פיל העלפען באוועגען דעם מיניסטער צו שליסען א טריטי.

ווען איך בין געקומען צו מר. סטיוארט, האט ער מיר ערקלערט, דאס מיין מעמאראנדום געפעלט איהם זעהר, און אז ער ליגט שוין ביים פרעמיער איבער צעהן טעג מיט זיין רעקאמענדאציע. „אבער", באקלאגט זיך דער מיניסטער, „אונזער רעגירונג איז כמעט אן איידמאן רעגירונג און איך אליין קען גארניט אויפטאן אפילו אין מיין דעפארטמענט".

דער מיניסטער האָט מיר געזאָגט, אַז אויב איך וויל באמת זעהן אַ רעזולטאַט פון מיין ביז איצטיגער ארבייט, וואָלט ער מיך געראַטען איך זאָל פאָרען קיין פּוילען דאָרט אַלעס נאָכפאָרשען, און ווען איך וועל צוריקקומען, וועט עס זיין לייכטער דורכצופיהרען. איך האָב פאָר אַ מינוט אפילו ניט געוואָלט נעמען אין געדאַנק צו מאַכען אַזאַ רייזע. צוליב וואָס? צוליב וועמען? — האָב איך גע־טראַכט.

צוריקקומענדיג צום קאָנסול, האָט ער שוין געוואוסט פון מיין גאַנצען גע־שפּרעך. אפנים איינער פון די סעקרעטאַרען, וואָס זענען בייגעווען ביי מיין גע־שפּרעך מיט׳ן מיניסטער, האָט איהם דערפון טעלעפאָנירט, און דער קאָנסול האָט מיר אָנגעבאָטען פריי הוצאות מיט אַלע שפּייזען איך זאָל מאַכען די רייזע קיין פּוילען. דאָך האָט דאָס מיר אַלץ אויסגעזעהן ניט מעהר ווי אַ חלום. איך האָב איהם געענטפערט, אַז איך וועל דאָס באַטראַכטען. ווען איך האָב דאָס דערציילט מיין פאַמיליע, האָבען זיי מיר אַלע זעהר צוגערעדט צו מאַכען די רייזע. זייער כונה איז געווען, אַז אַזוי ווי מיינער אַ זוהן האָט מיט צוויי יאָהר צוריק געהאַט געמאַכט אַ וועלט־רייזע ווען ער האָט געענדיגט קאַלעדזש און איז אויך געפאָרען קיין סאָוועט־רוסלאַנד, און איהם איז דאָרט אַזוי געפעלען געוואָרען, דאָס ער איז דאָרט דערווייל פאַרבליבען, האָט טאַקע די פאַמיליע געוואָלט איך זאָל פון פּוילען אויך פאָרען קיין סאָוועט־רוסלאַנד און פון דאָרט צוריקברענגען מיין זוהן. איך האָב באַשלאָסען צו פאָרען.

דער קאָנסול האָט פאַר מיר באַשטעלט ערשטע קלאַס אַקאָמאָדאַציע אויף דער פּוילישער שיף און האָט אויך וועגען מיר געשיקט אַ קייבעל קיין פּוילען און וועגען מיין רייזע אַהין. אין יולי 1934 האָב איך זיך אויפגעזעצט אויף דער פּוי־לישער שיף צו פאָרען דירעקט ביז גדיניא און פון דאָרט קיין וואַרשע.

אויף דער שיף, ווייזט אויס, האָט דער שיפס קאַפּיטאַן געוואוסט מיין מיסיע קיין פּוילען, און דעריבער האָט ער און די פּאַסאַזשירען, אַלע פּאָליאַקען, מיר צו־געטיילט כבוד און אפילו איין טאָג געגעבען אַ ספּעציעלען „דינער" פאַר מיר. איינער פון אַ גרופּע גלחים, וואָס איז דאָרטען אָנוועזענד געווען, האָט געהאַלטען אַ פייערדיגע רעדע, דאָס ער לעגט פיל האָפנונג אויף מיין שליחות און ער האָפט, אַז די „ענדעקעס" אין פּוילען וועלען נאָכדעם אויך האַלטען זייערע פּעדערס אין צוים געגען דעם אַלטען פאָלק ישראל.

איין אינצידענט אויפ׳ן שיף איז ווערט צו פאַרצייכענען.

מיין פּלאַץ ביים טיש איז געווען צוזאַמען מיט׳ן שיפס־קאַפּיטאַן און אייניגע גלחים, איינער פון זיי אַ פּראָפעסאָר, וואָס איז געווען אין אַמעריקע פאַר צוויי יאָהר צייט זיך צו פאַרפאָלקאָמען אין געשיכטע.

ביים טיש בין איך געווען דער איינציגער וואָס מ׳האָט מיר סערווירט ספּע־

ציעלע מאכלים, ווערענד די אנדערע פאסאזשירען האט מען געפאשעט מיט פאר־שידענע פאטראוועס פון שוויינען־פלייש. איין גלח פרעגט מיר אין פויליש:

„פארוואס עסט איהר ניט קיין שווייגען־פלייש, ס'איז דאך אזוי גוט?"

די חברה ביים טיש האבען אויף מיר געקוקט וויסענדיג, אז עפעס וועל איך מסתמא דעם גלח ענטפערען, און אזוי איז עס טאקע געווען. נאך עטליכע מאל מיר זאגען: „איי, א שאד, עס איז דאך אזוי גוט", זאג איך צו איהם: זעהט, איהר זענט דאך עפעס א הייליגער, טא ווי קומט עס וואס איהר רעדט כסדר פון עסען? פארוואס, זאג איך, רעדט איהר ניט וועגען אייער אהיים קומען נאך צוויי יאהר אפוועזענהייט, ווי אייער ווייב און קינדער וועלען זיך מיט אייך פרעהען?"

„איי — זאגט ער — איהר ווייסט גארניט, אז מיר, גלחים, האבען ניט קיין ווייב מיט קינדער?"

„אזוי? — זאג איך — טאקע א שאד, עס איז דאך אזוי גוט!

און דא האבען אלע אויסגעפלאצט מיט א געלעכטער, און איין גלח האט זיך אנגערופען צו דעם לץ: „איך האב דיר געזאגט, אז דער מאן וועט דיר אמאל צוריקצאלען, און אט האסטו עס".

נאכ'ן מאלצייט האב איך זיך אוועקגעלייגט אויפ'ן דעק און אריינגעקוקט אין א העברעאישען ספר. קומט ווייטער צו מיר דער זעלבער גלח און פרעגט מיך וואס פאר א בוך דאס איז. און איך זאג איהם, אז דאס איז רעליגיעזע פילאזאפיע. וויל ער אנהויבען מיט מיר צו דיסקוטירען איבער רעליגיע. דא קומט ווייטער דער אנ־דערער גלח און זאגט צו איהם: דו ווילסט, זאגט ער, נוצען דיין מיסיאנערישע קראפט איבער דעם מאן, איז ראט איך דיר דו זאלסט איהם צורו לאזען, ווייל, זאגט ער, ער קען דיך נאך קאליע מאכען.

און ער האט איהם טאקע כמעט אוועקגעשלעפט פון מיר.

ביי מיין אנקומען קיין ווארשע, האב איך ניט געמאלדען דעם מיניסטער צו וועלכען איך האב געהאט די רעקאמענדאציע, נאר פריהער זיך בעראטען מיט איי־דישע פיהרער, ווי אזוי צו האנדלען אין דער פראגע אז אידען זאלען דערביי עפעס בענעפיטירען. און עס איז באשלאסען געווארען, ערשטענס, אז דר. ראזענבלאט, א מיטגליד פון סיים, און מיינער א באקאנטער, זאל מעלדען דעם מיניסטער, אז איך בין אנגעקומען און די אורזאכע פון מיין קומען, און צווייטענס אז צוויי אידישע פיהרער זאלען מיך באגלייטען צום מיניסטער. ווען דר. ראזענבלאט האט טעלע־פאנירט דעם מיניסטער, אז איך בין אין ווארשע, האט יענער איהם געזאגט, אז עס וואונדערט איהם טאקע וואס איך האב זיך פון זיך ניט געלאזט הערען, ווייל ער האט שוין געוואוסט אז איך געפין זיך אין ווארשע פון די מיטטיילונגען פון דעם קאנ־סול אין אטאווא. און אן אפוינטמענט איז געמאכט געווארען דעם זעלבען טאג פיער אזייגער נאכמיטאג.

מיר האבען זיך דאָן אלע צוזאמענגעטראָפען ביים האנדעלס מיניסטער, איך האב איהם געוויזען די קאָפּיע פון מעמאָראנדום צו דער קאנאדער רעגירונג, האט ער גלייך ארויסגענומען פונ׳ם דעסק און מיר געוויזען אז ער האט אויך א קאָפּיע, וואס דער קאנסול האט איהם צוגעשיקט. מיר האבען דארט פארבראכט קנאפּע צוויי שטונדען און איבערגערעדט די אלע מעגליכקייטען און די בענעפיטען פאר די צוויי לענדער פון אזא האנדעלס טריטי. און עס איז געבליבען אז דער מיניסטער וועט רופען א מיטינג פון דער האנדעלס קאמיסיע (די באארד אף טרעיד) כדי צו באַשפּרעכען מעהר איינצעלהייטען. די אידישע קאמיטע האט פארלאנגט דורכאויס, אז נאר די אידישע אפּטיילונג פון דער האנדעלס־קאמיסיע זאל גערופען ווערען און דער מיניסטער האט צוגעשטימט, אבער אזוי ווי מ׳דאַרף דער קאמיסיע געבען 14 טעג נאָטיס פאר אזא מיטינג, וועט דער מיניסטער דורך דער צייט אויך האבען א פּריוואַטען מיטינג מיט דער אלגעמיינער באארד. הערענדיג אז דער מיטינג וועט ערשט קאנען פארקומען אין 14 טעג, האב איך ערקלעהרט: אויב אזוי, טו זאל דער מיטינג גערופען ווערען אין א חודש צייט, ווייל איך דערווייל מאכען א רייזע קיין סאוועט רוסלאנד, ס׳איז דארטען אויך אנוועזענד געווען דער הויפּט דירעקטאר פון דער גדיניא אמעריקא־לאַיז, און דער מיניסטער האט איהם געבעטען צו מאכען אדער באַשטעלען אן אווענד־דינער אין א האטעל צו וועלכען ער מיט זיינע סעקרעטארען און די אידישע קאמיטע מיט מיר וועלען אנוועזענד זיין.

אין דער צייט וואס מיר האבען פארבראכט אין דעם מיניסטער׳ס אפיס, איז אריינגעקומען איינער פון זיינע סעקרעטארען און איהם באריכטעט, אז ער פארט אוועק ערגעץ וועגען א מיסיע פון דעם דעפּארטמענט. נאך עטליכע מינוט פאַרברענגען מיט דעם סעקרעטאר, האט דער מיניסטער זיך אויפגעשטעלט, געגרייט די האנט צום געזעגענען זיך מיט דעם סעקרעטאר און זיך מיט איהם צעקושט.

זאגט צו מיר דער דירעקטאר פון דער גדיניא אמעריקא לאַיז, א פּוילישער יחסן: „איהר זעהט, אט דער סעקרעטאר איז א איד און דער מיניסטער צוקושט זיך מיט איהם ווי מיט אן אייגענעם ברודער״. דא האט זיך אריינגעמישט איינער פון דער אידישער קאמיטע און שטילערהייד געזאגט: „דעם קוש האט דער סעקרעטאר צו פארדאנקען אונזער גאסט״...

אין אווענט, ביים דינער, פרעגט מיך דער מיניסטער אויב איך האב שוין די וויזא קיין רוסלאנד, און ווען איך זאג איהם אז ניין, רופט זיך אָפּ דער דירעקטאר פון דער שיפס געזעלשאפט, אז זיין געהילפ׳ס דירעקטאר, מר. טאנענבוים, איז זעהר באפריינדעט מיט׳ן רוסישען קאנסול, און ער וועט דאס פאר מיר שנעל קריגען.

צו מארגענס פריה קומט צו מיר אין האטעל דער מר. טענענבוים, א גאנץ אינטעליגענטער איד, און שטעלט זיך פאר. אין א צובראכענעם ענגליש געמישט מיט דייטש ערקלעהרט ער מיר, אז זיין דירעקטאר האט איהם איבערגעגעבען ער זאל מיט מיר געהן צום רוסישען קאנסול קריגען די וויזא. און טאקע ביי מיר אין

צימער האט ער טעלעפאנירט צום קאנסול, אז ער קומט צו מיט א פראמינענטען גאסט ער זאל אויף אונז ווארטען. און מיר זיינען אין א קורצע ווײלע שוין געווען ביים קאנסול.

און דא קומט ווייטער פאר אן אינטערעסאנטער אינצידענט.

מר. טענענבוים שטעלט מיך פאר אויף האלב־ענגליש און האלב־רוסיש און דער קאנסול קוקט אויף מיר און שמייכלט. ע ר רופט זיך אפ דאן: „רעדט פראסט אידיש, ווייל מר. וואלאפסקי פארשטעהט זעהר גוט אידיש”... און דאן ווענדט ער זיך צו מיר:

„איהר קענט מיך גארניט?”

איך קוק אויף איהם און זאג: „נייז, מיר דאכט, אז איך קען אייך ניט”.

„קוקט מיך גוט אן”, זאגט ווייטער דער קאנסול, „מיין בילד איז שוין געווען געדרוקט ביי אייך אין „קענעדער אדלער” און אויך אייער „דזשואיש קראניקעל”. ער ערקלעהרט מיר, אז אין צייט פון דער מלחמה איז ער געווען אין ניו יארק און איז ארומגעפאהרען פאר׳ן דזשוינט דיסטריביושאן, און זייענדיג אין מאנטרעאל פאר דעם צוועק איז ער געווען ביי מיר אין אפיס, האט געהאט זיין בילד אפגע־דרוקט אין מיינע צוויי צייטונגען און אפילו געהאט דינער מיט מיר און מיין סטעף. עפעס האב איך זיך יא דערמאנט, אבער ווער עס איז ווייס איך נאך אלץ ניט. בקיצור, מיר האבען זיך צערעדט אין א פיינעם אידיש און עס לאזט זיך אויס, אז טענענבוים איז א זון פון א באוואוסטען רב און אז דער רוסישער קאנסול אויך א רב׳ס א זון. דער געשפרעך איז געווארען אלץ ווארימער. מ׳האט זיך אפילו דער־צעהלט פיינע אידישע וויצען. מ׳האט סערווירט טיי, און מיר זיינען אלע געווארען זעהר היימיש.

ענדליך זאגט דער קאנסול: „אלזא, איהר ווילט א וויזא קיין רוסלאנד, גיט מיר אייער פאספארט און איך וועל גלייך שיקען א טעלעגראמע קיין מאסקווע”. איך גיב איהם דעם פאספארט און דארט איז פארשריבען, אז איך בין א רעדאק־טאר, זאגט מיר דער קאנסול: „איך וועל ליבערשט שרייבען, אז איהר זענט א קור־פיעץ (א סוחר). „סטייטש, זאג איך, זיי וועלען דאך זעהן דעם פאספארט אז איך בין ניט קיין סוחר?” „דאס, זאגט ער, איז גארניט”. ער שרייבט אן א טעלעגראמע און שיקט זי גלייך אוועק.

„ווי לאנג קען עס דויערען פאר אן ענטפער?” פרעג איך.

„דויערען?” דאס זאגט ער, איז שווער צו זאגען. אמאל קען עס דויערען עט־ליכע טעג און אמאל וואכען. אבער, זאגט ער, אז איך וועל אין 3 אדער 4 טעג ניט קריגען קיין ענטפער, וועל איך נאכאמאל טעלעגראפירען. מיר געזעגענען זיך און פארלאזען זיין אפיס.

צומארגענס פריה רופט מיר אפ מר. טענענבוים, אז ער האט ערהאלטען א

טעלעפאָן פון׳ם קאָנסול דאָס ער זאָל מיט מיר אַרויפקומען. ער האָט אַ פיינעם וויזע פאַר מיר.

ענטפער איך איהם: „זאָל ער באַהאַלטען דעם וויזע ביז מיר וועלען אַרויפקומען וועגען דער וויזא״.

„ניין, זאָגט מר. טענענבוים, ער האָט אָנגעזאָגט מיר זאָלען ביי איהם זיין בעפאַר 12 אַזייגער היינט״.

הכלל, מיר פאָהרען צו צום קאָנסול, און אַריינקומענדיג, זאָגט ער מיר: איהר ווילט זעהן אַ פיינעם וויזע? אַט האָט איהר איהם״. און ער לעגט מיר אַוועק אַן ענטפער אויף זיין טעלעגראַמע, וואָס לויטעט אין רוסיש: „וואָלאָפּסקי ביע קאָפּיעץ, וואָלאָפּסקי איזדאַטיעל „דזשוּאיש איגעל״ אי „קאַנאַדיען דזשוּאיש קראָניקעל״ דאַיטע יעמא וויזא 152״.

דאָס מיינט, וואָלאָפּסקי איז ניט קיין סוחר, ער איז דער אַרויסגעבער פון „קענעדער אדלער״ און פון „קענעדיען דזשואיש קראָניקעל״ גיט איהם וויזא 152״.

דאָס איז ווירקליך געווען אַ פיינער וויזע. ערשט נעכטען האָט דער קאָנסול אַוועקגעשיקט די טעלעגראַמע, און זיי האָבען שוין געוואוסט ווער איך בין און זיך ניט געלאָזט אָפּנאַרען, דאַר האָבען זיי באַשטעטיגט זאָפאָרט מיין וויזא.

„וואָס מיינט דאָס דער נומער 152?״ פרעג איך.

און מ׳ענטפערט מיר: דאָס מיינט, אַז איהר דאַרפט בלויז באַצאָלען 150 דאָלער און פאַר דעם האָט איהר פרייע רייזע איבער גאַנץ סאָוועט רוסלאַנד, פריי האָטעל מיט עסען און וואוינונג פאַר אַ גאַנצען חודש, און אויב די רייזע דויערט מעהר ווי אַ חודש, וועט איהר קריגען באַנייט אייערע האָטעל אויסגאַבען מיט אַלעס באַצאָלט פאַר נאָך אַ חודש. איהר האָט, זאָגט דער קאָנסול, געכאַפּט אַ זעהר גרויסע מציאה״. איך באַצאָל די 150 דאָלער וואָס האָט אייגענטליך געמיינט $200 אויף גאָלד סטאַנדאַרד און קריג מיין וויזא. „איצט, זאָגט מיר דער קאָנסול, ווילט איהר דאָך מסתמא אָפּשטייגען אין מינסק וואו אייער זון געפינט זיך? האָבען מיר אָבער ניט קיין האָטעל אַקאָמאָדאַציע פאַר אייך ביז איהר וועט אָנקומען קיין מאָסקווע אָדער לענינגראַד.

„אָבער״, זאָגט מיר דער קאָנסול, „איך וועל טעלעגראַפירען קיין מינסק און מ׳וועט אייך דאָרט אָפּוואַרטען ביי דער באַן און אייך העלפען באַזאָרגען מיט וואָס עס איז נאָר מעגליך״. איך האָב איהם באַדאַנקט, גענומענדיג די באַן־בילעטען מיט מיין פּאַספּאָרט און וויזא און באַשטעלט מיין רייזע פאַר׳ן זעלבען אָוונט.

קיין גרויסען באַגאַזש האָב איך מיט מיר ניט מיטגענומען. איך האָב געהאַט אַ היבשע וואַליזע מיט עטליכע סוטס און וועש, און אַ קליינעם האַנט־רענצעל אין וועלכען עס זיינען געלעגען די נויטיגסטע זאַכען און אַביסעל שפּייז וואָס אַ פריינד האָט מיר מיטגעגעבען. דאָס לעצטע איז באַשטאַנען פון שטיקלאַך ברויט צושניטענע און דורכגעלייגט מיט בלעטלעך צוגג און אַ לייגגליכען לעקעך. איך דערצייל די

קליינינקייטן צוליב ווייטערע פאסירונגען, וואס וועלן כאראקטעריזירן א שטיק לעבן אין סאוועט־רוסלאנד צו יענער צייט.

אויפ׳ן באן האט מען מיר געשאפען אן עקסטרע קאלדרע פאר מיין ארים געז־לעגער אין שלאף־וואגאן. עס איז גארניט צו פארגלייכן צו די שלאף־וואגאנען אין פוילען, שוין אפגערעדט פון די קאמפארטמענטס אדער סטייט־רומס אין די היגע באנען.

אינדערפריה האט דער קאנדוקטאר, אן אלטע פויערטע, מיך געפרעגט, אויב איך וויל אביסעל ציקאריע (אנשטאט קאווע) און איך האב געענטפערט: יא. האט זי מיר געבראכט אין א קלענערער כלי אביסעל שווארצע ווארעמס מיט א קארמעלקע און איך האב נאר געזוכט א פלאץ וואו דאס צו קענען פטר׳ן מ׳זאל ניט באמערקען.

אבער נאך פריהער, ווארטענדיג אויף דער רוסישער זייט גרעניץ פאר דער מאסקווער באהן, וואו מ׳האט עקזאמענירט מיין באגאזש, האב איך אין וואקזאל געזעהן א בופעט מיט געטראנקען. האב איך זיך געהייסען געבען א פלעשל ביער, פאר וועלכען איך האב באצאלט מיט פויליש געלט, ארום 20 דאלער אויף אמעריקאנער געלט, אבער איך האב דעם ביער ניט געקענט טרינקען, ווייל ער איז געווען ווארים. „אייז" האבען זיי מיר געזאגט, „דאס האבען מיר דא ניט". און אז איך בין אנגעקומען קיין מינסק ארום דריי אזייגער נאכמיטאג, האבען מיך ביי דער באן באגעגענט צוויי רעגירונגס־אנגעשטעלטע און זעהר העפליך מיר ערקלעהרט, אז קיין האטעל־צימער קען מען באין אופן ניט קריגען, ווייל אין דעם איינציגען האטעל קומט היינט פאר א צוזאמענפאהר פון די יונגע קאמוניסטען און מ׳קען דארט קיין פלאץ ניט קריגען. אבער אזוי ווי איך מוז דא שוין פארברענגען ביז מארגען 3 נאכמיטאג, ווארטענדיג פאר דער זעלבער באן, וועלען זיי מיר אפגעבען זייער צימער וואס זיי באנוצען דורכ׳ן טאג אויף דער סטאנציע. איינער פון זיי האט מיר געזאגט, אז אויב איך האב דא ניט קיין באקאנטע אדער פריינד, איז אויף דער סטאנציע טאקע ביי דעם צימער וואס זיי גיבען מיר דא, פאראן דער גרויסער רעסטאראן פונ׳ם וואקזאל, קען איך דארט קריגען צו עסען.

מילא, דערציילען ווי אזוי איך האב פארבראכט א נאכט אין דעם צימער, וועט זיין פיל צו באשרייבען און גארניט צו לערנען דערפון. דעריבער לאז איך דאס אויס, אבער אינ׳ם זעלבען אווענט האט מיך עמיץ צוגעפירט צו דער פאמי־ליע, צו וועלכע איך האב געהאט אן אדרעס פון זייערע קינדער אין מאנטרעאל.

איך האב דאן אפגעבראכען א טייל פון דעם ברויט מיט צונג און מיטגענומען מיט זיך, כדי ניט צו האבען געפאסט דעם גאנצען טאג. ווען איך בין געקומען צו דער פאמיליע, האב איך געטראפען די מוטער פון הויז, אן עלטערע פרוי און א טאכטער, אן אלטערע מיידעל, וועלכע איז אן אינזשינער. מ׳האט מיך אויפגענומען זעהר הארציג און געלאזט וויסען די אנדערע קינדער פון דער פאמיליע, זייענען זיך

אַלע צוזאַמענגעקומענע. איינער אַ דאָקטאָר, דער צווייטער זון אויך אַן אינזשענער, און מ׳האָט געמאַכט טיי.

טיי פאַר אַזאַ עולם האָט געדאַרפט געמאַכט ווערען אין אַ גרעסערע כלי, אָבער עס האָט געדאַרפט אויפגעקאָכט ווערען אויף אַ קליין נאַפט־לעמפּעל אָדער נאַפט אויוועלע, האָט דאָס געדויערט אַ היבשע צייט. דערווייל איז אָנגעקומען דער פאָטער פון הויז, וואָס איז געווען אַוועק כאַפּען פיש, ער האָט טאַקע גאַרניט געבראַכט און האָט גלייך געזאָגט אַ וויץ: „דאָס וואַסער האָט היינט אויסגע־פּאַלגט סאָוועטישען אָרדער, ניט צו געבען גענוג״. זיין טאָכטער האָט איהם פאַר־געוואָרפען פאַר אַזעלכע רייד. איך האָב דאַן אַרויסגענומען מיין פּאַרציע ברויט מיט דעם צונג און אַוועקגעלייגט אויפ׳ן טיש, האָב איך באַמערקט, ווי אַלע זייבען געבליבען שטעהן ווי זיי וואָלטען דערזעהן אַ גוואַלדיגען אוצר. זיי האָבען זייערע אייגענע אויגען ניט געגלויבט, אַז דאָס איז ניט עפּעס אַ חלום.

איך האָב אָבער פאַרזוכט זייער ברויט וואָס איז שוואַרץ ווי אמת׳ע שוואַר־צע טינט, אָבער צו דער זעלבער צייט אויך זעהר געשמאַק. איך האָב געלאָזט דאָס ברויט מיט׳ן צונג אויפ׳ן טיש, און ווען איך בין אַרויס מיט׳ן אַלטען מיך צופירען צו מיין שלאָף־פּלאַץ אויפ׳ן באַן הויף, האָב איך, פאַרמאַכענדיג די טיר, שוין גע־הערט דעם געלאָף פון די מיטגלידער פון דער פאַמיליע איבער דעם ווייסען ברויט מיט׳ן צונג, אַזוי, אַז נעקסטען פריהמאָרגען, ווען איך בין נאָכאַמאָל געקומען צו דער פאַמיליע, האָב איך שוין מיטגעבראַכט די גאַנצע רעשט פון דעם לענגליכען ברויט און דעם לעקאָד און זיי אַוועקגעגעבען אַלס אַ מתנה, וואָס איז פון זיי באַ־טראַכט געוואָרען אַלס אַ זעלטענע גאַשעריי.

מיין זון האָט שוין געהאַט מיט עטליכע טעג פריהער פאַרלאָזט מינסק און אָפּגעפאָהרען קיין מאָסקווע, און ווען איך בין געקומען אין דער פאַבריק וואו ער האָט געאַרבייט, פאַרבאַרייטענדיג אַמוניציע פאַר דער איצטיגער מלחמה, האָבען מיך די דירעקטאָרען אויפגענומען זעהר פריינדליך. זיי האָבען מיר ערקלעהרט, אַז מיין זון געפינט זיך איצט איך מאָסקווע, און גלייך האָבען זיי איהם טעלעגראַפירט אַז איך געפין זיך אין מינסק און די צייט ווען איך וועל מאָרגען אָנקומען קיין מאָסקווע.

די דירעקטאָרען האָבען אויך אויסגעקליבען אַ קאָמיטע פון דריי, וואָס זאָלען מיט מיר פאַרברענגען דעם טאָג און מיר ווייזען אַלץ וואָס אינטערעסירט מיך, און זיין מיט מיר ביז זיי וועלען מיך באַגלייטען צו דער באַן.

מינסק אונטער די סאָוועטען

די קאָמיטע, דריי זעהר אינטעליגענטע יונגעלייט, אידען נאַטירליך, האָבען מיט מיר אַרומגעשפּאַצירט אינ׳ם פּאַרק און מיר האָבען געהאַלטען אין איין רעדען וועגען דעם לעבען אין סאָוועט־רוסלאַנד.

זיי האבען מיר געוואלט איבערצייגען ווי טאלעראנט די רעגירונג איז צו רעליגיע, האבען זיי מיר דערציילט, אז כמעט אין צענטער פון שטאט געפינט זיך זעהר אן אלטער בית עולם. און עס איז באשלאסען געווארען פון דעם צו מאכען א ספארט־פלאץ, האבען אבער די רעליגיעזע אידען פראטעסטירט אז דארט אויף׳ן בית עולם געפינען זיך צוויי קברים פון זעהר באוואוסטע רבנים און זיי, די רעלי־גיעזע אידען, געפינען דאס אלס א פארשוועכונג פון די צוויי נפטרים, האט די קאמיטע באשלאסען אז די צוויי קברים וואס געפינען זיך אין שכנות, זאלען ארום־געצאמט ווערען מיט אן אייזערן ווענטעל און זאלען ניט צושטערט ווערען.

„איך וואלט דאס געוואלט זעהן״, האב איך געזאגט, און מ׳האט מיך גלייך צוגעפיהרט צו דעם פלאץ וואו יונגעלייט האבען דארט שוין געשפילט אין פארשי־דענע ספארט גיימס, אבער די צוויי קברים זיינען ניט נאר געווען ארומגעצוימט מיט אייזערנע שטאכעטען, נאר אפילו די מצבות זיינען געווען איבערגעפארבט אויפסניי.

קומענדיג צו דער באן, באמערק איך ווי צוויי מיידלעך דרייען זיך דארט ארום און קוקען אויף מיין באגאזש מיט די געדרוקטע ווערטער: ה. וו. מאנטרעאל. און איינע פרעגט מיך: „זייט איהר דאס מר. וואלאפסקי פון מאנטרעאל״?

„יא״, זאג איך, „ווער זענט איהר?״ „מיר,״ זאגען זיי, „זיינען מאנטרעא־לער און אייער זון האט אונז געבעטען היות ווי ער איז אפגעפארען קיין מאסקווע, זאלען מיר אייך דא אפווארטען ביי דער באן דינסטאג״. „יא״, זאג איך, „אבער היינט איז דאך מיטוואך, ניט דינסטאג״, זיי זיינען געבליבען שטעהן, ניט וויסענ־דיג דעם טאג. פרעגט מען די יונגעלייט וואס זיינען מיט מיר געגאנגען: „וועלכער טאג איז היינט ״ אבער קיינער וויסט דארט ניט דעם טאג, מ׳וויסט דעם דא־טום, אבער ניט דעם טאג, מ׳ארבייט 5 טעג און מ׳רוהט דעם 6־טען טאג. אזוי געהט עס כסדר. און זעהר זעלטען ווער עס ווייסט דעם טאג, אחוץ די רעליגיעזע אידען וואס היטען נאך אפ אדער ווילען אפהיטען שבת. אט זיי רעכענען שוין אויס ווען עס איז שבת.

די צוויי רעגירונגס אנגעשטעלטע, וועלכע האבען מיר אוועקגעגעבען זייער ביורא אויף דער סטאנציע פאר מיין נאכט־געלעגער, האבען מיר געזאגט, אז זיי האבען שוין טעלעגראפירט קיין מאסקווע מ׳זאל מיך אפווארטען ביי דער באן און ברענגען אין האטעל, נאר כדי צו זיין זיכער, זאל איך ווארטען ביז דער וואס וועט מיך דארט אפווארטען וועט אויסרופען מיין נאמען, וועל איך זיין זיכער, אז דאס איז דער ריכטיגער מאן.

קומענדיג אין מאסקווע אויף׳ן וואקזאל, זעה איך א מאן זוכט עמיצען, פרעג איך איהם וועמען ער זוכט, זאגט ער, איך זוך א מאן וואס קומט פון מינסק. „ווי הייסט ער?״ פרעג איך. זאגט ער: „דאס געדענק איך גראדע ניט״. אבער ער רופט

גלייך צו א פּאַליציאַנט מיר צו איבערצוצייגען, אז ער איז פּאַרטרויענסווערט און איך זאָג איהם מיין נאָמען. זאָגט ער: „אָט דאָס איז דער מאַן וואָס איך ערוואַרט״.

מיר געהען ארויס פון דער סטאַנציע און דאָ וואַרט אַ פּראַכטפולע קאַדילאַק קאַר, אַז אָפענע און איך שטייג איין מיט דעם מאַן. און גלייך ווייזט ער מיר אויף׳ן וועג פאַרשידענע בילדינגס, היסטאָרישע פּלעצער און דאָס פּלאַץ וואו מ׳האָט געמשפּט די ענגלישע אינזשענערען און ער ברענגט מיך צו דעם האָטעל. זעהר א פּראַכטפולער האָטעל. מ׳זאָגט, אז דאָס איז דער שענסטער האָטעל אין מאָסקווע. געפינט זיך פונקט אנטקעגען לעניג׳ס מוזאָלעום און דעם באַריהמטען קרעמעל, וואו עס געפינט זיך דער גאַנצער רעגירונגס אַפּאַראַט.

דער צימער אין האָטעל איז געוועזען זעהר אַ באַקוועמער, און כמעט אַ הערליכער מיט פיינע מעבעל, אַ פיינעם באָד־צימער מיט אַלע אייראָפּעאישע באַקוועמליכקייטען. באַלד האָט מען מיר געבראַכט א ביכעל מיט טיקעטס. יעדער טיקעט איז געווען פאַר איין מאָלצייט אין האָטעל.

מ׳האָט מיר געגעבען אַזעלכע 45 טיקעטס דערווייל פאַר די ערשטע 15 טעג און מ׳זאָגט מיר, אז מאָרגען פריה וועט צו מיר קומען א וועג־ווייזער וועלכער וועט מיט מיר ארומפאָרען און מיר ווייזען אַלעס וואָס איך וויל זעהן.

דעם אָוונט האָב איך אויך שוין געזעהן מיין זון און איהם אָבּיסעל איבערגעקליידעט מיט מיינע מיטגענומענע מלבושים. ער איז דאָרט מיט מיר געבליבען שלאָפען און מיר האָבען זיך דורכגערעדט וועגען זיין צוריקפאָרען מיט מיר.

צומאָרגענס איז צו מיר ארויפגעקומען א פרוי, וועלכע האָט זיך פאָרגעשטעלט אין ענגליש. (ווייזט אויס אויך געווען א אידישע מיידעל) און מיר ערקלעהרט, אז זי האָט פאַר מיר א קאַר מיט אַ שאָפער און זי וועט מיך אַרומפירען וואו איך וועל נאָר גערן זיין צו געהן און זעהן. און זי ווייזט מיר אַ ליסט פון פאַרשידענע אינטערעסאַנטע פּלעצער: דער קרעמל, די גריכטס הייזער, דער פּריזאָן, דער אינסטיטוט פון די געוועזענע געפאַלענע פרויען ווי זיי ווערען צוריקגעבראַכט צו אַן ערליך אַנשטענדיג לעבען, דער אינסטיטוט פון די „בעזבאָזשניע״, אַ מיוזעאום פאַר אַגיטאַציע געגען רעליגיע און נאָך אַזעלכע פּלעצער. דערביי באַמערקט זי מיר דאָס זי האָט אויך א באַשטעלונג פאַר מיר ביי דעם סעקרעטאַר פון קאָמערץ און האַנדעל מיט אויסלאַנד, אָבער ניט פאַר היינט, ווייל היינט, זאָגט זי, איז ער פאַרנומען ביי א קאָנפערענץ. איך קען מיר אַליין אויסקלייבען די צייט, וואָס איז באַקוועם פאַר מיר.

מיין באַזוך אין די פאַרשידענע אינטערעסאַנטע פּלעצער

איך האָב דאָרט אינ׳ם האָטעל געטראָפען אַ פּאָר פאָלק פון ניו יאָרק, אַ אידישער אַדוואָקאַט מיט זיין פרוי וועלכע זיינען געקומען פאַר אַ באַזוך. און ווען זיי האָבען געהערט אַז איך האָב אַ פּריווילעגיע צו פאָרען באַזוכען די אַלע פּלעצער

מיט א רעגירונגס־קאר און א ספּעציעלן איבערזעצער און וועגווייזער, האָבן זיי מיך געבעטן, אויב עס איז מעגליך, זיי זאָלן מיט איהר מיטפאָרן. איך האָב זיך אָנגעפרעגט ביי מיין וועגווייזעריז, האָט זי מיר געזאָגט, אז זי מוז זיך עס אָנ־פרעגן, און טאַקע גלייך האָט זי ערגעץ וואו טעלעפאָנירט, און איז צוריקגעקומען מיט אן ענטפער, אז מיט מיר אין קאר קאָנען זיי ניט פאָהרן, אָבער זיי קאָנען קריגן א קאר פאַר באַצאָלט און מיטפאָרן מיט אונזער קאר און באַזוכן די פּלע־צער וואָס זיינען אויסגערעכנט אין דער ליסטע. אויף אַנדערע ספּעציעלע פּלע־צער קאָנען זיי ניט מיטפאָרן, דאָס מיידעל האָט טאַקע פאַר זיי באַשטעלט א קאר און חוץ די צוויי זיינען אין יענער קאר געפאָרן נאָך א פּאָר פאָלק, אויך א אידישע, פון לאָנדאָן, ענגלאַנד.

דעם ערשטען וויזיט האָבן מיר געמאַכט אין פּריזאָן, וואָס מ'רופט דאָרט „פאַרבעסערונג'ס אנשטאַלט". אונז האָט אויפגענומען איינער פון די פאַרוואַל־טער. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין א האָל און דער פאַרוואַלטער האָט אונז אָנגעהויבן ערקלעהרען וואָס פאַרא אינסטיטוט דאָס איז, איינער פון דער „גע פּע. או." איז די גאַנצע צייט דערביי געשטאַנען.

„ביי אונז — זאָגט דער פאַרוואַלטער — איז דער דזשייל, ווי איהר רופט עס, ניט קיין דזשייל, נאָר אן אנשטאַלט צו פאַרבעסערען די וואָס באַ־געהען פאַרברעכענס. מיר נוצען דאָ ניט קיין מאַכט איבער די מענשען, מיר גיבען זיי לעקציעס אין אנשטענדיגקייט און ערקלעהרען זיי דעם איבל פון פאַרברעכענס, ווייטער לערענט מען זיי דאָ א מלאכה און מיר האָבען ווערקשטאַטען פאַר פאַר־שידענע אַרבייטען. די פאַרברעכער האָבען זיך זייער אייגענע פאַרוואַלטונג. ווען איינער טהוט עפּעס אַן אונרעכט, ווערט ער געמשפּט פון א קאָמיטע פון די אַרעסט־טאַנטען. זייערע שלאָף־פּלעצער זיינען ניט פאַרשלאָסען, נאָר איינער פון זיי, די אַרעסטירטע אַליין, היט ביי דער טיר, יעדע נאַכט אַן אַנדערער. קיין קערפּער־ליכע שטראָפען ווערען דאָ ניט באַנוצט. די אַלע וואָס איהר וועט דאָ באַלד זעהן, זאָגט ווייטער דער אויפזעהער, זיינען אַלץ פון די ערשטע רעזשימען, ווייל פון אונזער איצטיגען סאָוועטישען רעזשים קומען ניט אַרויס קיין פאַרברעכער.

און אַזוי האָט דער אויפזעהער פאַר אונז געהאַלטען א לאַנגע רעדע, און מיין אינטערפּרעטער האָט דאָס גלייך איבערזעצט אויף ענגליש.

דאַן האָט מען אונז געפירט זעהן דאָס גאַנצע פּלאַץ.

איך האָב עפּעס געפיהלט דורך מיין גאַנצער רייזע אין רוסלאַנד זעהר הומאָ־ריסטיש געשטימט, און האָב יעדען מאָל געמאַכט א הומאָריסטישע באַמערקונג, אמאָל אַפילו אַ קריטישע, אָבער אויף א הומאָריסטישען אופן און דאָס איז זעהר געפעלען געוואָרען דעם „טשעקיסט". מיר האָבען באַזוכט די שפּער, געזעהען די מענשן ביי דער אַרבייט, באַזוכט די שלאָף־פּלעצער, מ'האָט אונז אַלעס געוויזען צווישען די אַרעסטאַנטען וואָס זיינען אַלע כמעט געווען יונגע מענשען, האָב איך

געטראָפּען אַן עלטערען אידען. האָב איך דאַן ווייטער איין אַ הומאָריסטישען טאָן געזאָגט צום „טשעקיסט”: „איך וואָלט געוואָלט האָבען אַ שטיקעל געשפּרעך מיט דעם אַלטען אידען.” געוויס, זאָגט דער טשעקיסט, איהר קענט האָבען דאָס פאַר־געניגען”. „אָבער איהר, זאָג איך, זאָלט דערביי ניט זיין”. „גוט, זאָגט ער, איך וועל דערביי ניט זיין”. און גלייך פירט מען מיך אַריין אין אַ באַזונדער צימער מיט דעם אידען.

איך ערקלער איהם דאָס איך בין אַן אַמעריקאַנער גאַסט דאָ און איך וואָלט געוואָלט וויסען פאַרוואָס פּאָרא שטראָף ער געפינט זיך דאָ.

„זייט זיכער”, זאָגט דער איד, „אַז ניט פאַר עסען קוגעל אום שבת, אַז מ'זיצט דאָ, איז פאַראַן גוטע אורזאַכען. אָבער, דאָס הייסט דען געזעסען? מ'קומט דאָך פון דאַנען אַרויס גאָר אַן אַנדער מענש, סיי אין בילדונג און סיי אין כאַראַק־טער און מיר זיינען אַלע דאַנקבאַר פאַר דער צייט וואָס מ'פאַרברענגט דאָ.

„איך, זאָגט ער, ווייטער, קום אַהיים יעדע וואָך פאַר אַ טאָג און אַזוי לאָזט מען יעדען אַהיים געהען פאַר אַ טאָג. אַנדערע קריגען אַ וואָך וואַקאַציע און אַ חודש. הכלל, אַלעס איז דאָ גוט און פיין.

אַז איך בין אַרויסגעקומען, פרעגט מיך דער „טשעקיסט”: „אַנו, וואָס האָט איהר אויסגעפונען?” זאָג איך צו איהם: „דער איד מוז זיין אַ ליגנער. ער זאָגט מיר, אַז דאָ איז פשוט אַ גן עדן אויף דער וועלט. דער „טשעקיסט” זאָגט מיר צוריק מיט אַ „שמייכעל”. „ניין, ניין, ער איז ניט קיין ליגנער. איך האָב דאָס געזאָגט, נאַטירליך, כדי מ'זאָל דעם אידען ניט חושד זיין אַז ער האָט עפּעס שלעכט געזאָגט”.

דאַן ברענגט מען אונז אין זעלבען האָל וואָס ביים אַנקומען, און דער פריי־הערדיגער פּאַרוואַלטער זעצט זיך אוועק און זאָגט: „נו, וואָס האָט איהר צו פרעגען?”

און איך פרעג: „איהר האָט אונז פריהער געזאָגט, אַז דאָ געפינען זיך נאָר פאַרברעכער פון אַלטען רעזשים, איך האָב דאָך געזעהן 90 פּראָצענט בלויז יונגעלייט”.

דאָ פאַרהאַקט זיך דער פּאַרוואַלטער און ווייסט ניט אויף דער מינוט וואָס צו ענטפערען. רופט זיך אָפּ דער שטעקיסט צום פּאַרוואַלטער: „לאָז מיך דאָ זיך אָפּזעצען און איך וועל דעם אַמעריקאַנער ערקלעהרען”, און ער זעצט זיך אוועק אויף דעם פּאַרוואַלטער'ס פּלאַץ און ערקלעהרט מיר:

„איהר דאַרפט ניט פאַרגעסען, אַז עס איז ערשט עטליכע יאָהר איינגאַנצען ווי מיר האָבען געקראַגען אונזערע קעפּ פריי צו פאַררעכטען די אינערליכע צרות, ווייל גלייך נאָך דער רעוואָלוציע האָבען מיר געהאַט צו שטרייטען מיט אויסער־ליכער אינטערווענציע און מיט ניט וועהניג אינערלאַכע סכסוכים. ערשט מיט עטליכע יאָהר צוריק האָבען מיר זיך גענומען צו היילען די אינווייניגסטע מכות,

און דאריבער געפינען זיך נאך צווישען די פארברעכער יונגע מענשן, אבער אין פארלויף פון עטליכע יאהר שפעטער ווערען די פארברעכער אינגאנצען פאר־שווינדען״.

איך האב איהם ערקלעהרט, אז איך פארשטיי דאס איצט זעהר גוט.

ביים ארויסגעהן זאגט דער „טשעקיסט״ צו מיין וועגווייזערין זי זאל מיך בעטען עפעס אנשרייבען אין זייער בוך פאר פראמינענטע באזוכער.

איך געפין זיך עפעס אין א פארלעגענהייט, ניט ווייסענדיג וואס מ׳שרייבט דארט אריין. אבער דער „טשעקיסט״ זאגט צו דער מיידעל (איך פארשטעה וואס ער זאגט אבער איך מאך זיך ניט פארשטעהען): זעה אז ער זאל דארט עפעס אנ־שרייבען, ער איז זעהר הומאריסטיש, וועט דאס זיין אינטערעסאנט, און דאס מיידעל בעט מיך: „שרייבט אין וועלכע שפראך איהר ווילט, אידיש, ענגליש, אדער וועלכע אנדער שפראך״, און שוין ברענגט מען מיר דאס בוך.

מילא, איך זעה שוין אז איך מוז אפילו אין סאוועטישען פריזאן אויך שריי־בען, שרייב איך פאלגענדע שורות:

„דער פריזאן ביי אייך איז פיעל בעסער ווי אין די קאפיטאליסטישע לענדער, דערפאר זיינען די האטעלען אין די קאפיטאליסטישע לענדער בעסער ווי ביי אייך. דאך וואלט איך ליבער פארבראכט אין דעם שלעכטען האטעל ביי אייך ווי אין דעם גוטען פריזאן״.

און אונטערגעשריבען מיין נאמען.

ווען דאס מיידעל האט פאר׳ן טשעקיסט איבערגעלייענט די עטליכע שורות, האט ער אויסגערופען: „וואט טיעבע!״ האב איך דיר ניט געזאגט, אז ווען ער ו׳עט עפעס אנשרייבען, וועט עס ענטהאלטען הומאר? ער דריקט מיר זעהר די האנט און פירט מיך ארויס אונטען ארום צו מיין קאר, און עטליכע מאל געהויבען די האנט צו מיר אין א מין סאלוט.

און איך מוז מודה זיין, אז כאטש עס איז מעגליך, אז מ׳האט דארט אלץ פאר־שעהנערט ווי עס איז אין דער אמת׳ן, מוז איך אבער זאגען, אז זייער סיסטעם פון באשטראפען פארברעכער מיט לערנען זיי מלאכות און מיט געבען זיי צו לייענען ליטערארישע ווערק, און דערצו די וואקאציעס וואס זיי קריגען פון צייט צו צייט — געפעלט מיר זעהר שטארק. ס׳איז א זעלבסט־דיסציפלין, וואס מאכט זיכער, אז דער פאראורטיילטער וועט ניט אנטלויפען נאר גלייך נאך דער וואקאציע קומען צוריק, אום אפצוזיצען זיין טערמין.

רעדענדיג וועגען זייער פריזאן, דערמאן איך זיך וואס מיר האט דארט דער־צעהלט א מאנטרעאלער יונגערמאן וועגען איינעם וואס איז פאראורטיילט געווא־ען צו צעהן יאהר פריזאן פאר שיסען זיין ווייב. די העכסטע שטראף אין סאוועט רוסלאנד (אויסער פאר פאליטיק) איז צעהן יאהר. דער מאן האט געארבייט אין

אַ פאַבריק מיט דעם מאַנטרעאַלער יונגענמאַן, פון וועלכען איך וועל אויך האָבן עפּעס צו דערצעהלען אין נעקסטען קאַפּיטעל.

דער יונגערמאַן דערצעהלט מיר, אַז דער פאַראַורטיילטער האָט זיך זעהר גוט אויפגעפירט אין פּריזאָן. און האָט דעריבער געקראָגען פון צייט צו צייט וואַקאַציע פאַר אַ וואָך, ביז זיין פאַבריק האָט באַשלאָסען צו פאַרלאַנגען אַז מען זאָל איהם איינגאַנצען באַפרייען, נאָכדעם ווי די פאַבריק קאָמיטע האָט גענומען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר זיין ווייטערער אויפפיהרונג. אַזאַ פּעטיציע פון אַ פאַבריק ווערט געוועהנליך באַוויליגט. און דעם מאַן האָט מען צוריקגעשיקט אין פאַבריק נאָך דריי יאָהר אָפּזיין אין פּריזאָן, אָדער פאַרבעסערונגס־אַנשטאַלט.

דערווייל איז אין דער פאַבריק פאָרגעקומען אַ משפּט פון צוויי רוסען, וועלכע האָבן באַליידיגט אַ אידישען אַרבייטער. אַזעלכע משפּטים ווערען געוועהנליך דורכגעפירט פון דער קאָמיטע פון יעדער פאַבריק דורך די שטימען פון אַלע אַרבייטער און זייער פּסק איז גילטיג.

די צוויי אַרבייטער האָבן זיך פאַרטיידיגט אַז זיי האָבן בלויז געמאַכט שפּאַס. זיי האָבן געמאַנט ביי דעם אידישען אַרבייטער אַ סיגאַרעט, און ווען ער האָט געזאָגט אַז ער האָט ניט, האָבן זיי פאַר שפּאַס איהם אויסגעטאָן די הויזען צו זוכען אַ סיגאַרעט.

און דאָ האָט זיך אויפגעשטעלט דער וואָס האָט ערמאָרדעט זיין ווייב און געהאַלטען אַ לאַנגע רעדע, אַז אַזאַ זאַך איז ניט דערלאָזבאַר. באַליידיגען אַ אידען איז אַ פאַרברעכען וואָס טאָר ניט פאַרשוויגען ווערען. די אידען ליידען גענוג אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. און די צוויי מענשען, כאָטש איינער איז זיינער אַ קרוב, דאַרפען באַשטראָפט ווערען, און דאָס זאָל זיין אַ וואָרנונג פאַר אַנדערע. און די צוויי זענען פאַרמשפּט געוואָרען צו דריי חדשים אין אַ פאַרבעסערונגס־אַנשטאַלט, כדי זיי זאָלען זיך דאָרטען אויסלערנען ווי צו באַהאַנדלען אַ מיטאַרבייטער, טאַקע ווייל ער איז אַ איד.

און דאָ דערצעהלט מיר ווייטער דער מאַנטרעאַלער יונגערמאַן, אַז ער האָט נאָך דעם משפּט געהאַט אַ געשפּרעך מיט דעם ווייב־מערדער און איהם געפרעגט: „לויט ווי דו האָסט גערעדט ביי דעם משפּט, האָסטו אין זיך ניט די נייגונג צו הרגענען אָדער שיסען, ספּעציעל אַז אייגענע פרוי, טאָ ווי קומט דאָס צו דיר?”

און יענער פאַרטיידיגט זיך: „איך בין געווען אין דער גרויסער מלחמה, נאָכדעם אין דער מלחמה מיט פּוילען, מיט די אוקראַינער פּאָגראָמשטשיקעס, און איך האָב זיך איינגעוואוינט אַז הרגענען אַ מענשען איז גאָרניט מיט גאָרניט. איצט, ווען איך בין באַגאַנגען דעם פאַרברעכען, האָט עס מיר ערשט אויפגעעפענט דעם מוח, צו פאַרשטעהן אַז מלחמה איז עפּעס אַנדערש און אַז דאָס ציווילע לעבען, איבערהויפּט אין סאָוועט־רוסלאַנד, איז אויך עפּעס אַנדערש, און מיין גאַנץ לעבען

וועל איך באדויערען די טאט, וואס איך בין באגאנגען אין א מינוט פון צעטומלע־ניש, ווען איך האב געמיינט, אז איך בין אין דער מלחמה און שיס דעם שונא.

א באזוך אין קרעמל

ווי באוואוסט, איז דער קרעמל דאס פלאץ פון דער איצטיגער רעגירונג, און די געוועזענע רעזידענץ אויך פון די צארסקע פאמיליעס. דארט זענען אפילו פא־ראן די קברים פון אלע רוסישע צארען. דארט פלעגען די צארען אויך געקרוינט ווערען. און איהר קענט דארט נאך זעהן די קארעטעס, מיט וועלכע יעדער צאר איז געפארען צו דער קאראנאציע, און די קליידער אין וועלכע יעדע צאריצע איז גע־קרוינט געווארען. דאס געפינט זיך אין א גרויסען צימער אונטער גלאז ארום און ארום, אזוי אז איהר קענט אלץ זעהן.

א גרויס געלעכטער האט ארויסגערופען דער שטול אויף וועלכען דער לעצטער צאר ניקאלאי איז געקרוינט געווארען. ווען מען האט עס אונז געוויזען, האב איך זיך א זעץ געטאן אויף איהם און פארדרעהט די וואנצעס אזוי, אז אלע האבען ארויס־געשאסען אין א געלעכטער.

מיר האבען געזעהן די קאסטענס מיט די פגרים פון אלע צארען, אריינגעשטעלט אין א וואנט. מען האט אונז אויך געוויזען איוואן גראזני׳ס קאסטען. און ווען איך האב אין שפאס געפרעגט אויף צאר ניקאלאי׳ס קאסטען, האט מען מיר מיט א שמייכעל געענטפערט, אז ער איז דא ניטא, אבער זיין גייסט ליגט דא באגראבען מיט די אלע פריהערדיגע דעספאטען.

ווען מען האט מיר געוויזען די פארשידענע קליידער פון די צאריצעס וואס זיי האבען געטראגען ביי זייערע קאראנאצעס, האב איך א טראכט געטאן: ווען האט א איך געהאט די מעגליכקייט אהער אריינצוקומען און איבערהויפט צו ווערען אזוי היימיש צו קאנען מאכען א שפאס פון אלעמען? און איך האב דאן געפילט צו זאגען א דאנק דעם באלשעוויזם. דער גאלדענער צלם אויפ׳ן פראנט פון דעם קרעמל שטעהט נאך אזוי ווי געוועזען אלס אנדענק פון אמאהל. מען וויל איהם ניט ארונטערנעהמען, און עס ליגט נאך דער גרויסער גלאק פון דער קירכע, וועלכער האט הינטער זיך א געשיכטע און דערמיט וואס ער איז דער שווערסטער קירכען גלאק אין דער וועלט. ער ליגט אין דרויסען אין קרעמעל און ווערט ניט פארנוצט, אפילו פאר מלחמה צוועקען.

אין די סאוועטישע געריכטען

זעהר אינטערעסאנט איז געווען דער באזוך אין דעם סאוועטישען געריכט אין מאסקווע.

מיין איבערזעצעריו האט פריהער געמאכט פאר מיר אן „אפוינטמענט" מיט

דעם הויפּט־ריכטער, און ווען מיר זענען געקומען אין געריכט׳ס הויז, איז דער הויפּט־ריכטער געווען פאַרנומען און מ׳האָט מיך געבעטען וואַרטען אַ פּאָר מינוט. אָבער מ׳האָט מיך דערווייל אַריינגעפירט אין אַ קלענערען געריכט, וואו עס איז אָנגעגאַנגען אַ משפט וועגען איינעם וואָס האָט צוגע׳גנב׳עט געצייג אין דער פאַבריק וואו ער האָט געאַרבייט. די אָנפירונג פון משפט איז געווען זעהר אינטערעסאַנט, אָבער עס איז גלייך אַריינגעקומען מיין איבערזעצערין און מיר אָנגעזאָגט אַז דער הויפּט־ריכטער וואַרט אויף מיר.

דער הויפּט־ריכטער, אַ יונגערמאַן אָנגעטאָן ציוויל אין אַן אָרימען אָנצוג, האָט אויסגעזעהן ווי אַן אָרימער אַרבייטער. ער איז געזעסען אויף אַ בענקעל וואָס רופט זיך ביי אונז אַ „קיטשען טשער״, אָבער אַ ביליגער. פון פאַרענט זענען געשטאַנען עטליכע לאַנגע הילצערנע בענק. ער האָט מיך באַגריסט און געזאָגט צו מיין איבערזעצערין אַז איך זאָל איהר פרעגען דאָס וואָס מיך אינטערעסירט צו וויסען.

— ווי לאַנג דאַרף מען שטודירען אום צו ווערען אַ ריכטער? — האָב איך געפרעגט.

— בלויז זעקס חדשים — האָט ער געענטפערט.

— און צו ווערען אַ הויפּט־ריכטער? — האָב איך ווייטער געפרעגט.

— דאָס — זאָגט ער — פאָדערט ניט קיין ספּעציעלע שטודיום, נאָר די ריכטער קלייבען אויס צווישען זיך דעם וואָס פאַרשטעהט דאָס געזעץ אַם בעסטען. דערווייל ווייזט ער מיר אַן אויפ׳ן געזעץ־בוך, וואָס איז אַ גאַנץ קליינער בוך.

— אויב — זאָג איך — דאָס געזעץ בוך איז אַזוי קליין, הייסט דאָך עס, אַז דער ריכטער מוז אַליין באַזיצען וואָס מ׳רופט ביי אונז „קאָמאָן סענס״ צו קענען אורטיילען קלאַגען וואָס געפינען זיך אַפילו ניט אין געזעץ־בוך. דאַרף מען דאָך, זאָג איך, דערצו האָבען געוויסע בילדונג.

די איבערזעצערין האָט זיך אַ ביסעל געקווענקעלט ביים איבערגעבען אָט די פראַגע. און דער הויפּט־ריכטער האָט איהר געזאָגט, ווי מ׳וואָלט זאָגען אויף אונזער לשון: „נעווער מיינד״, זאָגט מיר איבער. און ווי זי האָט איהם דאָס איבערגעזאָגט, ענטפערט ער איהר: „הפנים אַז דער גאַסט האָט ניט קיין גרויסע אמונה אין מיין קענטעניש, טאָ זאָג איהם אַז איך געה איצט פירען אַ משפט, און אויב ער וויל, זאָל ער זיין דערביי, און ער וועט דאַן קענען זאָגען וואָס ער דענקט וועגען אונזערע ריכטער.

איך האָב איינגעוויליגט און גלייך זענען מיר אַריין אין אַ צווייטען צימער, וואו דער הויפּט־ריכטער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישעל אויף אַ שטיקעל בינע. פון איין זייט אַ מאַן אַן אַרבייטער און פון דער צווייטער זייט אַ פרוי אַן אַרבייטאַרין. דער מאַן איז געווען אַן עלטערער איד. איך האָב דאָס דערקענט פון דעם „עמעס״, אַ צייטונג וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון זיין קעשענע. און די פרוי

אַ יונגע שיקסעל, אַהן שיך, מיט אַ טיכעל איבער׳ן קאָפּ. אַנטקעגען זיי זענען גע־וועזן אויסגעשטעלט בענק פאַר די צוהערער און עדות און איך מיט מיינע באַגליי־טער זענען געזעסן אויף דער ערשטער באַנק אַנטקעגען די ריכטער.

דער אַנגעקלאַגטער איז געוועזן אַן אַלטער קאַצאַפּ וואָס ווערט באַשולדיגט אַלס עקספּלואַטאַטאָר. ער האָט אַנגענומען אין פיר הייזער אַלס „סטרוזש״, אָדער „קעירטייקער״ און געהאַלטען צו דריי אַנגעשטעלטע און זיי באַצאָהלט ווייניגער ווי ער האָט געקראָגען פאַר דער אַרבייט פון יעדען הויז.

אין אַ זייט איז געשטאַנען אַ מאַן מיט אַ ווייס העמדעל און אַ פּאַסעק אַהן שיך. דאָס איז געוועזן דער אַדוואָקאַט פאַר דעם אַנגעקלאַגטען. ער טאָר ניט פאַר־טיידיגען דעם אַנגעקלאַגטען, נאָר ער האָט דאָס רעכט קלאָהר צו מאַכען דעם משפט און אַנאַליזירען די קעיס, נאָכדעם ווי די עדות ווערען פאַרטיג מיט זייער עדות־זאָגען.

אינטערעסאַנט איז מיר געוועזן ווי דער ריכטער האָט יעדעס מאָהל אָפּגע־שטעלט דעם אַנגעקלאַגטען און געהייסען דער מיידעל מיר ערקלערען וואָס מ׳האָט דאָ גערעדט ביז איצט. און ווי איך האָב באַמערקט, איז דער הויפּט אינטערעס פון ריכטער געוועזן צו וויסען אויב דער אַנגעקלאַגטער איז אַן עקספּלואַטאַטאָר פון פאַר דער רעוואָלוציע. און ער האָט דעריבער געפרעגט דעם אַנגעקלאַגטען: „וויפיל הייזער האָסטו געהאַט פאַר דעם צאַר׳ס צייטען?״ — איך האָב געהאַט אַ פאַרם מיט פיר הייזער — ענטפערט דער אַנגעקלאַגטער.

— און וויפיל רענט האָסטו געריסען פון די אָרימע פויערים?

— ניין, — ענטפערט דער אַנגעקלאַגטער — איך האָב ניט געריסען קיין רענט. אין איין הויז האָב איך געוואוינט, אין דעם צווייטען הויז מיין סופּעראינטענדענט, אין דעם דריטען — מיינער אַ זוהן, און דאָס פערטע הויז האָב איך אוועקגעשענקט פאַר אַ הכנסת אורחים, פאַר אָרעמע דורכגעהער.

— פאַרוואָס עפּעס פאַר אַ הכנסת אורחים? — פרעגט דער ריכטער.

און דער אַנגעקלאַגטער דערצעהלט:

— אינ׳ם דאָרף האָט יעדעס יאָהר פאַר פּאַסכע יעדער פויער געקראָגען אַ רובעל פונ׳ם צאַר׳ס קאַסע. איינער וואָס האָט ניט געקראָגען דעם רובעל, איז אַריין אין מיינער אַ הויז און האָט זיך דאָרט אויפגעהאַנגען פאַר עגמת נפש, וואָס ער האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו פייערען זיין פּאַסכע. האָב איך דאַן דאָס הויז אוועקגעשענקט פאַר אָרימע צום אָנדענק פון דעם אומגליקליכען וואָס האָט זיך דאָרט גענומען דאָס לעבען.

— אָט דאָס — זאָגט דער ריכטער צו מיין איבערזעצערין — אָט דאָס דער־קלער דעם גאַסט. — און דאָס געריכט האָט זיך אָפּגעשטעלט ביז דאָס מיידעל האָט מיר אַלץ דערקלערט אין ענגליש (כאָטש איך האָב סייווי פאַרשטאַנען אַלץ וואָס דאָרט איז גערעדט געוואָרען). איך בין דאָרט אָפּגעזעסען איבער צוויי שטונדען.

איך האב אבער געוואלט באזוכען די חתונה און גט אפטיילונג, האב איך געזאגט דער מיידעל אז איך האב שוין געהאט גענוג און וויל אוועקגעהן. זי האט דאס איבערגעגעבען דעם ריכטער, דאן האב איך זיך אויפגעשטעלט און אויסגעדריקט מיין דאנקבארקייט צום ריכטער און דערביי דערקלערט, אז אזא טאלעראנץ פון א הויפט־ריכטער צו פרעמדע געסט זעהט זיך ניט אין קיין לאנד. און איך קען שוין גוט פארשטעהן פארוואס ער איז דערהויבען געווארען צו אזא הויכען אמט, און איהם ווידער באדאנקט פאר זיין העפליכקייט.

דאן האט דער ריכטער געזאגט עטליכע ווערטער און געפרעגט אויב איך וויל וויסען די ענדע פון דעם משפט, וועט ער מיר אין אווענט טעלעפאנירען אין מיין האטעל, איך האב איהם פאר דעם אויך באדאנקט און געזאגט, אז איך וועל זיין זעהר צופרידען צו וויסען די ענדע פון דעם משפט.

אין אווענט בין איך טאקע גערופען געווארען צום טעלעפאן, וואו דער האטעל־איבערזעצער האט מיר דערקלערט, אז דער הויפט־ריכטער לאזט מיר וויסען, אז דער אלטיטשקער איז אוועקגעשיקט געווארען אויף דריי יאהר אין פארבעסערונגס אנשטאלט, ווייל אלס מאן האט ער שוין גענוג געארבייט, און ער וועט זיך דארט אויסרוהען אויף קהל'שע קעסט. מיט אנדערע ווערטער מיינט דאס, ער איז פארמשפט געווארען אויף דריי יאהר פריזאן פאר עקספלואטאציע.

איך האב באזוכט די אפטיילונג פון חתונות און גט'ען, וואו יונגע פרויען זענען די אנגעשטעלטע. אין איין צימער איז געווען די חתונה אפטיילונג, וואו מ'דארף זיך בלויז רעגיסטרירען, און אין צווייטען צימער די גט'ן וואס קומען פאר, ווייל „מיר שטימען ניט", און פארטיג. איך האב אפילו געטראכט, אז דאס איז ניט אזוי שלעכט... פילע פארהייראטע אין אנדערע לענדער וואלטען זיך געוואונשען אזא געזעץ פון שיידען זיך, אום צו פארשפארען יאהרען פון ליידען צוזאמען. און אט האט דאך אונזער תורה אויך עהנליגע געזעצען פון והיה אם לא תמצא חן. אז אויב מ'געפעלט זיך ניט, איז דער דין וכתיב לה ספר כריתות, איז אנגעשריבען א גט און פטור. די לעצטע צייטען זענען די געזעצען פון גט'ן אין רוסלאנד אויך געענדערט געווארען און עס קומט שוין אן אביסעל שווער דאס גט'ן זיך.

אין קולטור פארק

ביי טאג בין איך כסדר געווען פארנומען מיט ארומפארען אין דער באגלייטונג פון מיין איבערזעצערין, וועלכע די רעגירונג האט מיר צוגעשטעלט און אין אווענט בין איך געווען פריי צו באגעגענען באקאנטע און מענשען, פאר וועמען איך האב געהאט בריוו און אויך אביסעל געלט. און איך האב זיי אלעמען באזוכט, און געהערט פריוואטע מיינונגען וועגען דער נייער ארדענונג. עס איז פארשטענדליך, אז פריהערדיגע ארימעלייט און ארבייטער האבען געהאט דאס בעסטע צו זאגען וועגען דעם סאוועטישען סיסטעם, ווערענד געוועזענע רייכע לייט זענען געווען זעהר אומצופרידען. דאס איז אבער געווען נאטירליך צו דערווארטען.

אין אווענט האב איך געמאכט א באזוך אין שטאדטישען פארק, וואס רופט זיך דער „קולוטער פארק״, און וואס איך האב דארט געזעהן האט מיך באמת שטארק פאראינטערעסירט, ווייל דאס האט שוין צו טאן מיט דער גרויסער מאכט וואס סאוויעט־רוסלאנד האט ארויסגעוויזען אין דער מלחמה און פון וואנען עס האבען זיך גענומען די כוחות ביי די סאוועטען צו קענען בייקומען די שטארקע מיליטאריסטישע מאשין פון די נאצי'ס און דערלאנגען היטלער'ן זיינע גוט פאר־דינטע קלעפ.

איך האב אין פארק באמערקט, דאס פרויען וואס קומען אהין מיט קליינע קינדער, האבען א פלאץ וואו זיי גיבען די קינדער אוועק פאר דער צייט. מען גיט דארט די קינדער אלע שפילערייען, און זיי געפינען זיך אונטער דער אויפזיכט פון געניטע ערציהעריננס. פאר דעם ווערט באצאהלט, מיר דוכט זיך, א רובעל פאר יעדען קינד פאר'ן גאנצען אווענט.

דער פארק איז זעהר גרויס, א בענד מוזיק שפילט אין דריי פארשידענע פלע־צער אינ'ם פארק. חברה יונגווארג טאנצט מערסטענס די טענץ עהנליך צו די ארץ ישראל'דיגע „הוירא״־טענץ. ארום אין א ראד, מ'טאנצט, מ'זינגט, און עס איז פריילעך.

אין מיטען פארק פליסט א טייך. און אויף דעם טייך זענען פלוצים אנגע־קומען ארום א הונדערט עראפלאנען און דאס יונגווארג האט זיך דארט ארייגגע־כאפט און איז אוועקגעפלויגען.

אבער אין א האלבע שטונדע שפעטער זעהט איהר ווי עס לאזען זיך ארונטער אויף פאראשוטס יונגעלייט, יונגע מיידלעך, און זייערע הילכיגע געלעכטערס ביים ארונטערלאזען זיך פארטויבען די לופט. אנדערע לאזען זיך ארונטער אויפ'ן וואַ־סער און שווימען צו צום ברעג, אנדערע לאזען זיך ארונטער אויף דער יבשה און גלייך קומען די עראפלאנען ארונטער, און א צווייטע פארטיע פון יונגעלייט און מיידלאך כאפען זיך ארויף אויף די עראפלאנען און באלד הערט איהר זייער פריי־ליכע שטימען צוריקקומענדיג מיט די פאראשוטען פונקט ווי זיי זאלען קומען עפעס פון א טעאטער.

און איך באמערק צו איינער פון מיינע באגלייטער: „דאס איז א פריילאכער ספארט״. „וואס רעדט איהר״, זאגט זי צו מיר (די פרוי איז א טיכטיגער מיט־גליד אין דער פארטיי), „וואס פאר א ספארט? דאס איז א פארבערייטונג צו דער קומענדיגער מלחמה, און די אלע פליהער ווערען טרענירט אלס פאראשוטיסטען אין צייט פון מלחמה״.

צו יענער צייט האט מען דעם עניין פאראשוטיסטען ניט געוואוסט אין אנדע־רע לענדער. רוסלאנד איז געווען דאס ערשטע לאנד וואס האט דאס פראקטיצירט. און איך האב אויסגעפונען אז ארום הונדערט טויזענט פון די פאראשוטיסטען ווע־רען טרענירט בלויז אין מאסקווע, אחוץ אין אלע אנדערע געגענטען אין סאוועט

רוסלאַנד, און אַז צעהנדליגער טויזענטער עראָפּלאַנען זענען שוין פאַרטיג אוועקגעשטעלט געווען ערגעץ אין די ווייטע געגענטען פאַר מלחמה צוועקען. די פאַבריקען האָבען כסדר געאַרבייט אויף מלחמה אַרטיקלען. אַזוי איז עס געטאָן געוואָרען אין די ערשטע „פּיאַטילעטקעס" (פינף־יאָהר פּלענער), און אַזוי ווערט עס איצט געטאָן.

אַז איך האָב זיך אָוועקגעזעצט רעדען מיט איינינע פון מיינע באַגלייטער, איז צוגעקומען אַ יונגערמאַן און מיך געפרעגט: „זייט איהר מר. וואָלאָפּסקי פון מאָנטרעאַל?". יאָ, זאָג איך, פאַרוואונדערט, ווער זייט איהר? און דאָ פאַרענטפערט זיך דער יונגערמאַן פאַר די אַנוועזענדע פון וואַנען ער איז באַקאַנט מיט מיר און ערקלערט: „איך קום פון מאָנטרעאַל, און דעם מאַן קענען דאָרט אַלע, אָבער, וואָרשיינליך קען ער מיך ניט, ער (אָנווייזענדיג אויף מיר) איז אַ באַוואוסטער מענש אין קאַנאַדע, איז עס נאַטירליך אַז יעדער איינער זאָל אים קענען".

— דאַך — פרעג איך דעם יונגענמאַן — זאָג מיר, וואָס ביסטו אין קאַנאַדע?

— געהט, זאָגט ער, איהר וועט מיך ניט קענען. איך בין געווען אַן אָפּערייטאָר ביי מענער־קליידער און האָב דאָרט גע'שמט אַלס איינער פון די בעסטע אָפּערייטאָרס. איך האָב דאָרט גוט פאַרדינט, אָבער איך האָב געזוכט אַ גייסטיג לעבען און בין דעריבער מיט פינף יאָהר צוריק אַהערגעקומען עפּעס צו טאָן צופרידענשטעלען מיין גייסט.

איך האָב איהם אויפ'ן אָרט ניט געוואָלט פרעגען, צי האָט ער געפונען זיין גייסטיגע צופרידענקייט, נאָר האָב איהם געבעטען מיך צו באַזוכען אין מיין האָטעל. און דער „אַפּוינטמענט" איז געמאַכט געוואָרען פאַר מאָרגען 5 אַזייגער נאָכמיטאָג, בעת ער ווערט פאַרטיג מיט זיין טאָג־אַרבייט.

איך האָב דאַן ווייטער באַזוכט אַלע אינטערעסאַנטע פּלעצער אינ'ם פּאַרק, ווייל איך האָב אויך געדאַרפט זעהן דעם קאַפּעליע־מייסטער, וועלכער איז געווען פאַרנומען. איך האָב צו איהם געהאַט אַ גרוס פון וואַרשע, ניט אַזוי צו איהם, ווי צו זיין פרוי וואָס האָט שוועסטער און ברידער, אין וואַרשע, און זיי האָבען מיך געבעטען באַזוכען איהם און זיין פרוי. ווען איך בין געקומען צו זיי אין הויז האָט מיר אַן אַלטע מוטער דערצעהלט, אַז איהר זוהן פירט דעם אָרקעסטער אין קולטור פּאַרק, און אַז זיין פרוי איז אויך דאָרט איצט.

איך האָב אַ שטיקעל צייט גערעדט מיט דער פרוי, זעהר אַן אינטעליגענטע יונגע דאַמע, און ביי איהר געפּועלט די ביטע פון איהר פאַמיליע: זי זאָל אָפּשרייבען איהר חלק ירושה און אַ הויז אין וואַרשע, אַנדערש קענען די יורשים דאָס ניט פאַרקויפען. און זי האָט מיר דערוייל דערצעהלט, אַז איהר מאַן, דער קאַפּעליע־מייסטער, באַלאַנגט ניט צו דער פּאַרטיי. ער קריגט 1,000 רובעל אַ חודש פאַר פיהרען דעם בענד מוזיק דאָ אין פּאַרק, און טויזענט רובעל אַ חודש אַלס פּראָפעסאָר אין דער קאָנסערוואַטאָריע פון מוזיק, אויך אַן עקסטרא 500 רובעל אַ

חודש פאר ארגאניזירען א בענד מוזיק וואס וועט ארומפארען איבער רוסלאנד צו געבען קאנצערטען אין אלע שטעדט. צוזאמען, הייסט דאס, פארדינט איהר מאן 2,500 רובעל א חודש. דאך פעלען איהר געוויסע ארטיקלען פאר׳ן לעבענס־גע־ברויך, וואס מ׳קען נאר קריגען אין געוויסע סטארס פאר פרעמדע געלט, ניט אין רוסישע געלט. אבער זי וואוינט, ווי איך האב באמערקט, אין א פיינעם אפארט־מענט הויז מיט אן עלעוויי טאר און א מאן ביים הויז, וואס לאזט ניט אריין קיינעם סיידען ער האט צו צייגען אן דערלויבעניש אדער וויזט א פרעמדען פאספארט מיט א רוסישער וויזע. און דאס האב איך געדארפט וויזען ביים ארויפגעהן צו זייער אפארטמענט, און מיינע באגלייטער האבען געמוזט ווארטען אויפ׳ן גאס.

ביים צוריק באגלייטען מיך צום האטעל, האב איך געפרעגט מיינע באגלייטער:

— זעהט, איהר זאגט מיר אז דא זענען אלע גלייכע יחסנים. אט זעהט דעם קאפעליע מייסטער, ווי אזוי ער וואוינט און וויפיל געלט ער פארדינט אין פארגלייך מיט אנדערע ארבייטער.

און דער ענטפער איז מיר געגעבען געווארען גאנץ פשוט:

— דער מאן איז א געלערענטער, א קינסטלער אין זיין פאך. מיר דארפען האבען אזעלכע קינסטלער, מוזען מיר דעריבער זעהן אז זיי זאלען קענען האבען אלע באקוועמליכקייטען. און דאס איז אויך פאר אונזער טובה. עס איז דאך אונזער לאנד, און מיר דארפען דאך די מענשען, דארף פאר אונז געגוג זיין וואס מיר קענען זיך ערלויבען, אבי זיי זאלען צופרידען זיין, און קענען באקוועם טאן זייער ארבייט. און דעריבער וואונדערט זיך ניט מעהר וואס איהר זעהט אנ־דערע פארען מיט אויטאמאבילען, און אנדערע וואס דארפען זיך צוגויפשפארען אויף די ענגע סטריט קארס צו קומען צו דער צייט צו זייער ארבייט. מיר דאר־פען זעהן, אז די וואס שאפען אונזער קולטור, אונזער קונסט, זאלען האבען מעהר באקוועמליכקייטען און מיר אלע גיבען דאס זיי מיט צופרידענהייט.

איך האב אויך אויף צוריקוועגס פון פארק באמערקט ווי איינער פון מיינע באגלייטער האט זיך צוועקגעשטעלט ביי א ליכטיג פענסטער פון א קעלער־שטוב. איך האב פארשטאנען אז ער האט ניט געוואלט איך זאל דארט עפעס זעהן. ביין איך עקסטרא צוגעגאנגען צום פענסטער און געזעהן ווי עס ליגען אויסגעלייגט א גאנצע שורה מיט מענער אויף ברעטער אלס זייער שלאף־פלאץ, און איך באמערק:

— אט דאס הייסט א גן עדן פאר די סאוועט ארבייטער?

און ער ענטפערט מיר:

— די באפעלקערונג אין מאסקווע פארגרעסערט זיך מיט יעדען טאג און עס איז אונמעגליך צו בויען נייע הייזער, ווייל מיר זענען אלע פארנומען מיט דער ארבייט פון פארבערייטען אמוניציע פאר דער מלחמה. טא מוזען מיר אלע האבען געדולד ביז מיר וועלען איבערקומען די ערוואַרטעטע מלחמה און זיין זיכער, אז די

וועלט וועט אונז שוין לאָזן צורוה. דעמאָלט וועלן מיר טראַכטן וועגן אונ־זערע אייגענע באַקוועמליכקייטן.

פאַרגעסט ניט, אַז דאָס איז געווען מיט צעהן יאָהר צוריק, און דאָרט האָט מען זיך שוין געהאַלטן אין פאַרבאַרייטן צו מלחמה. דאָס מיינט, אַז שוין אין יענער צייט האָבן די סאָוויעטן פאַראויסגעזעהן וואָס עס קען קומען און די וועלט מעג זיי דאַנקבאַר זיין דערפאַר.

דער מאָנטרעאַלער יונגערמאַן

דעם נעקסטן אָוונט איז צו מיר געקומען דער יונגערמאַן פון מאָנטרעאַל, און איך האָב אין מיין האָטעל מיט איהם פאַרבראַכט דעם גאַנצן אָוונט. איך האָב פון פריהער נאָך אָנגעגרייט אַביסעל נאַשוואַרג וואָס מ׳קען נאָר קריגען אין די סטאָרס מיט „פאַרעין מאַני״. וויסענדיג, אַז ער איז דאָ געווען אַן עקספּערט אָפּערייטאָר, האָב איך איהם געפרעגט: „דאַרפט איהר דאָך דאָ גוט פאַרדינען?״.

— ווער, — זאָגט ער מיר — אַרבייט דען דאָ ביי זיין פאַך. אַלע דאַרפן אַרבייטן ביי אַמוניציע. מיר גרייטן זיך כסדר פאַר דער מלחמה. קליידער פאַר סאָלדאַטן האָבן מיר שוין גענוג אָנגעגרייט פאַר אַן אַרמיי פון צוואַנציג מיליאָן. און דעריבער, ערקלערט ער מיר, קאָסט דאָ אַלץ אַזוי טייער פאַר פּריוואַ־טע נוצען.

אַן אַנצוג האָט געקאָסט אַרום טויזענט רובל, אַ היטעל וואָס מ׳קען ביי אונז קריגען פאַר אַ האַלבען דאָלער, איז דאָרט געווען געפּרייזט אין די שויפענסטער ניט ווייניגער ווי 150 רובעל, און אַזוי איז עס געווען מיט שיך און מיט אַלע נויטיגע קליידער און הויז־זאַכען.

איך האָב יאָ געקראָגען אין די סטאָרס אַ פּאָר שיך פאַר מיין זוהן, און טאַקע פאַר דעם מאָנטרעאַלער יונגערמאַן, מיט „אויסלענדיש געלט״, פאַר אַ פּרייז פון אַכט דאָלער אַ פּאָר, און דאָס איז דאָרט געטאָן געוואָרען מיט דעם צוועק אַריינצו־קריגען וואָס מעהר „פאַרעין מאַני״, כדי צו קענען איינקויפען אין די פרעמדע לענדער אַרטיקלען, וואָס זענען נויטיג פאַר מלחמה צוועקען. פון דער גאַנצער צייט וואָס איך האָב דאָרטען פאַרוויילט, האָב איך אַרויסגעטראָגען דעם געדאַנק, אַז סאָוועט רוסלאַנד איז די שטאַרקסטע מאַכט אין דער וועלט, און בין געקומען צו אַזאַ אויספיר אויף פאָלגענדען אופן:

די מאַטעריאַלען פאַר מלחמה פאַרבערייטונגען דאַרף זי ניט קויפען, ווייל אַלץ באַלאַנגט צו דער רעגירונג. קיין אַרבייטער פעהלען ניט, קיין שכירות דאַרף מען זיי ניט צאָהלען, ווייל די עטליכע בידנע רובעל אַ חודש וואָס זיי קריגען, געבען זיי צוריק פאַר דעם ברויט און אַנדערע קלייניגקייטען וואָס קאָסט דער רע־גירונג ווידער גאָרניט, ווייל אַלץ באַלאַנגט דאָך צו איהר אַליין. אָדער ווי מ׳זאָגט

דארט, אלץ באלאנגט צום פאלק. קיין סטרייקס פאר העכערע שכירות, אדער ארבייטס שטונדען ווערלען דארט ניט פארקומען. און ארבייטען מוז יעדער איי־נער און יעדע איינע, און ווען א גאנץ פאלק פון קינדער מיט צעהנדליגער מיליאנען מענשען ארבייטען כסדר 24 שעה דורכ׳ן מעת לעת, און אלע זענען צופרידען אוועק־צוגעבען זייערע לעבענס ניט צו דערלאזען קיין שונא צו פארכאפען זייער לאנד, איז דאס די איינציגע מדינה אין דער וועלט וואס עס׳ וועט זיין אוממעגליך צו באַ־זיגען.

ווען איך האב געהערט אדער געליינט די נייעס ווי פאר די רוסען איז די ערשטע צייטען געווען שווער צו באזיגען דאס קליינע פינלאנד, האב איך זיך שטארק געוואונדערט. ביז איך האב ביי זיך באשלאסען, אז זיי ווילען פשוט ניט באנוצען צופיל פון זייערע כוחות, אדער זיי וואלטען געוואלט דערגרייכען דאס זייעריגע מיט ווייניג שאדען צו די פינלענדער.

א באזוך אין דעם פרויען פארבעסערונגס-אנשטאלט

איך גלויב, אז שרייבענדיג מיינע זכרונות וועגען סאוועט־רוסלאנד, איז אויך וויכטיג צו דערמאנען אזעלכע באזוכען, ווייל אלעס וואס איך האב דארט געזעהן איז געווען ניי פאר מיר. איך האב עס אין קיין לאנד ניט געזעהן. צי דאס איז מיר יא געפעלען צי ניט, אבער אינטערעסאנט איז עס געווען. איך בין דאריבער זיכער, אז דאס איז אויך אינטערעסאנט פאר׳ן לעזער, ווייל ערשטענס האבען ניט פילע געהאט די געלעגענהייט צו באזוכען רוסלאנד זינט דעם סאוועטישען רעזשים, און צווייטענס האבען די ווייניגע וואס האבען זי יא באזוכט, ניט געהאט די געלעגענהייט און אויך ניט די בייגונג צו זעהן זאכען, ווי דאס האט דער וואס איז פאראינטערעסירט איבערצוגעבען דאס אלעס פאר טויזענטער בייגעריגע לעזער. מיין הויפט־אינטערעס אויף מיינע רייזעס קיין ארץ ישראל און איירָאפא איז גע־ווען, דאס ווערלען אלץ זעהן און וויסען. און דאס זעלבע איז אויך געווען מיט מיין רייזע אין רוסלאנד, וואס איז פאר מיר געווען — א נייע וועלט מיט א נייער ארדנונג.

אזוי, למשל, האב איך אין די אויבענטען געקוקט פארגאפט אויף די גרויסע עלעקטרישע שילדען איבער די פארשידענע געשעפטען מיט אויפשריפטען, צום ביישפיל: „דאס לעדער געשעפט אינקארפארירט״, „דער קליידער האלסייל אינ־קארפארירט״ און ענליכע, פונקט ווי אין די גרויסע שטעט פון קאפיטאליסטישע לענדער, כאטש אין דער אמת׳ן באלאנגט דאס אלעס צו דער רעגירונג און קיין פריוואטע קארפאראציעס עקזיסטירען דארט ניט.

איי צו וואס די גרויסע עלעקטרישע שילדען, און די שילדען פון קארפארא־ציעס? דאס איז כדי דאס אויג פון א טוריסט זאל זעהן אלעס ווי ער זעהט דאס

ביי זיך אין לאַנד, און קען נאָר אויסגעפינען דעם אונטערשייד ווען ער וויל עפּעס קויפען. אַפילו ווען ער וויל קויפען א גלאָז סאָדע ווערט ער אויך באַלד געוואויער אַז דאָס באַלאַנגט אויך צו דער רעגירונג, און אפילו אַ „שייך" אויף די שיך איז אין דער רעגירונג'ס הענט. שוין אָפּגערעדט פון אַ קאַר אָדער אַ טעקסי און אַנדערע אַזעלכע קלייניגקייטען. ניטאָ קיין פּריוואַטע געשעפטען. דער וואָס פאַרקויפט אַ גלאָז וואַסער איז אויך אַן אַנגעשטעלטער ביי דער רעגירונג פונקט ווי דער וואָס אַרבייט אין אַן אַמוניציע פאַבריק. און דאָס איז אַ נייעס וואָס איז ווערט צו באַטראַכטען.

מיין מיינונג ביים פאַרלאָזען רוסלאַנד איז געווען, אַז רוסלאַנד ווייזט עקספערימענטען פאַר דער גאַנצער וועלט. דערווייל ליידען זיי, די סאָוועטישע אַרבייטער און געוועזענע געשעפטסלייט אָדער פּראָפעסיאָנאַלען צוליב די עקספערימענטען, און אויב עס וועט געלינגען, וועט די גאַנצע וועלט דערביי פּראָפיטירען.

און דעריבער האָט קיינער ניט קיין רעכט צו שטערען רוסלאַנד אין איהר עקספערימענט. פאַרקערט, מען דאַרף איהר נאָך העלפען, ווייל, ווי געזאָגט, מען מאַכט דאָרט עקספערימענטען פאַר דער גאַנצער וועלט. און איך גלויב איצט, אַז מיט דער צייט וועט אויסגעטוישט ווערען אַ טייל פון זייערע עקספערימענטען פאַר אַ טייל פון די דעמאָקראַטישע פיהרונגען און ביידע וועלען פּראָפיטירען פון דעם אויסטויש.

אָבער איך קער זיך אום צוריק צו מיינע באַזוכען. אין אַ געוויסען טאָג האָט מען מיך אָוועקגעפיהרט צו אַ געביידע, וואָס אויף דער שילד אין פראָנט איז געווען אָנגעצייכענט: „פאַרבעסערונגס הויז פאַר געוועזענע פּראָסטיטוטקעס".

באַלד ביים אריינקומען, ווען די אויפזעהערין האָט אונז אָנגעהויבען ערקלערען די וויכטיגקייט פון דער אינסטיטוציע, האָב איך געשטעלט די פראַגע: „צו וואָס דער אויפשריפט מיט די ווערטער „געוועזענע פּראָסטיטוטקעס"? פאַר וואָס ניט מאַכען די „פּאַציענטען" פאַרגעסען זייער פאַרגאַנגענהייט?" און די אויפזעהערין ערקלערט מיר: „דאָס איז ניט זייער שאַנדע, דאָס איז די שאַנדע פון דעם פריהערדיגען צאַרסקען רעזשים. אַט די פרויען, נאָכדעם ווי זיי זענען ביי אונז עטליכע מאָנאַטען, ווערען זיי אריינגענומען אין סיי וועלכער פאַבריק אַלס געליטענע, און מ'האָט מיט זיי מעהר מיטלייד און איינזעהן, פונקט ווי מיט קראַנקע, וואָס זענען אויפגעשטאַנען פון אַ געפערליכער קראַנקהייט.

און די אויפזעהערין ווייזט אונז דורך אַ גלאָז ווי לעבעדיגע בילדער, ווי די פרויען האָבען אויסגעזעהן ווען זיי זענען אָנגעקומען אין דעם אינסטיטוט און ווי זיי זעהען אויס נאָכדעם ווי זיי זענען דאָרטען אַ עטליכע חדשים און הערען יעדען טאָג די לעקציעס פון די פּראָפעסאָרען וואָס קומען אַהין היילען די קראַנקע גייסטער, אייניגע פון זיי — טאַקע אויך קראַנקע קערפּערס, אַ רעזולטאַט פון דעם אומנאָרמאַלען לעבען וואָס זיי האָבען געפיהרט.

איך האב געפרעגט אויב עס געפינען זיך נאך פילע פון אזעלכע פרויען אויף די גאסען, און די אויפזעהערין האט מיר אויף דעם געענטפערט, אז ווען דער אינסטיטוט האט זיך געעפענט, האבען זיך אין מאסקווע געפונען איבער צעהן טויזענט אזעלכע פרויען. היינט זענען נאך פאראן ארום הונדערט און פופציג, און מיט יעדען טאג קריגט מען אריין מעהר פון זיי אין דעם אינסטיטוט. מען רעדט מיט זיי מיט גוטען און מען באווירקט זיי זיך אנצושליסען אין דעם אינ־סטיטוט, פון וועלכען זיי וועלען ארויסקומען נוצליכע בירגער, נוצליך פאר זיך און פאר׳ן לאנד. מיר האפען, זאגט די אויפזעהערין, אז אין נאך עטליכע מאנאטען צייט וועט זיך מעהר ניט געפינען קיין פרוי וואס וועט מיט זיך דערמאנען אין דעם ביטערען צארישען רעזשים פון פריהער.

„יעדען טאג״, ערקלערט זי מיר, „קומט די קאמיטע און האלט אפ א מיטינג, קוקט דורך דעם רעקארד, און רעקאמענדירט צו וועלכער ארבייט יעדע „אויס־געהיילטע״ זאל געשיקט ווערען״. איך האב אויך באטראכט דעם אינסטיטוט פאר זעהר נוצליך. מען וואלט אזא פארבעסערונגס־אנשטאלט אויך געמעגט איינארדנען אין פילע שטעט איז איירופא, וועלכע איך האב באזוכט.

דער בעזבאזשני אינסטיטוט

איך בין אויך נייגעריג געווען צו באזוכען דעם אינסטיטוט וואו מ׳לערנט ניט צו גלויבען אין רעליגיע. איך האב געוואלט וויסען ווער עס זענען די חכמים, וואס וייזען אויף אז רעליגיע איז פשוט סם און וואס פארא ארגומענטען זיי גיבען אן, כדי צו דערגרייכען זייער ציל.

איך האב אויסגעפונען, אז אט דער אינסטיטוט איז ניט קיין אפיציעלער רעגירונג׳ס אינסטיטוט, נאר וואס די שארפע ניט־גלויביגע מיט די „יעווסעקעס״ האבען איינגעפיהרט און האלטען אויס. כאטש די דאזיגע אינסטיטוציע באלאנגט ניט דירעקט צו דער רעגירונג, איז אבער די רעגירונג אויך ניט דאגעגען.

ארייננקומענדיג אהין, האט אונז באגעגענט א יונגערמאן, ווייזט אויס, א גע־בוירענער איד, ווייל אויסער זיין אידישען אפשטאם, וויס ער כמעט גארנישט וועגען אידישקייט, און אויסער דעם איז ער אויך א זאהיקעוואטער. ער צוטיילט יעדעס ווארט און דאפעלט עס. אזוי זאגט ער דא, דא, דא אנשטאט איין מאל דא. און „זדראסטוואיטע״, אזא באגריסונג, האט פארנומען עטליכע מינוט, ביז מ׳האט געוואוסט וואס ער וויל זאגען.

אבער מ׳דארף וועניג הערען וואס ער זאגט, ווייל די ווענט זענען מיט גלאז און אונטער דעם גלאז זעהט מען בילדער, וואס ער וואלט געדארפט ריידען שטונ־דען אום אונז צו זאגען וואס אונטער דעם גלאז ווערט געוויזען.

אזוי, למשל, זעהט מען א קירכע און א גראבער אפגעפרעסענער גלח שטופט

אַ פויערטע איז קירכע, דערביי נעהמט ער ביי איהר צו די עטליכע קאָפּיקעס וואָס זי פאַרמאַגט.

אויף אַן אַנדער בילד זעהט מען, אַלעס אין פיגורען אונטער עלעקטרישער באַלייכטונג, ווי אַ גלח שטעהט און רעדט צו אַ געמיינדע, און פון אונטען האַלט ער די האַנט פון אַ יונגע מיידעל, וועלכע רייסט זיך פון איהם. און נאָך אַזעלכע בילדער. אָבער מיך האָט געוואונדערט, וואָס דורכגעהענדיג דעם גאַנצען מוזעאום האָב איך ניט געפונען קיין סאַרקאַסטיש בילד וועגען אידען. צוריקקומענדיג אָבער דורך אַן אַנדער וועג, צום אַרויסגאַנג, האָב איך באַמערקט אַ גרויס בילד ווי אידען שטעהען מיט די טליתים איבער די קעפּ, און פון דער אַנדער זייט שטעהען יונגע־לייט און פּאַשען חזירים. דאָס האָט געזאָלט הייסען: אַט אין די טליתים זענען די פריהעריגע אידען און דאָ איז דער נייער סאָוועטישער איד, דער וואָס טוט שוין פּראַקטישע אַרבייט פאַר׳ן לאַנד. דאָס זענען די קינדער פון די טליתים־אידען.

און איך פרעג דעם שטאַמעלדיגען אויפזעהער און גרויסען חכם: „וואָלט ניט געווען פּראַקטיש„ ווען די יונגעלייט, אַנשטאַט פּיטערען חזירים, זאָלען זיי בעסער געוויזען ווערען ווי זיי אַקערען און פאַרזייען פעלדער? און דער „פילאָזאָף״ ענט־פערט מיר: „עס ק־ק־קען זיין״.

דאַן דערוועקט זיך אין מיר דער „יענקעל שמיד״ און איך זאָג אין דער אַנוועזענהייט פון די אַנדערע געסט:

„אויב איהר ווילט לערנען דעם עולם וועגען די שלעכטע זייטען פון אָבער־גלויבען, האָט איהר די בעסטע קוואַלען פאַר דעם אין אונזער תורה, וועלכע פּרע־דיגט געגען פאַנאַטיזם און אָבערגלויבענס. דאָס ווייזען ווי אידען דאַווענען אין טליתים, און די נייע אָרדנונג פון פּאַשען שווינען, איז דאָך סתם אַ שוויינעריי״. און אַלע לאַכען פון דער „חכמה״ און דער האַלב־שטומער „פילאָזאָף״ עפענט מעהר ניט קיין מויל. איך האָב פאַרלאָזט דעם אינסטיטוט מיט דעם געדאַנק, אַז דאָס איז אין אונזער שפּראַך אַ „פּשוט׳ע אידיאָטסטוואָ״.

אַ וויזיט ביים האַנדעלס קאָמיסאַר

אין איין פריהמאָרגען האָב איך דערהאַלטען אַ טעלעפאָן מעסעדזש, אַז איך קען קומען 3 אַזייגער נאָכמיטאָג אין אַ געוויסער געביידע צו זעהן דעם האַנדעלס קאָמיסאַר. און אויב איך האָב ניט קיין אָפיציעלע קאַר, וועט מען נאָך מיר שיקען אַ קאַר. אָבער איך האָב דאָך געהאַט אַ שטענדיגע קאַר מיט מיין איבערזעצעריז, בין איך צו דער באַשטימטער צייט געקומען.

דער קאָמיסאַר, טאַקע אַ איד, האָט מיך זעהר פיין אויפגענומען און מיר האָבן קיין איבערזעצער ניט געדאַרפט. ער האָט מיט מיר גערעדט אין אַ פיינעם ענג־ליש און טאַקע אויך אין אַ פיינעם אידיש, און האָט מיר ערקלערט, דאָס ער ווייסט

וואס מיין מיסיע איז געווען פארענדיג קיין פוילען. ער דענקט אויך, אז ווען איך האב ניט א זוהן אין מאסקווע, וואלט איך פילייכט איצט ניט געמאכט מיין רייזע קיין רוסלאנד.

בכלל האט זיך ארויסגעוויזען, אז ער ווייסט אלעס. און ווען איך האב איהם געוויזען א קאפיע פון מיין מעמאראנדום צו דער קאנאדער רעגירונג וועגען רוסלאנד, זאגט ער מיר, אז אפילו דאס ווייסט ער אויך. אבער, זאגט ער, עס איז דאך איבעריג צו ריידען וועגען א האנדעלס טריטי ווען קאנאדע האט ניט מיט אונז קיין באציהונגען און מיר זענען אינגאנצען פרעמדע, כאטש מיר זענען גרייט צו האבען מיט קאנאדע די פריינדליכסטע באציהונגען. פריהער דארפען איינגעשטעלט ווערען דיפלאמאטישע פארבינדונגען, אז אויסטויש פון מיניסטארען, און דאן וועט שוין מסתמא יעדע הילף פון אונזערע פריינט זיין א זעהר דאנקבארער אקט, האט דער קאמיסאר דערקלערט.

ער ווייסט, זאגט ווייטער דער קאמיסאר, אז איך בין ניט קיין גרויסער אנהענגער פון סאוועטיזם, אבער לויט ווי ער האט געהערט, בין איך טאלעראנט..

מיר האבען פארבראכט אין זעהר פריינדליכע שמועסען פאר איבער א שטונדע צייט און איך בין צוריקגעפארען אין מיין האטעל.

לאמיד דערביי באמערקען, דאס דער האטעל האט געהאט אלע באקוועמליכקייטען, נאר איין צרה איז געווען, וואס צו די געטראנקען, סיי די שארפע און סיי די מילדע, האט געפעלט א שטיקעל אייז אין די הייסע טעג וואס איך האב דארט אנגעטראפען. דאך, ווען איך האב כסדר פראטעסטירט וועגען דעם אייז, האב איך דאן, לויט א באפעל פון העכערע באאמטע, געקראגען אייז אויך, און דערפון האבען שוין אויך געגאסען דאס ניו יארקער פארפאלק און נאך צוויי אידישע געסט.

די טעג האבען זיך גערוקט שנעל און איך האב געמוזט פארלאזען רוסלאנד און צוריקפארען קיין ווארשע צום מיטינג מיט די האנדעלס־קאמער מיטגלידער און איך האב געמוזט שענקען מיינע פריווילעגיעס פון ארומפארען גאנץ רוסלאנד אויף דער רעגירונג'ס קאסטען און צוריק פארען קיין ווארשע נאכדעם ווי מיין פאספארט איז ווייטער וויזירט געווארען פון דעם פוילישען קאנסול אין מאסקווע.

זיבעצן און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

צוריק אין וואַרשע

ווי איך האָב שוין פריהער אין מיינע באַמערקונגען וועגן רוסלאַנד דער־מאָנט, בין איך אַוועק פון רוסלאַנד מיט דעם געדאַנק, אַז עס איז דאָרטען פאַראַן אַ סך גוטעס און אויך גענוג איבלען, אָבער די וועלט דאַרף האָבען געדולד.

אָנקומענדיג קיין וואַרשע, האָב איך אָפּגעהאַלטען עטליכע מיטינגען מיט דער אידישער אָפּטיילונג פון דער האַנדעלס־קאַמער און דאָרט אויפ׳ן אָרט געגרינ־דעט אַ געזעלשאַפט פאַר אימפּאָרט און עקספּאָרט צווישען קאַנאַדע און פּוילען מיט דעם צוועק, אַז קומענדיג קיין מאָנטרעאַל וועט דאָ אויך געגרינדעט ווערען אַזאַ געזעלשאַפט און די ביידע וועלען זיין אין קאָאָפּעראַציע אונטער׳ן נאָמען „קענפּאַל״ עקספּאָרט און אימפּאָרט קאָרפּאָריישאַן.

איך האָב טאַקע ביי מיין צוריקקומען אַזאַ געזעלשאַפט דאָ געגרינדעט, און מיט זעקס מאָנאַטען שפּעטער, אין יאַנואַר 1935, ווען די טריטי מיט פּוילען איז געשלאָסען געוואָרען, בין איך ווייטער געפאָרען קיין פּוילען מיט אַ פאַרטרעטער פון דער היגער „קענפּאַל״ געזעלשאַפט איהם פאָרצושטעלען אין וואַרשע און טאַקע גלייך קויפען געוויסע סחורות פון די מוסטערען וואָס איך האָב מיטגעבראַכט פון מיין ערשטער רייזע אין פּוילען און פאַר וועלכע די היגע „קענפּאַל״ האָט שוין געהאַט גרויסע באַשטעלונגען. צו דער געזעלשאַפט בין איך אויך געוועזען אַ שותף און דער וויס־פּרעזידענט, וואָס שפּעטער האָט עס מיר געקאָסט עטליכע טויזענט דאָלאַר אום צו קענען אַרויסגעהן פון דעם געשעפט, ווייל עס איז זעהר שווער געווען צו האַנדלען מיט פּוילישע פירמעס און עס האָט אויך געשטערט דער שטענ־דיגער הויבען זיך און פאַלען פון דער פּוילישער וואַליוטע. אָבער דאָס איז ערשט געשעהן מיט 10 מאָנאַטען שפּעטער ווען דער „קענפּאַל״ האָט שוין געהאַט פאַר־לוירען היבשע טויזענטער דאָלאַר דורך עטליכע וואַגאָנען זאַלץ, וואָס די געזעל־שאַפט האָט געקויפט, און וואָס זענען באַנעצט און באַשעדיגט געוואָרען, און אויך דורך אַנדערע דורכפאַלען.

יעדענפאַלס האָב איך דאָרט דעם היגען פאָרשטעהער צוזאַמענגעבראַכט מיט דעם וואַרשעווער פאַראיין און איהם אויך פאָרגעשטעלט פאַר׳ן האַנדעלס מיניסטער און פון דאָרט האָב איך געמאַכט מיין דריטע רייזע קיין ארץ ישראל.

בעפאָר מיין אָפּרייזען פון וואַרשע, איז צו מיר געקומען מר. שמחה פּעט־רושקאַ, וועלכער געפינט זיך היינט אין מאָנטרעאַל, דער מחבר און אַרויסגעבער פון דער אידישער ענציקלאָפּעדיע און משניות אין אידיש מיט אַ וואונדערבאַרען

פירוש, צוזאמען מיט מנשה אונגער, איצט א מיטארבייטער אין ניו יארקער „טאג״, און מיר אויפגעגעבען א פלאן ווי אזוי צו העלפען פוילישע אידען דורך שיקען זיי פעקלאך מיט שפייז און קליידער. מען האט מיך צוזאמענגעפיהרט מיט דער געזעלשאפט וואס פארנעמט זיך דערמיט אין ווארשע און וואס קריגט די ערלויבניש פון דער פוילישער רעגירונג אריינצוברענגען די פעקלאך פון .געוויסע לענדער. דאס איז א וואלטעטיגע געזעלשאפט. די פעקלאך ווערען צוגעשיקט צו דער געזעלשאפט און זיי באזארגען דאס שוין צו די פאמיליעס איך אלע טיילען פון אייראפא. דאס אפשיקען האט געקאסט ביליג, ווייל עס איז געשיקט געווארען אין גרויסע טראנספארטען צו דער געזעלשאפט. און, ווי געזאגט, די וואלטעטיגע געזעלשאפט קריגט די פעקלאך דורך אן ערלויבניש און צוטיילט זיי צו די פאמיליעס אויף זייערע פריוואטע אדרעסען. און אזוי ווי מנשה אונגער וויל דאס איבערנעמען די קאנצעסיע פאר קאנאדע, וויל אבער די געזעלשאפט אז א פאראנטווארטליכע פערזאן אין קאנאדע זאל איבערנעמען די קאנצעסיע, און אזוי ווי זיי האבען פון מיר געהערט, ווילען זיי מיר איבערגעבען די קאנצעסיע, אדער בעסער געזאגט, די פאראנטווארטליכקייט פאר דער קאנצעסיע און מנשה אונגער זאל זיין דער, וואס וועט טאן די ארבייט.

ווען איך האב זיך באגעגענט מיט דער געזעלשאפט, האב איך זיי פארגעשלאגען דעם היגען אימיגראנטען פאראיין פאר די פאראנטווארטליכע פאר דער קאנצעסיע, האבען זיי אבער, ווי איך האב פארשטאנען, דוקא געוואלט, אז מנשה אונגער זאל זיין דער עקזעקוטיוו איבער דער גאנצער ארבייט און עס זאל בלויז טראגען מיין נאמען אלס דער פאראנטווארטליכער. יעדענפאלס, איך האב אייגעשטימט דערצו, און מנשה אונגער האט געדארפט קומען מיט עטליכע וואכען שפעטער מיט אלע דאקומענטען און פערמיטס קיין מאנטרעאל. מר. פעטרושקא האט דאן אונטערגענומען צו באזארגען מר. אונגער מיט זיין רייזע און איך בין פון דארט אפגעפארען קיין ארץ ישראל.

ווען מר. אונגאר איז אנגעקומען קיין ניו יארק אויף זיין רייזע קיין מאנטרעאל, האט ער גאר חשק געהאט צו פארבלייבען אין ניו יארק, און האט עס מיר געשריבען. איך בין שוין דאן געווען צוריק פון ארץ ישראל. איך האב דאן טעלעגראפירט קיין ווארשע, אז איך וויל דורכאויס אז די קאנצעסיע זאל דירעקט איבערגעגעבען ווערען צום היגען אימיגראנטען פאראיין, וועלכער איז געווען צופריידען דאס איבערצונעהמען. דער פאראיין האט טאקע געקראגען די קאנצעסיע אהן דעם קאמישאן וואס מנשה אונגער האט פארלאנגט, און דאס האט אויך געהאלפען צו דער גרינדונג פון דעם פוילישען פארבאנד.

דער פוילישער פארבאנד

דער פארבאנד פון פוילישע אידען איז צוריק אויפגעלעבט געווארען אין יאהר 1933, ווען עס זענען אנגעקומען טרויעריגע נייעס פון דעם אידישען לעבען אין

פוילען, און ווען די דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע איז פּשוט ניט אימשטאַנד געווען נאָכצוקומען די נויטען און אויך די קלאָגען, אַז זי רעכענט זיך ניט מיט דער מיינונג פון פויליש־אידישע בירגער. דעריבער האָט זיך געגרינדעט אין וואַרשע אַ פאַראיין פון פּראָמינענטע אידען, וואָס האָט געזוכט צו קריגען באַזונדערע שטיצע פון אויסלאַנד אויסער דעם „דזשאָינט״ און די אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון פוילישע אידען האָט געשיקט איהר הילף צו דער ניי־געגרינדעטער אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע.

און קיין מאָנטרעאַל איז דאַן געקומען דער סעקרעטאַר פון דער אַמעריקאַנער פוילישער פעדעראַציע, מר. ז. טיגעל, און ביי אַ מיטינג פון פוילישע אידען איז באַשלאָסען געוואָרען צוריק אויפצולעבען די קאַנאַדער פעדעראַציע פון פוילישע אידען וואָס האָט עקזיסטירט גלייך נאָך דער ערשטער מלחמה.

די ערשטע אָרגאַניזאַציע האָט אויפגעלעבט אין מאָנטרעאַל. דאַן איז אויך געגרינדעט געוואָרען אַן אָפּטיילונג אין טאָראָנטאָ, און יעדען יאָהר איז אַוועק־געשיקט געוואָרען היבשע סומען און קליידונג צו דער וואַרשעווער הילפס אָרגאַ־ניזאַציע.

מיין באַריכט וועגען פוילען האָט אויך נאָכדעם געהאָלפען צו פאַרשטאַרקען די טעטיגקייטען פון דער פעדעראַציע, און עס איז דאַן איינגעפיהרט געוואָרען דער כל נדרי קאַמפּיין, ווי אין די צייטען פון נאָך דער ערשטער מלחמה, און די פעדע־ראַציע האָט ווירקליך געטאָן גוטע הילפס־אַרבייט סיי מאַטעריעל און סיי פּאָליטיש. ער איז כסדר געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט די פוילישע פאַרטרעטער אין דעם לאַנד און שפּעטער אויך געקראָגען דורך דער פוילישער רעגירונג געוויסע קאָנצע־סיעס צו באַקומען אַ טייל פּערמיטס פון דער פוילישער קוואָטע פאַר אידען. דאָס האָט אויך שפּעטער געהאָלפען צו ברענגען די ישיבה־בחורים פון פוילען וואָס האָבען זיך אַרומגעוואָלגערט אין יאַפּאַן.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק זיינען מיט דער הילף פון „קענעדער אדלער״ און מר. מ. גינזבורג געשאַפען געוואָרען אויך אַנדערע פאַרבאַנדען, ווי דער רומענישער, אוקראַאינער און ליטווישער פאַרבאַנד. צוזאַמען מיט דעם פוילישען פאַרבאַנד האָבען זיי דורכגעפיהרט דעם כל נדרי קאַמפּיין. די איינאַמע איז מערסטענס געגאַנגען צו דער היגער מלחמה־רעליף קאָמיטע, וואָס מיינט פאַר דער דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע, וואָס צעטיילט הילף צו די מלחמה־ליידענדע אומעטום וואו עס לאָזט זיך נאָר.

ווען מ׳האָט מיך געפרעגט, טאַקע פון דער מלחמה־רעליף קאָמיטע, צו וואָס איך העלף אָרגאַניזירען אַזוי פיל פאַרבאַנדען, איז מיין ענטפער געווען פאָלגענדער:

„איך וויל מאַכען פילאַנטראָפּען פון די היגע אידען. יעדער איד איז וויליג צו געבען צדקה, אָבער קיינער קען קיין פילאַנטראָפּ ניט זיין, ווייל ער האָט ניט די מעגליכקייטען דערצו, אָבער זייענדיג פאַרבונדען מיט אַ געזעלשאַפט וואָס שאַפט

גרויסע סומען געלט און טוט אויך נויטיגע הילפס־ארבייט, ווערט יעדער מיטגליד א שותף צו פילאנטראפיע, און דערביי ווערט ער דורכגעדרונגען מיט דעם געדאנק צו טראכטען וועגען די אומגליקליכע אידען אין איירָאפּא. אזוי אז זיין מיטהילף דורך דער ארגאניזאציע טראגט שוין ניט בלויז דעם נאמען צדקה, נאר פאראנט־ווארטליכע פילאנטראפיע, ווייל ער באנוגענט זיך שוין מעהר ניט מיט דעם וואס ער גיט אליין צו א קאמפיין, נאר ער זעהט, אז אנדערע זאלען געבען.״

דער וואס באלאנגט צו א פארבאנד פיהלט זיך פאראנטווארטליך און ער באַ־צוזאמענארבייט, ווערט די פאראנטווארטליכקייט פון הילף אלץ מעהר פארשפרייט צווישען זייערע מיטגלידער. יעדער איד, וואס באלאנגט צו איינער פון אט די ארגאניזאציעס, איז א מיטהעלפער אין גרויסע הילפס־אקציעס.

איך וויל האפען, אז די פארשידענע פארבאנדען ביי אונז וועלען פארשטעהן די וויכטיגקייט פון צוזאמענארבייט, וועלען זיי דערמיט מאכען זייערע מיטגלידער פאר אמת׳ע כלל־טוער אין ווירקזאמער ארבייט פאר כלל.

איצט וועל איך זיך צוריקקערען צו מיין רייזע פון פוילען קיין ארץ ישראל קומט א געזעלשאפטליכען חוש, און ווען אלע פארבאנדען האבען וועלכע עס איז אין יאנואר 1935.

אכט און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

מיין דריטע רייזע קיין ארץ ישראל

באַשליסענדיג פון וואַרשע צו פאַרען צום דריטען מאָל קיין ארץ ישראל, האָב איך פאַר זיך אליין געזוכט תירוצים פאַר דער רייזע אום ווינטער און איך האָב אַזעלכע תירוצים געפונען. ערשטענס טאַקע איז פאַרבינדונג מיט׳ן „קענפּאַל״. דער פּלאַן איז געווען צו ברענגען געוויסע אַרטיקלען פון ארץ ישראל. אין זינען האָב איך געהאַט צום ערשטען די אַראַנזשען. דער פּלאַן איז געווען אָפּצומאַכען מיט געוויסע פירמעס איבערצונעהמען די פאַרטרעטערשאַפט אויף ברענגען ארץ־ישראל אַראַנזשען קיין קאַנאַדע, און אַזוי ווי „קענפּאַל״ קען אויך מיינען „קאַנאַדע־פּאַלעסטינע״, וועט דער נאָמען אויך זיין פּאַסיג פאַר׳ן ארץ ישראל האַנדעל.

איך האָב אויך געפונען נאָך אַ תירוץ פאַר מיין דאַמאָלסדיגער רייזע: היות, ווי איך האָב געהאַט די פּלאַטען פון דעם תלמוד וואָס איך האָב געדרוקט, און אַזוי ווי איך האָב איינינע מאָל גערעדט מיט הרב קוק ז״ל וועגען די פּלאַטען צו דרוקען אַ ש״ס אין ארץ ישראל מיט זיינעם אַ פּסק הלכה, ווי איך האָב שוין דערמאָנט אין דער באַשרייבונג פון מיין ערשטער ארץ ישראל רייזע, וועט אפשר איצט זיין די מעגליכקייט צו ענדיגען אָט דער מסחר. דריטענס, האָב איך שוין דאַן געהאַט מיין עלטסטען ברודער, ישראל דוד, מיט זיין פאַמיליע וואוינען אין ירושלים, און איך האָב זיי געגאַרט צו זעהן. האָב איך דאָס דערמאָנט צום דירעקטאָר פון דער גדיניא ליין, וועלכער האָט אויך געהאַט שיפען וואָס געהען קיין ארץ ישראל פון קאָנסטאַנצאַ, רומעניע, און ער האָט באַלד זיך אָפּגערופען: „אדרבא, מאַכט די רייזע, און איך וועל אייך געבען ערשטע קלאַס אַקאָמאַדאַציע פריי הין און צוריק, און אַזוי ווי דאָס פאַרען אויף די פּוילישע באַנען האָב איך סיי ווי געהאַט פריי פון דער פּוילישער רעגירונג, האָב איך באַשלאָסען צו פאַרען. איך האָב דערוויל איבער־געלאָזט די פּוילישע „קענפּאַל״ ביזנעס צו דעם מאַן, וועלכען איך האָב פאַר דעם צוועק געבראַכט קיין וואַרשע.

איך בין אָנעקגעפאַרען קיין קאָנסטאַנצאַ צו פאַרען מיט אַ פּוילישער שיף אויף מיין דריטער רייזע אינ׳ם הייליגען לאַנד.

מיט מיר אויף דער באַן זענען אויך געפאַרען איינינע אידישע זשורנאַליסטען פון וואַרשע קיין ארץ ישראל. אין קאָנסטאַנצאַ זענען מיר אַרונטערגעגאַנגען אין שטאָט אַריין און געזוכט אַ אידישען רעסטאָראַן פאַר אַ מאָלצייט. מיר האָבען אָבער ניט געקענט קיין רומעניש ריידען און געזוכט אַ אידיש געזיכט אויפ׳ן גאַס. אויף איין פּלאַץ האָבען מיר געטראָפען עטליכע יונגעלייט שטעהן און ריידען

דוקא אין רומעניש, האט איינער פון אונזער חברותא זיי געפרעגט אין דייטש וואו עס געפינט זיך ערגעץ א אידישער רעסטאראן און איינער האט געענטפערט: „מירריידען ניט קיין דייטש, מיר זענען אידען און באיקאטירען די דייטשען און זייער שפראך". מיר האבען זיי ערקלערט, אז מיר זענען איינשטימיג מיט זיי, נאר אזוי ווי מיר האבען ניט געוואוסט, צי זיי זענען אידען און קיין רומעניש קענען מיר ניט ריידען, האבען מיר אויסגעזוכט די שפראך וועלכע די נאציס באנוצען. זיי האבען אונז גלייך אנגעוויזען א אידישען רעסטאראן, וואו מיר האבען פארזוכט רומעניש שפייזען און צוגעטרונקען רומענישען וויין און דערביי אויסגעפרעגט וועגען דער אידישער לאגע אין רומעניע אין דער צייט פון דער קאראל־לופעסקא פעריאדע.

אויפ'ן שיף האב איך ווירקליך געקראגען אן ערשטען קלאס צימער, און אזוי ווי דער קאפיטאן איז צופעליג געווען דער, מיט וועלכען איך בין מיט א יאהר צוריק געפארען פון מאנטרעאל קיין פוילען, האט ער זיך מיט מיר זעהר דערפרייט און מיך געלאדען צו עסען ביי זיין טיש.

ביים טיש האט זיך אויך געפונען דער קאנסול פון ווארשע אין ארץ ישראל, דער שותף פון מאיר דיזענגאף פון תל־אביב, די אגענטען פון דער גדיניא ליין און נאך אייניגע מיוחסים. מען האט מיר ערקלערט, אז מיין פלאץ ביים טיש איז רעזערווירט פאר מיר פאר דער גאנצער רייזע. ווען איך בין געקומען צום צווייטען מאלצייט זענען נאר געווען די פריהער דערמאנטע פערזאנען, בעת אלע אנדערע האבען שוין געקראגען אנדערע פלעצער.

צומארגענס זאגט מיר מאיר דיזענגאף'ס שותף: „הערט, דער קאפיטאן האט מיך געבעטען אז איך זאל מיט אייך רעדען איהר זאלט דא עפעס אויסגלייכען א שטיקעל סכסוך". און ער דערציילט מיר:

דער שטייגער איז אז ביים ערשטען מאלצייט אויפ'ן שיף זענען די זיץ־פלעצער אין עס־צימער נאך ניט באשטימט, האבען ביי דעם קאפיטאנ'ס טיש זיך אויך געפונען געסט וואס זייערע זיץ־פלעצער זענען נאך ניט געווען באשטימט. צווישען זיי האט זיך אויך געפונען פראפ. מארקוס, א בארימטער כירורג פון בערלין. ווען די פלעצער זענען שוין אויסגעטיילט געווארען, איז דעם פראפעסאר'ס פלאץ אויסגעקומען ערגעץ ביי אן אנדער טיש, האט דער פראפעסאר ארויסגעלאזט א קלאנג צווישען די פאסאזשירען, אז דער קאפיטאן איז אן אנטיסעמיט, ווייל ער האט איהם אוועקגעשיקט צו אן אנדער טיש, צוליב דעם וואס ער איז א איד. „און איהר זעהט דאך", זאגט מיר דער מאן, „אז דאס איז ניט קיין אנטיסעמיטיזם, נאר פשוט, מ'טיילט אויס די זיץ־פלעצער ערשט נאכ'ן ערשטען מאלצייט. א סימן, אז איהר און איך זענען דוקא זיינע געסט ביי זיין טיש".

און אזוי ווי מיר רעדען, געהט דורך דער פראפעסאר מארקוס — נאך זעהר א יונגערמאן — און ער ווערט פאר מיר נאכאמאהל פארגעשטעלט.

הויב איך אן איהם ערקלערען וועגען דעם זיץ־פלאץ און ווייז איהם אויף, אז

דאָס איז ניט קיין אַנטיסעמיטיזם, אַ סימן איך בין אַ איד, און אין מיין פּנים זעהט זיך עס מעהר אַן ווי אויף זיינעם. אַבער אַזוי ווי איך פאַרשטעה פּויליש און די עטליכע אַנדערע געסט רעדען אויך די פּוילישע שפּראַך וואָס ער פאַרשטעהט ניט, האָט מען איהם אָוועקגעזעצט מיט אַזעלכע וואָס ער זאָל קענען רעדען און פאַרברענגען מיט זיי.

דער פּראָפעסאָר מאַרקוס האָט די ערקלערונג אַנגענומען און איז מיט מיר זעהר באַפריינדעט געוואָרען. און אַזוי ווי ער האָט מיר געגעבען דעם איינדרוק פון אַ זעהר אינטערעסאַנטע פּערזענליכקייט, האָבען מיר שוין צוזאַמען פאַרבראַכט די גאַנצע רייזע און איך האָב אויסגעפונען פילעס וועגען דייטשלאַנד און וועגען זיין איצטיגער רייזע וואָס איז ווירקליך זעהר אינטערעסאַנט.

פּראָפעסאָר מאַרקוס דערצעהלט: „איך בין געווען פּראָפעסאָר פון כירורגיע אין דעם שטאַטס-האָספּיטאַל אין בערלין און אויך פּראָפעסאָר אין בערלינער אוניווערזיטעט, אַבער גלייך ווי היטלער האָט געקראָגען די ממשלה אין דייטשלאַנד און אַלע אידישע דאָקטוירים זענען אַרויסגעוואָרפען געוואָרען פון האָספּיטאַל, האָב איך געקראָגען אַ בריוו פון לאַנדסלייט אין קאַירא, עגיפּטען, איך זאָל אַנעמען אַ פּראָפעסאָר-שטעלע אין אַ דאָרטיגען האָספּיטאַל".

און ער ווייזט מיר טאַקע דעם בריוו וואָס די קאַירא'ער שטאַט-רעגירונג האָט מיטגעשיקט מיט דעם בריוו פון די דייטשע אידען אין קאַירא, וואו מ'גיט איהם אַ קאָנטראַקט פאַר צעהן יאהר אַלס דער הויפּט-פּראָפעסאָר פון כירורגיע פון שטאַטישן האָספּיטאַל.

„בין איך", דערצעהלט ווייטער פּראָפ. מאַרקוס, „אָוועקגעפאָרען קיין קאַירא און האָב דאָרטען אַנגענומען די שטעלע. נאָר איך האָב געדאַרפט ערשטענס צוריקפאָרען קיין בערלין ברענגען מיין פאַרמעגען אין אָרדענונג און מיטנעמען פאַרשידענע אינסטרומענטען וואָס מ'קריגט ניט אין קאַירא. אַבער, זייענדיג נאָהענט צו ארץ ישראל, האָב איך צום ערשטען געמאַכט אַ באַזוך איך הייליגען לאַנד.

„מיינע לאַנדסלייט, וואָס קענען מיך פון בערלין, האָבען דעמאָלט מיך צוגעדעדט, אַז איך זאָל ליבער בלייבען אין תל-אביב'ער האָספּיטאַל און די הדסה האָט מיך שטאַרק דערמוטיגט איך זאָל דאָרט פאַרבלייבען. און ווען איך האָב באַזוכט דעם האָספּיטאַל פון תל-אביב, האָב איך צו זיי געזאָגט, אַז דער האָספּיטאַל איז צו קליין פאַר מיינע טעטיגקייטען, האָבען זיי מיר פאַרשפּראָכען, אַז ווען איך וועל אַנעמען די שטעלע, וועלען זיי צובויען אַ גרויסען פליגעל צו דעם האָספּיטאַל, און אַזוי ווי ארץ ישראל איז מיר זעהר געפעלען, האָב איך אַנגענומען די שטעלע מיט אַ באַדינג, אַז איך זאָל קאָנען וועניגסטענס צוויי מאָהל דורכ'ן חודש פאָרען קיין קאַירא אום אַכטונג צו געבען אויף יענעם האָספּיטאַל, און זיי האָבען דאָס אַנגענומען.

דאַן בין איך צוריקגעפאָרען קיין בערלין דאָרט אַלץ צו באַזאָרגען, אַבער קור־

מענדיג קיין בערלין האב איך געפונען א בריוו פון דעם דיען פון בערלינער אוני־ווערזיטעט איך זאל איהם לאזען וויסען די טעמעס פון מיינע לעקציעס אינ׳ם אוני־ווערזיטעט פאר׳ן נעקסטען סעזאן. איך האב זיך גלייך געזעהן מיט׳ן „דיען״ און איהם געפרעגט: „סטייטש, איך בין דאך א איד?״ און דער דיען ענטפערט מיר: „בישקשה, די סטודענטען האבען דיך ליב און זיי ווילען אנהאלטען זייער רעספעקט צו דיר״. און איך האב איהם געענטפערט: „ניין, איך בין א איד און בין ניט בעסער ווי אלע אנדערע אידען. אויב קיין איך קען דא קיין פלאץ ניט האבען, וויל איך ניט זיין דער איינציגער״. איך האב זיך מיט איהם געזעגענט און אט פאר איך איצט איבערנעמען מיין פראפעסאר־שטעלע אין תל־אביב.

מיר האבען זיך אזוי באפריינדעט אז מיר האבען געוואלט שטעהן צוזאמען אין איין האטעל אין תל אביב, אבער אזוי ווי ער האט שוין געהאט געמאכט זיין רעזערוואציע אין איין האטעל און איך אין א צווייטען, וואו איך בין איינגעשטאנען בעת מיין פריהערדיגער רייזע, האבען מיר באשלאסען, אז אין עטליכע טעג ארום וועלען מיר זיך טרעפען און אויסגעפינען וועלכער האטעל פון די צוויי איז באקוועמער, וועלען מירביידע שטעהן אין דעם זעלבען האטעל.

אזוי ווי איך בין אנגעקומען אין מיין האטעל, טרעף איך גלייך „חנא דעם באַ־וואוסטען״, וועלכען איך האב שוין דערמאנט אין די פריהערדיגע קאפיטלעך, און ער זאגט מיר אן די בשורה, אז מיין ברודער ישראל דוד איז זעהר קראנק אין ירושלים, און די דאקטוירים גיבען איהם אויף. פארשטעהט זיך, אז איך בין גלייך געפארען קיין ירושלים.

אין ירושלים בין איך צום ערשטען אוועק צו מיין ברודער׳ס זוהן אין זיין געשעפט, און ער דערצעהלט מיר דאס דער פאטער איז געפערליך קראנק. מ׳האט איהם געדארפט מאכען אן אפעראציע אויף דער פראסטאטע, האט מען איהם געמאכט די ערשטע העלפט. די דאקטוירים וואגען ניט צו מאכען די צווייטע העלפט, ווייל ער ליגט כסדר אין פיבער, און זיי ווילען איהם אהיימשיקען פון האספיטאל, אבער, זאגט ווייטער מיין פלימעניק, אזוי ווי מיר האבען זיך דערוואוסט אז איר קומט, האבען מיר קוים געפועלט, אז דער פאטער זאל בלייבען אין האספיטאל.

דא איז מיר גלייך געקומען אויפ׳ן געדאנק מיין נייער פריינד, פראפ. מארקוס, און ווען איך האב עס איבערגעגעבען די דאקטוירים אין האספיטאל האבען זיי זיך זעהר געפרייט מיט דעם וואס זיי וועלען האבען דעם באוואוסטען פראפעסאר.

איך בין גלייך צוריקגעפארען קיין תל־אביב און טעלעפאנירט צו פראפעסאר מארקוס און איהם געלאדען צו מיר אין האטעל פאר׳ן אווענט־מאלצייט. דער פראפעסאר האט די איינלאדונג אנגענומען.

אין האטעל איז געווארען גאר לעבהאפט ווען מ׳האט זיך דערוואוסט, אז פראפ. מארקוס וועט דארטען זיין א גאסט יענעם אווענט. מ׳האט צוגעגרייט א פיינעם מאלצייט און מיר זענען געזעסען ביי א באזונדער טישעל.

דער פּראָפּעסאָר פרעגט מיך: „וואָס איז מיט אייך? וואו איז אייער הומאָר אהינגעקומען? איהר זענט דאָך אזוי באזאָרגט!"

און איך דערצעהל איהם די געשיכטע מיט מיין קראַנקען ברודער.

ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט מאָרגען גאַנץ פריה פאָרען קיין ירושלים און מיר געהייסען גלייך טעלעפאָנירען אינ'ם האָספּיטאַל צום הויפּט־דאָקטאָר, אַז ער זאָל די ערלויבעניש געבען. איך האָב טעלעפאָנירט און גלייך מיט צופרידענהייט געקראָגען די ערלויבעניש.

מאָרגען פריה בין איך מיט'ן פּראָפּעסאָר געפאָרען קיין ירושלים. ער האָט דאָן באזוכט דעם חולה אין דער אנוועזענהייט פון אַלע ירושלימער דאָקטוירים וואָס זענען געקומען איהם מקבל פּנים זיין. דאָן האָבען זיי געהאַט אַ קאָנסיליום צווישען זיך, און דער פּראָפּעסאָר האָט מיך דאָן אריינגערופען און מיר ערקלערט:

„אייער ברודער איז זעהר קראַנק. ער האָט שטיינער אין די נירען, פון וואָס ער קריגט דאָס דעם פיבער און דאָס איז געפעהרליך ביי אַ פּראָסטייט־אָפּעראַציע. אָבער ער האָט ניט וואָס איינצושטעלען, ווייל אָהן אַן אָפּעראַציע קען ער ניט לעבען, און מיט אַן אָפּעראַציע האָט ער אַ האַלבע געלעגענהייט דאָס איבערצוקומען און בלייבען לעבען, נאָר אזוי ווי די היגע דאָקטוירים האָבען מורא צו מאַכען די אָפּעראַציע, וועל איך עס מאַכען אין זייער געגענוואַרט.

נאַטירליך האָב איך איינגעשטימט. פּראָפּעסאָר מאַרקוס האָט געמאַכט צוויי אָפּעראַציעס מיטאַמאָהל, סיי אויף די גאַל־שטיינער און סיי אויף דער פּראָסטאַטע און האָט געראַטעוועט מיין ברודער פון אַ זיכערען טויט. ער האָט אפילו ביי מיר ניט געוואָלט נעמען באצאָהלט פאַר דער אָפּעראַציע.

אָבער מיין אָפּצאָהל צו איהם איז געקומען, ווען איך בין מיט מנחם מענדעל אוסישקין ע"ה אוועק צו אַ מיטינג פון דער האָספּיטאַל קאָמיטע און מ'האָט דעם פּראָפּעסאָר מאַרקוס אויסגעקליבען אַלס פּראָפּעסאָר איבער דעם ירושלים'ער האָספּיטאַל, פאַר וועלכען פּראָפּ. מאַרקוס איז מיר זעהר דאַנקבאַר געווען. דאָס האָט געמאַכט, אַז ער זאָל דאַרפען זיין איין האַלבען טאָג אין ירושלים און דעם צווייטען האַלבען טאָג אין תל־אביב. און איצט איז ער אויך פּראָפּעסאָר אין דער מעדיצינישער אָפּטיילונג אין דער העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים, צו וועלכען ער האָט געשטרעבט. אין זיינע בריוו צו מיר די ערשטע צייטען האָט ער מיר זעהר געדאַנקט און געבענשט די צייט וואָס ער האָט מיך באַגעגענט, און איך האָב איהם געדאַנקט און געבענשט פאַר דעם וואָס ער האָט געראַטעוועט מיין ברודער.

ווען דער היגער האָספּיטאַל איז פאַרטיג געוואָרען, האָב איך דווקא געוואָלט ער זאָל אהערקומען קיין מאָנטרעאַל אַלס פּראָפּעסאָר. איך האָב איהם דריבער געקייבעלט עטליכע מאָהל, און אזוי ווי דאָן איז נאָך די מעדיצינישע אָפּטיילונג אין העברעאישען אוניווערזיטעט ניט געווען קיין ווירקליכקייט, איז געווען אַ מעג־

ליכקייט איהם אהערצוקריגען, אבער לײדער האבען די ערשטע באאמטע אין היגען האספיטאל געהאט אן אנדער מיינונג וועגען ברענגען אהער פראפעסארען פון ער־גען אנדערש און עס האט זיך געשלעפט ביז די נייעס איז געקומען, אז דער אוני־ווערזיטעט עפענט א מעדיצינישע אפטיילונג אין ירושלים און גלייך איז פראפ. מארקוס דארט ערוועהלט געווארען אלס איינער פון די פראפעסארען און זיין קומען קיין מאנטרעאל איז שוין סיי ווי געווארען אן אוממעגליכקייט.

פון מיינע אלע תירוצים וואס איך האב פריהער געהאט אויסגעזוכט פאר מיין דאמאלסדיגער רייזע קיין ארץ ישראל איז גארניט געווארען.

די אראנזשען וואס עטליכע פרדסים אייגענטימער האבען מיר געוואלט אי־בערגעבען, האבען זיי דוקא געוואלט א סטאבילען פרייז, ווערענד אנדערע פרדסנים האבען געשיקט זייערע אראנזשען צו ווערען פארקויפט אויף היגע מארקעט־פרייזען, איז געווען א געפאר צו פארלירען געלט. מיינע תלמוד־פלאטען האב איך דאן ניט פארקויפט, ווייל איך האב געהאט א משפט אין ארץ ישראל וועגען די רעכט אויף די פלאטען, און כאטש איך האב דעם משפט געוואונען מיט קאס־טען געגען דער ראם געזעלשאפט פון ווילנע, דאך האב איך געמוזט אוועקפארען פון ארץ ישראל, ווייל מ׳האט מיך געפאדערט צוריק קיין מאנטרעאל.

אבער איך דאנק גאט פאר די תירוצים וואס איך האב געהאט אפילו ווען פון זיי האט זיך אויסגעלאזט א בוידים, ווייל יעדען טאג וואס איך האב פארוויילט אין ארץ ישראל אין אלע מיינע רייזעס זענען פשוט ביי מיר געווען טעג פון שמחה. אפילו אין די ערשטע צוויי רייזעס, ווען מיר איז אויסגעקומען דורכצומאכען די אומרוהען, זענען ביי מיר אויך געווען אינטערעסאנטע טעג, און הלואי זאל איך נאך האבען דעם זכות צו פארען קיין ארץ ישראל צום פערטען מאהל און טאקע דארט שוין פארברענגען די צייט וואס איז מיר נאך באשערט צו לעבען, ווייל לעבן א פריי אידיש לעבען קען מען נאר אין אזא לאנד, וואס איז ביי אונז הייליג, בא־ליבט און וואו מיר זענען דורכגעדרונגען מיט׳ן באוואוסטזיין, אז דאס איז אונזער אייגען לאנד.

ווען איך בין צוריקגעקומען קיין מאנטרעאל האב איך ווייטער זיך ארייגעלעבט אין מיין טאג־טעגליכער ארבייט פון א צייטונג פון וועלכער עס ציהען זיך אלע פעדעמער און נערוועןן פון דער גאנצער כלל־ארבייט, סיי פון ארבייט וואס דער עולם זעהט דאס און הערט, און סיי פון אזעלכע ארבייטען לטובת הכלל אדער אפילו לטובת הפרט, וואס קיינער ווייס ניט דערפון. נאר אין דער צייט איז שוין פיל פון די פאראנטווארטליכקייטען איבערגעגאנגען אין גאר נייע הענט. עס איז שוין געקומען די פעריאדע פון די בראנפמאנס, וואס האבען אויף זיך גענומען א גרויסען טייל פון די כלל־ארבייטען און דאס פארדינט א באזונדער קאפיטעל.

ניין און צוואנציגסטער קאפיטעל

אונזערע איצטיגע כלל-טוער.

די נייע פעריאדע פון אידישע כלל־טוער אין אונזער געמיינדע הויבט זיך אן מיט די בראנפמאן ברידער, וועלכע זענען אהערגעקומען פון מערב־קאנאדע און זיך באזעצט ביי אונז אין שטאדט. די ערשטע פילאנטראפישע ארבייט וואס איך געדענק פון אט דער פאמיליע איז געווען אין 1929, ווען זיי האבען געגעבען צעהן טויזענט דאלער פאר דעם נייעם תלמוד תורה צענטער. שפעטער, ווען מיר האבען געמוזט נעמען א מארטגעדזש פון 75 טויזענט דאלער, ווייל מיר האבען פארלוירען דורך סיר מארטימער דייוויס'עס טויט פופציג טויזענט דאלער, וואס ער האט געהאט פארשפראכען פאר דעם בנין, און נאך 45 טויזענט דאלער פון אן אנדערען נדבן וואס האט פארלוירען זיין געלט אין דעם קראך איז 1925 און די טוער ארום דער תלמוד תורה האבען געדארפט גאראנטירען פערזענליך דעם מארט־געדזש, האבען די בראנפמאנס אויך גאראנטירט פאר צעהן טויזענט דאלאר, אויסער זייער פריהערדיגער נדבה פון צעהן טויזענט דאלער. און דאס האט פיל געהאל־פען צו קענען ענדיגען די געביידע אין סט. דזשאזעף בולווארד, וואס האט געקאסט ארום 200 טויזענט דאלער צוזאמען מיט דער אינוויינינגסטער אויסשטאטונג.

אבער נאך א גרעסערע ראלע האבען זיי פריהער געשפילט אין דעם אויפבויען פון דעם האספיטאל.

אין 1927 ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען בויען אן אייגענעם אידישען האספיטאל, און מיר האבען פארגעשלאגען איינעם פון די ברידער בראנפמאן צו נעמען די איניציאטיווע פאר אזא בנין, האט זיך דאס געצויגען ביז אין מיטען יאהר 1929. און די ברידער בראנפמאן האבען אויף זיך גענומען די איניציאטיווע. און ווען איך בין געווען אין אייראפע אין 1929 האב איך דארט שוין געהערט פון די גוטע נייעס אז אלען בראנפמאן מיט דער הילף פון זיין ברודער סעם האבען ארגאניזירט דעם קאמפיין פאר א מיליאן דאלער מיט דעם רעזולטאט דאס זיי האבען געשאפען קנאפע אנדערטהאלבען מיליאן דאלער, איינגעשלאסען זייער איי־גענע ערשטע דאנאציע פון 75 טויזענט דאלער. אבער די הויפט אורזאך פון דעם ערפאלג איז געווען, וואס די בראנפמאנס האבען צוגעצויגען נייע כלל־ארבייטער צום קאמפיין, אזעלכע נייע מענשען, וואס נאך עד היום מאכען זיי אן ערפאלג אין אלע קאמפיינס אונטער דער פירערשאפט פון סעמועל אדער אלען בראנפמאן. און די ארבייט פון די בראנפמאנס אין כלל־זאכען צייכענט זיך אויס ניט נאר מיט זייערע גרויסע נדבות, נאר אויך מיט דער פערזענליכער ארבייט זייערער.

אזוי איז סעמועל בראנפמאן שוין פאר א צייט דער פרעזידענט פון דער הי־גער צדקה פעדעראציע, דער פרעזידענט פונ׳ם אידישען קאנגרעס, דער פרעזידענט פון מלחמה רעליף, וואס נעמט אריין די אלע צווייגען פון מלחמה ארבייט, סיי אין קאמפיינס פאר דער רעגירונג, סיי אין העלפען סאלדאטען און זייערע פאמיליעס. א סך איז אונטער זיין פיהרערשאפט אויך געטאן געווארען פאר א היבשער צאהל פליכטלינגען, וועלכע מ׳האט געבראכט אהער און דא גוט איינגעארדענט. עטליכע הונדערט פליכטלינג־משפחות זענען באזעצט געווארען אויף לאנד, פאר דעם אלעם זארגען די פארשידענע באזונדערע קאמיטעס, אונטער דער פירערשאפט פון סעמועל בראנפמאן. אזוי ארום ווערען דורך די ברידער בראנפמאן קאנטראלירט כמעט אלע וויכטיגע כלל־טעטיגקייטען פון שטאדט ווי אויך איבער׳ן לאנד, ווען עס האנדעלט זיך וועגען קאנגרעס ארבייט און מלחמה רעליף. סעמועל בראנפמאן איז אויך דער ערך־פרעזידענט פון די ציוניסטישע קאמפיינס, און די בראנפמאנס האבען לעצטענס גענומען געבען די גרעסטע ביישטייערונג אין לאנד צום פאראייניגטען ציון אפיל.

די פרוי פון סעמועל בראנפמאן איז אויך זעהר טעטיג. זי איז די פירערין פון דער אידישער אפטיילונג פונ׳ם רויטען קרייץ ביי אונז אין שטאט, און אין איהר אפטיילונג מיט דער הילף פון א טיכטיגער גרופע פרויען, ווערט אויפגע־טאן זעהר וויכטיגע ארבייט פאר׳ן רויטען קרייץ.

מר. אלען בראנפמאן איז דער פרעזידענט פון דעם אידישען האספיטאל זייט זיין ערפאלג אין דער שווערער ארבייט ביים שאפען די פאנדען פאר׳ן בניין. דער האספיטאל איז איצט אנערקענט אלס „עי וואן״ אנשטאלט אין די מעדיצינישע קרייזען. אלאן, ווי זיין ברודער סעמועל, נעמט אויך אן אנטייל אין די נאציאנאלע ניט־אידישע קאמפיינס. אזוי איז ער אויך געווען איינער פון די פארזיצענדע פאר דעם קאמפיין פון הילף פאר רוסלאנד א. א. וו.

אברהם בראנפמאן איז א טיכטיגער טוער אין תלמוד־תורה, וואו ער איז דער ערך־פרעזידענט. אין אונזער מלחמה רעליף קאמיטע איז ער דער פארטרעטער פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע און ער איז פרעזידענט פון אידישען סאנטאריום א. א. וו.

הערי בראנפמאן נעמט אויך אן אנטייל אין תלמוד תורה, אין אידישען האס־פיטאל, אין סאניטאריום און אין דער יאנג מענס היברו, ווערענד דער שוואגער פון די בראנפמאנס, בארני אראן, א איד א מלומד, נעמט איינטייל אין אלע קולטורעלע אינסטיטוציעס. מען קען דעריבער זאגען, אז די בראנפמאן פאמיליע האט „גע־שלאגען א רעקארד״ אין כלל ארבייט און צוגעצויגען צו אידיש־געזעלשאפט־ליכער טעטיגקייט א נייעם קלאס אידען, וועלכע האבען פריהער כמעט גארניט געטאן קיין כלל ארבייט.

עס איז אבער אויך ווינשענסווערט צו דערמאנען אייניגע פון די נייע קרעפ־

טען אין אונזער געמיינדע און אייניגע פון די פריהערדיגע. וואָס יעדער זענען זיי שוין ניטאָ מיט אונז. אַט למשל דער ניט־לאַנג פאַרשטאָרבענער אברהם ראַגינסקי, וועלכער האָט אַ פּאָר צעהנדליג יאָהר פאַר זיין טויט געטאָן זעהר גוטע אַרבייט לטובת הכלל. אָנגעהויבען האָט ער מיט דער אַרבייט ביים בית יתומים דאָוד־טאָון און האָט נאָכדעם גענומען אַנטייל אין אַלע אַנדערע אינסטיטוציעס. ער איז געווען אַ טעטיגער טוער אין תלמוד תורה אַרבייט אינ׳ם גמילת חסדים אינ־סטיטוט און אין מושב זקנים. ער איז אַ סך יאָהרען געווען פּרעזידענט פון בני יעקב שוהל און זיך אינטערעסירט מיט אַנדערע וואָוילטעטיגע אַרבייטען.

מר. לאַזאַרוס פיליפּס, צו וועמען די ת״ת זיינען דאַנקבאַר פאַר ניט שולדיג זיין קיין חובות, האָט אַלס פּרעזידענט פון דער אינסטיטוציע, אויפגעלעבט די ת״ת עקאָנאָמיש און ממילא אויך גייסטיג. ער איז געווען פּרעזידענט פון פּוילישען פאַר־באַנד און טרעזשורער פון מלחמה רעליעף. זיין פרוי האָט אויך געטאָן אַ וויכטיגע מלחמה־אַרבייט.

לואיס סאַלאַמאָן ע״ה וואָס איז נאָך געווען אַ כלל־טוער אין די אַלטע צייטען איז אַמאָהל געווען פּרעזידענט פון תלמוד תורה און פּרעזידענט פונ׳ם סאַניטאַריום ביז דעם טאָג פון זיין טויט. אויסער זיין אַרבייט לטובת הכלל איז ער אויך גע־ווען איינער פון די ברייטהאַרציגע מנדבים. ער איז געווען וויס־פּרעזידענט פון דער צדקה פעדעראַציע, וויס־פּרעזידענט פון אידישען האָספּיטאַל און אויך אין אַנדערע צדקה אַנשטאַלטען האָט ער גענומען אַ טיכטיגען אַנטייל. זיין טויט ווערט נאָך עד היום באַדויערט ביי אַ גרויסען טייל פון אונזער געמיינדע.

און להבדיל בין החיים והמתים, זענען היינט טעטיג אַ צאָל נייע כלל־טוער, ווי די ברידער אַלבערט. אברהם אַלבערט איז פּרעזידענט פון בני יעקב שוהל, טיכטיגער אַרבייטער אין היגען גמילת חסדים און שטאַרק טעטיג אין אַלע רעלי־גיעזע אַנשטאַלטען, ווי די תלמוד־תורות, די ישיבות און אין די צדקה־אַנשטאַלטען ווי אויך אין ציוניסטישע אַרבייטען.

יודעל אַלבערט איז דער פּרעזידענט פון היגען מזרחי. ער אַרבייט טיכטיג פאַר דער תלמוד תורה, פאַר דער ישיבה. ביידע ברידער גיבען צדקה מיט אַ ברייטער האַנט און העלפען מיט זייער אַרבייט.

מר. שטערנטאַל, דער פּרעזידענט פון דער נייער שוהל אין אוטרעמאָנט, וואָס איהר אויפבוי איז איהם פיל צו פאַרדאַנקען. ער איז אויך איינער פון די היבשע מנדבים צו אַלע אַנשטאַלטען און אַרבייט געטריי פאַר זייער ערפאָלג. דאָס זענען אַלץ אונזערע נייע כלל־טוער וואָס אַרבייטען צו קענען זיין צוקונפטיגע פירער פון אונזער געמיינדע.

יצחק גאָלד, געוועזענער פּרעזידענט פון תלמוד תורה, איז פאָרזיצער פון ועד החינוך, סיי אין דער אַלגעמיינער תלמוד תורה און סיי אין דער ת״ת פון דער נייער עדת ישראל שוהל. ער איז אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון אידישען

האספיטאל און פון גמילת חסדים און א ברייטער ביישטייערער צו אלע צדקה צוועקן, איבערהויפט צו אידיש־קולטורעלע צוועקן. ער ארבייט פאר׳ן אינסטיטוט פאר בלינדע אין ירושלים, און א מיטגליד אין דער עקזעקוטיווע פון „ארט״.

ב. מ. וויינער, איינער פון די טעטיגסטע ארבייטער פאר דער תלמוד תורה פון דער צייט וואס ער איז אריבערגעקומען קיין מאנטרעאל, איז אויך אמאהל געווען דער טעטיגסטער מיטגליד אין ציוניסטישער ארבייט און פארשפרייטער פון דער העברעאישער קולטור. היינט איז ער דער פארזיצער פון ועד החינוך פון תלמוד תורה און גיט זיין מערסטע צייט אוועק פאר דעם צוועק פון אידישער דערציאונג.

מ. קופערבערג איז אויך איינער פון די נייע וואקסענדע כלל־טוער זייט ער האט זיך פאראינטערעסירט אין דעם יתומים אנשטאלט. איצט איז ער זעהר טעטיג אויך אין אנדערע כלל ארבייטען און איבערהויפט אין דער נייער שוהל אין אוטרעמאנט. זיין פרוי, מרס. קופערבערג, איז א טעטיגע ארבייטארין אין הדסה און אין דער אידישער אפטיילונג פון רויטען קרייץ און אין מלחמה־רעליף ארבייט און מ׳קען נאך ערווארטען מעהר ארבייט פון די קופערבערגס.

נאך א נייעם טיכטיגען כלל־ארבייטער געפינען מיר אויך אין ל. וו. קרעסטאל, וויס־פרעזידענט פון ועד העיר, טיכטיגער ארבייטער פאר ציוניזם און תלמוד תורה.

מיר וואלטען דא געקענט אויסרעכענען נאך א צאהל אידען פון אונזער דאוךטאון, וואס טוען וויכטיגע ארבייט, און העלפען אין דעם אויפבוי פון אונזער געמיינדע. אבער, מיינע זכרונות קענען ניט דינען פאר א מין ענציקלאפעדיע, און איך מוז זיך באגנוגענען מיט די פערזאנען מיט וועלכע איך בין באקאנט אין זייער ארבייט און מען ערווארט נאך פון זיי מעהר און מעהר. איך קען אבער ביי דער געלעגענהייט ניט דורכלאזען אייניגע געצעהלטע אידען, וואס זענען פארבונדען מיט כלל ארבייט נאך פון די אלטע צייטען און זעהען זיך נאך איצט אן אין דער געמיינדע. דאס זענען די קעלערט פאמיליע, די פרידמאן פאמיליע, די קאהן פאמיליע, די לעווינזאן פאמיליע, פון וועלכער מר. דזשיי. לעווינזאן ע״ה איז ביז זיינע לעצטע טעג געווען טרעזשורער פונ׳ם אידישען האספיטאל און פרעזידענט פון דער שער השמים שוהל. אט די אויסגערעכענטע זיינען אלעמאל געווען און די מערסטע פון זיי נאך היינט טעטיג אין פארשידענע פילאנטראפישע ארבייטען.

איך וויל אויך דערביי ניט פארגעסען מרס. א. ראגינסקי, די איצטיגע פרעזידענטין און גרינדעריך פון קאנאדער הדסה, וואס נעמט אויך אנטייל אין אנדערע כלל ארבייטען און טראגט דעם טיטעל וויס־פרעזידענטין פון תלמוד תורה, האבענדיג געווען די פרעזידענטין פון פרויען אקזילערי פון די פאראייניגטע תלמוד תורה פאר א לאנגער צייט.

ואחרון אחרון חביב, אונזער באליבטער זקן הרבנים הרב צבי הכהן, וועלכער פארדינט זיכער א באזונדערן קאפיטעל אין מיינע זכרונות.

דרייסיגסטער קאַפּיטעל

הרב צבי הכהן

ביי מיין אנקומען אין מאנטרעאל אין יאהר 1900 האב איך דא געפונען אלס רבנים הרב אשינסקי וואס איז איצט דער זקן הרבנים אין פיטסבורג, פּאַ., און הרב צבי הכהן נאך אלס יונגעמאַן. ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט רבי כהן האב איך באשלאָסען, אַז אט דער רב איז אַ איד אַ חכם. איך וואלט באַדאַרפט זאָגען תלמיד חכם, אבער אויף למדנות, מוז איך מודה זיין, אַז איך בין ניט אין דער קאַטעגאָריע פון קענען זאָגען מבינות, אבער אויף חכמה פאר זיך אליין איז, גלויב איך, ניט שווער צו זיין אַ מבין אפילו פאר מיר...

איך האב צוביסלאך אנגעהויבען צו פארעהרען רבי כהן פאר זיין חכמה און פאר ניט באַזיצען די מידה פון חניפה.

איך געדענק איינמאָהל אין דער צייט פון דער ערשטער מלחמה ביי אַ מיטינג וועגען רעליף, האָט איינער פון די דאַמאָלסדיגע גבירים געוועדט פאר׳ן עולם, אבער דאס רעדען איז געווען מיט אַביסעל חוצפה און מעהר נאַרישקייטען ווי חכמות. רבי כהן, וועלכער איז געזעסען ביים טיש, האָט אַריינגעשטעקט זיין האַנט צו זיך אין קעשענע און פון דאָרט אַרויסגענומען עטליכע מטבעות און זיי אַוועקגעוואָרפען אונטער׳ן טיש. אַז די שכנים ביים טיש האבען איהם געפרעגט למאי ער טוט עס, האָט ער געענטפערט: „ווי איך זעה, קען דאס געלט מאַכען דעם מענש פאר אַ געוואלדיגען שוטה, איז וויל איך אַפילו די קליינע מטבעות אויך ניט האַלטען ביי זיך זיי זאָלען מיך ניט מאַכען נאַרישער ווי איך בין״.

איך געדענקט נאך זעהר קלאָר די ערשטע אַפּילס פאר מלחמה־ליידענדע, ווי איך בין אין איין טאָג מיט איהם געגאַנגען באַזוכען עטליכע שוהלען, וואו עס זענען פאַרגעקומען מאַסמיטינגען. אין יעדער שוהל איז דאן פאַרגעקומען אַ מאַס־מיטינג אין אַן אַנדער צייט פון טאָג און איך האב באַגלייט רבי כהן אין די אַלע שוהלען. איך קען נאך עד היום ניט באַגרייפען וואו עס האָט זיך צו איהם גענומען דער כוח צו רעדען אין 5 שוהלען אין איין טאָג. אבער וואס זאָג איך רעדען ווייינען מיט קולות, אויפרייסען דעם ארון הקודש אין יעדער שוהל און ברענגען דעם גאַנצען עולם צו טרערען. און די רעזולטאַטען זענען געווען איבעראַשענדע. מיר ווייסען הייַנט ניט פון אַט די מעטאָדען צו שאַפען געלט דורך תעניתים און געוויינען. הייַנט ווערט עס געטאָן ביי געדעקטע טישען מיט רעדנער וואס ווילען זיך און עסען אַפּ אַ גוטען מאָלצייט, יאָ כשר צו ניט כשר, אבער אַזוי שאַפט מען

איצט געלט. כאטש ניט מעהר ווי עס האבען געשאפען די קולות און הארציגע אפילס. דאס איז געווען הארציגע צדקה ניט ווי די היינטיגע טשאריטי.

הרב כהנ׳ס קוק אויף דעם ענין צדקה איז דער טראדיציאנעלער אידישער קוק. ער האלט, אז דאס דארף זיין אין פולען גייסט מיט דעם וואס דאסווארט צדקה מיינט — גערעכטיגקייט, א חוב וואס מיר צאלען אפ צו אונזערע מיט־מענשען און ניט „טשאריטי״, וואס מיינט גאר עפעס אנדערש. ער האלט, אז די גבירים טוען זיך מעהר טובה מיט זייער געבען צדקה, ווי זיי טוען אונז, ווייל וואס פאר ווערט וואלטען זיי געהאט מיט זייער געלט ווען זיי זאלען ניט געבען קיין צדקה?

א כאראקטעריסטישער אינצידענט וועגען רבי כהן איז פאלגענדער:

עס איז דא אין די פריהערדיגע יאהרען געווען רבי בליטש, וועלכער האט געשטאמט פון גאליציע. ער איז געווען א איד א למדן, אבער אויך א היבשער בטלן. האט ער אמאל געזאגט צו רבי כהן: „איהר ווייסט, זאגט ער, מיך פאר־דריסט פארוואס איך קריג ניט פון דער שטאט אזוי פיל פרנסה ווי איהר, ווייל נאכאלעמען בין איך אזא גוטער רב ווי איהר זייט״.

אויף דעם האט רבי כהן מיט הלצה איהם געענטפערט: „ניין, איהר זענט ניט אזא יחסן ווי איך, א סימן, לאמיר זעהן: אט למשל ווען איך זאל היינט ארויסזאגען א ווארט, אז איך וויל אוועקפארען פון מאנטרעאל און פארלאנגען פון דער געמיינדע צעהן טויזענט דאלאר, וועט איהר זעהן ווי שנעל די היגע גבירים וועלען מיר שאפען דאס געלט, און אדרבא פרובירט איהר זאגען, אז איהר ווילט א הונדערטער כדי צו פארלאזען מאנטרעאל, וועט מען אייך אפילו ניט הערען. נו, אדרבא, זאגט, ווער איז א גרעסערער יחסן?״

אזעלכע גלייכווערטלאך פון רבי כהן זענען דא אהן א שיעור און עס וואלט ניט געווען גענוג דאס פלאץ פון אלע מיינע זכרונות זיי אלע נאכצודערציילען. דאס ווייזט נאר אן אייגנציגען בליץ פון רבי כהנ׳ס חכמה, אבער ווער ער הערט זיינע דרשות, דער ווייסט, אז רבי כהן האט שטענדיג צו יעדער געלעגענהייט צו זאגען עפעס וואס איז ווערט געהערט צו ווערען, סיי ווען ער איז ערנסט און סיי ווען ער איז וויציג. אמשטארקסטען איז ער אלע מאל געווען אקטיוו אין ענינים פון חינוך פאר וואס ער האט אוועקגעגעבען זיין בעסטע צייט און איז נאך אפילו איצט אקטיוו. דער „אפילו״ קען איהם אפשר ניט געפעלען, ווייל אז מען ווינשט איהם „א גוטע עלטער״ און מ׳פרעגט איהם ווי ער פיהלט זיך, ענטפערט ער ווי א יונגערמאן: „הלואי אויף דער עלטער ניט ערגער״.

רבי כהן האט אוועקגעגעבען א שטיק געזונט פאר דער גרינדונג פון די ישיבות דא, און איז נאך היינט איינער פון די טעטיגסטע ארבייטער אויף פארשיידענע געביטען. אין דער ישיבה טראגט ער דעם טיטעל „ראש ישיבה נכבד״.

איך בין צופרידען צו זאגען, אז דורך דער גאנצער צייט וואס איך בין בא־

קאָנט מיט אַ דעם תלמיד חכם און היינטיגען זקן הרבנים, איז נאָך אונזער פריינדשאַפט ניט געשטערט געוואָרען, ניט אַכטענדיג וואָס אָפטמאָל זענען מיר ניט איינשטימיג אין געוויסע פראַגען. עס טרעפט אַמאָל, אַז מיר צוגעהען זיך אין צוויי באַזונדערע שטאַנדפּונקטען ביי אַ מיטינג פון תלמוד תורה, ועד העיר אָדער ערגעץ אַנדערש, אָבער גלייך נאָכ׳ן מיטינג זענען מיר ווייטער די זעלבע פריינד, וועלכע ווינשען דאָס בעסטע איינער דעם צווייטען.

רבי כהן זעלטען אַ שטאַרקען פּאַרדרוס אויף יענעמ׳ס מיסהאַנדלונג, ווייל דער תירוץ ביי איהם איז פאַר יעדענס אונרעכט, אַז יענער איז אַ שוטה. ער האַלט שטאַרק פון דעם כלל: „אין אדם עובר עבירה עד שנכנס בו רוח שטות״ — קיין מענש באַגעהט ניט קיין אונרעכט סיידען אַ רוח שטות באַהערשט איהם. און חכמה איז די בעסטע מעלה וואָס ער זוכט ביי אַ מענשען.

איך געדענק, דאָס ווען מאָנטרעאַלער פריינד האָבען געפייערט מיין זעכציג־יאָהריגען געבורטסטאָג, און רבי כהן, זייענדיג איינער פון די רעדנער, האָט געוואָלט באַווייזען, אַז איך בין ניט קיין שוטה און דאָס איז דער טייל וואָס ער שעצט אין מיר, האָט ער געזאָגט און געמאַכט אַן ערקלערונג, אַז דער רבונו של עולם האָט צוויי מתנות וואָס ער גיט ניט איינעם מיט אַמאָל, סיידען אין זעלטענע פאַלען, און דאָס איז געלט און חכמה. דער וואָס האָט חכמה האָט קיין געלט ניט און דער וואָס האָט געלט האָט קיין חכמה ניט. און אַזוי ווי אויף דעם באַנקעט האָבען זיך אויך געפונען אַ היבשע צאָל גבירים, האָט זיך געהערט פון זיי די פראַגע: „הייסט עס אַז מיר זענען נאַראַנים,״ האָט ער ווייטער מיט הלצה געזאָגט: „אמת, איהר זייט קלוג צו פיהרען אייערע געשעפטען, איהר קענט געבען אויך עצות צו אַנדערע, אָבער דאָס גיט איהר שוין ניט די עצה, נאָר „הכסף יענה את הכל״ — אייער געלט ענטפערט שוין פאַר אייך״.

און אַזוי האַלט דער זקן הרבנים אַז זיין רעפּוטאַציע אַלס חכם, און מיט זיין חכמה פאַרשפּאַרט ער צו חנפ׳ענען אימיצען און ער קען שאַרף אַריינזאָגען סיי ערנסט און סיי דורך אַ וויץ, ווען ער דענקט נאָר, אַז יענער פאַרדינט עס.

אין דער צייט פון מיין זיין אין מאָנטרעאַל, האָבען מיר געהאַט נאָך אייניגע רבנים, בגן עדן מנוחתם, וואָס זענען ווערט דערמאָנט צו ווערען. אַט למשל, רבי ראָזענבערג, אַ פּויילישער רב, וועלכער האָט איבערזעצט דעם זוהר אין לשון הקודש, און איז אויך געווען דער מחבר פון אַנדערע ספרים; הרב גאָרבער, וועלכער איז געווען אַ למדן און חריף; הרב שפּרינץ, וואָס איז נפטר געוואָרען אין באָסטאָן; הרב זאַלמאַנאָוויטש ז״ל, אַ גרויסער למדן און ירא שמים, און הרב בליץ, וועלכען איך האָב שוין פריהער דערמאָנט.

צווישען די מאָדערנע רבנים האַלט רבי אַבראַמאָוויטש אַז זיין הויכע פּאָזיציע אין מאָנטרעאַל, זייענדיג דער רב אין דער גרויסער שהל שער השמים שוין איבער אַ פערטעל יאָהרהונדערט און איז זעהר געשעצט סיי ביי זיין קאָנגרעגיישאָן

און סיי ביי די רעליגיעזע אידען אין דאונטאון, ווייל, אויסער זיין קענטניש און וועלטליכע בילדונג איז ער אויך אַ זעלטענער דרשן און ירא שמים, און איז באַ־ליבט אין אַלע קרייזען.

דער רעפאָרם ראַביי, דר. שטערן, איז כמעט דער בעסטער ראַביי אין זיין קלאַס וואָס מיר האָבען דאָ געהאַט דורך מיין צייט אין מאָנטרעאַל. ער רעדט זעהר גוט אידיש און שעהמט זיך ניט ביי די דאונטאונער פאַרזאַמלונגען צו געבען אַ קיבעץ זיינע רעפאָרמער בעלי בתים, און רעדט וועגען אַ תלמוד תורה מיט׳ן זעלבען פייער ווי ער רעדט אין זיין רעפאָרם טעמפעל פאַר „דזשודאאיזם״.

מיר האָבען דאָ דורך דער צייט געהאַט רבנים, וואָס האָבען זיך באַשעפטיגט ניט מיט רבנות. אַזוי איז ווערט צו דערמאָנען דעם געלערטען רבי זלאָטניק, וועל־כער איז פאַר אַ צייט געווען אין מאָנטרעאַל, און מיר באַדויערען זיין אפוועזענהייט פון אונזער שטאָט, ספּעציעל איצט, ווען מיר האָבען יאָ שוין אַ היבשען טייל פון אידישע געלערנטע מיט וועלכע רבי זלאָטניק וואָלט געקענט אויפטאָן עפּעס גרויסעס אינ׳ם היגזיכט פון אידישער געלערזאַמקייט, פעלט ער אונז שטאַרק אויס.

אַנדערע קולטורעלע טיפּען ביי אונז אין שטאָט

רבי זלאָטניק, זייענדיג אַ זעהר געלערטער אין חכמת ישראל און אין חכמת התורה, איז אַ מחבר פון אַ רייע ספרים, סיי אין אידיש און סיי אין העבּרעאיש. דאָ האָט ער פאַרנומען צום ערשטען די שטעלע פון דירעקטאָר פון דער מזרחי, און דאַן געווען אַ צייט ראש הישיבה פון דער דאַמאַלסדיגער ישיבה קטנה, געגרינדעט פון רבי כהן. נאָכדעם איז ער געוואָרען דירעקטאָר פון דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע. אויסער זעלטענער מלומד איז ער אויך אַ זעלטענער רעדנער און אַ זעהר שאַרפזיניגער. אָבער איהם האָט כסדר געצויגען צו אַ חברותא פון געלערטע און ער האָט אין ערגעץ ניט געפונען זיין תיקון. ווען ער האָט אויפגעגעבען אָדער פאַרלאָ־זען די שטעלע אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, איז ער פאַר אַ צייט געווען די־רעקטאָר פון די פאַראייניגטע ת״ת, אָבער דאָ האָט ער אויך ניט געפונען זיין רוה, האָט ער דאַן אָנגענומען אַ רבנות שטעלע אין וואַנקואווער און פון דאָרט איז ער אַפּגעפאָהרען קיין סאַוט אַפריקע אָנצונעהמען די שטעלע פון עדיוקיישאָנאַל די־רעקטאָר פאַר גאַנץ סאַוט־אַפריקע. עס שיינט מיר דאָס מיט דער צייט וועלען מיר אפשר זיין אין אַ לאַגע איהם צוריק צו ברענגען קיין מאָנטרעאַל צו דער היינטיגער אַטמאָספערע דאָ פון תורה און חכמת ישראל.

דער געלערטער, מר. שמחה פּעטרושקאַ, איז אויך אַ גאַר וויכטיגער מענש וואָס מיר האָבען לעצטענס צוגעקראָגען. ער פאַראייניגט אין זיך תורה מיט חכמת ישראל. שוין באַלד פיר יאָהר ווי ער געפינט זיך מיט דער פאַמיליע אין מאָנטרע־אַל. ער איז פריהער געווען דער דירעקטאָר פון מזרחי און דורך דער צייט האָט

ער שוין אָפּגעדרוקט זיין „אידישע פאָלקס ענציקלאָפּעדיע" און צוויי בענד פון זיין ריזען־ווערק משניות אין אידיש.

מר. פּעטרושקא האָט אין פּוילען געטראָגען דעם נאָמען פון א יונגען עילוי און האָט א גוואַלדיגען זכרון. ער איז א בקיא אין ש״ס כמעט פון אויסווענדיג און איז דערצו א מאַן מיט א גרויסער מאָדערנער בילדונג.

מיט דעם שטראָם פון פליכטלינגען זענען צו אונז אויך געקומען דער דיכטער און פּובליציסט מלך ראַוויטש, וועלכער פאַרנעהמט שוין א גאַר וויכטיגען אָרט אין אונזער קולטור לעבען; דאָן אַזאַ וויכטיגער פּעדאַגאָג און שרייבער ווי י. וויינגאַרטען, די לערער בראָווערמאַן און גראָסמאַן און דער זשורנאַליסט ניימאַרק.

דאָן האָבען מיר צוגעקראָגען די ישיבה פּליטים, וואָס צווישען זיי געפינען זיך א צאָל לומדים און אמת׳ע תּלמידי חכמים. אייניגע פון זיי זענען גאָר אויסנאָמען, ווי דער יונגער רבי הירשפּרונג, וואָס זיין בקיאות און וואונדערבאַרער זכרון זענען אמת פענאָמענאַל. ער קען אנדייטען מיט׳ן פינגער אויף וועלכען מאמר התלמוד איהר ווילט און קען גאַנץ ש״ס בוכשטעבליך אויף אויסווענדיג. דערצו איז ער א זעהר באַשיידענער יונגערמאַן און א בעל מידות.

אַזוי האָבען מיר אַהער געקראָגען תלמידים פון פאַרשידענע ישיבות אין אייראָפּא און פון אַלע זענען געגרינדעט געוואָרען צוויי באַזונדערע ישיבות: די ישיבה „מרכז התורה", וואָס האָט וועלכע צוואַנציג תלמידים, לומדים און רבנים פון פאַרשיידענע ישיבות אין אייראָפּא און זיי האָבען אויך א ישיבה קטנה פון היגע געבוירענע קינדער מיט וועלכע זיי לערנען. און דאָן די צווייטע ישיבה, די „תומכי תמימים", וואָס באַשטעהט פון „ליבאַוויטשער חסידים, וועלכע צעהלען אויך ביז צוואַנציג לומדים און אמת׳ע חסידים. אַט די ישיבה האָט שוין אַרום הונדערט און פופציג קינדער און א ישיבה קטנה מיט וועלכע די ליבאַוויטשער לערנען תורה צוזאַמען מיט חסידות.

איןביידע ישיבות געפינען זיך אויך בחורים, וועלכע זענען אַהער פאַרשיקט געוואָרען צוזאַמען מיט די אינטערנירטע פליכטלינגען, וועלכע האָבען זיך דאָ געפונען אין קאָנצענטראַציע־לאַגערען. די ישיבה־לייט האָבען זיך באַמיהט אַרויסצונעמען די בחורים און זיי געפינען זיך איצט אין ביידע ישיבות.

צווישען די אַריבערגעקומענע ישיבה־לייט דורך יאַפּאַן, געפינען זיך אויך עטליכע רבנים מיט וועלכע אונזער געמיינדע איז באַרייכערט געוואָרען. זיי זענען: הרב פרץ יאַגעל פון סלאָבים, רב פון גאַראַדיעי, און אייניקעל פון באַרימטען מינסקער גדול (לעצטענס איבערגעפאָהרען קיין ניו יאָרק, וואו ער פיהרט אַן מיט א ישיבה); הרב אליהו חזן, רב פון גרודעק; הרב חיים בער גינזבורג, רב פון דאַלהינאָוו (איצט רב אין וואַנקואווער); הרב אהרן קאַגאַן, דער זוהן פון׳ם באַרימטען צדיק דער חפץ חיים ז״ל (מיט איהם איז אויך געקומען זיין מוטער, די רבי׳צין,

אלמנה פון חפץ חיים ז״ל); הרב הערשבערג, דער יונגער גאון, מחבר פון ספר „מחשבת הקודש״ (ביידע געפינען זיך איצט אין די שטאַטען).

אויסער די דערמאָנטע רבנים זענען צווישען ביידע ישיבות אויך פאַראַן רבנים לומדים, די מעהרסטע פון זיי זענען ראוי אָנצונעמען רבנות שטעלעס. זיי קומען פון פאַרשידענע ישיבות: ליבאַוויטש, קלעצק, לובלין, מיר, ביאַלאַסטאָק און אַנדערע ישיבות.

אַ טייל פון זיי זענען דאָ געוואָרען ראשי ישיבות אין די ישיבות קטנות פון די צוויי ישיבות „מרכז התורה״ און „תומכי תמימים״.

צווישען די וואָס מיר האָבען אַרויסגענומען פון די אינטערניר־לאַגערען געפינען זיך אויך רבנים און אָנגעזעהענע געלערנטע, מיט וועלכע אונזער געמיינדע איז באַרייכערט געוואָרען.

עס איז ווערט צו באַמערקען, אַז נאָכדעם ווי רבי זלאַטניק האָט אויפגעגעבען זיין שטעלע אַלס דירעקטאָר פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט זיין אָרט פאַרנומען אַ ראַביי, וועלכער איז אַלעמאָל געווען באַקאַנט אַלס אַ גוטער ציוניסט און רעדנער, דאָס איז ראַביי דזשעסי שוואַרץ, וועלכער האָלט שוין אַן זיין אַמט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע דאָס עלפטע יאָהר, און איז זעהר באַליבט אין ציוניסטישע קרייזען. צו זיין צעהנטען יובילעאום אַלס דירעקטאָר איז איהם געגעבען געוואָרען אַ באַנקעט אין וועלכען עס האָבען אַנטייל גענומען די פני העיר, שוין אָפגערעדט פון אַלע ציוניסטען.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז אויך פאַר דער צייט פון דער מלחמה געווען באַרייכערט מיט אַ וויכטיגער קראַפט, אין דער פערזאָן פון רעוו. גאָלדבלום, וועלכער איז געווען פאַרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ענגלאַנד. ער איז אַ טיכטיגער ציוניסט נאָך פון דר. הערצל׳ס צייטען, אַ זעלטענער העברעאישער פעדאַגאָג און גלענצענדער רעדנער. ער האָט דאָ צייטווייליג אָנגעפיהרט מיט דעם קרן קימת אָפיס און געמאַכט זעהר גוטען פאַרטשריט. גלייך ווי די מלחמה האָט זיך געענדיגט, איז ער צוריקגעפאָרען קיין לאָנדאָן, וואו זיין גאַנצע פאַמיליע געפינט זיך.

דער שוין דערמאָנטער י. וויינגאַרטען איז גאָר אַ וויכטיגע קראַפט. ער איז דער מחבר פון אַ היבשער צאָל העברייאישע טעקסט־ביכער פאַר העברייאישע שולען. פאַר דער קורצער צייט וואָס ער געפינט זיך ביי אונז, האָט ער שוין אָפגעדרוקט איינעם פון זיין לעהר־ביכער „תורה למתחילים״ און אַ צווייטען בוך „אַ וועלט אין פלאַמען״ איבער זיין רייזע פון מלחמה־גיהנום ביז זיין אָנקומען קיין מאָנטרעאַל מיט זיין פאַמיליע. מר. וויינגאַרטען ווערט אויך צוגערעכענט צו די געווינסען פאַר דער מאָנטרעאַלער אידישער געמיינדע. און כאָטש די מאָנטרעאַלער ת״ת און תורה אַזוי גוט ווי די פאָלקס שולען זענען געבענשט מיט זעהר טיכטיגע לערער און פּרינציפּאַלען, ווי מר. מגיד און זיין גלענצענדער סטעף לערער אין די בתי

תלמוד תורה און מר. װײסמאַן מיט זײַן סטעף לערער אין די פּאַלקס שולען ,מר. זיפּער אין די פּרץ שולען א. אַ. װ., דאָך איז מר. װײַנגאַרטענ׳ס אַנקומען קיין מאָנטרעאָל אַ גרויסער געװינס פאַר אידישער ערציהונג און פאַר פאַרשפּרייטען די העברעאישע שפּראַך צװישען אונזערע ערװאַקסענע.

עס מוזען אויך בײַ דער געלעגענהייט דערמאָנט װערען אייניגע מיטאַרבײַ־טער פון „קענעדער אדלער״ און „דזשואיש קראָניקל״, װעלכע גיבען אַ װיכטיגען בײַטראָג צו דעם קולטורעלען לעבען אין אונזער שטאָט.

איך װיל צום ערשטען דערמאָנען אַ נפטר, ר׳ חיים קרוגער ע״ה, װעלכער איז ליידער געשטאָרבען יונגערהייד. רעװ. קרוגער איז געװען אַ שוחט בײַ פּראָ־פעסיע, אָבער דערצו אַ זעהר געלערנטער איד, אַ אמת׳ער תלמיד חכם און אַ בקי אין חכמת ישראל. ער איז געװען אַ מיטאַרבייטער אין „קענעדער אדלער״ ביז זײַן טויט און טאַקע דורך דער דאָזיגער צייטונג איז זײַן קענטשאַפט באַקאַנט געװאָרען צו דער אידישער איבער קאַנאַדע.

רעװ. קרוגער האָט געשריבען פילאָזאָפישע אַרטיקלען, אַרטיקלען איבער אַלע ימים טובים און איבער אַלע גרויסע מענשען. דערצו האָט ער אויך אָנגע־פיהרט מיט דעם אַפּטיילונג „אין שפּיגעל פון לעבען״ און זײַנע עצות זענען באמת געװען עצות פון אַ תלמיד חכם. ער האָט אויך געשריבען אַ װערק איבער דעם רמב״ם, װעלכעס ספר איז פאַרטיג געװאָרען צװיי טעג פאַר זײַן פריהצײַטיגען טויט. זאָל דאָ זײַן נאָמען דערמאָנט װערען אַלס איינער װאָס האָט פיל געהאָלפען צו ענטװיקלען אידישע װיסענשאַפט אין דעם גדר פון אידישער רעליגיע.

אונזערע מיטאַרבייטער

עס איז געװען אונזער צייטונג, דער „קענעדער אדלער״, װאָס האָט אַהער געבראַכט דעם גרויסען העברעאישען שריפטשטעלער ראובן ברײַנין ע״ה, װעלכער האָט דאָ פאַרבראַכט איבער צעהן יאָהר און איז געבליבען צוגעבונדען צו דער שטאָט ביז זײַנע לעצטע יאָהרען, אַזוי, אַז ער האָט דאָ פאַרענדיגט זײַן לעבען און איז דאָ געבראַכט געװאָרען צו אייביגער רוה. אין אַ פריהערדיגען קאַפּיטעל האָבען מיר שוין אַרומגערעדט זײַן טעטיגקייט און זײַנע גרויסע פאַרדינסטען פאַר׳ן היגען קולטורעלען לעבען. צװישען אַנדערע זאַכען האָט ברײַנין דאָ אויך בּיז אַ געװיסען גראַד פאַרשפּרייט די העברעאישע ליטעראַטור און אויפגעשטעלט נאָכפאָלגער װאָס טוען היינט די אַרבייט פון פאַרשפּרייטען העברעאיש צװישען די, װאָס זוכען צו אויפלעבען אונזער אַלט־נייע שפּראַך.

די לעזער געדענקען נאָך געװיס מר. ה. הירש, װעלכער איז אויך געװען מיט דער צייטונג פאַר איבער צעהן יאָהר.

מר. הירש איז געװען (קיינער װייסט ניט װאו ער געפינט זיך איצט) אַ זעל־טענער טיפּ. װאָס אַנבאַלאַנגט זײַן זשורנאַליסטישער פעהיגקייט, קען קיינער ניט

לייקענען, אז ער איז געווען א זעלטענע קראפט פאר א צייטונג, ווערענד זיין פריי־וואט לעבען איז נאך שווער אפצושאצען. אט איז ער געווען פריי אין רעליגיעזען לעבען און פלוצים איז ער געווארען עקסטרעם פרום־רעליגיעז.

ווען ער איז אנגעקומען אין „קענעדער אדלער" אלס רעדאקטאר, האב איך געצווייפעלט צי איך זאל געבען דעם נאמען פון דעם נייעם רעדאקטאר צוליב זיין פרייער האנדלונג, אבער איך האב איהם דאך געוואלט האבען פאר זיין זשורנאליסטישער קענטשאפט אין אלע צווייגען, סיי אין זשורנאליסטיק סיי אין בעלעטריסטיק און סיי אין פאליטישע ארטיקלען. שוין דא אין מאנטרעאל איז ער מיט אמאל שטארק פרום געווארען, און ווען ער האט פארלאזט אונזער צייטונג צו רעדאגירען אן עקסטרעם־רעליגיעזן וואכענבלאט אין ניו יארק, האט ער אנגעגעבען דעם תירוץ, אז ער פארלאזט מאנטרעאל, ווייל די מאנטרעאלער געמיינדע איז ניט גענוג פרום. דאס פרומע וואכענבלאט וואס ער האט רעדאגירט אין ניו יארק, האט געהייסען „דאס אידישע ליכט" און דער ארויסגעבער איז געווען חזן יאסעלע ראזענבלאט ע"ה, וועלכער האט אויף דעם גע'פטר'ט זיין פארמעגען. דארטען האט הירש געשריבען אזעלכע עקסטרעם רעליגיעזע ארטיקלען, אז דאס בלעטעל האט געהאט דעם אויסזעהן פון אן אלטער ווייבערישער תחינה, געשריבען פון שרה בת טובים, אבער ער איז דאך געווען א נוצליכע קראפט אין העלפען בויען דאס אידישע מאנטרעאל בעת ער איז דא געווען פאר א צייט פון 12 יאהר.

אונזער עלטסטער מיטארבייטער פון דעם ערשטען טאג וואס די צייטונג איז ערשינען אין 1907, איז געווען און איז נאך היינט צו טאג דער געלערנטער אין קאנאדער געשיכטע, מר. ב. ג. זאק.

מר. זאק'ס בייטראג אלס היסטאריקער און אלס שרייבער איבער פאליטישע ענינים ווערט שטארק געלויבט ניט נאר צווישען די לעזער אין קאנאדע, נאר אומעטום. זיין נאמען איז אויך גוט באקאנט אין די שטאטען. ער איז א מיט־ארבייטער אין כמעט יעדער ענציקלאפעדיע וואס ערשיינט די לעצטע יאהרען אין די פאראייניגטע שטאטען, ווייל ער איז באקאנט אלס דער איינציגער, וואס איז אומשטאנד צו געבען היסטארישע בילדער סיי פון דעם לאנד קאנאדע און סיי פון איהרע אלטע תושבים, אידען און ניט אידען, און איז באקאנט מיט די בויער פון קאנאדע און מיט די אלטע בויער פון אידישען לעבען דא אין לאנד.

ס'איז לעצטענס דערשינען זיינס א ווערק: „די געשיכטע פון די אידען אין קאנאדע, וואס אנטהאלט די געשיכטע פון די ערשטע אידען, וואס האבען געהאלפען בויען דאס לאנד און אפילו פון אידען אין אויסלאנד, וואס האבען געהאלפען קאנאדע אין די ערשטע צייטען פון איהר אויפבוי. דאס איז א גרויסער בייטראג פאר קאנאדע און איבערהויפט פאר קאנאדער אידען, וועלכע ווייסען אפילו ניט, אז די אידען האבען גענומען א גרויסען אנטייל אין די ערשטע אנטוויקלונגס־פעריאדען פון אונזער לאנד.

אונזער היינטיגער רעדאַקטאָר, ישראל ראַבינאָוויטש, איז געוואַקסען מיט דער צייטונג צוגלייך פאַר די לעצטע פינף און צוואַנציג יאָהר. עס וועט זיכער ניט זיין איבערטריבען, ווען איך וועל זאָגען, אַז ער איז איינער פון די געציילטע בויער פון אונזערע געמיינדעס אין דעם לאַנד. זיינע לאַגישע און קינסטלעריש־געשרי־בענע אַרטיקלען אין דער צייטונג ווערען געלעזען ניט נאָר דאָ אין לאַנד, נאָר אומעטום. אין וועלכען לאַנד איך בין געקומען בעת מיינע רייזעס אין אייראָפּאַ און ארץ ישראל האָט מען אין די ליטעראַרישע קרייזען אויסגעדריקט באַוואונ־דערונג פאַר י. ר. און זיינע טעגליכע קאָלומס, ווי פאַר זיינע עדיטאָריעלס און לאַגישע אַרטיקלען.

מר. ראַבינאָוויטש ווערט אויך באַטראַכט אַלס אַ מומחה אין נגינה און אין אידישער נגינה בפרט. זיינע קריטישע אָפּהאַנדלונגען איבער מוזיק און טע־אַטער, אַזוי גוט ווי איבער אידישער נגינה, ווערען באַטראַכט אַלס אויסנאַהם.

מר. ראַבינאָוויטש האָט אויך אַרויסגעגעבען אַ בוך איבער אידישער נגינה, וואָס האָט געקראָגען די בעסטע לויב געזאַנגען פון אַלע קריטיקער פון די אידישע צייַ־טונגען איבער דער וועלט.

מר. ראַבינאָוויטש באַלאַנגט ניט צו קיין פּאַרטיי, לויט מיר איז באַוואוסט, און דאָך באַלאַנגט ער צו אַלע פּאַרטייען. ער איז טאָלעראַנט צו אַלע פּאַרטייען, אַפילו אויב זיי שטעהען אין עקסטרעמען געגענזאַץ צו זיינע אַנזיכטען, אבער ער ווייס אַלע מאָל די גרעניץ און איז ניט צעשוואָומען.

אין זיין 25־יאָהריגער קאַריערע אין אונזער צייטונג האָט נאָך ניט געטראָפען, אַז מיר זאָלען האָבען וועלכען פּאַרדרוס איינער אויפ'ן אַנדערען, און איך האָף אַזוי אָנצוהאַלטען מיין גוטע באַציהונג מיט איהם ווי לאַנג עס איז מיר באַשערט צו לעבען צוזאַמען מיט איהם.

און נאָך אַ מיטאַרבייטער וואָס איך וויל דערמאָנען, איז דער יונגער פּאָעט און געלערטער א. מ. קליין, דעם רעדאַקטאָר פון אונזער ענגלישען זשורנאַל די „דזשוּאיש קראָניקל". איך באַטראַכט מר. קליין אַלס אַ צוקונפטיגען פיהרער אין אונזער געמיינדע, ווייל ער באַזיצט אויסער הויכע בילדונג, אויך גרויסען זשור־נאַליסטישען און ליטעראַרישען טאַלאַנט. ער איז איצט אַנערקענט אַלס איינער פון די בעסטע אידישע פּאָעטען אויף דער ענגלישער שפּראַך און ער איז שטאַרק אַנגענומען אין ענגלישע און אין פראַנצויזישע קרייזען. ער איז אַ יונגערמאַן מיט אַ סאָלידען אידישען הינטערגרונט. ער באַזיצט אויך אַ גאָר פיינע אָראַטאָרישע קראַפט. זיינע גרויסע פעהיגקייטען זאָגען איהם פאָראויס אַ גאָר גרויסע צוקונפט.

קאַנאַדער אידען מעגען זיין אַ געוויסען גראַד שטאָלץ זיין מיט פילע אידישע טאַלאַנטען וואָס האָבען געהאַט די ערשטע געלעגענהייט זיך צו ענטוויקלען אויף די שפּאַלטען פון אונזערע צוויי צייטונגען.

אַזוי קענען מיר דערמאָנען דר. א. א. ראָבאַק, וועלכער איז איצט באַקאַנט

אַלס איינער פון די גאָר וויכטיגע געלערנטע אויפ׳ן געביט פון פּסיכאָלאָגיע און אַנדערע געביטען. דר. ראַבאַק האָט פּאַקטיש אָנגעהויבען זיין קאַריערע אַלס שרייבער אין אונזער צייטונג און איז אַ געוויסע צייט אויך געווען רעדאַקטאָר. עד היום האַלט דר. ראַבאַק אָן אַ וואַרימען קאָנטאַקט מיט זיין היים־שטאָט מאָנט־רעאַל און מיט די מענשען פון אונזער צייטונג.

אין מאָנטרעאַל און טאַקע אויך אויף די שפּאַלטען פון אונזער צייטונג האָט זיך אַנטוויקעלט דער פּאָעט י. י. סיגאַל, וואָס איז איצט אָנערקענט ווי איינער פון די אָנגעזעהענסטע אידישע פּאָעטען. נאָך אַ סך אַנדערע ליטעראַרישע טאַלאַנטען האָט די דאָזיגע צייטונג אַרויסגעבראַכט און געגעבען אַ מעגליכקייט זיך צו אַנט־וויקלען.

דאַ דאַרפען אויך דערמאָנט ווערען אַזעלכע צוויי וויכטיגע מענשען ווי מייקעל גאַרבער און א. ב. בענעט. ביידע זענען פּראָמינענט אין געזעלשאַפטליכען לעבען, אָבער האָבען אויך אַ גאָר ענגע שייכות מיט׳ן געדרוקטען וואָרט. מייקעל גאַרבער האָט מיט יאָהרען צוריק געשריבען אַרטיקלען פאַר׳ן „קענעדער אַדלער״ און אויך אָנגעפיהרט אַ וועכענטליכען קאָלום אין „קענעדיען דזשואיש קראָניקל״ דאָס זעלבע און נאָך מיט מעהר באַטאָנונג לאָזט זיך זאָגען וועגען בענעט׳ן. אין זיינע סטודענטישע יאָהרען איז בענעט געווען כמעט אַ טעגליכער מיטאַרבייטער אין „קענעדער אַדלער״ און שפּעטער האָט ער זיך גענומען צו ענגליש און איז געוואָרען איינער פון די פיינסטע אידישע פּובליציסטען אויף דער ענגלישער שפּראַך. זיין קאָלום אין „קראָניקל״ ווערט עד היום געלייענט מיט גרויסען אינטערעס. ביידע, גאַרבער און בענעט, שפּילען אַ פיהרענדיגע ראָלע אין קאַנאַדער אידישען קאָנגרעס. דער ערשטער איז פאָרזיצער פון דער מזרח־דיוויזיע און דער צווייטער איז ביז דער לעצטער צייט געווען פאָרזיצער פון דער צענטראַלער דיוויזיע.

הכלל, ווען איך קוק צוריק צו די 35 יאָהר פון מיין טעטיגקייט אין דער אידי־שער געמיינדע דורך מיינע געשאַפענע צייטונגען, צעהל איך אויך אריין די טעטיג־קייט פון געבען אידישע יונגע טאַלאַנטען אַ געלעגענהייט זיך צו ענטוויקלען און צו דער זעלבער צייט דעקען אַ טייל פאַר זייערע בילדונגס־הוצאות, און געבען זיי די אַטמאָספערע צו ווערען אמת׳ע אידישע כלל טוער.

איין און דרייסיגסטער קאַפּיטעל

סודות פון דער רעדאַקציע

איך גלויב, אז איך וואלט ניט יוצא געווען די „הלכות זכרונות״, ווען איך זאל ניט דערמאנען אייניגע זאכען וואס זענען פארבונדען מיט׳ן ארויסגעבען א אידישע צייטונג.

פאראן א גרויסע טייל אידישע לעזער וואס דענקען, אדער האלטען, אז די צייטונג איז זייער העכסטע אינסטאנץ אין דעם אידישען געמיינדע לעבען, און אז די צייטונג איז אזא „באשעפעניש״, וואס פאר איהר איז קיין זאך ניט שווער דורכצופיהרען סיי אין דעם לעבען פון יעדען יחיד און סיי אינ׳ם לעבען פון דער געמיינדע. און אז מ׳זאגט אפטמאל אזא יחיד, וואס קומט מיט שווערע פראבלעמען פון זיין אדער איהר פאמיליען־לעבען, אדער מיט טענות צו וועלכער עס איז אינסטיטוציע, נאכדעם ווי מ׳הערט אויס זיינע אדער איהרע טענות, אז ליידער קענען מיר צו דעם גארניט טאן, שטעהט יענער אדער יענע פארוואונדערט: „סטייטש! איהר זאלט ניט קענען העלפען, טא ווער דען? אלע זאגען דאך מיר, אז נאר איהר קענט עפעס טאן צו העלפען״. לויט דער איינבילדונג פון א גרויסען טייל לעזער, איז די רעדאקציע כסדר פארנומען מיט אזעלכע ענינים, וואס האבען גארניט צו טאן מיט רעדאקציאנעלע אנגעלעגענהייטען.

און מיר האבען א כלל, אז ווי באלד יענער אדער יענע קומט שוין צו אונז מיט אזוי פיל צוטרוי, אז מיר האבען די „רפואה צו אלע מכות״, טא ווי קען מען דאס זיין אזוי שלעכט און ניט אויסהערען און טאקע פרובירען צו העלפען? פארנעהמען טאקע אזעלכע פריוואטע אינטערעסען א גרויסען טייל פון דער צייט פון די הויפט מיטארבייטער איך אונזער צייטונג.

איך האב דעריבער געפונען פאר נויטיג צו פארצייכענען עטליכע פון אזעלכע אומצייליגע עפיזאדען. וועלכע האבען זיך אפגעדרוקט אין מייך זכרון.

איך וועל פריהער ערקלערען מיינע לעזער, דאס די לעצטע צייטען דינט מיר מיין זכרון ניט אזוי גוט, „מסתמא די עלטער״. אבער דאס איז אלץ געזאגט וועגען זאכען אדער פאסירונגען פון היינט און נעכטען, אבער וואס אנבאלאנגט זכרונות פון אמאליגע יאהרען, זענען זיי ביי מיר איצט גאר־גאר פריש. א דאקטאר פון פסיכאלאגיע האט מיר געזאגט, אז דאס איז גאנץ נאטירליך, ווייל אין דער צייט ווען דער זכרון הויבט אן ווערען שוואכער פאר היינטיגע און נעכטיגע פאסירונגען, ווערען דאן שטארקער די זכרונות פון יאהרען צוריק. דער מוח, זאגט מיר דער ספעציאליסט, איז אנגעפילט און איבערגעארבייט, אזוי, אז די „דרוק־מאשין״ איז

מוח האט שוין קיין פלאץ ניט פאר נייער „דרוק־ארבייט" און אזוי ווי קיין נייע „דזשאבס" נעמט ער מעהר ניט אן, קען ער דאריבער זיך אפגעבען מיט די אלטע זכרונות וואס האבען אנגעפילט דעם מוח.

און איך דענק, אז דער ספעציאליסט איז גערעכט. א סימן, אז אזוי ווי איך הויב אן שרייבען זכרונות פון אמאל, עפענט זיך ביי מיר פשוט א קוואל פון אלע אלטע איינדרוקען, און עטליכע פון די איינדרוקען אין באצוג צו מיין צייטונגס קאריערע וויל איך דא איבערגעבען צו די לעזער.

דאס איז געווען ארום א יאהר נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה און עס קומט צו מיר אריין א מאן מיט'ן אויסזעהן פון א ציגיינער, לויט זיין שווארצקייט, אבער נידעריג אין וואוקס. ער פרעגט מיך אויב איך קען איהם זאגען, ווען די און די שיף (ער רופט אן דעם נאמען) קומט אן קיין מאנטרעאל. זאג איך איהם, אז ער זאל פרעגען די מיידעל אין אפיס, וועט זי פאר איהם אויסגעפינען. אבער דער איך (אז ער איז א איד האב איך בלויז דערקענט אין זיין ריידען אידיש), הויבט מיר אן דערציילען, אז ער קומט פון שיקאגא און אז ער איז אהער געקומען ערווארטען זיינע א טאכטער, וועלכע ער האט איבערגעלאזט אין פוילען אלס יונג קינד און זיין פרוי איז פאר דער צייט געשטארבען. זייט דאן איז שוין אוועק 20 יאהר און ער האט דאס קינד די גאנצע צייט ניט געזעהן, דעריבער איז ער אזוי אונגעדולדיג צו וויסען גענוי ווען די שיף קומט, ווייל ער וויל שוין זעהן זיין איינציג קינד.

איך טעלעפאניר צום אפיס מיידעל זי זאל אנפרעגען ביי דער שיפס קאמפאניע, ווען די שיף קומט קיין מאנטרעאל און זאג דעם אידען ער זאל אריינגעהן אין אפיס און דאס מיידעל וועט איהם שוין געבען די אינפארמאציע, אבער גלייך קומט דער איד צוריק מיר געבען די נייעס, אז די שיף האט זיך פארשפעטיגט און קומט ערשט מיט צוויי טעג שפעטער.

דורך די צוויי טעג איז דער איד מיך געקומען באזוכען עטליכע מאל, ביז איינמאל קומט ער צוריק פון שיף מיט א מיידעל, וואס האט פשוט באלויכטען דעם אפיס מיט איהר שעהנקייט. מיר איז גלייך ארויפגעקומען דער געדאנק: ווי קומט אזא כמעט מנול'דיגער פנים צו אזא הערליך שעהנע טאכטער? ער שטעלט מיר פאר זיין טאכטער און זאגט צו איהר: „אט פרעג דעם מאן, ער איז דער רעדאקטאר פון א אידישער צייטונג, אדרבא, פרעג איהם. און איך זעה, אז דאס מיידעל איז עפעס פארטרויערט, יעדענפאלס, ניט אזא פרעהליך פנים, ווי מ'דארף האבען ווען מ'דערזעהט דאס ערשטע מאל א פאטער. און דער פאטער זאגט מיר: „מיין טאכטער, זאל לעבען, גלויבט מיר ניט, אז איך בין איהר פאטער און זי האט מורא זיך צוריהרען צו מיר". און דאס מיידעל קערט זיך אום צו מיר און פרעגט מיך, צי איך קען ריידען פויליש. איך פרעג זי צי זי קען ניט ריידען קיין אידיש. דא פלאצט זי אויס אין א געוויין און זאגט מיר אין אידיש, אז זי וויל ריידען מיט

מיר ניט אין דער געגענוואַרט פון דעם מאַן, אַנווייזענדיג אויף איהר פאַטער.

איך האָב געהייסען דעם מאַן פאַרלאָזען דעם אָפּיס אויף אַ ווײלע און דאָס מיידעל צעוויינט זיך אויפסניי. „איך גלויב ניט, זאָגט זי, אַז דאָס איז מיין פאַטער; ווען איך האָב איהם דערזעהן, זאָגט זי, האָט מיך אַזש אַ שרעק אָנגעכאַפּט, און איך האָב מורא אויב דאָס איז ניט קיין ווייס־שקלאַפּען הענדלער".

„ביי וועמען זענט איהר געווען אין פוילען?" פרעג איך, און זי זאָגט מיר, אַז זי איז אויפגעצויגען געוואָרען ביי אַ מומע, איהר מוטער'ס אַ שוועסטער.

„האָט איהר נאָך עפּעס פאַמיליע אין שיקאַגאָ?" פרעג איך זי. און זי זאָגט מיר: „אויך דאָרט האָב איך אַ מומע, מיין מוטער'ס אַ שוועסטער, און אַז אַנקעל פון דער מוטער'ס צד, אָבער ערשט מיט אַ יאָהר צוריק גלייך נאָך דער מלחמה, האָב איך געקראָגען בריוו פון אַ פאַטער. מיין מומע האָט אויך געקראָגען בריוו, אָבער זי האָט זיי מיר ניט געוויזען, און איצט ווען איך האָב געקראָגען די שיפסקאַרטע מיט געלט פון פאַטער, האָב איך מיך אַרויסגעלאָזט אין וועג, און דאָ איז עפּעס אַן אומגליק: דער מאַן זאָגט ער איז מיין פאַטער, אָבער דאָס הארץ זאָגט מיר, אַז איך פאַל דאָ אַריין אין אַ צרה'דיגער לאַגע".

איך האָב דאָס מיידעל באַרוהיגט, און איהר פאַרזיכערט, אַז מיר וועלען פאַר איהר אויסגעפינען ווער דער מאַן איז. מיר וועלען שוין אַכטונג געבען, אַז איהר זאָל קיין שלעכטס ניט געשעהן. איך האָב דאַן אַריינגערופען דעם „פאַטער" און פאַרלאַנגט ער זאָל מיר געבען דעם אַדרעס פון זיין שוועסטער אין שיקאַגאָ און ער האָט מיר גלייך געגעבען דעם אַדרעס.

איך האָב דאַן אָנגעשריבען אַ בריוו צו דער שוועסטער, אָנפרעגענדיג צי אַלץ וואָס דער מאַן דערציילט איז אמת, און כדי צו זיין גאָר זיכער, האָב איך אויך געשריבען אַ בריוו צו דעם „אידישען קוריער" אין שיקאַגאָ, אַז אימיצער זאָל דאָרט אויסגעפינען דעם אמת, אָנגעבענדיג זיי דעם אַדרעס פון דער מיידעל'ס מומע. איך האָב דערווייל געזוכט צו באַרוהיגען דאָס מיידעל און איהר געזאָגט, אַז זי דאַרף זיך ניט זאָרגען.

„ער האָט דאָך, זאָגט זי מיר, געוואָלט איך זאָל דערווייל וואוינען אין אַ צימער מיט איהם און איך וויל דאָס ניט".

דאָ האָב איך געראָטען דעם פאַטער, אַז ביז מיר וועלען אויסגעפינען אַלע איינצעלהייטען זאָל דערווייל דאָס מיידעל וואוינען באַזונדער און האָב טאַקע רעקאָמענדירט אַ צימער פאַר דעם מיידעל ביי אַ באַקאַנטער פאַמיליע וואו איך האָב אָנגעזאָגט זיי זאָלען אויף איהר אַכטונג געבען ביז איך וועל באַקומען ענטפער פון שיקאַגאָ.

מיט עטליכע טעג שפּעטער קריג איך צוויי בריוו פון שיקאַגאָ. איינער פון איהר מומע, אַז אַלץ איז ריכטיג, דער מאַן איז טאַקע איהר פאַטער. דאָס זעלבע שרייבט מיר אויך אַ מיטאַרבייטער פון „קוריער", אַז ער איז געווען ביי דער

פאמיליע און געפינט זײ אלס א זעהר אנשטענדיגע ארענטליכע פאמיליע און זײ האבען איהם געזאגט, אז דער מאן איז באמת איהר פאטער. איך האב געלאזט רופען דאס מײדעל און זי איז געקומען מיט דעם פאטער. איך האב זײ ערקלערט וועגען די ענטפערס, וואס איך האב באקומען.

דער איך האט זיך זעהר געפרעהט און געזאגט, אז ער גטהט גלײך קויפען צווײ טיקעטס קײן שיקאגא און וועט אפפארען מיט דער טאכטער אין אווענט, אבער דאס מײדעל ציטערט אלץ פאר מורא און טענה׳ט, אז זי וועט ניט פארען. עפעס זאגט איהר דאס הארץ, אז דא איז עפעס ניט גלאטיג. הכלל, איך זאג דעם פאטער ער זאל נאך פארברענגען עטליכע וואכען אין מאנטרעאל ביז דאס מײדעל וועט זיך צו איהם מעהר צוגעוואוינען. דער פאטער באשטעהט אויך אויף דעם און גיט דאס מײדעל פופציג דאלאר דערווײל אויף איהרע באדערפעניסען.. איך זאג צו דער מײדעל זי זאל אונז קומען זעהן פון צײט צו צײט, כדי מיר זאלען וויסען די ווײטערע אנטוויקלונגען.

דאס מײדעל קומט כסדר און דערצעהלט, אז דער פאטער גיט איהר גענוג געלט און ווײזט איהר ארויס וואס א טאג אלץ מעהר פרײנדשאפט, אבער זי גלויבט אלץ ניט. זי האט שוין אויך געהאט ברוגז פון איהר מומע, וועלכע פרעגט בײ איהר פארוואס זי קומט ניט מיט׳ן פאטער. איך ראט איהר זי זאל פארען קײן שיקאגא און איך וועל ווײטער שרײבען צום „קוריער״, אז אימיצער פון דער רעדאקציע זאל זי אפווארטען בײ דער באן און פרובירען צו לעזען דעם פראבלעם פאר דער מײדעל.

איך האב גענומען געלט בײם פאטער און געקויפט צווײ טיקעטס און באזונדערע שלאף־פלעצער אין צווײ באזונדערע וואגאנען. איך האב גלײכצײטיג טעלעגראפירט צום „קוריער״, ווען זײער באן קומט אן און זײ זענען אוועקגעפארען. מיט זײער אוועקפארען איז בײ מיר די געשיכטע געווען געענדיגט. און כאטש איך האב איהר אנגעזאגט דאס זי זאל מיר שרײבען וועגען אלץ, האב איך אבער ניט געהערט פון איהר און די געשיכטע איז ארונטער פון מײן זכרון און אזוי האט זיך עס געצויגען ביז 1938.

אײנמאל אין א פארנאכט פון חודש אויגוסט 1938, דאס הײסט אין 18 יאהר ארום נאך דער באשריבענער פאסירונג, ווען איך האב פארלאזען די רעדאקציע צו געהן אהײם, קומט מיר אנטקעגען א פרוי, זעהר א שעהנע, פון אריסטאקראטישען אויסזעהן און שטעלט מיך אפ בײם טיר. אין א פײנעם ענגליש פרעגט זי מיך: „זײט איהר מר. וואלאפסקי?״ און איך ענטפער איהר: „יא, דאס בין איך״. פרעגט זי מיט א שמײכעל: „דערקענט איהר מיך?״ — „נײן״, זאג איך, „ווער זײט איהר?״ און זי פרעגט מיך: „געדענקט איהר מיט 18 יאהר צוריק, ווען א אידי, א שווארצער, האט אײך געבאדערט מיט א טאכטער זײנער וואס האט איהם ניט געוואלט אנערקענען פאר א פאטער?״ גלײך האב איך געהאט די גאנצע

געשיכטע ווי פאַר מיינע אויגען. „יאָ, זאָג איך, „און אפשר זענט איהר דאָס טאַקע די טאָכטער?" — „געוויס", זאָגט זי, „בין איך דאָס די טאָכטער".

„וואָס טוט זיך דאָ?" פרעג איך, „פאַרוואָס האָט איהר אונז ניט געשריבען די גאַנצע צייט?" און זי בעט מיך מיט איהר אריינצוגעהן אין אָפיס, וואו זי וועט מיר אַלץ ערקלערען. אנשטאָט אין אָפיס, בין איך מיט אהר אריינגעגאַנגען אין אַ קאָפעטעריע, די צווייטע טיר פון אָפיס, און באַשטעלט עפּעס צו טרינקען, און די פרוי דערציילט מיר איהר גאַנצע געשיכטע:

„גלייך אויפ'ן באַהן", זאָגט זי, „האָט דער מאַן מיר דערציילט דעם אמת, אַז ער איז ניט מיין פאָטער, נאָר מיינער אַן אָנקעל, און אַזוי ווי ער איז אַן אַלמן און האָט אַביסעל פאַרמעגענס, איז געבליבען ביי זיין שוועסטער, אַז ער זאָל מיך ברענגען און מיט מיר חתונה האָבען. דאָס האָבען זיי בסוד טאַקע געשריבען צו מיין צווייטער מומע אין איירָאפּאַ, אָבער כדי איך זאָל וועלען פאָרען האָט דאָס געדאַרפט הייסען, אַז איך בין זיין טאָכטער. דער פּלאַן איז אָבער געווען איך זאָל ניט קומען דירעקט אין די שטאַטען, ווייל ווי באַלד איך וועל דאָרטען פאַרשריבען ווערען אַלס דעם מאַנ'ס טאָכטער וואָלט ער דאָך מיט מיר ניט געקענט חתונה האָבען, איז באַשטימט געוואָרען, אַז מ'זאָל מיך ברענגען דורך קאַנאַדע, און אין קאַנאַדע האָט ער מורא געהאַט צו דערציילען דעם אמת, ווייל עס וואָלט געהייסען אַ שווינדעל. האָט ער מורא געהאַט מיר דאָס צו אַנטדעקען ביז מיר זענען שוין אַרויס פון קאַנאַדער גרעניץ.

„ווען איך האָב דאָס דערהערט איז מיר לייכטער געוואָרען אויפ'ן האַרץ. איך האָב גלייך געטראַכט: מילא, חתונה האָבען מיט אַזאַ נפש, וועט מיך קיינער ניט קענען צווינגען. און איך האָב איהם געענטפערט: „מילא, דאָס וועט מען שוין זעהן". ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט אַן אייגענע פּראָפּערטי, אויך אַ היבשע סומע געלט, און איז שוין „ריטיירד" פאַר עטליכע יאָהר. אָבער די זאַכען זיינען מיר שוין ניט געגאַנגען אין קאָפּ אריין.

„ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין שיקאַגאָ, האָט ביי דער באַהן אונז באַגעגענט אַ היבשע משפּחה און טאַקע אויך אַ מאַן פון דער צייטונג, אָבער ער האָט אונז גלייך פאַרלאָזט, ווייל ער האָט שוין געהאַלטען, אַז זיין עובדא איז דער אַנגעלעגענהייט איז פאַרענדיגט. מיר זענען אָנגעקומען צו דער מומע אין הויז, אָפּגעפרעהט זיך אַ היבשע צייט און איך האָב זיך אַביסעל צוגעלעגט, זייענדיג מיד פון דער רייזע, האָב איך דאָן אין מיין צימער געהערט, ווי מיין מומע זאָגט צו איהר מאַן: „עס איז פּשוט אַן עבירה אָפּצוגעבען אַזאַ יונגע שעהנע בלום צו אַזאַ אַלטען אָפּגעלעבטען מאַן".

„איך האָב דאָס געהערט און געטראַכט: „בישקשה, די בלום וועט שוין ניט באַלאַנגען צו דעם באַשעפעניש".

„דעם צווייטען טאָג האָט מיך מיינער אַ קאַזין אַרויסגענומען פאַר אַ שפּאַציר.

אין פראנט פון דעם זעלבען הויז איז געווען א סטאר פון טאבאק, דרינקס און קענדיס. האט מיך מיין קאזין אהין אריינגעפיהרט צו נעהמען א סאדא. דער סטארקיפעל האט געהאט א זוהן, א נאר וואס געענדיגטען דענטיסט. צו מאכען די געשיכטע קורץ, ער, דער דענטיסט, האט זיך אין מיר שטארק פארליבט און איך אין איהם אויך, און עס האט בלויז געדויערט א יאהר, און מיר האבען געהייראט. מיין שווארצער אנקעל איז אבער דורך דער צייט קראנק געווארען און איז גע־שטארבען. פאר'ן טויט האט ער פונדעסטוועגען געהאט אפגעשריבען אויף מיר זיין הויז מיט 10 טויזענט דאלאר, און דאס איז מיר זעהר צונוץ געקומען. מיין מאן האלט טאקע זיין אפיס אין דער זעלבער געביידע און איצט האבען מיר דריי קינדערלאך און לעבען זעהר גליקליך.

„מיט עטליכע וואכען צוריק האב איך עפעס ניט געפיהלט אמבעסטען, און א דאקטאר האט געזאגט, אז איך זאל פארען פאר עטליכע וואכען קיין בעטעלקריק, מישיגען, און מיין מאן האט מיך צוגערעדט, אז איך זאל פארען. האב איך מיט איהם אויסגענומען א תנאי, אז ער זאל מיר ערלויבען פארען קיין מאנטרעאל, כאטש אויף איין טאג, אום אייך צו זעהן און אייך צו דערציילען מיין געשיכטע, ווייל עס האט מיך פארדראסען וואס איך האב אייך ביז גאנצע צייט ניט געשריבען.

„הכלל, מיין מאן האט דאס מיר ערלויבט, נאכדעם ווי ער האט זיך נאכגע־פרעגט אין דער שיקאגער צייטונג אויב איהר לעבט און געפינט זיך נאך אין מאנטרעאל מיט דער צייטונג. און אט בין איך דא, און וועל נאך היינט ביינאכט נעמען די באהן קיין בעטעלקריק".

מילא, דער אינצידענט האט אפשר פארנומען צופיל פלאץ, אבער איך האב געדענקט, אז עס וועט זיין אינטערעסאנט פאר די לעזער, ווי אן אילוסטראציע פון די זאכען וואס עס קומען צו דער אויפמערקזאמקייט פון א רעדאקציע.

א זיידע פאר'סמ'ט אן אייניקעל

און אט איז נאך אן אינטערעסאנטער עפיזאד, וואס האט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון:

דאס איז אויך שוין א געשיכטע פון וועלכע צוואנציג יאהר. איך בין צופעליג געשטאנען אונטער'ן קאונטער פון דעם „ביזנעס אפיס", קומט אריין אן עלטערער איד און דערלאנגט מיר א שטיקעל פאפיר מיט א האלבען דאלאר און זאגט: „אדווערטייזט דאס".

איך האב דאס פאפיר מיט'ן געלט צוגעשארט צו דעם אפיס מיידעל און דער איד איז ארויס פון אפיס, ניט ווארטענדיג אויף א רעסיט, אדער רעשט פון די פופציג סענט.

ווען דאס אפיס מיידעל האט איהם צוריקגערופען פאר זיין רעשט, האב איך

אַ בליק געגעבען אויף דעם מאַן, און עפּעס האָט ער אויף מיר געמאַכט אַ באַזונדערען איינדרוק, אָבער איך האָב עס גלייך פאַרגעסען.

צומאָרגענס פריה, ווען איך בין געקומען אין רעדאַקציע, הער איך אַ געשריי אין אָפּיס. „וואָס איז דאָ?" פרעג איך, און איך הער ווי אַ יונגע פרוי שרייט: „פאַרוואָס האָט איהר פאַרשמוצט מיין נאָמען? עס איז דאָך אַ ליגען!" און ווי איך האָב דאָס דערהערט, האָט מיר גלייך אַ שוועב געטאָן פאַר'ן פּנים דאָס געשטאַלט פון דעם אַלטען מאַן און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָ האָט ער עפּעס אָפּגעטאָן אַ שפּיצעל.

הכלל די פרוי ווייזט מיר די צייטונג מיט אַן אַנאָנס, וואו עלטערען באַקלאָגען זיך, אַז זייער טאָכטער איז אַנטלאָפען מיט אַ קאָמפּאַני אַקטיאָרען, און זיי בעטען רחמנות: ווער עס ווייסט וואו זיי געפינען זיך זאָל מען זיי לאָזען וויסען. דערביי איז געווען אַנגעגעבען דער נאָמען פון דער פרוי מיט איהר אַדרעס.

„הערט, זאָג איך צו דער פרוי, מיר קענען אייך ניט, און האָבען קיין אורזאַך ניט צו באַליידיגען אייך אָדער אייער טאָכטער. דאָס האָט געמוזט טאָן אייערער אַ שונא. אַז איהר וועט זיך באַרוהיגען און זאָגען וועמען איהר פאַרדעכטיגט, וועלען מיר אייך העלפען אויסגעפינען ווער עס האָט אייך אָפּגעטאָן דאָס שפּיצעל".

„איך האָב ניט קיינע שונאים", ענטפערט די פרוי.

„דאָך, זאָג איך, דאָס האָט דאָך קיין פריינט ניט געטאָן!"

„כ'ווייס, זאָגט זי, איך בין ברוגז מיט מיין שווער, נו, וועט ער דאָס טאָן זיין זוהן און זיין אייניקעל?"

„איהר האָט אפשר אַ בילד פון אייער שווער?" פרעג איך דער פרוי. „אויב יאָ, ברענגט מיר די בילד".

דעם צווייטען טאָג קומט שוין דער מאַן און זאָגט מיר: „איהר האָט געזאָגט מיין פרוי, אַז מיין פאָטער האָט אריינגעגעבען דעם אַנאָנס?"

„ניין, זאָג איך, איך האָב בלויז געפרעגט צי זי האָט שונאים, האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי איז בלויז ברוגז מיט איהר שווער, האָב איך געוואָלט זי זאָל מיר ווייזען דאָס בילד פונ'ם שווער".

„אָט האָט איהר דאָס בילד", זאָגט מיר דער מאַן. איך גיב אַ קוק און זעה, אַז דאָס איז טאַקע דער איד, וועלכער האָט אויף מיר געמאַכט אַזאַ באַזונדערען איינדרוק ווען ער האָט געבראַכט דעם אַנאָנס.

ביי מיר האָב איך באַשטימט, אַז די מעשה מיט די אַקטיאָרען דאַרף זיין אמת. איך בין אַוועק צום אַלטען און אויסגעפונען, אַז ער האָט שוין גאָר קיין בלבול ניט געמאַכט. ווען איך בין צוריקגעקומען האָט די פרוי אויף מיר געוואַרט אין אָפּיס. איך האָב איהר געזאָגט: „וואָס האָט איהר געמאַכט געוואָלדען, די מעשה איז דאָך אמת".

„אמת'', זאגט זי, „מיין טאכטער איז טאקע מיטגעפאהרען מיט די אקטיארען, אבער די טעג קומט זי צוריק''.

א פרוי באקלאגט זיך אויף איהר מאן

קומט צו מיר אין רעדאקציע א מיטעליעהריגע פרוי און פאנגט גלייך אן צו וויינען: „איך בין אייך געקומען פרעגען אן עצה'', זאגט די פרוי, און וויינענדיג דערצעהלט זי: „איך בין פארהייראט מיט א מאן צום צווייטען מאהל איך ווייס ניט צי זאל איך איהם אנקלאגען, צי זאל איך איהם רופען פאר א רב. איך קען ביידע זאכען ניט טאן'', און די פרוי האלט אין איין וויינען, ביז איך העלף איהר שוין ארויס:

„אייער מאן האט אייך געשלאגען?''

„אוי, ענטפערט זי, שלאגען זאל ער מיך נאך?''

„ער גיט אייך ניט גענוג צום לעבען?'' — „חלילה, זאגט זי, „ער גיט מיר אוועק זיינע וויידזשעס''.

טא וואס קלאגט איהר זיך?

און זי הויבט אן דערציילען:

„זייט מיר זענען אריבערגעקומען פון די סטייטס, איז ער געווען גוט צו מיר. אז ער איז אמאל געקומען שפעט פון דער ארבייט, האב איך זיין סאפער אוועק־געשטעלט אויפ'ן טיש און זיך אוועקגעלעגט, אבער ער האט באין אופן ניט געוואלט עסען ביז איך האב געמוזט אויפשטעהן מיט איהם צו עסען'' (און דא פלאצט זי ווידער ארויס אין א געוויין), „איצט איז שוין דא א קינד, און נעכטען ביינאכט איז ער אריינגעקומען זעהר שפעט און איך בין שוין געשלאפען, האט ער אפגעגעסען און איז דער פריה צוריק אוועק צו זיין סטרייק־קאמיטע (עס איז דאן געווען א סטרייק) און האט אפילו קיין „גוט מארגען'' מיר ניט געזאגט''.

איך באטראכט די פרוי, וואס דארף זיין שוין ארום די פערציגער און טראכט וועגען דעם וואס זי האט מיר געזאגט. זי קען ניט געהן צו קיין געריכט און ניט געהן צו א רב, אבער פאר אזא קלייניגקייט ווי דאס וואס דער מאן האט אפגע־געסען סאפער אהן איהר, וויינט זי אזוי שטארק. מוז די פרוי האבען עפעס „געוויסענסביסע'', ווי מ'זאגט. שטעל איך איין און פרעג זי: „זאגט מיר דעם אמת, ווי לאנג האט איהר געקענט דעם איצטיגען מאן אייערען אין דער צייט ווען איהר האט נאך געלעבט מיט אייער פריהערדיגען מאן?'' און זי ענטפערט מיר גלייך „אנדערהאלבען יאהר''.

„האט איהר זיך גע'גט מיט אייער פריהערדיגען מאן ''

„יא, זאגט זי, נאכדעם ווי איך האב שוין געלעבט מיט דעם מאן''.

מילא, וואס ווייטער איז געווען איז שוין ניט וויכטיג פאר'ן לעזער. איך

האָב נאָר געוואָלט ווייזן, ערשטענס, מיט וואָס מ׳קומט צו אַ צייטונג, און דורך די אַלע ערפאַרונגען מוז מען שוין פאַרשטיין די מענשען פּסיכאָלאָגיש.

לויט די נאַרישע טענות וואָס זי האָט פאַרגעלעגט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זי האָט געמוזט פאַרלאָזן אַ מאַן און אפשר מיט קינדער, ווי עס איז טאַקע געווען דער פאַל, און אַנטלאָפן מיט דעם מאַן קיין קאַנאַדע, און דאָס געוויסען פּלאָגט זי, אָבער ווען זי זעהט, אַז ער ווערט קיהלער צו איהר, ווערט זי זעהר נערוועז. צום געריכט קען זי ניט געהן, צו אַ רב אודאי ניט, אָבער עס איז איהר ביטער.

אַ מאַן באַקלאָגט זיך אויף זיין פרוי׳ס שוועסטער

קומט צו מיר אַ מאַן און בעט מיך איך זאָל איהם אויסהערען: „מיך, זאָגט ער, האָט אַהערגעבראַכט פון אייראָפּע מיין שוועגעריז, און ווען איך בין אַהער געקומען, איבערלאָזענדיג אין אייראָפּא מיין פרוי און קינדער, האָט מיין שוועגערין מיר געגעבען אַ צימער און אויך עסען. זי האָט פון מיר קיין געלט ניט פאַרלאַנגט. איצט איז שוין אַנדערהאַלבען יאָהר. איך האָב אַנגעזאַמעלט אַביסעל געלט אין באַנק, אָבער דאָס געלט איז אויףביידע נעמען, מיין שוועגערינ׳ס נאָמען און מיינעם; זי, מיין שוועגעריז, האָט אָבער דאָרט קיין סענט ניט אריינגעלעגט. איצט וויל מיין שוועגערין איך זאָל אַהער ברענגען מיין פרוי און קינדער, אַנדערש וויל זי באַצאָלט פאַר די אַנדערהאַלבען יאָהר, וואָס איז מעהר ווי איך פאַרמאָג אין באַנק״.

„ווי אַזוי איז זי אייער שוועגערין?״ פרעג איך, און ער ענטפערט מיר: „זי איז מיין פרוי׳ס שוועסטער״.

„און פאַרוואָס ווילט איהר אייער פרוי ניט ברענגען?״ פרעג איך.

„כ׳ווייס, זאָגט ער, איך האָב נאָך צייט״.

„אַלזאָ, פרעג איך, וואָס ווילט איהר פון מיר?״

„איך וויל, זאָגט ער, איהר זאָלט דאָס באַשרייבען אין אייער צייטונג. ס׳טייטש, אַזאַ רציחה, איך זאָל איהר איצט באַצאָלען פאַר׳ן עסען און רום, וואָס זי האָט מיר געגעבען אומזיסט, אַז ניט לאָזט זי מיר ניט ארויסנעהמען פון באַנק מיין פאַרהאָרעוועט געלט״.

די געשיכטע האָט מיר אַביסעל אויפגערעגט, און איך זאָג איהם: „אייער שוועגערין האָט אייך אַהער געבראַכט און אייך געהאָלפען און אויך אייך אויסגעהאַלטען ביי זיך אין הויז, איז דאָס געווען צוליב אייך אָדער אייער שוועסטער? און זאָג איך, אויב איהר ווילט איהר שוועסטער ניט ברענגען, וואָלט זי געווען ניט קיין מענש נאָר אַ בהמה, זי זאָל אייך דאָס געלט אַרויסגעבען. ניט נאָר דאַרפט איהר באַצאָלען וואָס זי מאָנט, נאָר זי דאַרף אייך נאָך צוריקשיקען קיין אייראָפּא, ווען זי זאָל דאָס קענען. יאָ, זאָג איך, איך וואָלט דאָס באַשרייבען אין דער צייטונג נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט ווי אַן איידעלע פרוי איז זיך כמעט מקריב פאַר

איהר ארימער שוועסטער, וועלכע איז אומגליקליך צו האבען אזא כאראקטערלא־זען מאן ווי איהר זענט״. און איך האב איהם געהייסען פארלאזען דעם אפיס.

מיט עטליכע שטונדען שפעטער קומט צו מיר א פרוי, און פרעגט מיר, צי דא איז ניט געווען איהרער א שוואגער זי פאר׳מסר׳ן, ווייל זאגט זי, ער האט זי געסטראשעט, אז ער געהט זי ״באשרייבען״ אין ״קענעדער אדלער״. איך האב איהר דערציילט, אז דער מאן איז דא טאקע געווען און וואס איך האב איהם געזאגט. איך האב איהר געראטען זי זאל דורכ׳ן געריכט ארויסקריגען דאס געלט פון באנק, ערקלערענדיג, אז עס איז געזאמעלט געווארען אויףביידע נעמען מיט׳ן ציל צו שיקען נאך זיין פרוי, אדער צו באצאלען פאר זיין רום און באארד.

די פרוי האט מיר זעהר באדאנקט פאר דער עצה און איז אוועק.

מיט א יאהר שפעטער קומט די פרוי ווידער, דאס מאל שוין מיט איהר שוועסטער און דערציילט, אז זי האט טאקע דאס געלט ארויסגעקראגען און גע־שיקט נאך איהר שוועסטער מיט די קינדער. און א דאנק דעם אויבערשטען: זי וואוינט מיט איהר מאן, טאקע ניט קיין גרויסער תכשיט, אבער די פרוי און קינ־דער זענען צופרידען. ״און איך, זאגט די שוועסטער, בין אויך צופרידען, כאטש מיין שוואגער איז מיט מיר נאך אלץ ברוגז״.

אזעלכע און ענליכע עפיזאדען זענען פאראן אין די הונדערטער, און מיר האבען זיי כמעט טעגליך. אבער דאס איז א טייל פון דער רוטינער ארבייט אין א צייטונג, אדער, בעסער געזאגט, אין א אידישער צייטונג, איבערהויפט ווען זי איז די איינציגע אין שטאט.

צוויי און דרייסיגסטער קאַפּיטעל

דער כוח פון אַ ניגון

אין זיין קאָלום „טאָג־איין, טאָג־אויס", האָט ישראל ראַבינאָוויטש געשריבען וועגען דעם באַריהמטען וואַרשעווער חזן קוסעוויצקי, וואָס האָט געמאַכט אַ רייזע איבער די שלאַכט־פעלדער פון רוסלאַנד און געגעבען קאָנצערטען פאַר דער רויטער אַרמיי, קאָמענטירט וועגען דער נייעס, אַז דער כל נדרי ניגון האָט אַזוי היפּנאָטיזירט די ניט־אידישע סאָלדאַטען, אַז זיי האָבען נאָכ'ן קאָנצערט דערציילט, דאָס דער ניגון פון כל נדרי האָט זיי געגעבען נאָך מעהר קוראַזש זיך נוקם צו זיין אַן די אידישע שונאים און מערדער.

דאַמיט האָט דער שרייבער געוואָלט ווייזען, ערשטענס דעם כוח פון כל נדרי ניגון און צווייטענס, אַז אין אַ לאַנד וואו עס הערשט ניט קיין שנאה צו אידען נור אַלע לעבען צוזאַמען און האַרמאָניע האָט כל נדרי דעם כח אויך ביי זיי צו דערוועקען אַ שטימונג פון הייליגקייט און דערביי אויך אַ געפיהל פון באַזונדערען רעספּעקט צו דעם פאָלק וואָס האָט דעם ניגון געשאַפען.

ווען איך האָב איבערגעלייענט דאָס אַרטיקעל זיינען מיר געקומען אייניגע געדאַנקען וועלכע האָבען מיר דערמאָנט וועגען קריסטען, מיט וועלכע איך האָב געהאַט אַ געלעגענהייט צו רעדען וועגען כל נדרי.

ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין אינגעל האָט מיין מוטער ע"ה מיר אַמאָל איבערגעלאָזט ערב יום כפור פאַרנאַכט אין הויז, ווען זי איז אַוועק צו כל נדרי און מיר אָנגעזאָגט אַז איך זאָל פאַרשליסען די טיהר איידער איך וועל אַוועק אין שוהל.

גראָדע האָב איך פאַרגעסען צו פאַרשליסען די טיהר, און בין אַוועק צו מיין פאָטער אין בית המדרש, אָבער איך האָב זיך אַביסעל שפּעטער דערמאָנט, אַז איך האָב פאַרגעסען צו פאַרשליסען די טיהר און דאָס געזאָגט מיין פאָטער.

דאַרויף האָט מיין פאָטער מיר געזאָגט: „נישקשה, יום כפור ביי נאַכט זענען אַפילו די אידישע גנבים אויך אין שוהל און די גוים וועלען היינט ביינאַכט אויך ניט גנב'ענען ביי אַ אידען, ווייל זיי, די גוים, האָבען צו כל נדרי מורא אַריינצוקומען אין אַ אידיש הויז, זיי שרעקען זיך פאַר'ן אידישען גאָט ווען זיי זעהען די גרויסע ליכט ברענען און אידען לויפען אין שוהל אַריין און זינגען דאָס הייליגע געזאַנג צו זייער גאָט. זיי, די קריסטליכע פויערים האַלטען, אַז עס איז אַ מורא זיך אָנצוהייבען מיט אידען אָדער טוען זיי שלעכטעס.

נאָך אַן אינצידענט איבער דעם כל נדרי געדענקט זיך מיר, וואָס איז ווערטה צו דערמאָנען:

זייענדיג אין 1921 אין ירושלים זענען מיט מיר אין האָטעל אַמדורסקי אויך געשטאַנען צוויי ענגלענדער. ווען איך בין יום כפור ביינאַכט געקומען פון שוהל פרעגט מיך איינער פון די ענגלישע קריסטען: „וואָס זענען די ווערטער פון דער מעלאָדיע וואָס מיר האָבען געהערט פאַרבייגעהענדיג אַ שוהל? מיר האָבען דעם ניגון שוין פריהער געהערט אויף קאָנצערטען און מיר זיינען נייגעריג צו וויסען וואָס דער ניגון באַדייט״.

כדי דאָס צו מאַכען קורץ, האָב איך זיי בלויז ערקלעהרט אַז אין שפּאַניע ווען די אידען זיינען געווארען געצוואונגען איבערצוגעהן צום קריסטענטום און האָבען געמוזט שווערען אַז זיי גיבען אויף גענצליך דעם גלויבען אין׳ם אידישען גאָט (אויב זיי האָבען דאָס ניט געטהון זיינען זיי פאַרברענט געוואָרען אויף שייטער הויפענס) זיינען זיי אָבער אין געהיים געבליבען אידען, און יום כפור נאַכט צו כל נדרי האָבען זיי זיך פאַרזאַמעלט אין געהיים ערגעץ אין קעלערען, געבעטען צו גאָט, ער זאָל זיי מוחל זיין די זינד און האָבען מיט דעם אָדער אַן ענליכען ניגון געזונגען דעם כל נדרי, חרטה האָבענדיג אויף די שבועות וואָס זיי האָבען גע־געבען. כדי צו דערמאָנען די אידישע ליידען זינגען מיר אַלע יום כפור נאַכט אַט די תפילה. כאָטש דאָס איז ניט די אָריגינעלע געשיכטע פון כל נדרי, האָב איך אָבער דעמאָלט געהאַלטען אַז אַט דער פּאָלקס גלויבען גיט די בעסטע דערקלערונג.

ביי איינעם פון די צוויי ענגלענדער האָבען זיך דערביי געשטעלט טרערען אין די אויגען.

מוצאי יום כפור, ווען מיר זיינען געקומען פון שוהל, האָבען מיר אויסגעפּונ־נען אַז די צוויי ענגלענדער האָבען ניט געגעסען זייערע מאָלצייטען וואָס זיינען פאַר זיי געווען פאַרבאַרייט. ווען איך האָב זיי געפרעגט די אורזאַכע דערפאַר, האָבען זיי מיר געגעבען דעם ענטפער, אַז זיי האָבען ניט געגעסען אויס מיטגעפיהל מיט די מיליאָנען אידען, וואָס עסען ניט דעם טאָג.

אויף סוכות בין איך געפאָהרען קיין תל אביב און די צוויי ענגלענדער זיינען אויך מיטגעפאָהרען. מיר זיינען דאָרטען איינגעשטאַנען אין איין און דעמזעלבען האָטעל: „הרצליה״.

ערב סוכות האָט דער האָטעל אייגענטהימער אויפגעשטעלט אין גאָרטען וואָס אין פראָנט פון האָטעל אַ הערליכע סוכה, געדעקט מיט צווייגען פון פּאַלמען־בוי־מער און זעהר שעהן דעקארירט אינוועניג מיט אתרוגים און אַנדערע פרוכטען.

די צוויי ענגלענדער האָבען מיך געפרעגט, אויב עס איז זיי אויך ערלויבט צו עסען אין סוכה. איך האָב זיי געזאָגט: „מיר האָבען ניט קיינע סודות, איהר קענט מיט אונז פאַרברענגען אין סוכה און מיר האָבען גאָרניט דאַגעגען״. איך

האָב דאָס געזאָגט דעם בעל הבית פון האָטעל און די צוויי קריסטען האָט מען געזעצט ביים טיש וואו איך און נאָך דריי אידישע געסט זיינען געזעסען, ווען מיר האָבען געמאַכט קידוש האָבען זיי אָנגעטאָן די „העטס״ און זיך אויפגעשטעלט גלייך מיט אַלע אידישע געסט. ביים טיש האָב איך זיי ווייטער געדאַרפט ערקלערען וואָס די סוכה באַטייט. אין פאַרלויף פון אָט דעם שמועס האָט איינער פון זיי ווידער דערמאָנט דעם כל נדרי ניגון. ער האָט מיר געזאָגט, אַז די געשיכטע וואָס איך האָב זיי דערצעהלט וועגען דעם אָפּשטאַם פון כל נדרי לאָזט זיי פּשוט ניט שלאָפען און ניט רוהען בייטאָג צוליב די אומרעכטען וואָס די קריסטען זיינען באַגאַנגען צו די אידען אַמאָל, און צוליב די אומרעכט וואָס זיי באַגעהן נאָך איצט געגען אידישען פאָלק.

וואָס איך וועל באַצוועקען מיט'ן דערצעהלען די אינצידענטען איז בלויז צו ווייזען דעם כוח פון נגינה און איבערהויפּט פון דעם פאַרהייליגטען ניגון פון כל נדרי.

איך דערמאָן זיך אויך דעם פאַקט, אַז דער פאַרשטאָרבענער פיהרער פון די רעוויזיאָניסטען און זעהר באַגאַבטער מענש, זאב זשאַבאָטינסקי, האָט אין די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען, ווען זיינע פריינד האָבען איהם באַזוכט, געבעטען זיי זאָלען זינגען כל נדרי און ביי דער ענדע פון אָפּזינגען כל נדרי איז זיין נשמה אויסגעגאַנגען.

און וויפיל משומדים האָבען זיך שוין צוריקגעקערט צום אידענטום צוליב דעם כל נדרי, וואָס האָט אין זיי פּלוצלונג דערוועקט דעם גייסט פון אַמאָליגען יום כפור. מיר ווייסען פון פילע משומדים, וואָס זענען צוריקגעקערט געוואָרען צום אידענטום דורך בלויז צופעליג דערהערען יום כפור בייננאַכט זינגען כל נדרי. פילע געוואָרענע פריי־דענקער האָבען געפיהלט אַ טיאַכקע אין זייערע הערצער הערענדיג דעם כל נדרי יום כפור נאַכט.

און דאָס אַלעס באַווייזט דעם כוח פון אַ ניגון, איבערהויפּט פון דעם הייליגען ניגון פון כל נדרי, וואָס איז מיט אונז מיטגעגאַנגען אין אַלע גלות'ן פאַר פילע הונדערטער יאָהרען.

נאכבאמערקונג פון מחבר

זינט איך האב אנגעהויבען צו שרייבען מיינע זכרונות, און אפילו זינט איך האב פארענדיגט דאס שרייבען און געווארט אויפ'ן דרוק, זיינען פארגעקומען גאנצע וועלט־איבערקערענישען. מיין שטעטעל און איהרע אידען זיינען חרוב ומוחרב, פונקט ווי דאס גאנצע אייראפעאישע אידענטום.

די מלחמה איז שוין פאראיבער, מיינע קינדער און אנדערע קינדער זיינען שוין דא צוריק און מיר דאנקען אלע דעם רבונו של עולם פאר דעם פאקט, וואס די מלחמה האט אויפגעהערט, אבער ווידער ליידעט דערווייל די שארית הפליטה, די צעהן פראצענט פון פארבליבענעם אידענטום וואלגערט זיך ליידער ארום אין די קאנצענטראציע לאגערען, ניט פיל בעסער ווי אין די היטלער־צייטען, מיט דעם איינעם אויסנאם, דאס א גרויסער טייל פון זיי שטארבט אויס „נאטירליך", און ניט דורך די גאז־קאמערען פון די נאציס. און אין די לענדער צו וועלכע עס האט זיך אומגעקעהרט א קליינער פראצענט פון די גערעטעטע, איז אויך קיין נחת ניט פאראן. מיט דער האפנונג צו ברענגען זיי קיין ארץ ישראל, וואוהין זיי שטרעבען נעבעך צו געפינען א מקום מנוחה, האלט עס אויך ניט ווי מיר ווינשען. אונזער האפנונג אויף אונזערע ניט־אידישע פריינט ברענגט אויך בלויז ענטוישונג.

איך אזא צייט ערשיינט אט דאס בוך פון מיינע זכרונות און אויף וויפיל זיי העלפען פאראייביגען דעם הייליגען אנדענק פון א לעבענס־שטייגער וואס איז שוין איצט אינגאנצען חרוב, אויף אזוי פיל ווערען זיי אין מיינע אויגען נאך מעהר חשוב. לאמיר האפען אז עס וועט בקרוב קומען די צייט פון פולער נקמה איבער אונזערע שונאים און די פולע אויפריכטונג פון אונזער געפלאגטען פאלק אין אונזער אייגען לאנד, אמן.

(ע נ ד ע)

אינהאַלט פאַרצייכעניש

זייט

ווידמונג — 5
פאָרוואָרט — 7
קינדער-יאָרען — 9
דאָס אַמאָליגע שטייגער-לעבען — 15
חסידים און גוטע-אידען — 20
די שבתים און ימים טובים — 25
עטליכע אויסנאמס-טיפּען — 31
וואַרשע אַ גייע וועלט פאַר מיר — 35
זכרונות פון לאָדזש — 41
מיין פּריזיוו — 48
דער לעצטער שטויס צו מיין פאַרלאָזען פּוילען — 51
דאָס דאַמאָלסדיגע לעבען אין מאָנטרעאַל — 57
פאַרשיידענע זכרונות פון מאָנטרעאַל — 62
די גרינדונג פון „קענעדער אדלער" — 70
ליידען פון בויאַנעס — 77
די צוויי פאָרשטעהער אין קוויבעק און אין אָטאָוואַ — 82
די פרימאַנס — 87
סער מאָרטימער ב. דייוויס — 91
דאָס דרוקען דעם תלמוד אין מאָנטרעאַל — 99
פאַרשיידענע פאַרצייכנונגען — 101
די גרינדונג פון ועד העיר — 113
מיין ערשטע רייזע קיין אייראָפּע און ארץ ישראל — 117
די סקול פראַגע אין מאָנטרעאַל — 146
דער אידישער קאָנגרעס און די פאַראייניגטע ת"ת — 152
זכרונות פון דער ערשטער מלחמה — 157
דער אידישער האָספּיטאַל — 166
וועגען אַ היסטאָרישער ציון קאָנווענשאָן און נאָך אַנדערע זכרונות — 169
מיין צווייטע רייזע קיין אייראָפּע און ארץ ישראל — 175
דער מאָנטרעאַלער מושב זקנים און בית יתומים — 194
מיין דריטע רייזע קיין אייראָפּע און מיין באַזוך אין סאָוועט רוסלאַנד — 200
צוריק אין וואַרשע — 228
מיין דריטע רייזע קיין ארץ ישראל — 232
אונזערע איצטיגע כלל-טוער — 238
הרב צבי הכהן — 242
סודות פון דער רעדאַקציע — 252
דער כוח פון אַ ניגון — 262
נאָכבאַמערקונג פון מחבר — 265